STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07655

SHTOL UN AYZN

Israel Joshua Singer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטאָל און אייזן

י. י. זינגער

שטאָל און אייזן

ראָמאַן

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

1964

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות"
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

SHTOL UN AJZN

STEEL AND IRON

by I. I. ZYNGER

Published and Copyright 1964 *by*
FARLAG MATONES
41 Union Square, New York, N. Y. 10003

Printed in U. S. A. by
SHULSINGER BROS., INC., NEW YORK, N. Y. 10003

אַ וואָרט וועגן ליפּע לעהרער, ע״ה

ווען מיר רופן דעם היינטיקן לערער מיטן אַמאָליקן נאָמען רבי און זיין שול — חדר, וואָלט ער זיך געפילט באַליידיקט. ער וואָלט געפילט אַז מען וויל אַקצענטירן זיין אַלטפרענקישקייט. אָבער ווען איר וועט רופן אַ היינטיקן יידישן פאַרלעגער מיטן נאָמען מוכר־ספרים, וועט עס בלויז זיין אַ חנ׳דל, אַ שפּיל מיטן אַרכאַאישן סטיל. עס ליגט אין דעם אַ געפיל אַז דערמיט אַקצענטירן מיר די מעלות פון דעם פאַרבליבענעם ניצוץ פון אַמאָליקן אידעאַלן מוכר־ספרים.

ליפּע, ע״ה, האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געאַרבעט מיט אַ ברענענדיקן פונק וואָס וואַרעמט און לייכט אַרום ספרים. זיין ערלעכקייט איז געווען אַ שם דבר. זיין איבערגעגעבנקייט צום יידישן בוך האָט זיך געקענט אויסגלייכן מיט די בעסטע מוסטערן פון יידישע מוכרי־ספרים אַמאָל און היינט.

י. י. זינגער האָט ביים פירער פון פאַרלאַג „מתנות״ פאַרנומען אַ באַזונדער פּלאַץ אין זיין אָפּשאַצונג פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט מיר עטלעכע מאָל געזאָגט אַז עס זענען פאַראַן גוטע יידישע פּראָזע־ווערק, אָבער אַז קיינס פון זיי קען זיך מיט זינגערן ניט פאַרגלייכן אין אויפבוי פון אַ ראָמאַן, אין קינסטלערישער אַרכיטעקטור. אַרויסצוגעבן זינגערס אַ ראָמאַן אין אַ באַנייטער אויפלאַגע איז ביי אים געווען ממש אַ פּערזענלעכע הנאה. ער האָט געלייענט די קאָרעקטור מיט גרויס חשק און ליבשאַפט.

ווען ליפּע, ע״ה, איז געשטאָרבן האָט זיך געהאַלטן אין דרוקן אַ נייע אויפלאַגע פון זינגערס ראָמאַן „שטאָל און אייזן״. ער האָט נאַטירלעך געוואוסט דעם מצב פון יידישן ביכער־מאַרק און גאַנץ קלאָר געזען די שוועריקייטן פון אַזאַ אונטערנעמונג אין דער איצטיקער צייט. אָבער אַחוץ דעם וואָס ער האָט געהאַלטן זיין אַרבעט פאַר אַ מלאכת הקודש האָט ער אויך געפילט אַז זינגערס אַ ראָמאַן איז אַ יוצא מן הכלל; אַז דאָ וועט דער קריזיס ניט זיין אַזוי האַרב. אַזוי האָט ער אויך געפילט בנוגע אַנדערע ראָמאַנען זינגערס

וואָס דער פאַרלאַג „מתנות״ האָט אַרויסגעגעבן באַנייטע אויפֿלאַגעס.

איך ווייס ניט צי זינגער האָט געוואוסט ביי זיין לעבן וואָסער געטרייען און באַליבטן אָפּשאַצער ער האָט פאַרמאָגט אינעם פירער פון פאַרלאַג „מתנות״, וויפל שווערע מי עס האָט געקאָסט זיין באַגייסטערטן פאַרלעגער דאָס ווי געהעריק אויסצודריקן. וואָלט ער געוואוסט ווי גרויס עס איז געווען ליפעס פרייד מיט אַלע פאָרמען פון יידישער שאַפונג בכלל, ווי גליקלעך ער וואָלט געווען ווען דער פאַרלאַג האָט איצט, ווען ביידע זענען שוין מער ניטאָ, באַשלאָסן צו הייליקן דאָס זינגער־בוך „שטאָל און אייזן״ לזכרון ליפע לעהרער, ע״ה. זאָל דאָס זיין אַ טראָפּן שכר פאַר אַן ערלעך פאַרדינסטפול לעבן.

ליבוש לעהרער

קאַפּיטל איינס

אין יאָד

בנימין לערער, אַ הויכער ברייטבייניקער סאָלדאַט מיט אַ קרומען שראַם אין דער שלייף פון די שוואַרצע האָר ביז אין דער געדיכטער ברעם אַריין — איז געגאַנגען אין דער פולער באַוואָפענונג צו דער פּראַגער בריק.

פיר אַ זייגער, פּונקט פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, האָט ער געדאַרפט זיין אין פּראַגע אין „עטאַפּנעם פּונקט". דאָרט האָט ער געדאַרפט זיין ביי דער „פּאַוויערקע", באַקומען פּערציק קאָפּיקעס חודש־געלט, אַ טאָפּלטע פּאָרציע צוקער און צומאַרגנס, פאַרטאָג נאָך, אַוועק מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע צוריק קיין גאַליציע אויפן פראָנט.

דער זייגער אויפן ווינער וואָקזאַל האָט געוויזן דריי נאָכמיטאָג, לערנער האָט איבערגעביטן די ביקס פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער און געשטעלט האַסטיקע ברייטע טריט.

די היץ אין די גאַסן האָט געברענט. דער איינגעלייגטער שינעל, וואָס לערנער האָט געטראָגן איבער דער ברוסט, ווי אַ בייגל, האָט געגליט, געריבן אין לייב מיט זיין האָריקייט און שווערקייט. דאָס קעסעלע מיט דער לאָפּאַטקע האָבן פון אַ סך גיין זיך פאַררוקט אין אַ זייט און געקלאַפּט אים אין די פיס. דער אָנגעשטופּטער פּוטערנער רוק־זאַק, אַראָפּגעצויגן פון אַן עסטרייכישן הרוג, האָט געקלעפּט צו דער פּלייצע, די פולע צוואָרעמטע פּאַטראָנען־טאַשן האָבן געגליט דעם בויך. פון לויזן זעלנערישן היטל האָבן גערונען גרויסע ברודיקע טראָפּנס שוויס.

— נאָך אַ קנאַפּע שעה איז פאַרבליבן — האָט אין לערנערס מידן קאָפּ זיך געקייקלט אַ געדאַנק.

ער האָט געשטעלט נאָך האַסטיקערע טריט, שיער־נישט אונטערגעלאָפן. ער איז אַרויס איבער „יערוזאַלימער אַלייען" צו „נייער וועלט", אַריין אין „קראָקאָווער פאָרשטאָט" און אַראָפּגעלאָזט זיך צו דער פּראַגער בריק. דער זייגער אויפן שלאָס האָט געוויזן פאַר האַלב פיר, און לערנער איז געגאַנגען מיטן גאַנצן אימפּעט באַרג אַראָפּ ביז דער בריק. די משא אַליין האָט אים אונטערגעשטופּט.

ביי דער בריק האָט ער געפּרוווּט זיך לאָזן ביי דער זייט, וואו פוס־גייער גייען. אין דער מיט בריק איז געווען ענג, און ער האָט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן. נאָר אַ פּאַטרול־סאָלדאַט מיט אַ באַנד אַרום אָרבל האָט אים פאַרהאַלטן.

— קודאָ, זעמליאַק — וואו שטופסטו זיך מיט דער ביקס? ווייסט נישט, אַז מיט דער ביקס טאָר מען דאָ נישט גיין?

לערנער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— לאָז דורך, ברודער, — האָט ער געבעטן — איך וועל פאַרשפּעטיקן צום פּונקט.

— אי קאַקאָי מודרי? — האָט דער פּאַטרול־סאָלדאַט געענטפערט — און דאָס איז נאָך אַ געאָרגעווסקי־קאַוואַלער! — האָט אים פאַרדראָסן, קוקנדיק אויף דעם פאַרשוויצטן געאָרגעווסקי בענדל אויף לערנערס ברוסט — נו, מאַרש! פאַרהאַלט נישט די באַוועגונג.

לערנער איז אַריין אין אָפענעם אייזערנעם פּיסק פון דער בריק, וואָס האָט אַריינגעשלונגען אין זיך אַ קנויל פון טראַמווייען, פּלאַטפאָרמעס, וועגן און אויטאָמאָבילן.

די בריק האָט אינגאַנצן געציטערט פון באַוועגונג.

אַ מחנה רייטער, אין גאַנצן קריגס־באַשטאַנד, האָט לאַנגזאַם זיך גע־צויגן און נישט דורכגעלאָזט קיינעם. אַ קנויל פון אויטאָמאָבילן, פּלאַטפאָר־מעס און עפּעס אַ יידישע לויה האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט איינס אין אַנדערן. ביי די זייטן, אַרום די באַריערעס, האָבן סאַפּערן געצויגן דראָטן, אונטער־געלייגט פעסלעך אויפרייס־מאַטעריאַלן אין שטרוי געפּאַקט, געמינעוועט די בריק אויפן פאַל פון אָפּטרעטן. זיי האָבן געוואָלדעוועט אויף די באַלעגאָלעס, וואָס קאָנען נישט פריי מאַכן די בריק און געפּאַכעט מיט די נאַהייקעס אין לופט:

— פּאָרט, הינטישע זין, העי!

לערנער איז אינגאַנצן פאַרשטעקט געוואָרן אין פּלאָנטער פון פערד און וואָגן און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. אַ מיד הינטערשט פערד, אינ־גאַנצן מיט שוים באַדעקט, האָט אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע דורשטיקע צונג און געלעקט לערנערן דעם נאַסן אַקסל, צו שטילן זיך דעם דורשט. די רייען רייטער האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך געצויגן די צייט.

לערנער האָט געקוקט אויף זיין זייגערל, געפילט יעדער מינוט ווי אַן אייביקייט, ער האָט געוואַרט, געציילט:

„פינף און דרייסיק, פערציק, פינף און פערציק".

פון הינטן זענען אַלץ נייע רייען אָנגעקומען: פערד, רייטער און פּיקעס, אַ וואַלד מיט פּיקעס. זיי רייטן לאַנגזאַם, קלאַפּן מיט די שווערדן, קלינגען מיט די שפּאָרן און מיט אַמאָל — אַ געזאַנג, צום ערשטן אַ דינס, אַ שטילס און אַ צעצויגנס, און באַלד אונטערגעכאַפּט פון הונדערטער שטימען, מענלעכע, ברוסטיקע און טיפע:

— זאַ אוראַלאָם, זאַ ריעקאָי, קאָזאַקי הוליאַלי!

לערנערן הייבן זיך די פּיס, ווי תמיד בעת ער הערט אַ געזאַנג פון אַ סך מענטשן, אַלצאיינס פון מיליטער, צי פון אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, פון אַ מחנה חסידים, צי פון אַ הייליקן קריסטלעכן צוג, וואָס בעט אויף רעגן. ער וויל גיין, נאָר ער קאָן נישט. ער איז איינגאַנצן פאַרשטעלט מיט פערד און וואָגן. אַן אַלט דראָשקע־פערדל, וואָס שרעקט זיך שוין נישט מער, נישט פאַר קיין אויטאָמאָבילן, נישט פאַר קיין פייערלעשער מיט זייערע וואַגנס און טראָמייטן, הייבט קריגעריש אויף זיינע אָפּשטייענדיקע אויערן, בלאָזט מיט די צוגעקלעפּטע נאָזלעכער. אַ מענטש־פערד, צוגעשפּאַנט צו זיין וועגעלע אויף צוויי רעדער, אַן אַמאָליקער סאָלדאַט, דערפילט הייס בלוט אין די פיס און הייבט זיי עטלעכע מאָל, ווי ער וואָלט צוקלאַפּן צום טאַקט...

נאָר באַלד קומט עפּעס פאַר:

פון יענער זייט בריק קומען אַן פאַרטיעס אָקסן, געטריבן פון צענדליקער טרייבער. די אָקסן לויפן, זיי זעענען אויסגעהונגערט, מיד, דורשטיק און מ׳דאַרף זיי וואָס גיכער ברענגען צו די שעכטהייזער, זיי זאָלן נישט פאַלן אין וועג. די אָקסן לויפן, נאָר די אָפּיצירן פאָכען צו זיי מיט די שווערדן און טרייבן זיי צוריק. זיי, די אָפּיצירן, פירן זייערע פאַרטיעס צום שלאַכט; זייערע רייען דאַרף מען וואָס פריער ברענגען — און די בהמות פּלאָנטערן זיך צעטומלטע, דערשראָקענע, יאָגן מיט גרויסע הערנער פאַרויס און לויפן אונטער די פערדישע פּאַדקאָוועס...

די סאָפּערן ציען אַלץ דראָטן, מינעווען, און באַלעגאָלעס שעלטן זיך, גיבן זיך איינער דעם אַנדערן אין דער מאַמען אַריין:

— עך, זין ממזרישע, העי!

אַז דאָס מיליטער מיט אַלע וועגן, שפּיטעלער און קיכן שלעפּן זיך דורך, הייבט די קנויל זיך אָן אויסקנוילן. לערנער דרייט זיך מיט דעם פּלאָנטער, ווערט אַ ווילע אויפגעלאָזן, באַלד צוריק פאַרקניפּט. אַז ער קומט ענדלעך אַרויס אויף דער גאַס, גיט ער אַ הייב, לויט זיין זעלנערישער געוואוינהייט, די משא אויף די פּלייצעס און טאַנצט אונטער מיט איין פוס, כדי צו גיין צום טאַקט, נאָר דער זייגער איז שוין פאַר פיר, עטלעכע מינוט פאַר פיר, און ער קאָן נישט גיין ווייטער.

— עך, הינטישער זון — ברומט ער צו זיך אַליין, אויפגעקאָכט פון כעס אויף דעם פּאַטרול־סאָלדאַט מיטן באַנד אויף דעם אַרבל, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן דעם וועג, און ער פּלאָנטערט מיט די פיס, מאַכט אַ טראָט און רוקט זיך צוריק.

אַ דראָשקע האָט זיך פאַרבייגעקייקלט לעבן לערנערן, האַרט ביי דער זייט. דער קוטשער האָט איינגעצויגן די לייצעס, פאַרהאַלטן דאָס פערד, וואָס איז שיער נישט אַרויף אויף דעם פאַרחושטן סאָלדאַט.

— טפרר — האָט ער געשריגן — נאַבאַק, סאָלדאַטיק, בלינד ביסטו צי טויב?

לערנער האָט זיך אָפּגערוקט, צוגעשפּאַרט זיך צו אַן עלעקטרישן סלופּ, וואָס שטייט אינמיטן גאַס, און אָנגעשטעלט אַ פּאָר הייסע בליקן אויף דער ליידיקער דראָשקע.

אים האָט געצוקט אין דער ברוסט פון היץ, שווערקייט און אויפרעגונג.

— אוך, אַריינוואַרפן זיך אַזוי אין דראָשקע, אַ יאָג טון גיך, גיך און קומען צו דער לעצטער סעקונדע!

ער האָט זיך באַטראַכט מיטן קוטשער מיט שטומע דורכדרינגלעכע בליקן. ביידע, אי דער באַוואָפנטער סאָלדאַט, אי דער אויסגערוטער קוטשער האָבן געוואוסט, אַז זיי דאַרף קיין זאַך נישט בינדן. סאָלדאַטן, „ניזשני־טשינעס", איז געווען פאַרבאָטן פאָרן אין שטאָט.

דאָך האָבן ביידע געפּרוּווט דאָס מזל.

— פאָרן מיר? — האָט לערנער אַ פרעג געטון.

דער קוטשער האָט אַריינגעהוסט זיך אין דער פויסט אַריין און מיט דער בייטש אַליין זיך אַ שמיץ געטון איבערן רוקן, אַ סימן, אַז מען דאַרף זיך היטן די פעל.

נאָר לערנער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

— אַ רובל! — האָט ער אים אַ מורמל געטון — אַ זילבערנעם.

דער קוטשער האָט אַ קוק געטון אויפן סאָלדאַט מיט איין אויג, אַ קראַץ זיך געגעבן אונטערן האַרטן ברוין־און־בלויען באַלעגאַלישן אויער און געשוויגן.

— צוויי — האָט לערנער אים געררייצט — קנאַקעדיקע!

דער קוטשער האָט צעצויגן ביידע שטרוי־קאָלירענע וואָנסן און געעפנט דאָס מויל. נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַ וואָרט צו זאָגן, איז שוין לערנער אַריינגעשפּרונגען אין דראָשקע און אַ געשריי געטון:

— וואַליאַי! — אַ גאַנצן דרייערל, נאָר גיך!

איז דער באַלעגאָלע אַריינגעפאָרן מיט דער בייטש אין פערדישן צע־שמיסענעם הינטן און געלאָזט זיך פייל פון בויגן.

— פּיוט! — האָט ער אונטערגעגעבן חשק זיין פערדל און איבערגע־יאָגט אַלע וועגן פאַר זיך. דעם גאַנצן באַלעגאַלישן ברען פון אַ גוט טריפה פאַרדינסטל האָט ער אויסגעלאָזט צום פערדל.

לערנער האָט אויסגעצויגן די פיס, אויסגעווישט דעם צעשפּאָלטענעם דאַשעק פון זיין צו־פרויס און צו־וואַרעם זעלנעריש היטל און געווען אומ־רואיק און צופרידן גלייכצייטיק.

— טויט אָדער ברויט! — האָט זיך אים געבאַמבלט אַ געדאַנק און אים געשראָקן און גערייצט גלייכצייטיק, ווי תמיד בעת ער טוט אָפּ אַ פאַר־באָטענע זאַך.

די דראָשקע איז געפלויגן, געטרייסלט זיך און געהוידעט איבער די שטיינער מיט דער גאַנצער הפקרות פון אַ פאַרבאַטענער דראָשקאַרסקער „יאַזדע", האָט זיך לערנער דערפילט נאָך הפקרדיקער און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן זעלנערישן יאָך. ער האָט אַראָפּגעצויגן דעם פאַרלייגטן שינעל, אויפגעלאָזן דעם רימען אויף צוויי לעכלעך און צעשפּילעט דאָס קלעפּנדיקע כאַקי־העמדל, באַוויזן אַ שוויסיקע, שוואַרץ־באַוואַקסענע, האָריקע ברוסט דער העלער זוניקער וועלט.

פון אַלע זייטן זענען געפאַלן בליקן צו דער פליענדיקער דראָשקע.

— רעכטס, הינטישער זון! — האָבן דראָשקאַרעס געשריגן — העי!

נאָר דער קוטשער האָט נישט געהערט און געפלויגן ווייטער.

— דיערזשי, סאָבאַטשאַיאַ מאַרדאַ! — האָבן געוואַלדעוועט סטראַזשניקעס און פייפלעך האָבן זיך געטרעדלט אין גאַס.

— פּיוט! — האָט דער קוטשער געגעבן חשק דעם פערדל און געשמיסן אים מיט ברעון, ווי ער וואָלט צו אים וועלן אויסלאָזן די גאַנצע מורא און הפקרות גלייכצייטיק.

— וואַליאַי — האָט לערנער אונטערגעשריגן, אויפגעקאָכט פון אַלעם, וואָס עס קומט פאָר.

די שרעק און די הפקרות האָבן אים, ווי תמיד, גלייך צוגעשלאָגן צום קאָפּ. ברויט אָדער טויט! — וואַליאַי! — העי!

ביים ראָג גאַס האָט זיך די דראָשקע האַסטיק פאַרהאַלטן. אַן אַנפאַרנדיקער לאַסט־אויטאָ איז איר אונטערגעקומען און זיך אַנגעריבן אין די רעדער. פון האַסטיקן שטויס איז לערנער שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פון געזעס. ער האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אין בענקעלע און געוואָלט זיך ווידער צעשרייען — „וואַליאַי, העי!" נאָר שוין האָבן צוויי פּאַטרול־סאָלדאַטן געהאַלטן דאָס שוים־באַדעקטע פערד ביי דער צוים און געפאַכעט מיט די נאַהייקעס אין דער הויך.

— דיערזשי, מיערזאַוויעץ, סטאָי!

האָט דער קוטשער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אונטערגעשטעלט אַן אַקסל.

— די פעל דאַרף מען פון מיר שינדן — האָט ער געזאָגט מיט חרטה און געזידלט זיך אַליין — „גלופּי! — בידלע"!

לערנער האָט געוואָלט טון אַלץ מיטאַמאָל: צושפּיליען זיך, אַרויפכאַפּן דעם בייגל און פאַרפעסטיקן דעם רימען, נאָר אָט איז געשטאַנען אַן אָפיציר ביי דער דראָשקע, אַ קליינגעוויקסיקער, געפּאַקטער קאַפּיטאַן מיט אַ פּאָר קרומע רייטער־פיס און מיט אַ נאַהייקע אין האַנט, און לערנער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט סאַלוטירט זיצנדיק אין דראָשקע.

צום ערשט מאַכט דער אָפיציר אַ וויץ:

— איזוואָליעטע, וואַשע וויסאָקאָראָדיע — זאָגט ער אים און פאַרנייגט

זיך טיף, קוקנדיק אויף בײדע סאָלדאַטן זײַנע, װאָסער אײַנדרוק זײַנע קלוגע רייד מאַכן אויף זיי.

נאָר אַז בײדע סאָלדאַטן שטייען ווי די פּלאָקנס, אַליין נישט־וויסנדיק וואָס צו טון: לאַכן אָדער נישט? —

הערט ער זיך אויף וויצלען און דאָס בלוט גיסט זיך אים אָן אין פּנים.

— סליעזיאַט! — שרייט ער מיט אַ קוויטשיקער שטים — ווי סאַלו־טירסטו זיצנדיק, נאַכאַלסקאַיאַ מאָרדאַ?

איצט שמייכלען שוין בײדע סאָלדאַטן מיטאַמאָל אין די פֿאַרלייניטע אַרבל פֿון זייערע שינעלן. לערנער שטייט פֿאַרן אָפֿיציר מיט אַ פֿאַררוקטן שינעל, מיט אַ צעעפֿנט העמדל, מיט אַ פֿאַררוקט היטל און נאָך מיט דער ביקס אין פֿראָנט! — זיי הוסטן אַזש אונטער, אײַנהאַלטנדיק זיך נישט אַרויסצולאַכן.

דער אָפֿיציר קוקט אים אָן און גייט צו צו אים.

ער גייט צו צו אים נאָנט, אַזוי נאָנט, אַז לערנער פֿילט זײַן הייסן, בייזן אָטעם אויף זיך. ער טרעט אים שיער נישט אויף די פֿיס. לערנער רוקט זיך צוריק אויף אַ האַלבן טראָט. דער אָפֿיציר גיט אַ טופּע מיטן פֿוס:

— סמירנאָ! ניע שעוועליס!

ער באַטראַכט אויף אים אַלץ: דאָס קעסעלע, וואָס הענגט זיך אים נאָך אין אַ זייט, די פּאַטראָנען־טאַשן, וואָס האָבן זיך עטוואָס פֿאַררוקט. ער פּרובירט אים דעם פּאַס. ער איז לויז, דער פּאַס, דער אָפֿיציר שטופּט אַרײַן בײדע הענט און דריקט אים אַרײַן דעם בויך. ערשט צום לעצט גיט ער אַ קוק אויפֿן העמדל, אויפֿן צעשפּילעטן העמדל, דורך וועלכן עס קוקט אַרויס אַ צאַפּלדיקע, האַריקע ברוסט.

— טי שטאָ? — גיט ער אַ געשריי — בראָדיאַגאַ? סאָלדאַט?

— סאָלדאַט, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! — ענטפֿערט לערנער און די קניען לאָזן זיך ביי אים אַראָפּ.

— סאָלדאַט? — שטורעמט דער אָפֿיציר — ווער האָט דיר דערלויבט פֿאָרן אין דראָשקעס מיט דער ביקס אין דער האַנט? האַ?

לערנער ווייסט, אַז איצט דאַרף ער זאָגן צוויי ווערטער, צוויי געציילטע ווערטער, וואָס זענען אַן ענטפֿער אויף יעדער פֿראַגע:

— ווינאָוואַט'ס, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

אָבער ער זאָגט זיי נישט. ער קאָן זיי נישט זאָגן. ער וויל בעסער דערקלערן:

— איך האָב נישט געוואָלט פֿאַרשפּעטיקן צום פּונקט...

— מאָלטשאַט! — גיט אַ געשריי דער אָפֿיציר, אויפֿגעקאָכט פֿון כּעס, וואָס דער סאָלדאַט רעדט מער ווי ער דאַרף.

לערנער ווייסט, אַז ער קאָן נאָך פֿאַרריכטן. ער דאַרף שווייגן, נאָר שווייגן. נאָר ווי אויף צו להכעיס קאָן ער נישט. — ער מורמלט:

— פיר אַ זייגער... פּאָוויערקע...

— מאָלטשאַט!

— וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

— מאָלטשאַט, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, דעזערטיר!

לערנערן באַפאַלט, ווי תמיד, די שרעק מיט דער הפקרות צוזאַמען. איצט איז נאָך צייט — לויפט אים דורך אַ געדאַנק — „שווייגן״. נאָר באַלד גיט אים דאָס בלוט אַ שטויס אין שלייף, אין דער דורכגעשניטענער שלייף, וואָס אַ שראַם האַקט דורך פון די האָר ביז דער געדיכטער ברעם, און ער קוקט אים אָן, דעם אָפיציר, מיט אַזאַ פּאָר אַרויסגעזעצטע, בלוט־פאַרגאָסענע אויגן, אַז יענער רוקט זיך אינסטינקטיוו אָפּ הינטער זיך.

— איך בין אַ סאָלדאַט אַ פּראַנטאָוויק — זאָגט לערנער און שטעקט אַרויס די ברוסט מיטן געאָרגעווסקי בענדל פאָרויס — ניין מאָנאַטן אויפן פעלד, נישט ווי אַנדערע אין „טיל״...

דער אָפיציר איז בלאַס. בײדע קינבאַקן ציטערן ביי אים. בײדע סאָל־דאַטן זיינע שטייען מיט פאַרריסענע מיילער, זעען אויס ווי פאַרגליווערט.

לערנער שטייט און קוקט מיט גרויסע אויגן — „זאָל עס שוין געשען״, טראַכט ער, אַליין נישט וויסנדיק וואָס אַזוינס.

נאָר קיין שום אויסערגעוויינלעכס געשעט נישט.

— דיין נאָמען? — פרעגט דער אָפיציר.

— בעניאַמין לייזעראָוו כאַאימאָוו לערנער!

— ליי—זע—ראָוו — כאַ—אי—מאָוו — לער—נער! — זאָגט נאָך דער אָפיציר, אויסציענדיק יעדן זילב פון לאַנגן יידישן נאָמען.

— מעלדן זיך צום ראַפּאָרט צום ראָטנעם! — מאַאַרש!

ביי לערנערן גיבן די פיס אַליין אַ קלאַפּ איינער צום צווייטן — זיי גייען אַליין, כאָטש די אויגן זעען נישט וואוהין.

ערשט נאָך עטלעכע מינוט גיין ווי אַ לונאַטיקער, קומט אים צוריק דער געדאַנק, דערמאָנט ער זיך, וואָס עס איז געשען. ער שטעלט אַ טראָט, גייט צוריק אויף צוויי.

— „ראַפּאָרט צום ראָטנעם״.

ער שפּאַרט זיך אָן לעבן באַריער פון גערטנדל, קוקט מיט אָפענע אויגן אַרום זיך.

גיין איצט צום פונקט, ווייסט ער, האָט קיין שום זינען נישט. ער זעט איצט אַזוי קלאָר דעם עטאַפּנעם פונקט, ווי ער וואָלט אים שטיין פאַר די אויגן. וויפל האָט ער זיך שוין אָנגעזען אַזעלכע פונקטן!

די סאָלדאַטן קריכן מסתמא אַרום איבערן פּלאַץ פרייע, צעקנעפּלטע, ווי תמיד איידער מ׳גייט אָפּ אויפן פראָנט. טייל רייניקן די ביקסן, אַנדערע טוען איבער אַניצעס אויף די פיס. פּאָר אַ בודקע שטייט אַ סאָלדאַט אויף

דער וואַך. אַט אין דער בודקע, וואָס פירט צו אַ קאַנצעלאַריע מיט האַלב־געפּאַרבטע ווענט און מיט שוואַרצע פלעקן אַרום די קלאַמקעס פון די טירן, וועט ער זיך דאָס דאַרפן מעלדן.

ער וועט זיך אויסציען און זאָגן — פּאַרשפּעטיקט, וואַש—סאָקאָראָד — און אָנהייבן איבערגעבן דעם ראַפּאָרט, נאָר אַ יונגער אָפיצירל מיט אַ דינ־געשוירענעם העלן קאָפּ, ווי אַן איבערגעקערטע באַרשט פון חזיר־האָר, וועט אים איבעררייסןביים ערשטן וואָרט.

— מאַלטשאַט! — וועט ער געבן אַ געשריי, ווי יענער אויף דער גאַס, און צעציען יעדער זילב פון זיין יידישן נאָמען מיט אַן אידיאָטישער צו־פרידנקייט:

— בענ־יאַ־מין לייַ־זע־ראָוו כאַ־אי־מאָוו לער־נער — זנאַיעם!

און לערנערן האָט אַ קאַלטער שוויס באַדעקט, כאָטש די זון האָט געבריט. וואָס, וואָס, נאָר איבערטראָגן איצט אַזעלכעס איז ער נישט אימ־שטאַנד געווען. אַלץ, נאָר נישט דאָס.

ער האָט נישט געגנוי געוואוסט, וואָס אים שטייט פּאָר. ער האָט נישט געפילט קיין מורא פאַר עפּעס קאָנקרעטס, נאָר געפילט האָט ער, אַז גיין איצט ווייטער קאָן ער נישט. זאָל זיין, וואָס עס וויל, נאָר גיין איצט אַהין — נישט. שפּעטער, אפשר ביינאַכט, אַפילו פאַרטאָג פאַרן אָפּגיין צו דער באַן, נאָר איצט נישט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צוריק אין שטאָט, געוואַנדערט איבער גאַסן, אַליין נישט וויסנדיק וואוהין און נאָך וואָס. — און מאָדנע געדאַנקען, אַזעלכע פרעמדע, נייע, האָבן זיך אָנגעהויבן נעסטן אין זיין מידן, צעהיצטן קאָפּ. ער האָט פאַרוואונדערטע בליקן געוואָרפן אויף יעדער גאַס, אויף יעדער הויז.

— מאָדנע — איז אים געווען אַ וואונדער — אַט איז דאָך דאָס טעאַטער, דאָס ראַטהויז...

ער האָט אַ בליק געטון צום ראַטהויז־זייגער. עס איז געווען נאָך פינף — און עס האָט אים נישט אויפגעהערט וואונדערן.

— אַפילו דער זייגער איז דאָ... דער זעלבער זייגער... נאָך פינף איז.

ער האָט דערפילט אַן ענגשאַפט אין האַרץ. אַט דאָס, וואָס די גאַס איז די זעלבע; וואָס דער טעאַטער שטייט זיך פּונקט אַזוי ווי אַלע מאָל מיט אַלע זיינע זיילן און פּיליאַרן; וואָס דאָס ראַטהויז איז פּונקט אַזוי גלייך און הויך, וואָס אויפן שפּיץ זיינעם שפּאַצירט אַלץ אַזוי אַרום דער פייער־לעשער און קוקט אויס די שטאָט; וואָס דער זייגער זיצט זיך פּונקט אַזוי אויפן זעלבן אָרט, גייט זיך פּונקט אַזוי רעגלמעסיק ווי פריער, ווי אַלעמאָל, גאָרנישט געענדערט דורך די לאַנגע חדשים מלחמה, וואָס ער, לערנער, האָט דורכ־געמאַכט — דאָס האָט אים אי געוואונדערט, אי באַליידיקט.

ליגנדיק דאָרט אויפן פעלד גאַנצע טעג, פוילנדיק אין די שוץ־גריבער,

אין זומפּן, טאָג־איין, טאָג־אויס, איז ביי אים אויסגעקומען, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך געענדערט, אַז אַלץ אין דער וועלט האָט אָנגעוואוירן זיין פּנים, אַז אַלץ האָט זיך אָפּגערוקט פון פריערדיקן אָרט, צושטאַנד.

דאָס פלעגט אים אין אַ געוויסער מאָס טרייסטן, פאַרגרינגערן.

ביי אים איז געווען אַ געפיל, אַז די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטון, אָפּגעריסן זיך פון אָרט, צו וועלכן זי איז צוגעבונדן, און זיי, די מענטשן, מוזן עפּעס טון, לויפן, שלאָגן זיך, איילן זיך, מוסר־נפש זיין זיך, כדי עפּעס אָפּצוראַטעווען, אָפּצוהאַלטן. וויפל מאָל ער פלעגט פּרואוון זיך פאַרשטעלן פון דערוווייטנס זיין היים, זיינע באַקאַנטע, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט זיי זען אַזעלכע, ווי ער איז געוואוינט געווען זיי צו זען אין דערהיים.

אַפילו פריער, ווען ער איז געגאַנגען צו דער בריק, האָט ער קיין זאַך נישט געזען. ער האָט בלויז געזען דעם עטאַפּנעם פּונקט זיינעם. ווייטער האָט קיין זאַך פאַר אים נישט עקזיסטירט.

ערשט איצט האָט ער דערזען די גאַסן, די הייזער. אַלץ איז געווען ווי פריער, גלייך קיין שום זאַך וואָלט נישט פאַרגעקומען אויף דער גרויסער וועלט. אָט שטייען זיי די זעלבע הייזער, די זעלבע מאַגאַזינען. אָט איז דער מאַגאַזין פון היט, וואו ער האָט שטענדיק זיך געקויפט אַ הוט. אָט איז דאָס געשעפט פון מענער־קליידער. די זעלבע וואַקסענע פאַרשוינען שטייען אין פענצטער; איינער טראָגט אַפילו אַ פוטער, כאָטש ס׳איז אַזוי הייס. אָט איז דער פריזירער, ער שטייט פאַר דער טיר, ווינקט צו זיין שכנה, דער וועשערין פון „מאַטילדאַ״. דוכט זיך, אַז מ׳שפּילט דאָרט אויף אַ פידעלע אַפילו, ווי שטענדיק. אָט שפּאַצירט אַ גאַסן־מיידל אין ראָג גאַס, וויקלט די פּאַהלעך אַרום אַ פינגער — דאָס זעלבע מיידל, וואָס דרייט זיך אַרום פון יאָרן אויפן זעלבן אָרט.

און אים האָט אַ געפאַלנקייט באַהערשט — ביי אים איז געווען אַ געפיל ווי ביי איינעם, וואָס דערזעט זיך מיטאַמאָל אַ נאַקעטן צווישן בלויז אָנגעטוענע און אויסגעפּוצטע. ער איז פאַרביי לעבן אַ גרויסן מאַגאַזין מיט שפּיגל־שויבן פון אַלע זייטן — ער האָט זיך אין איינמאָל אפשר אַ גאַנץ צענדליק מאָל דערזען: אַ הויכן, אַ פאַרברענטן, אַ פאַרשטויבטן, מיט שוואַרץ־באַוואַקסענע האַרט־שטעכעדיקע באַקן, מיט כמורנע אויגן, מיט פרעמדע צעוואַקסענע הענט און פיס, באַהאַנגען מיט טאָרבעס, לאָפּאַטקעס, קוילן־טאַשן, באַוואָפנט מיט אַ לאַנגער, שפּיציקער ביקס — און ער האָט געקוקט אויף זיך מיט־אַמאָל מיט ווילדע אויגן.

צו וואָס? — האָט ער נישט באַגריפן — צו וואָס שלעפּן דאָס?

ער האָט אַ בליק געטון אַרום זיך. פון אַלע זייטן זענען געגאַנגען מענטשן, אַלטע און יונגע, לאַנגזאַמע און איילנדיקע. אָט פאָרן צוויי יונגע־לייט אין אַ דראָשקע. ביי זיי אויפן שויס זיצט אַ מיידל אין אַ וויס קלייד.

אָט קויפט איינער בלומען און שמעקט צו זיי. ווייטער שפּאַצירן פּאָרלעך. וויפל מענטשן דאָ גייען! — שפּאַצירן! גייען, וואוהין זיי ווילן, ווען זיי ווילן.

די גאַנצע ניין חדשים פראָנט, דאָס לויפן, שלאָגן זיך, מוסר־נפש זיין זיך, די אַלע שלאָפלאָזע נעכט, הונגער, קעלט, באַליידיקונגען, אונטערטע־ניקייט — זענען אים געשטאַנען אין דער גאַנצער שאַרפקייט פאַר די אויגן, אין דער גאַנצער אומגעלומפּערטקייט זייערער.

ער האָט געוואָנדערט גאַס־איין, גאַס־אויס, וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן. ער האָט געוואַרט יעדער מינוט, אַז אַ פּאַטרול זאָל אים אָפּשטעלן, אַרעסטירן, און דאָס איז אים געווען אַלצאיינס. זאָל זיין, וואָס עס וויל, האָט ער געטראַכט. נאָר קיין פּאַטרולן האָבן אים נישט פאַרהאַלטן און ער איז געקראָכן פון איין גאַס אין דער צווייטער.

דאָס געפיל, אַז ער איז עפּעס אַן אַנדערער פון די אַלע, וואָס גייען איבער די גאַסן, אַז ער איז אַן אויסגעטיילטער, אַ געבונדענער, האָט אים באַליידיקט, דערצערנט.

נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען אין לעבן צו זען מענטשן, ספּעציעל אומגליקלעכע, טראַגישע, וואָס דרייען זיך אַרום מיט זייער איינזאַמקייט און עלנט צווישן אַן אַ שיעור צופרידענע און גליקלעכע.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינעם אַ שכן, אַ שווינדזוכטיקן יונגערמאַן, וואָס זינט ער געדענקט אים, זיצט ער שטענדיק לעבן טויער פון הויז און שפּייט אויף די ברודיקע שטיינער שטיקלעכווייז זיין לעבן. מענטשן לויפן פאַרביי, רעדן, פריייען זיך, און צווישן אַלע זיצט ער, דער יונגערמאַן, ציט אויס זיין דאַרן האַלדז, קלאַמערט מיט די הענט, וויל אַן אָטעם, איין איינציקן פרייען אָטעם און קאָן אים נישט באַקומען צווישן די אַלע, וואָס האָבן אַזוי־פיל אָטעם, גאַנצע וועלטן מיט אָטעם.

און וויפל נאָך אַזעלכע! — ער פלעגט זיי זען, רחמנות האָבן אויף זיי, נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פילן קיין נאָנטקייט צווישן זיך און זיי. ער האָט זיי געזען, נאָר זיי זענען אים פרעמד געווען. אים איז קיינמאָל אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער, לערנער, זאָל קאָנען זיין אַזעלכער.

ביי אים איז דאָס געווען אַ מוז־זאַך, אַ זאַך, וואָס געהערט צו דער אָרדענונג פון דער וועלט. פונקט ווי מען איז געוואוינט אַנצוטרעפן ביים שפּאַצירן אין גאַס אַ הויקער, אַ הינקענדיקן, אַ בעטלערין מיט אַ קינד אויף דער האַנט, אָדער אַ קינדערשע לוויה, נאָך וועלכער עס לויפט נאָך אַ מאַמע איינע אַליין און קלאַמערט זיך מיט די הענט אין דער מיטה, ווי זי וואָלט זי וועלן איינהאַלטן.

איצט, זעענדיק די מענטשן אויף די גאַסן, ביי די מאַגאַזינען, אין די קאַפייען, האָט אים אַ געפאַלנקייט באַהערשט. ער איז זיך אַליין מיאוס געווען.

— בין איך, איך — בנימין לערנער, אַן אַנדערער? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען — איך?

ער איז ווידער אַרויסגעקומען צו דער בריק, אַליין נישט וויסנדיק צוליב וואָס. די פיס זענען אַליין געגאַנגען אַהין. איצט איז שוין אַזוי ענג נישט געווען. ער איז דורכגעגאַנגען פריי.

אַרום ברעג איז געווען פריילעך. האַלב־נאַקעטע בחורים און מיידלעך זענען געלעגן אויף דעם זאַמדיקן פליך פון דער ווייסל, געברענט זיך אויף דער זון און געשטיפט. אַנדערע שווימען. אויף שיפלעך שטייען יינגלעך און פאַרוואַרפן „ווענטקעס" אין טייך.

ער האָט פאַרלייגט אַ האַנט. ווי אַלץ איז אים באַקאַנט געווען, אייגן. אָט איז דאָס בעדל, אין וועלכן ער פלעגט זיך שטענדיק באָדן. די ווענט זענען איצט אָפּגעפרישט, באַמאָלט אויף גרין. ווייטער אַראָפּ ציט זיך דאָס וועלדל.

— אוך, אַריינוואַרפן זיך אַזוי אין וואַסער, אָפּוואַשן פון זיך אַלץ... אַלץ.

עטלעכע פאַטרולן זענען אַדורך קעגנאיבער און אָפּגעשטעלט אַ סאָלדאַט, גוט איינקוקנדיק זיך אין זיינע פאַפּירן.

לערנער האָט אַ בליק געטון. די מורא מיט דער הפקרות זיינער, וואָס קומען תמיד צוזאַמען, האָבן גלייכצייטיק אַ לויף געטון אין קאָפּ: שטיין? אַוועקגיין?

איין רגע האָט עס געדויערט, אַ רגע בלויז, און ער איז באַלד אַראָפּ מיט די טרעפּלעך צום ברעג און געלאָזט זיך גיין לענגאויס, צו דער זייט פון דער „סאַסקע־קעמפּע".

דער וועג האָט זיך געצויגן שטויביק, אומריין, מיאוסע קאַנאַלעכלעך האָבן געגלאַנצט מיט פעטע פליסיקייטן פון בוימל און נאַפט. שוואַרצער שטויב, אָפּפאַל פון שטיינקוילן, ציגל און קאַלך, האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און געלייגט זיך שווער אויפן האָרץ. לערנער האָט זיך נישט אומגעקוקט און געגאַנגען אַלץ פאַרויס. ערשט, אַז ער איז שוין געווען ווייט, אַזוי, אַז בלויז די שפּיץ קוימענס האָבן זיך אַרויסגעזען און די מאַסטן פון די שיפן האָבן זיך געצייכנט שוואַך אין דער לופט, האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ שטיקל איינזאַם אָרט, וואו זיך צוצושפּאַרן.

ער האָט אַזאַ שטיקל אָרט באַלד געפונען. דאָס איז געווען אַ טאָל, אַ שטיק פאַרלאָזן טאָל לעבן ווייסל, באַוואַקסן איינגאַנצן מיט הויכע גראָזן און שאַוווער. האָט לערנער אַראָפּגענומען די ביקס פון דער פּלייצע, דעם איינגעלייגטן שינעל פון דער ברוסט און, צוקנעפּלענדיק זיך פריי, אַריינגעוואָרפן זיך אין די הויכע גראָזן, וואָס האָבן אים איינגאַנצן פאַרשטעלט.

דער הימל איז געווען ריין, בלוי, די גראָזן פּיכטלעך, דערלעבן האָט זיך געצויגן די ווייסל, אַ ברייטע, אַ פליכוואַטע און אָנגעשלאָגן זיך אין די

שטיינדלעך אַרום ברעג, געשוואָנקען דאָס הייסע זאַמד און ריזל. לערנער האָט אויסגעצויגן די פיס און געפילט די גאַנצע פרייקייט פון זיין באַפרייטן קערפּער. ער האָט געפילט איצט יעדן אבר באַזונדער, ווי עמעצער וואָלט אים זיינע צעבראָכענע הענט און פיס גענומען צו פאַרריכטן און צוריק אַריינגעשרויפט אים נייע, גאַנצע. ער האָט אַריינגעצויגן פולע ברוסטן אָטעם און געפילט ווי זיינע גלידער וואַקסן זיך פאַנאַנדער, ווערן ברייטער מיט יעדער מינוט, מיט יעדער אָטעם.

די וויעס, דערפילנדיק גראָז און טייך, האָבן זיך אָגעהויבן איינקאָרטשען און אַראָפּלאָזן און לערנער האָט זיך געטוליעט צו דער ערד, געדריקט זיך צו איר, ווי צו אַ מאַמען אין שויס. ער האָט זיך אויסגעלייגט אויף די פּלייצעס, געקוקט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אויף דעם ברייטן, בלויען הימל, אויף דעם צעלייגטן טייך, אויף דעם ריזיקן שטח ערד. ער האָט איינגעקאָרטשעט די פיס, געפילט זיין גאַנצע קליינקייט, זיין גאַנצע נישטיקייט קעגן דעם גרויסן און שטילן אַרום זיך; ער האָט געפילט דאָס גאַנצע נישט־אָנזעעוודיקייט פון די עטלעכע איילן ערד, וואָס ער, לערנער, פאַרנעמט, און ער האָט נישט פאַרשטאַנען:

— שוין זשע איז נישטאָ פאַר מיר אַזאַ קליין שטיקעלע אָרט אויף דער דאָזיקער גרויסער שטילער וועלט?...

ער האָט אונטערגעלייגט די ביקס אונטערן קאָפּ, דערלעבן אַוועקגעלייגט דעם שינעל מיטן רימען. — זאָל זיין וואָס עס וויל — האָט ער נאָך אַ טראַכט געטון, ווי תמיד, און די אויגן האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזן.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט. עטלעכע שטערנס האָבן זיך געטונקען אין וואַסער. פון וויט האָבן פייערלעך גע־וואונקען. ער האָט אויסגעצויגן די הענט, באַטראַכט מיט פאַרוואונדערטע בליקן דעם אומבאַקאַנטן פּלאַץ, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, ווי אַזוי ער איז דאָ אַהער געקומען, נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ מענטש נישט וויט פון זיך, אַ האַלב־נאַקעטן מענטש זיצנדיק אין גראָז, און די הענט זענען אים אַראָפּגעפאַלן:

— האָאַ?...

ער האָט זיך געכאַפּט צו דער ביקס. די עטלעכע חדשים פראָנט האָבן אים אויסגעלערנט זיך כאַפּן צו איר יעדער מאָל, ווען מ׳דערזעט אַ מענטש, אַן אומבאַקאַנטן מענטשן לעבן זיך. נאָר דער האַלב־נאַקעטער מענטש האָט זיך צוגעשאַרט נענטער צו אים און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— לייג אַוועק, ברודער, אַן אייגענער...

לערנער האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט געמורמלט עפּעס, אַליין נישט־הערנדיק וואָס. דער האַלב־נאַקעטער מענטש האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך

דאָס העמדל, אַ זעלנעריש העמדל, מיט פאַרלייגטע, האַלב־אָפּגעריסענע עפּאָ־לעטן, און רואיק געפרעגט:

— פון איין און צוואַנציקסטן, האַ?

לערנער האָט צוגעשאָקלט:

— יאָ, און דו?

— איך אויך פון אייגענעם.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און פאַרשטאַנען זיך. ביידע האָבן זיי געהאַט איין סוד, איין סוד, וואָס איינער האָט אים אַראָפּגעלייענט פון צווייטן; געווען קלאָר, בולט, נאָר יעדער האָט געשוויגן, געוואַרט, ווער ס'זאָל פריער אָנהייבן. דער פרעמדער האָט ענדלעך אָנגעהויבן:

— מאָרגן דאַרף ער אָפּגיין — פאַרטאָג נאָך — עך!...

אין דעם „עך" איז געלעגן דער גאַנצער אומזין פון מאָרגנדיקן „אָפּגיין", דאָס גאַנצע משוגעת דערפון. די צוויי מענטשן זענען געווען איצט שטאַרק דערנענטערט. לערנער האָט איבערגעציילט די לעכלעך אין זיין רימען, ווי אים וואָלט שטאַרק אָנגעגאַנגען זייער צאָל. ער האָט געפרעגט:

— נו וואָס, ברודער?...

איצט זענען זיי שוין אינגאַנצן געווען נאָנט. ביידע זענען זיי געווען פון איין דיוויזיע, ביידע ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן גראָז לעבן דער ווייסל, ביידע מיט דער זעלבער באַוואָפענונג. דער פרעמדער האָט אַרויפגעצויגן די שטיוול און געפרעגט:

— פון ווייט?...

— ניין, פון הי.

דער פרעמדער איז איבערגעגאַנגען אויף פויליש:

— אַ וואַרשעווער?

— אַ וואַרשעווער.

דער פרעמדער האָט אינגאַנצן געלויכטן:

— און איך בין אַ היגער, פון „שאַלעץ" לעבן ווייסל.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געוויזן מיט דער האַנט אין אַ קרייז:

— איר זעט דעם גאַנצן געגנט — דאָס איז מיר אַלץ באַקאַנט, ווי מיינע צען פינגער... יעדער גרעזל קען מיך דאָ... שטשיגעל איז מיין נאָמען — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט — וואַלענטי שטשיגעל פון שאַלעץ...

לערנער האָט דערציילט וועגן זיך:

און איך בין פון פאַר „די האַלעס", אַרום „אייזערנעם טויער"... איר קענט דעם געגנט!...

— אַהאַ!...

ביידע סאָלדאַטן האָבן פאַררויכערט און אָנגעטון זיך. זיי האָבן זיך שוין

אַזוי געקענט איצט, ווי זיי וואָלטן זיין חברים פון קינדוויז אָן. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען איצט שווייגנדיק. דער „שאלעצער" שייגעץ האָט געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך, געשמעקט די געגנט מיט דער נאָז, ווי אַ הונט, וואָס וויל דערשפּירן נבילה, און ער האָט שטיל געזאָגט:

— די שינעלן קאָן מען מיטנעמען, מ'קאָן פאַרקויפן פאַר גוט געלט די ביקסן מיט די קוילן קאָן מען איבערלאָזן...

— אַראָפּלאָזן אין וואַסער — האָט לערנער געזאָגט — גלייכער אַזוי.

די נאַכט איז צוגעפאַלן מיט דער גאַנצער שנעלקייט פון אַ זומערדיקער נאַכט. אַ רעגן, אַ דראָבנע רעגנדל האָט אָנגעהויבן טריפן און שטיל גע־קלונגען איבער דעם טייך. ביידע סאָלדאַטן האָבן מיט שטילע קעצישע טריט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ברעג, אַראָפּגעלאָזט זייער געווער און צוגעקוקט זיך צום כליופּ און די בלעזלעך, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבערן טייך.

אַ ווײַלע האָבן זיי אַלץ געוואַרט אויף די ערטער, ווי אַ זינדיקע מוטער, וואָס דערטרינקט איר ערשט־געבוירן אומגעזעצלעך קינד. באַלד האָבן זיי זיך אַראָפּגעשאַרט צו דער לאַנקע און מיט גיכע און גלייכצייטיק איינגע־האַלטענע טריט זיך געשאַרט צו דער שטאָט.

זיי זענען געקראָכן איבער אומבאַקאַנטע פּלעצער, איבער זייטיקע געס־לעך און אָפּט זיך אָפּגעשטעלט. דער „שאלעצער" שייגעץ האָט געשמעקט מיט דער נאָז.

— וואַרט אויס — האָט ער געוואָרנט — זיי גיוכען, די מאַסקאַליעס, ווי די הינט. תמיד אַזוי, איידער מ'דאַרף אָפּציען.

אַז מ'איז אַרויס אויף די ליכטיקע גאַסן, האָט דער שייגעץ אַריינגעשטעקט לערנערן אַ האַנט און אָנגעזאָגט:

— מאַכט זיך הינקען. אָט אַזוי. אינוואַלידן טשעפּעט מען גיכער נישט.

דערנאָך האָט ער זיך צוגעבויגן צום אויער זיינעם און נאָך עפּעס צוגעגעבן:

— אין קיין „הייזל" גייט אַלנפאַלס נישט היינט. אַלע נקיבות שפּיצלעס... צום ווידערזען!

קאַפּיטל צוויי

ו ו ע נ ט

ביים פּעטער ברוך־יוסף לערנער אין שטוב איז געווען אָנגעשטרענגט שטיל.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס שוין אַ צייט איז ר׳ ברוך־יוסף געווען אַ הימלאָזער, ווייט אויף גאַנצע פופציק מייל פון זיין פּולוואַרק „באַראָוועקע״, פון וואַנען קאָזאַקן מיט געווער האָבן אים אַרויסגעטריבן, האָט פונדעסטוועגן דאָ געהערשט די זעלבע אָנגעשטרענגטע און שווערע שטילקייט, ווי דאָרט אין „באַראָוועקע״, לעבן דער קהירישער גרענעץ.

פון געוועלבטן, טונקעלן סופיט האָט אַראָפּגעהאַנגען אויף קייטן אַ גרויסער אַלטמאָדישער מעשענער נאַפּט־לאָמפּ און געוואָרפן אַרום זיך מער שאָטן ווי ליכט. עטלעכע קרומע, טריבע שטיקער שיין האָבן זיך געהוידעט איבער דער גרויסער שטוב, געפאַלן אויף אַ שטיק דיקער וואַנט, אויף אַ געשניצטן לייבן־קאָפּ פון אַן אַלטמאָדישער מאַסיווער שאַפע און אויף אַ העלפט פון ר׳ ברוך־יוספס רויטלעך שטרענגן פּנים.

ווי אַלע מאָל האָט ער געהאַט אַ סיכסוך מיט די „ווייבער״: מיט טויבעלען זיין ווייב און מיט גנענדלען זיין טאָכטער.

אין די פּראָנט־באַריכטן פון זיין „הצפירה״, וואָס ער האָט געליענט, האָט ער אָנגעטראָפן צופעליק אויף זיין פאַרלאָזענער היים, אויף זיין „באַ־ראָוועקע״ לעבן דער קהירישער גרענעץ. דאָס, וואָס זיין באַראָוועקע איז דאָ אין צייטונג, האָט אים אַזוי אויפגערודערט, אַז דאָס גאַנצע בלוט פון קאַרק האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים. ער האָט געכאַפּט די זילבערנע פּענסנע, וואָס האָבן אים תמיד זיך נאָכגעהאַנגען אויף אַ שנירל, ער האָט זיי אָנגעזאָטלט אויף זיין שאַרף־געבויגענער אָדלער־נאָז און אַ זאָג געטון צו די „ווייבער״, וואָס זענען געזעסן אין ווינקל אין איין שאַלעכל אַרומגעהילט:

— ט׳שוין געהערט! אין באַראָוועקע שלאָגט מען זיך דאָך! אַ מבין!

און גלייך דערויף האָט ער אָנגעהויבן לייענען אויפן קול דעם לשון־קודשדיקן באַריכט.

ברוך־יוספס „ווייבער״ האָבן פון וואָרט „באַראָוועקע״ אַזוי אויפגעציטערט, אַז זיי האָבן אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט מיטאַמאָל. זיי האָבן געהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן די פרעמדע, שווערע ווערטער, געוואָלט אויפכאַפּן דעם טייטש, נאָר זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט. ברוך־יוסף האָט גע־לייענט גיך, פּאַרציקט, ווי מען זאָגט מחזור. האָט זיך טויבעלע זיין ווייב נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און אים איבערגעהאַקט:

— ברוך־יוסף קרוין, זאָג אונדז שוין, וואָס איז געשען, דערבאַרעם זיך!

האָט ברוך־יוסף אַזאַ וואָרף געטון די צײַטונג אין טיש, אַז די זילבערנע פּענסנע זענען אַליין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער נאָז און געבליבן הענגען אויף דעם שנירל.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אין טיש — מען וועט מיך שוין גאָרנישט לאָזן עפּעס איבערלייענען אויך!

ביידע „ווייבער" האָבן זיך אַזוי אײַנגעקאָרטשעט אין טיכל, אַזוי זיך צונויפגעטוליעט, ווי איבערגעשראָקענע קינדער. ביי טויבעלען האָט גלייך אָנגעהויבן זיך צו באַוועגן דאָס גוידערל, דאָס ליידיקע גוידערל, וואָס נישט לאַנג איז עס געווען פול, און איצט איז מער נישט געבליבן דערפון ווי הויט, אַ זעקל צעקנייטשטע הויט.

— וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטון? — האָט זי אַ פרעג געטון און שוין אָנגעהויבן שאָקלען מיט די ברעמען, גרייט צו וויינען.

ברוך־יוסף האָט דערויף ווידער אָנגעזאָטלט די זילבערנע פּענסנע, אײַנגעקוקט זיך אין זיין ווייב און דאָס בלוט פון קאַרק האָט אים אָנגעהויבן נאָכמער צו שטויסן צום פּנים. גנענדל האָט געוואָרפן בליקן אויף דער מאַמעס שאָקלענדיקע ברעמען, באַלד אויפן טאַטנס בלוט־אָנגעלאָפענעם פּנים און זי איז בלאַס געוואָרן פון שרעק. זי האָט זיי גוט געקענט, אי דעם טאַטן, אי די מאַמען. תמיד, ווייסט זי, הייבט זיך עס אַזוי אָן. צום ערשט הייבט זיך אָן ביי דער מאַמען צו שאָקלען דאָס גוידערל, דערנאָך כאַפּט דער טאַטע די זילבערנע פּענסנע אויף דער נאָז, קוקט זיך איין אין דער מאַמעס אויגן אַריין אַזוי לאַנג, ביז אַ טרער באַווייזט זיך — און דאַן הייבט עס זיך אָן; דער גיהנום פּלאַקערט אויף.

זי האָט נאָך געפּרואווט אַ ווײַלע אָפּהאַלטן, זי האָט אָנגענומען די מוטער ביי דער האַנט, געוואָלט זי אַריינפירן אין צווייטן חדר אַריין און געבעטן זיך:

— מאַמעשי, קום! קרוין מיינע, קום אַוועק!

נאָר זי האָט שוין נישט באַוויזן. די ערשטע טרער האָט אַ פליס געטון איבער דער ברוינלעכער צעקנייטשטער באַק אירער. דער טאַטע האָט נאָר דערויף געוואַרט און מיט פרייד אַ פּאַטש געטון אין ביידע הענט.

— מזל־טוב! — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ ניגון פון אַ בדחן, וואָס באַזינגט אַ כלה און די אויגן האָבן ביי אים אויפגעפּלאַקערט, גרייט צו מלחמה — שוין, זי פּישט שוין!...

נאָר אין דעם מאָמענט האָט מען פעסט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אין איין רגע האָבן זיך אַלע אין שטוב אַזוי געביטן, גלייך קיין שום זאַך וואָלט דאָ נישט פאָרגעקומען.

— טויבעלע! — האָט ברוך־יוסף געזאָגט ווייך, אַזוי ווייך, ווי אַ יונגער־

מאַן רעדט צו זיין ווייבל אין די ערשטע טעג נאָך דער חתונה — טויבעלע, גיי עפענען, און פרעג ווער ס'איז.

— שוין, ברוך־יוסף — האָט טויבעלע געענטפערט מיט קעגנזייטיקער צערטלעכקייט, אַנטוענדיק אַ שמייכעלע אויף אירע פאַרטרערטע אויגן.

מען איז דאָ געווען אָפּגעשלאָסן פון הויף מיט טויזנטער שלעסער ביי ברוך־יוספן אין שטוב, מען האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט.

— ווער איז? — האָט טויבעלע געפרעגט עטלעכע מאָל און געווישט דערווייל די אויגן מיטן ברעג פאַרטעך — ווער?

נאָר באַלד האָט זי געעפנט האַסטיק די טירן און צוזאַמען מיט זיי — די לעדלעך פון די אויגן:

— בנימין?

זי האָט נישט געדאַרפט מער איינהאַלטן די טרערן און נייטן זיך שמייכלען. זי האָט געוויינט און געלאַכט צוזאַמען. לערנער איז צוגעפאַלן צו איר פּנים, געקושט, פילנדיק אַ פייכטע געזאַלצנקייט אויף זיינע צעטריקנטע, צעשפּאָל־טענע ליפּן. זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזן, באַטראַכט זיך אַ ווײַלע און צוריק זיך געפאַלן אין די אָרעמס.

האָט שוין גנענדל נישט געקאָנט מער ליידן און אַרויסגעריסן לערנערן פון דער מאַמעס הענט.

— מאַמע! — האָט זי געשריגן אויפגערעגט — אפשר וועסטו אים אָפּלאָזן אַ ווײַלע? מאַמע!

לערנער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מומע טויבעלעס אָרעמס, ער איז צוגעפאַלן צו די מיידלשע אָפּן־אויסגעשטעלטע, פולע ליפּן און פאַרגעסן אין אַלץ אין דער וועלט מיטאַמאָל.

— גנענדעלע! — האָט ער געשעפּטשעט — דו ביסט עס?

און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך פעסט, צוגעדריקט זי מיט דער גאַנצער ביין־חדשימדיקער בענקשאַפט צו זיין ברייטער לעכצנדיקער ברוסט.

דער לעצטער איז צוגעקומען ר' ברוך־יוסף. לערנער האָט אויך געוואָלט צופאַלן דעם פעטער צום מויל, נאָר ברוך־יוסף האָט באַצייטנס זי אַ רוק אָפּ געטון און אויסגעשטרעקט אים אַ האַנט צום קושן, ווי אַמאָל, בעת בנימין איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און געוואוינט ביי אים אין דאָרף. האָט לערנער זיך צוריק אויפגעכאַפּט פון זיין צעטומלטקייט און קוים אָנגערירט דעם פעטערס אַדערדיקע, האַריקע האַנט.

— וואָס מאַכט מען? — האָט ברוך־יוסף געפרעגט קאַלט, נישט ווי מען פרעגט אַ מענטש, וואָס קומט נאָר־וואָס פון פראָנט, נאָר ווי מען פרעגט עמעצן סתם אין דער וועלט אַריין.

גנענדל האָט נישט אויפגעהערט באַטראַכטן לערנערן. זי האָט געקוקט אויף זיין שטעכעדיקער זעלנערישער באָרד, אויף דעם אָפּגעברענטן פרעמדן

קאָרק זיינעם, אויף זיין באַוואַקסנקייט, וואָס איז אים צוגעקומען אויפן פעלד, און עס איז איר געווען אי פרעמד, אי ליב גלייכצייטיק.

— בנימישע! — האָט זי אים געפרעגט — לעבסט, בנימיניו?

איז ר׳ ברוך־יוסף געוואָרן אין כעס.

— ניין, ער לעבט נישט! — האָט ער געשריגן — אַ טויטער איז ער געקומען צופאַרן!

האָבן זיך אַלע פאַנאַנדערגעלאַכט, אַפילו די מומע טויבעלע אויך.

— וואָס פאַר אַ ווערטער רעדסטו? — האָט זי פאַרגעוואָרפן דעם מאַן און זי האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן, אַליין נישט וויסנדיק וואָס אָנצו־הייבן טון.

— בנימיניו — האָט זי געפרעגט — וואָס האָסטו ליבער, פליש געפּרעגלט, צי געהאַקט? הערינג מיט עסיק, צי מיט אַ ציבעלקע?...

אין לערנערס זעלנערישע אויערן האָבן די ווערטער געקלונגען מאָדנע פרעמד און קאָמיש גלייכצייטיק. די נאַאיווע ווייבערישע פראַגע האָט מיט אַזויפיל וואַרעמקייט אָנגעפילט זיין פאַרהאַרטעוועט, פאַרגרעבט געמיט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער מומע, אָנגענומען זי ביים קין און אַ קוש געטאָן איר צוויי מאָל, גאַנצע צוויי מאָל איינס נאָכן אַנדערן.

נאָר דער פעטער ברוך־יוסף האָט אַ שטרענגן בליק געטון און געפרעגט שאַרף און קורץ:

— וואָס־זשע, ביסט באַפרייט? געקומען אויף אורלויב?

און לערנער איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון אַלע הימלען און געבליבן שטיין מיט אַ פאַרגליווערטער צונג אין מויל.

ער האָט געמורמלט:

— באַפרייט, פעטער... ס׳הייסט נישט... נאָך נישט באַפרייט...

דער פעטער ברוך־יוסף האָט אַ בליץ געטון מיט די אויגן.

— כ׳האָב פיינט יידישע ענטפערס — האָט ער געזאָגט — באַפרייט איז דאָך נישט נישט־באַפרייט!

נאָר דערווייל האָט שוין גנענדל אַראָפּגענומען פון שאַפע דעם בייכיקל בוטל מיט ווײַנשל־זאַפט און אָנגעגאָסן אין המצדיק־געוואָרענע פסחדיקע כוסות, און דער געשפּרעך איז געוואָרן איבערגעהאַקט.

— אַזוי? — האָט דער פעטער ברוך־יוסף געברומט און געצויגן די רונדע, פעסטע, שוואַרץ־גרוילעכע באָרד — אַזוי?...

תחילת איז דאָס עסן געגאַנגען אומעטיק, שווערלעך. דער פעטער האָט אַפילו אים אַלע מאָל צוגערוקט די טעלערס און געמונטערט:

— עס, עס! וואָס שוויגסטו?

נאָר לערנער האָט געזען, ווי דער פעטער הערט נישט אויף ציען די באָרד, און דאָס עסן איז אים נישט באַקומען. ער האָט גוט געקענט דעם

פּעטערס געוואוינהייטן. ער האָט געוואוסט, אַז תמיד, ווען ער ווערט צו־העפלעך און ציט די באָרד, איז אַ סימן, אַז ער גרייט זיך מאַכן אַ גיהנום און דאָס עסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. טייל ביסנס האָט ער צו גיך אַראָפּגעשלונגען און אַנדערע צו לאַנג געקייט. אים האָט שוין באַנג געטון, הלמאי ער איז גאָר דאָ אַרײַנגעקומען, און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז אין אַזאַ מצב, אין אַ שינעל אַן פּאַפּירן, קאָן ער אין ערגעץ נישט גיין, האָט ער באַשלאָסן ביי זיך באַלד נאָכן עסן אַוועקגיין ערגעץ נעכטיקן, אַלץ איינס וואוהין.

ער האָט זיך געקרעקט עטלעכע מאָל מיט אַ ביסן און איבערגעריסן די שטילקייט.

— פּעטער — האָט ער געזאָגט שטאַמלענדיק — דער פּעטער דאַרף נישט זיין אַזוי אויפגערעגט. אויב דער פּעטער האָט מורא, גיי איך אַוועק...

דער פּעטער ברוך־יוסף האָט אויפגעהערט שפּאַנען. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט האַסטיק קעגנאיבער לערנערן, באַטראַכט אים אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז לערנער האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם בליק און אים אַראָפּגע־לאָזט אויף דער ערד.

— שוטה! — האָט דער פּעטער ברוך־יוסף ענדלעך אַרויסגעזאָגט — ברוך־יוסף האָט נישט מורא — הערסט!...

לערנער האָט עפּעס געוואָלט רעדן, נאָר דער פּעטער האָט אים נישט געלאָזט.

— געננוג! — האָט ער באַפוילן — גנענדל, וועסט אים אויסבעטן דאָס בעט אין אַלקער.

און גלייך דערויף האָט ער זיך אָנגעגאָסן איין גלעזל זאַפּט, לערנערן אָנגעגאָסן אַ צווייטס און אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך:

— לחיים! לחיים פאַר נוסח „אשכנז"...

ער האָט אַ בליק געטון מיט די אויגן אַרום זיך, ווערלנדיק זיך איבער־צייגן, צי מ'האָט פאַרשטאַנען זיין באַהאַלטענעם פּאָליטישן מיין, און איבער־צייגנדיק זיך, אַז מ'האָט אים פאַרשטאַנען, האָט אַ שמייכל צעצויגן זיין שטרענג פּנים. ער האָט אַרײַנגעזופּט נאָך עטלעכע גלעזער איינס נאָכן אַנדערן, אַזוי, אַז דאָס פּנים איז אים געוואָרן נאָך רויטער און די אויגן האָבן זיך צעפלאַקערט.

— בנימין — האָט ער געשריגן צו לערנערן אויפן קול און געוויזן זיך אויף דער האַנט־פלאַך — זאָלן מיר דאָ האָר וואַקסן, אויב דו וועסט נאָך פאַרזוכן פּאַניעס קאַשע...

די מומע טויבעלע האָט זיך געקניפּן אין די באַקן. זי האָט זיך געבעטן:

— ברוך־יוסף, שוויַיג! וועגנט האָבן אויערן.

נאָר ברוך־יוסף האָט חוזק געמאַכט:

— ביסט אַ יידענע! — האָט ער געשריגן — ברוך־יוסף וועט זאָגן דעם אמת דעם קייסער אין די אויגן אַריין.

און גלייך דערויף, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט ביי לערנערן דאָס צו־גרויסע זעלנערישע היטל מיטן צעשפּאָלטענעם דאַשעק און אַ שמיץ געטון אויף דער ערד מיט אַזאַ עקל, ווי ער וואָלט אַוועקגעוואָרפן אַ מיאוסן שרץ.

— טפוי אויף דיר! — האָט ער געשריגן און געשפּיגן דערויף — פּע!

טויבעלע האָט פאַרמאַכט מיט שרעק די פענצטער. נאָר ברוך־יוסף האָט זיך נישט געמאַכט דערפון. ער האָט גיך אַרויסגעשלעפּט דעם דיקן טייסטער פון בוזים־טאַש, אַרויסגעצויגן אַ קנאַקעדיקן פינף־און־צוואַנציקער און גע־שטעקט לערנערן אין האַנט:

— מאָרגן קויף דיר אַ קאָסטיום! — נאַ!

לערנער האָט נישט אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט געוואוסט, אַז מען לעבט ביים פעטער פון די לעצטע געלטער און ער האָט געקוקט אויף דעם באַנקנאָט מיט דערשראָקענע אויגן. איז ר׳ ברוך־יוסף אַריין אין כעס.

— בהמה! — האָט ער געשריגן — מיינסט, כ׳טו עס דיר צוליב? — אַ פייג!... דאָס טו איך פאַר מיר! די לערנערס דאַרפן גיין בכבוד. הערסט!

בנימין האָט געמוזט צונעמען די קנאַקעדיקע אַסיגנאַציע און דער פעטער האָט אים דערלאַנגט די האַנט צו די ליפּן:

— נו, אַ גוטע נאַכט, גיי שלאָפן!

די „ווייבער״ האָבן נאָך געוואָלט זיצן אַ ביסל, רעדן, פרייען זיך, נאָר ברוך־יוסף האָט נישט דערלאָזט.

— לאָזט אים שלאָפן! — האָט ער באַפוילן — די פליאַטקעס וועלן ביז מאָרגן נישט ווערן אַלטגעבאַקן.

אין מיטן נאַכט האָט לערנער דערפילט אַ וואַרעמע האַנט און אַ גליענדיקן אָטעם אויף זיך. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען גנענדלען שטיין פאַר זיך.

אירע שוואַרצע האָר זענען געווען צעשאָטן איבער די ציטערדיקע רונדע אַקסלען און זיך צונויפגעמישט מיטן זיידענעם טיכל, וואָס איז נאַכלעסיק געלעגן פאַרוואָרפן אויפן לאַנגן העמד. די אויגן האָבן ביי איר געלויכטן מיט אַ פאָספאָרישן גלאַנץ, אויסגעשניטן זיך אין דער לבנה־באַלויכטענער טונקעלער שטוב.

אַז זי האָט אים דערזען וואַך, איז זי אָפּגעשפּרונגען פון אָרט און איינ־גאַנצן אַ ציטער געטון.

— ניין... ניין, בנימין — האָט זי געמורמלט — כ׳האָב בלויז געוואָלט דיך אָנקוקן... בלויז...

ווידעראַמאָל האָבן אים אַ שטויס געטון, ווי שטענדיק, די הפקרות מיט דער שרעק צוזאַמען. ער האָט זי אַ כאַפּ געטון אין זיינע שטייפע אָרעמס,

צוגעדריקט זי צו זיין ברוסט, צו זיין צאַפּלדיקער ברוסט, וואָס איז פול מיט ניין־חדשימדיקער בענקשאַפט צו וואַרעמקייט, רו און גליק. ער האָט איינגע־טוליעט זיין פּנים, זיין באַוואַקסן, אָפּגעברענט און צעשפּאָלטן פּנים אין איר ווייס־מיידלערישער צאַפּלדיקער ברוסט.

גנענדל האָט געציטערט אינגאַנצן אין זיינע אָרעמס. זי האָט שטיל געשעפּטשעט:

— האָסטו מיך נאָך ליב, ווי אַמאָל, בנימין? כאָטש אַ קליין ביסעלע ליב?

זי האָט זיך נישט מער געוועלט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. לערנער האָט אויף איר אַ בליק געטון און אַרויסגעלאָזט זי האָסטיק פון די אָרעמס.

— קינד, גיי אַוועק! — האָט ער זי געטריבן — גיי, גיי!...

דעם פעטערס פּנים איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן.

קאַפּיטל דריי

ר׳ ברוך־יוסף

ליכטיקע, וואַרעמע טעג, פול מיט זון און פרייד, האָבן זיך געצויגן איבער דער וועלט איינער נאָכן אַנדערן, איינער ענלעך צום אַנדערן.

ביי לערנערן אין קליינעם אַלקער האָט די זון געשיינט שטאַרקער ווי אומעטום, גאַנצע זיילן ליכטיקן שטויב געשאָטן אַרום זיך.

ביינאַכט האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פון פעלד, פון פראָנט. ער האָט געליטן פון שלעכטע חלומות, קאָשמאַרן. נאַכט ביי נאַכט איז ער געגאַנגען אויף אַטאַקעס. ער איז געגאַנגען מיטן באַגנעט פאָרויס. נאָר תמיד, ווען ער האָט שוין געדאַרפט דערלאַנגען, אָפּשלאָגן זיך, איז אים מיטאַמאָל פאַרשלאָפן געוואָרן אַ פוס, אַ האַנט, און ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ער האָט געשריגן, געוויינט. איז די מומע טויבעלע אַראָפּ־געקראָכן פון איר געלעגער, אַראָפּגענומען אים די האַנט פון האַרץ און געוועקט:

— בנימינקע, הער אויף! בנימישי, באַרואיק זיך!

אָבער דערפאַר, אַז ער פלעגט זיך אויפכאַפּן אינדערפרי און דערזען זיך צווישן פיר ווייסע, זוניקע ווענט, אויף ווייס־קלאָר בעטגעוואַנט, האָט אים אַזאַ פרייד אַרומגענומען, אַז ער פלעגט אַראָפּשפּרינגען אין די וועש פון בעט און געטאַנצט, געטאַנצט ווי אַ קינד אין העמדל, אויף דעם שטיקל ליכטיקן זון, וואָס איז געלעגן אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע.

ער איז געווען גליקלעך פון יעדער קלייניקייט, גליקלעך מיט דער שיסל וואַסער, וואָס שטייט גרייט פאַר אים און ער קען אָפּוואַשן זיך דעם האַרט־געשווירענעם קאָפּ; גליקלעך מיטן קלאָרן, ווייכן האַנטעך, מיט די פאַרביקע זייפן־בלאָזן. אַלץ האָט אים געפרייט: דאָס פייער, וואָס קנאַקט אין קיך; די פאַרבלאָנדזשעטע פליג, וואָס זשומעט איבער דער שויב. ער האָט עטלעכע מאָל אומזיסט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער, צופרידן דערפון, וואָס אַ חוץ די צוויי אידיאָטישע ווערטער „טאַק־טאָטשנאָ" און „ניקאַק־ניעט", זענען פאַראַן נאָך אַנדערע רייד אויף דער וועלט, טויזנטער פרייע רייד.

גאַנצע שעה׳ן איז ער געזעסן מיט גנענדלען. זיי האָבן זיך דערמאָנט מעשיות פון אַמאָל, פון באַראַוווקע; דערמאָנט זיך אין יעדער „פּאַראָבעק", אין יעדן פאַרבייגייענדיקן דאָרפס־ייד, אין יעדן פאַרבלאָנדזשעטן בעטלער, אין יעדן בוים אַפילו — און דערנאָך, אַז מ׳האָט שוין אַלץ אויסגערעדט, אַז מ׳איז שוין מיד געוואָרן פון לאַכן, רעדן און נאָכקרימען, איז מען אַזוי

געזעסן איינער לעבן אַנדערן, געהאַלטן זיך ביי די הענט און געשוויגן, קיין איין וואָרט נישט גערעדט, נאָר געשוויגן.

ער האָט געקאָנט אָפּזיצן, לערנער, גאַנצע שעה׳ן און קוקן אויף דער מומע טויבעלע, ווי זי פּאַרעט זיך אין קיך; ער האָט געקאָנט זיך צוקוקן אויפמערקזאַם צו אַ פליג, וואָס שפּאַצירט זיך איבער דער וואַנט, און אַזוי לאַנג זי האַלטן אויפן אויג, ביז זי איז אים פאַרשוואונדן ערגעץ.

אים האָט געפרייט יעדע באַוועגונג, יעדעס וואָרט, יעדעס באַשעפעניש. אַלץ האָט אים דערמאָנט, אַז ער לעבט.

— ס׳איז גוט — האָט ער געזאָגט גנענדלען — זייער גוט.

ער האָט געפילט די גוטסקייט, ווי איינער, וואָס מ׳רייסט אים אַרויס אַ ווייטיקדיקן צאָן.

אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט אַ קורצע צייט, אייניקע טעג בלויז. באַלד האָט דער פעטער ברוך־יוסף געלאָזט זיך פילן, אַז ער איז דאָ. ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן צו אָפט איבער דער שטוב און ציען יעדער האָר באַזונדער פון זיין שוואַרץ־גרוילעכער באָרד — אַ סימן, אַז ער גרייט זיך צו עפּעס...

— גנענדל — האָט ער אָפט אַריינגעשריגן איצט אין אַלקער אַריין — אפשר וועט זיין גענוג זיך נאַריש מאַכן?

ער איז געווען בייז, דער פעטער ברוך־יוסף, אויפגערעגט. שוין אַ צייט, ווי מען האָט ביי אים אין שטוב געלעבט פון גרייטן. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען פאַרטריבן פון זיין באַראַווקע, איז ער געזעסן פאַרמאַכט אין שטוב, נישט געגאַנגען צו עמעצן, נישט געלאָזט עמעצן אַריין צו זיך.

אין הויף, וואו ר׳ ברוך־יוסף האָט געוואוינט, האָבן די יידן די שכנים שטאַרק חשק געהאַט אַריינצוקומען צום נייעם שכן. זיי האָבן אַלץ נישט געקאָנט וויסן, וואָסערע מענטשן די „פּראָווינצער" זענען — זענען זיי רייך צי אָרעם? — דערצו איז ער געווען, ר׳ ברוך־יוסף, אַ מאָדנער. ביי אים אין פּנים איז נאָך פאַרבליבן דאָס פריצישע אָפּגעסמאַליעטע רויטקייט, וואָס עס האָבן נאָר יידן וואַלד־סוחרים גבירים. דער קאַרק איז ביי אים געווען עקשנותדיק, גלייך, אַזוי גלייך, אַז דער קאָפּ מיט דעם אָקן מיט די פּלייצעס האָבן געשאַפן איין אָפּגעהאַקטע גלייכע ליניע. דער ווייסער קראַגן איז געווען מאָדנע ווייס אַרום דעם אָפּגעסמאַליעטן־ברוינעם האַלדז; די באָרד איז געווען ביי אים געדיכט, נאָר ביי דער גאַנצער געדיכטקייט, האָט מען יעדער שוואַרץ־גרוילעכע האָר אָנגעזען באַזונדער. דערצו האָט ער נאָך געטראָגן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, און דאָס האָט די יידן פון הויף גאָר אַרויסגעשטויסן פון גלייכגעוויכט.

— אַ מאָדנער! — האָבן זיי געזאָגט, און טייל האָבן אַפילו געפּרואווט

דעם ערשטן מאָל אָנרירן מיט אַ פינגער ביים דאָשעק פון היטל, נישט קאָנענ־דיק זיך באַשליסן — אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר אים אָדער נישט ?

זיי האָבן געזוכט פאַרשידענע מיטלען, די שכנים, אַריינצוקומען צו די „פּראָווינצער", נאָר ר׳ ברוך־יוספס שטוב איז געווען אָפּגעשלאָסן.

— האַלטן פאַרמאַכט ! — האָט ר׳ ברוך־יוסף באַפוילן אין שטוב — כ׳האָב נישט ליב, אַז מ׳קוקט מיר אין טעפּל אַריין !

ער איז נישט געגאַנגען אין גאַס, נישט געגאַנגען דאַווענען אַפילו. ער האָט געדאַוונט ביחידות, ווי אין „באַראָווקע".

פון צייט צו צייט איז אַמאָל יאָ געקומען עמעצער. דאָס זענען געווען יידן שכנים פון פּולוואַרק, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די שטעטלעך און דערפער. זיי האָבן דאָ געמסחרט, די פרעמדע יידן, געקויפט וואַגאָנעס און פאַרקויפט, און זיי האָבן דווקא געוואָלט אַריינציען ר׳ ברוך־יוספן אין שותפות אַריין.

— ר׳ ברוך־יוסף — האָבן זיי זיך געבעטן — מ׳קאָן שאַרן גאָלד מיט די הענט.

נאָר ר׳ ברוך־יוסף האָט זיי געטריבן.

— קליינשטעטלדיקע חכמים ! — האָט ער געלאַכט פון זיי — זיי גייען מיך לערנען שאַרן גאָלד ! פּראָים !

די יידן האָבן פאַרביסן ברוך־יוספס זידל־ווערטער און געפּרוּווט איינ־טענהן מיט טויבעלען :

— ר׳ ברוך־יוספס ווייב — האָבן זיי געזאָגט — אייער מאַן איז אַ גולן אויף זיך אַליין ! — מענטשן ווערן גבירים !

נאָר דאָס האָט שוין ברוך־יוספן גאָר אַרויסגעבראַכט פון געדולד. אַלץ האָט ער נאָך געקאָנט מוחל זיין, נאָר נישט, אַז אַ יידענע זאָל אים זאָגן אַ דעה — און ער האָט די יידן געטריבן פון זיך.

— נעמט מיר נישט צו קיין אומזיסטע צייט ! — האָט ער געזאָגט, גלייך גאָט ווייסט, וואָס ער האָט אָזוינס צו טון.

— כ׳דאַרף נישט קיין געלט ! כ׳האָב גענוג געלט !...

בלויז צוויי מענטשן האָט ער געזען גערן ביי זיך : ר׳ כתריאל בורר, אַ גאַליציאַנער ייד, אַ „נכתב", וואָס האָט זיך „איבערגעשריבן" אויף אַ רוסישן, אַ ייד מיט אַן אַלפּאַגענער זשופּיצע מיט קעשענעס פון הינטן, מיט אַ זיידן טיכל אויפן האַלדז און מיט אַ גלייכן שכל. אָט דער ר׳ כתריאל איז אין שטעטל לעבן ר׳ ברוך־יוספס פּולוואַרק געווען אַ בורר, צו אַלע דין־תורהס האָט מען אים גענומען. נישט איינמאָל האָט אים ר׳ ברוך־יוסף אַליין אַראָפּגעבראַכט צו אַ „בוררות".

אַן אַרויסגעטריבענער, אַ הימלאָזער, האָט ער אין וואַרשע זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. קיינער האָט אים נישט געקענט. קיינער האָט נישט

גערוואוסט, וואָסער גלייכן שכל ער האָט — און ער איז אָפּט געקומען צו ר׳ ברוך־יוספן און שטיל איינגעטענהט וועגן איינער און דער זעלבער זאַך.

— וואָס איז דאָ צו רעדן, ר׳ ברוך־יוסף — האָט ער געזאָגט — דער יעקל קאַרלאָווער חלשט דעם שידוך. ער גייט אויס נאָכן מיידל אייערס... און ער איז אַן עושר, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. הערט מיינע רייד...

ר׳ ברוך־יוסף האָט אים מכבד געווען מיט וויינשל־זאַפּט, אָנגעגאָסן אים אַ גלעזל, זיך דאָס אַנדערע, און געצויגן יעדער האָר באַזונדער.

— אַוודאי — האָט ער געזאָגט — איר זענט אַלע מאָל געווען אַ ייד מיט אַ גלייכן שכל, ר׳ כתריאל. וואָס איז דאָ צו רעדן?

אויסער ר׳ כתריאלן, האָט ער געזען געזען נאָך איינעם אַ מענטש — דאָס איז געווען אים, יעקל קאַרלאָווער אַליין, וועגן וועלכן ר׳ כתריאל האָט דערציילט, אַז ער איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און אַז ער גייט אויס נאָכן מיידל.

באַלד ביים ערשטן באַגעגעניש מיט אָט־דעם יעקל קאַרלאָווער איז לערנער ענג געוואָרן אין פּעטערס שטוב. עס האָבן אים געברענט די טריט אונטער די פיס.

יעקל קאַרלאָווער איז דאָ נישט געווען קיין פרעמדער מענטש אין שטוב. ער איז געווען ביי ר׳ ברוך־יוספן אין דאָרף אַן אָפטער גאַסט. זייער אָפט פלעגט ער פאַרפאָרן מיט זיין קאַרעטקע אויף צוויי רעדער צו ברוך־יוספס פּאָלוואַרק און ווילן עטלעכע שעה.

אַז ער איז אַריינגעקומען צו ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב איצט און דערזען מיטאַמאָל לערנערן, האָט ער צו אים אויסגעשטרעקט ביידע הענט און גע־כאַפּט זיך קושן.

— זע נאָר! — האָט ער אויסגערופן מיט זיין לייכט, קוים־באַמערקבאַר, אונטערפאָנפנדיקער שטים — בנימינקע! זע נאָר זע, וואָסער יונגאַטש ער איז אויסגעוואָקסן!

נאָר לערנער איז געווען צו אים קאַלט. פון יינגלווייז אָן האָט אים לערנער נישט ליב געהאַט, נאָך פון דעמאָלט, ווען ער, לערנער, איז געווען ביים פּעטער אין באַראַווקע, און יעקל קאַרלאָווער פלעגט קומען צופאָרן.

ער האָט געהאַט אַ טבע, דער יעקל קאַרלאָווער, אַז אים, בנימינען, האָט ער קיינמאָל נישט אַרויפגענומען צו זיך אויף דער קאַרעטקע, קיינמאָל נישט. אַרויפגענומען אויף דער קאַרעטקע האָט ער נאָר גנענדלען. זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל, אַ דין מיידעלע מיט צוויי קויל־שוואַרצע צעפּלעך, פון וועלכע עס קוקט אַרויס אַ וואָרעם, פּוכיק העלדזל. און שטענדיק פלעגט ער זי אַוועקזעצן ביי זיך אויף די קני, געבן איר די גומענע בלויע לייצן אין האַנט און אַזוי פעסט זי צוגעדריקט צו זיך, אַז איר פלעגט אויספעלן אָטעם.

— ס׳גוט צו פאָרן? — האָט ער זי געפרעגט — האָסט ליב דעם פעטער יעקל? האָ? טאָ גיב אַ קוש דעם פעטער! — נאָ!

זי האָט אים נישט געוואָלט קושן, גנענדל. ער האָט געהאַט אַ געדיכט, העל בערדל, וועלכעס ער פלעגט קעמען אינדערמיט מיט אַ שרינד — און אַ טבע האָט ער געהאַט אַלע ווײַלע אַ גלעט זיך צו טון מיט דער האַנט אין בערדל, אַ גלעט אויף רעכטס און אַ גלעט אויף לינקס, אַזוי אַז דער שרינד זאָל זיין אין אָרדענונג. און נאָך פון קינדוויז אָן האָט זי אים נישט ליב געהאַט, גנענדל. איבערהויפּט האָט זי פיינט געהאַט, אַז ער פלעגט זי צודריקן צו זיך און געבן איר אַ קוש אין האַלדז. אַ גאַנצן טאָג האָט איר געשטאָכן צווישןביידע צעפּלעך פון זיין שטעכיק בערדל און וואָנסן. דערצו נאָך פלעגט בנימין מיט איר ברוגז ווערן אויף אַ גאַנצן טאָג. ער פלעגט דערנאָך נישט וועלן זיך שיפן מיט איר אויף דער לאָדקע איבערן טייכל. ער פלעגט צעשטויסן מיט די פיס אַלע געשפּרענקלטע פויגל־אייערלעך, וואָס ער פלעגט גנבענען פון די נעסטן — און אינמיטן פאָרן, פלעגט זי אָנהייבן שרייען:

— אַראָפּ! — בנימינקע, נעם מיך אַראָפּ! בנימינקע!

און בנימינקע פלעגט זיך נישט־וויסנדיק מאַכן, נישט ענטפערן. שפּעטער־צו, אַז גנענדל איז שוין עלטער געוואָרן און געלערנט זיך ביי לערערס, וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט קיין באַראַווקע, איז יעקל קאַרלאָווער געקומען מיט מתנות. ער האָט געבראַכט טעוועלעך שאָקאָלאַד, פאַרנויגט זיך האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו רעדן צו איר, אויף „דו" אָדער „איר" און ער האָט גערעדט מיט אַ סך פּוילישע און דייטשישע ווערטער געמישט — ער האָט זי גאָר אָנגעהויבן רופן „גוטשאַ".

— פּאַננאַ גוטשאַ — האָט ער געזאָגט — בין איך געווען אין לובלין אין אַ טעאַטער, איז עס געווען אַ „צאַש..." פּאַננאַ גוטשאַ מעג עס הערן...

און ער האָט איבערדערציילט מיט גרויס גענויקייט דעם גאַנצן אינהאַלט פון לובלינער טעאַטער־שטיק. נאָכגעמאַכט אַלע באַוועגונגען און מימיק.

ר׳ ברוך־יוסף פלעגט פון אים לאַכן. ער פלעגט חוזק מאַכן פון זיין לייכטער, פאַנפעוואַטער אויסשפּראַך און געמאַכטע פּריצישע מאַניערן.

— יענקעלע פאַנפאַטש! — האָט ער געחוזקט — ער קאָן אַוודאי מיינען, אַז ער רעדט פּריציש אונטער דער נאָז, דער פאַנפאַטש!

און ער האָט אָנגעזאָגט גנענדלען, זי זאָל ביי אים נישט נעמען קיין שאָקאָלאַד.

דאָ אין וואַרשע, האָט יעקל קאַרלאָווער צוריק אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב, און ר׳ ברוך־יוסף האָט אים גוט אויפגענומען. ער האָט אים שוין איצט נישט גערופן „יעקעלע", נאָר ביים פולן נאָמען, יעקב, און גערעדט מיט אים האָט ער, ווי מיט אַ בכבודיקן, אָנגעזעענעם מענטש:

— ווי האַלט עס מיט פּאַניען? — האָט ער אים געפרעגט — דו קומסט זיך דאָך צונויף מיט גרויסע לייט, וואָס זאָגן זיי?

ער איז זיך איצט טאַקע צונויפגעקומען מיט גרויסע לייט, דער יעקל. אים האָט מען אַרויסגעטריבן פון זיין דאָרף גלייך מיט ר׳ ברוך־יוספן. נאָר אַזוי ווי ער איז אַהערגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער גלייך אָנגעהויבן מאַכן געשעפטן. ער איז געוואָרן אַ „פּאָדראַטשיק” אין דער אַרמיי און געמאַכט גאָלד. ער האָט געאַרבעט „סאַמסאָנאָווקעס”, גאַנצע וואַגאָנעס הענטשקעס פאַר סאַמסאָנאָווס אַרמיי, וואָס איז שוין לאַנג געווען פאַרפוילט אין די מאַזורער זומפּן. דורך דער צייט איז ער אויך געוואָרן אַן אַלמן. זיין קרענקלעך ווייב איז ביים אַנטלויפן פון דאָרף געשטאָרבן — און יעקל קאַרלאָווער האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פּראַנטעווען. ער האָט זיך אָנגעטון אין די שענסטע קאָסטיומען; ער האָט געטראָגן זיידענע וועש, און דאָס העלע בערדל מיטן שרינד איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

ער איז אויך איצט געוואָרן דרייסטער. ער האָט אָפט געמוזט הוליען מיט די אינטענדאַנט־אָפיצירן, קומען אין גרויסע רעסטאָראַנען, פאָרן אין אויטאָמאָבילן. פון זיי האָט ער זיך אַ סך וויצן אויסגעלערנט, אַ סך חכמות. ער האָט אויך געהאַט דערפאַלג אין אויפגעקומענע שטובן. די מיידלעך האָבן זיך געקלעפּט צו אים, מיט ליבשאַפט גענומען ביי אים שאָקאָלאַד, אָנגעבאָטן זיך פירן אין טעאַטער, און ער האָט זיך געהאַלטן פעסטער ביי ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב.

— וואָס וועט איר זיצן אין שטוב, „מאָיע פּאַנסטוואָ”? — האָט ער געזאָגט צו גנענדלען און לערנערן — קומט בעסער שפּאַצירן. איך וועל פונדעווען אַ „גומע” מיט אַ פּאָר פערד, קומט.

ער האָט געוואָלט גוט לעבן מיט לערנערן. ער האָט אים אַפילו פאַר־געלייגט אַ פּאָסטן ביי זיך.

— זאָל דאָס מיר צוקומען, וואָס דיר וועט אָפּקומען ביי מיר — האָט ער געטענהט.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן און געזאָגט אויפן אויער:

— און וואָס שייך פּאָליציע — לאָך פון זיי! זיי זענען אַלע ביי מיר אין דער האַנט. נישט אמת, ר׳ ברוך־יוסף?

און ער האָט געוויזן אַ פאַרמאַכטע האַנט, וואו די פּאָליציע ליגט ביי אים.

גנענדל מיט לערנערן האָבן געשוויגן, נישט אָנגענומען יעקל קאַרלאָ־ווערס מתנות, נישט זיינע פּאָסטנס — און ר׳ ברוך־יוסף איז געווען בייז.

יעקל קאַרלאָווער האָט גערעדט וועגן דער זאַך אָפן — ער האָט אָפט געזען זיך מיט ר׳ כתריאל בורר, מכבד געווען אים מיט גוטע פּאַפּיראָסן פון זיין גילדענעם פּאָרטסיגאַר, געגעבן אים געלט אויף דראָשקעס, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ כתריאל גייט צופוס, און אים אָנגעזאָגט:

— פּאַרט־זשע צו, ר׳ כתריאל, און זאָגט זיי, אַז אין מלחמה־צייט וואַרפט מען זיך נישט אַפילו מיט קיין אלמן. איך בין נישט קיין פאַרפוילט עפּעלע...

אַפילו מיט אים, ר׳ ברוך־יוספן אַליין, האָט יעקל קאַרלאָווער אָנגערופן די זאַך ביים נאָמען.

— ר׳ ברוך־יוסף — האָט ער אים געזאָגט — איך בין אַן עין־הרע אַ גביר. איר ווייסט, ווי איך האַלט בכבוד אייער הויז, און איך וואָלט נאָך וועלן מיר זאָלן „מערטשעם" גראָבן טאָרף ביי אייך אין באָראָווקע צוזאַמען...

דאָס גראָבן טאָרף אין „באָראָווקע" איז געווען ר׳ ברוך־יוספס לעצטער פּלאַן. נאָר דערמיט, האָט ער געגלויבט, וועט ער זיך ראַטעווען און צו דעם האָט ער געמוזט האָבן דעם שידוך מיט יעקל קאַרלאָווער.

ער איז בכלל געווען אַ ייד מיט פּלענער, ר׳ ברוך־יוסף.

זינט ער האָט געלעבט, האָט ער געהאַט פּלענער. גרויסע פּלענער ווי אַזוי שטאַרק רייך צו ווערן. נאָר דערצו איז ער געווען אַ געפערלעכער עקשן, אַ מענטש מיט אַ טבע צו טון פּונקט קאַפּויער, ווי אַלע זאָגן, און אים איז געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ.

פאַר די לעצטע יאָרן, זינט ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער די ירושה, האָט ער מיט זיינע פּלענער אַ סך געלט צעטרענצלט.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געווען אַ ייד אַ גביר, ר׳ ברוך־יוסף. לעבן דער קהירישער גרענעץ איז אים געפאַלן אַ ירושה אַ פולוואַרק, אַ גרויס פולוואַרק מיט עטלעכע הונדערט „מאָרג" ערד, מיט אַ סך בוראַקעס־פעלדער, וואָס ווערן פאַרזייט פאַר די נאָענטע צוקער־פאַבריקן, מיט אַן אייגן שטיקל וואַלד, מיט היפּשע שטאַלן און מיט אַן אייגענער לעדער־געבעטער בריטשקע און צוויי פערד, וואָס ווייסן שוין אַליין אַלע וועגן אין שטאָט צו אַלע אַדוואָ־קאַטן, געריכטן און „קאָמאָרניקעס".

נאָר ער האָט דערפון אַ תל געמאַכט מיט זיינע פּלענער.

אין אָנהויב איז עס געגאַנגען ביי אים אַזוי: אַנשטאָט אַכטונג געבן, אַז די בוראַקעס זאָלן ווערן צוגעשטעלט אין די צוקער־פאַבריקן; אַנשטאָט פירן היי צו די נאָענטע קאַזאַרמעס, מיט וועלכע עס זענען פול געווען די גרענעץ־שטעט; אַנשטאָט פירן קאַרטאָפל אין גאָרזשעלניעס, האָט ער זיך גאָר גענומען, ר׳ ברוך־יוסף, צו נייע סיסטעמען; האָט ער זיך גענומען האָדעווען עופות און מיסטיקן די פעלדער מיט קינסטלעך מיסט, ווי עס טוען די פאַר־מערס אין אַמעריקע און די קאָלאָניסטן אין דייטשלאַנד.

ער איז געווען אַ ייד אַ שטיקל קענער, ר׳ ברוך־יוסף, געהאַלטן פון זיך אַן עולם־ומלואו. ביי אים אין דאָרף זענען שטענדיק אָנגעקומען צייטונגען און זשורנאַלן. נאָר דער עיקר האָט ער געהאַלטן פון דייטשע קאַלענדאַרן, פון די פאַרעלטערטע, דיקע קאַלענדאַרן, וואָס ווייסן פון אַלץ אין דער וועלט, פון מעדיצין ביז אַסטראָנאָמיע, פון בוכהאַלטעריע ביז לאַנדווירטשאַפט, און

מער פון אַלץ האָבן זײ „פּראַקטישע“ אָנװײַזונגען, אָנװײַזונגען װי אַזױ צו שיקן אַן אונטערטעניקסטע ביטע צו דעם קײסער און װי צו הײלן בײַ פֿערד אַ פֿאַרדאַרבענעם מאָגן, אָנװײַזונגען װי אַזױ צו האָדעװען פֿיש און אָנװײַזונגען װי אַזױ צו מיסטיקן פֿעלדער און שערן שאָף...

ר׳ ברוך־יוסף האָט געהאַלטן פֿון די קאַלענדאַרן נישט װײניקער װי פֿון זיך אַלײן. ער האָט בכלל געהאַלטן פֿון אױסלאַנד, פֿון אַלץ, װאָס שטאַמט פֿון דאָרטן — און מיטאַמאָל איז ער אַװעק קײן דאַנציג און געבראַכט גאַנצע פּעק אײַנגעפּרעסטע מיסט...

די פּױערן, די „פּאַראַבקעס“ זײַנע האָבן געקװעטשט מיט די פּלײצעס, נעמענדיק דאָס מאָדנע מיסט אין די הענט אַרײַן.

— „יאַשניע פּאַניע“ — האָבן זײ געזאָגט, נאָך אײדער זײ האָבן געפּרוּװט

— ס׳װעט נישט װאַקסן...

ר׳ ברוך־יוסף האָט געלאַכט פֿון זײ:

— כאַמסקע קעפּ — האָט ער געענטפֿערט — נישט אײַער זאַך צו טראַכטן. טוט, װאָס מ׳הײסט...

די פּױערן האָבן געטון, װאָס מ׳האָט געהײסן, נאָר געװאַקסן איז נישט. די פֿעלדער זענען געבליבן נאַקעט, הױל, װאָר־נישט־װאו האָט אַרױסגע־זעצט אַ זאַנג, אַ דאַרע, פֿאַריתומטע זאַנג, שאָקלענדיק מיטן הױלן קאָפּ אױף דער פּוסטקײט אַרום זיך... ערשט שפּעטער האָט זיך ר׳ ברוך־יוסף געכאַפּט, אַז ער האָט שלעכט געלערנט, װי אַזױ זיך צו באַגײן דערמיט, נאָר ס׳איז שױן געװען צו שפּעט.

מ׳האָט געלאַכט פֿון אים, באַקאַנטע גױים זענען דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ די נאַקעטע פֿעלדער און געשאָקלט מיט די קעפּ.

— גאָטס שטראָף. פּױלישע ערד האָט פֿײַנט „שװאָבסקע“ קונצן. זי איז באַלײדיקט, די הײליקע ערד, גיט זי נישט איר גאָב.

יידן שכנים האָבן געגעסן די לעבער.

— ר׳ ברוך־יוסף — האָבן זײ געפֿרעגט תמעװאַטע — װען נעמט איר זיך שױן צום שניט?...

איז ר׳ ברוך־יוסף אַרײַן אין כעס און נאָכמער געװאָרן פֿאַרביסן, נאָכמער צו־להכעיסדיק.

— פּראַים — האָט ער געזאָגט — חמורים, איר װעט נאָך זען, װאָס איך װעל דאָ מאַכן פֿון דער ערד... די היטלען װעט איר מוזן אַראָפּנעמען.

צו־להכעיס אַלע, האָט ער אַראָפּגעבראַכט סטאָלאַרעס צו זיך און גע־הײסן מאַכן ראַמען אױף צו פֿאַרזעצן שפּעקטן. ער האָט אַראָפּגעבראַכט גלעזערס, אַרײַנגעשטעלט שױבן; ער איז גאַנצע טעג געלעגן אין גאָרטן אַרומגערינגלט פֿון הונדערטער פּודעלעך, פֿלעשעלעך, סלאָיקלעך און גלע־

זעלעך, פול מיט מאָדנע זוימען, פילן און פראָשקעס... ער האָט געקוקט אין בוך, קאָמאַנדעוועט מיט די פּאַראָבקעס:

— הונדערט גראַם שיטערלעך... פופציק גראַם טיפער אין דער ערד... די מומע טויבעלע האָט געוויינט:

— ברוך־יוסף, מ׳האָט געשיקט פון דער צוקער־פאַבריק נאָך די בוראַקעס... ברוך־יוסף, ס׳וועט נישט וואַקסן. וועסט זען מיינע רייד...

נאָר ברוך־יוסף האָט אַזאַ בליק געטון אויף איר, אַז זי האָט פאַרענדיקט אירע רייד אין פאַרטעך אַריין. אַ גאַנצן ווינטער איז ר׳ ברוך־יוסף אַרומגעגאַנגען די שפּעקטן. ער האָט געהייסן אָנציינדן פייערן, זיי זאָלן זיך וואַרעמען, געהייסן אַרומשיטן, אַרומגראָבן, נאָר אָנשטאָט אוגערקעלעך, מייערן, ציבעלעס, קאַליפיאָרן, איטאַליעניש קרויט און פּאָמידאָרן, זענען אויסגעוואַקסן שיטערע קרייטעכצער, עפּעס קרענקלעכע שפּראָצונגען מיט רויטע פינטלעך, ווי קרעץ...

ר׳ ברוך־יוסף האָט אַלץ געפּאָרשט די ביכער, געפּרוווט דערגיין דעם שכל, הלמאי ס׳וואַקסט נישט — נאָר דערווייל האָבן די דינסטן און „פּאַראָבטשיכעס" אָנגעהויבן שיטן מיסט אויף די גלעזערנע ראַמען, גיסן אומריין וואַסער; די „פּאַראָבקעס" קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן שפּילן אין „יאַגעלעך", באַהאַלטנדיק זיך אין די שפּעקטן אַריין, און די יידן די שכנים האָבן נישט אויפגעהערט קומען צו־גאַסט צו ר׳ ברוך־יוספן:

— איז וואָס־זשע, ר׳ ברוך־יוסף — האָבן זיי תמעוואַטע געפרעגט — וועט איר אונדז טאַקע מכבד זיין מיט אַ פרישן אוגערקעלע, אַ ציבולקעלע אַ יונגס, אָדער אפשר גאָר אַ ראש־חודש רעטעכל, האַ?

נישט שפּעטער, ווי אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָט ר׳ ברוך־יוסף, אַלע צו־להכעיס, אָנגעהויבן האָדעווען אינדיקעס און אויסלענדישע הינער, מאָדנע הינער מיט אָנגעבלאָזענע פעדערן, מיט קאָלירטע, פעדערנע מייטקעס אויף די פיס און מיט נאַקעטע קעפּלעך.

פון אַלע דערפער איז מען געקומען קוקן אויף חידוש.

— אָליאַ באָגאַ — האָבן זיך גויים געצלמט — מאָדנע הינער, ווי שדים זעען זיי אויס...

— און וואָסערע נאַקעטע קעפּ זיי האָבן — האָבן די גויעס אַריינגעוואָרפן — אינגאַנצן ווי ביים גלח פון דער „פּאַראַפיע"...

שקצימלעך און שיקסלעך זענען געשטאַנען אַרום די פּלויטן, געררייצט די אינדיקעס, די הינער, געבלאָזן זיך, געקרייעט, געפּייפט. האָבן די עופות נישט געשוויגן און נאָך מער געקאַראַדאַטשעט און געקוואַקעט. אין שטוב האָט מען זיך געהאַלטן ביי די קעפּ.

— ברוך־יוסף — האָט טויבעלע געקלאָגט — כ׳האָב דאָך שוין וואָסער אין די אויערן.

נאָר ברוך־יוסף האָט נישט געוואָלט הערן. ער איז געווען זיכער, אַז זיי, די עופות, וועלן אים ראַטעווען פון אַלץ; ער איז געווען זיכער, אַז די אַרומיקע פּריצים וועלן אים פּשוט אָפּגילטן פאַר די עופות. ער האָט זיי געהייסן וואַשן, זייפן די פיס, קעמען די פעדערן, האַלטן זיי אין דער וואַרעם, נאָר די עופות האָבן נישט געקאָנט צוגעוואוינען זיך צום קלימאַט און אָנגעהויבן פאַלן. צום ערשט האָבן די אָנגעבלאָזענע הינער פאַרדרייט די קעפּלעך, די פיסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן ביי זיי ענדערן פון רויט אויף ברוין־און־בלוי און אָוועקגעלייגט זיך אַזוי שטיל, אָן אַ פּיפּס אַפילו. נאָך זיי האָבן אָנגעהויבן מיטגיין די אינדיקעס.

עטלעכע וואָכן צייט האָבן די „פּאַראַבקעס" געלעבט פון די טויטע עופות, נאָר אַז די עופות זיינען אויסגעגאַנגען און קיין קאַרטאָפל זענען אויך מער נישט געווען, האָבן די יונגע פּאַראַבקעס אָנגעהויבן אָוועקגיין, זוכנדיק זיך אַנדערע ערטער. די עלטערע זענען געזעסן הונגעריקע, בייזע און געוואָרפן פאַר כעס שטיינער אין די שויבן פון די שפּעקטן.

ר' ברוך־יוסף האָט נאָך געהאָט אַ מיטל ווי אַזוי צוריק רייך צו ווערן. ער האָט געגלייבט, אַז ביי אים אין פּולוואַרק דאַרף זיין טאָרף, און ער האָט פאַר די לעצטע געלטער געבראַכט אינזשינירן און אָנגעהויבן גראָבן. נאָר דערוויל איז אויסגעבראָכן די מלחמה, די עסטרייכישע סאָלדאַטן זענען אַריין, צוריק אַרויס, און דערנאָך זענען גאָר אָנגעקומען צווייי קאָזאַקן מיט אַן אָפיציר און אין פיר־און־צוואַנציק שעה געהייסן פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

— און קיין איין פערד און קו נישט מיטנעמען — האָבן זיי באַפוילן און געפאָכעט מיט די נאַהייקעס אין דער לופט — געדענקט!

אין וואַרשע האָט ר' ברוך־יוסף נאָך איין געשעפט געמאַכט, און ווידער לויט דער עצה פון אַ צייטונג. עפּעס האָט ער געלייענט אין אַ צייטונג אַן אַנאָנס, אַז אַ פאַבריקאַנט, וואָס פאָרט אַוועק קיין רוסלאַנד, פאַרקויפט פאַר שפּאָט־ביליק מאַשינען צו קראַצן וואָל, צו וויקלען קונסט־זייד. דער אַנאָנס האָט פאַרזיכערט, אַז די מאַשינען דאַרפן ברענגען אַמווייניקסטנס עטלעכע טויזנט רובל אַ יאָר. דערצו האָבן זיך נאָך צוגעשאַרט צו ר' ברוך־יוספן אַ גאַנצע כאָפּטע מעקלערס און מעקלערלעך און אים אָפּגעשלאָגן די שוועלן.

— עס איז דען אַ פּרנסה? — האָבן זיי געטענהט — ס'איז אַ גרוב, אַ שמאַלץ־גרוב...

נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די מאַשינען מיט די פעטע רעדלעך און טעמפּע ציין זענען אַלטמאָדיש, צעבראָכן, אַז עס פעלט אין זיי טיילן, וואָס מען קריגט זיי דאָ גאָרנישט און וואָס דאַרפן קאָסטן מער וויפל די גאַנצע מאַשינען.

אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס מ'האָט אַ טייל מאַשינען געמוזט נעמען אַהיים. זיי האָבן פאַרנומען אַ האַלבע וואוינונג און אַלע מאָל

האָט זיך עמעץ אַנדערש פאַרטשעפּעט אין זיי, דאָ מיט אַ פּאָלע, באַלד מיט אַ טיכל.

טויבעלע האָט געשוויגן. נאָר יעדער מאָל, אַז זי האָט עפּעס פאַרטשעפּעט אין דער מאַשין און געמאַכט אַ געוואַלד־ריס, איז זי צוגעגאַנגען צו ברוך־יוספן און, ווייזנדיק אים דעם ריס אין די סאַמע פענסנע אַריין, האָט זי שטיל געזאָגט:

— נאַ דיר — ריוח, נאַ!

די לעצטע געלטער האָבן זיך געגליטשט פון טייסטער אַרויס. אַלע טאָג איז ער, דער דיקער טייסטער, געוואָרן דינער און דינער. די מאַשינען זענען געשטאַנען ווי פּגרים אין מגפה־צייט, ווען אַפילו דער קברן קומט נישט צונעמען — און ר׳ ברוך־יוסף איז געוואָרן נאָך שוויגנדיקער, פאַרביסענער און בייזער ווי שטענדיק און אַנגעהויבן ליגן גאַנצע טעג אויף דער סאָפקע. ער האָט איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער „הצפירה״, עס זאָל הייסן אַז ער גייט נישט קיין יאַרמעלקע, אַז ער ליגט נישט אין בלויזן קאָפּ — און זיין קאָפּ האָט געאַרבעט.

— „טאָרף״ — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין — „טאָרף״.

דאָס גראָבן טאָרף אין זיין באַראַווקע, ווי נאָר מען וועט קאָנען אַהין צוריקפאָרן, האָט פאַרנומען זיין גאַנצן געדאַנק. ער האָט נישט אויפגעהערט דערפון טראַכטן אַ ווײַלע אַפילו.

יעקל קאַרלאָווער האָט נישט געגלויבט שטאַרק אין ר׳ ברוך־יוספס טאָרף. אמת, אַז אין באַראַווקע זענען געווען אַ סך זומפּן, אָבער קיין טאָרף האָט זיך נישט געוויזן — און יעקל קאַרלאָווער איז אַ מענטש, וואָס האָט פיינט אַרבעטן אויף פאַנטאַזיעס. ער זוכט בעסערע, קוראַנטערע געשעפטן — נאָר ער האָט דעם טאָרף אויסגענוצט. מיט קיין זאַך, האָט ער געוווּסט, וועט ער נישט אַזוי נושא־חן זיין ביי ר׳ ברוך־יוספן, ווי מיט דעם „טאָרף״ זיינעם.

— ר׳ ברוך־יוסף — האָט ער אים געזאָגט — מען רייסט מיר אָפּ די פּאָלעס, נאָר קיין זאַך גייט מיר נישט איין — איך וויל זיין מיט אייך, גראָבן טאָרף צוזאַמען...

און ר׳ ברוך־יוסף האָט געקוקט מיט שטרענגע אויגן אויף זיין ברודערן־זון בנימין:

— דער רוח האָט אים אַנגעטראָגן, דעם זעלנערוק — האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, געברומט זיך אַליין אין דער באָרד אַריין.

דער זעלנערוק איז אים שלעכט אונטערגעקומען, ר׳ ברוך־יוספן. ער האָט געוווּסט, אַז נאָך פון קינדווייז אָן, זינט בנימין איז געוואָרן אַ יתום און איבערגעגאַנגען צו אים אין באַראַווקע, האָט ער זיך צופיל געחברט מיט איר, גנענדלען, און צוליב דעם קיינמאָל נישט גוט געלערנט. ער האָט געוווּסט, אַז גנענדל וועט פון קיינעם נישט ווערן הערן. ער האָט געזען, ווי

זינט ער איז געקומען, דער זעלנערוק, איז זי געוואָרן, גנענדל, נישט צו דערקענען — נאָר ער האָט זיך דערפֿון ווייניק געמאַכט.

— „ליבע" האָט ער זיך געברומט אין דער באָרד אַריין און אַ שפּאַסי־שער שמייכל האָט צעצויגן זיין געבויגענע אָדלער־נאָז — לי—בע!...

ער איז נישט געווען אַזאַ פֿרומער. פֿאַרקערט, ער האָט אַליין אין דאָרף ביי זיך נישט איינמאָל געהאַט עסקים מיט די פֿאַראַבטשיכעס, און אַמאָל אין דער יוגנט נאָך האָט ער געשפּילט אַ ליבע מיט אַ מיידל אויך. נאָר פֿונדעסטוועגן האָט ער חוזק געמאַכט. צופֿיל האָט ער געהאַלטן פֿון זיך, ר' ברוך־יוסף, ער זאָל זיך רעכענען מיט זיינס אַ מיידל דאָרטן.

— גנענדל מיט דער ליבע — האָט ער חוזק געמאַכט.

אויסער גנענדלען, האָט ער געוואוסט, אַז אים שטייט פֿאַר נאָך אַן עסק מיטן ווייב, מיט טויבעלען.

אויך זי איז געווען אויף די „קינדערס" זייט. זי האָט געקאָנט גנענדלען, געוואוסט, אַז זי איז אַן עקשנטע, פּונקט ווי דער טאַטע אירער, און זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון קיין זאַך וועט גאָרנישט אַרויסקומען. איבעריקנס האָט זי שטאַרק געהאַלטן פֿון יחוס. זי האָט נאָך געקענט יעקל קאַרלאָווער פֿון דערהיים, געקענט דעם טאַטן זיינעם, „גדליה ווידל", אַ דאָרפֿס־ייִד, וואָס פֿלעגט פֿירן בהמות אין שטאָט אַריין, און געפֿירט האָט ער זיי שטענדיק ביים ווידל. מען האָט אים טאַקע גערופֿן, יעקלען, מיט נישט קיין שיינעם נאָמען — „יעקל גדליה ווידלס" — האָט מען אים גערופֿן. בנימין ווידער איז פֿון דער מוטערס זייט געווען אַ „ריזשינער", אַן אור־אור־אייניקל פֿון ריזשינערס הויף. ייִנגלוויז אין דאָרף האָט ער געלערנט ביי גוטע מלמדים, שפּעטער איז ער אַוועק קיין וואַרשע און אַליין געלערנט ביז אַכט קלאַסן — און זי איז געווען אויף די קינדערס זייט.

— ברוך־יוסף, די קינדער האָבן זיך ליב — האָט זי געזאָגט — ברוך־יוסף, געדענק.

נאָר דערפֿון האָט זיך ר' ברוך־יוסף נאָך ווינציקער געמאַכט. דעם ערגסטן פּנים האָט ביי אים געהאַט אַ ייִדענע. נאָך ביי זיך אין באַראַווקע פֿלעגט ער בונטעווען די פֿאַראַבקעס קעגן זייערע ווייבער:

— פֿאַר אַ „באַבע" אַ שטריק — האָט ער געזאָגט — נאָר אַ שטריק!

און ער האָט זיך אויף איר אָנגעבייזערט יעדער מאָל, וואָס זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז די קינדער האָבן זיך ליב:

— ליב, שמיב! — האָט ער געענטפֿערט — כ'האָב פֿיינט ווייבערישע תחינות!

פֿאַר דעם איינציקן, פֿאַר וועמען ער איז געווען נישט רואיק, איז געווען בנימין. און ער האָט זיך געגרייט צו מלחמה.

ער האָט זיך געריכט אויף אַ שווערער מלחמה. ער האָט געדענקט

בנימינען נאָך פון יינגלווייז, ווען ער איז געווען ביי אים. ער האָט געוואוסט, וואָסער ביטערער עקשן ער איז, אַן עקשן ווי אַלע לערנערס. פון שטענדיק אָן האָט ער געפירט מיט אים מחלוקת. און קיינמאָל האָט ער, בנימין, נישט געוואָלט נאָכגעבן און אויסגעפירט זיינס. ר׳ ברוך־יוסף האָט גוט געדענקט, ווי איינמאָל איז בנימין אַפילו אַנטלאָפן אין ווינטער פון שטוב דערפאַר, וואָס דער פעטער האָט אים געהייסן צווישן מענטשן זיך אַפּווישן די נאָז, כאָטש די נאָז איז געווען ביי אים ריין. ער איז דעמאָלט אַוועק אַליין אין וואָלד אין אַ פראָסטיקער נאַכט, אַזוי, אַז צומאָרגנס האָבן אים פויערן געבראַכט אויף אַ שליטן קוים אַ לעבעדיקן.

אויך שפּעטער איז ער, בנימין, אַוועק קיין וואַרשע קעגן פעטערס ווילן. דער פעטער האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר קאַסירער אין וואַלד, נאָר בנימין האָט בעסער געוואָלט זיך לערנען. און ער איז אַוועק אָן אַ גראָשן קיין וואַרשע, אויסגעהאַלטן זיך יאָרן, און יעדער מאָל, וואָס ברוך־יוסף האָט אים געשיקט געלט־בריוו, האָט ער עס אים צוריקגעשיקט, נישט עפענענדיק אַפילו דעם קאָנווערט.

אַפילו צו די זעלנער איז ער אַוועק קעגן פעטערס ווילן. דער פעטער האָט גוט געקענט די דאָקטוירים און פאַר געלט האָט מען אים געוואָלט באַפרייען, נאָר ער איז אַליין אַוועק אין שטאָט, און צוזאַמען מיט אַלע שקאָצים פון די דערפער, מיט דעם קעסטל אויף די פּלייצעס, אַוועק אין אַ ווייטער רוסישער געגנט, אַוועק ווי אַ פּראָסטער זעלנער, כאָטש אים האָט געפעלט אַ קלייניקייט צו פאַרענדיקן די אַכט קלאַסן און אַוועק ווי אַ מיוחס אַ פריי־וויליקער.

און ר׳ ברוך־יוסף האָט זיך פעסט געגרייט צו מלחמה.

די מלחמה האָט אים הנאה געטון. וויפל ער האָט באַגערט, עס זאָל שוין נעמען אַ סוף מיט דעם יעקל קאַרלאָווער און דערנאָך נעמען זיך צום טאַרף, האָט אים פאַרשמעקט אַנצוהייבן אַ קריג מיט בנימינען.

— עס וועט אָנטרעפן אַ מעסער אויף אַ שטיין — האָט ער געטראַכט.

ער האָט שוין מיט צופרידנקייט געגלעט זיך יעדער האָר באַזונדער פון זיין שוואַרץ־גרוילעכער באָרד, געלאָזט זיך פילן אין שטוב, אַז ער איז באַלעבאָס. ווי שטיל עס האָבן נישט גערעדט צווישן זיך גנענדל מיט בנימינען אין אַלקערל, האָט ער געפּאַטשט אין די הענט:

— וואָס איז? מען וועט שוין מיך גאָרנישט לאָזן דרימלען אויך?

און מיט בנימינען אַליין האָט ער גאָרנישט גערעדט. אַמאָל נאָר האָט ער אים געגעבן אַ פרעג:

— נו, ווי גייען עפּעס דיינע געשעפטן, הע?

דאָס וואָרט געשעפטן האָט ער שטאַרק אונטערגעשטראָכן, צעצויגן עס. ר׳ ברוך־יוסף האָט געוואַרט. ער האָט געמאַכט דעם ערשטן אָנגריף, געוואַרט

אויף בנימינס ענטפער. נאָר בנימין האָט געשוויגן. מיט קיין וואָרט נישט אָפּגעענטפערט. ער האָט זיך נישט געגרייט צו מלחמה.

ווי אַלעמאָל, האָט אין אים דערוואַכט הפקרות מיט אויסגערעכנטקייט צוזאַמען, און ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וועלכעס וועט זיגן. אָבער ווי יעדער געזונטער מענטש האָט ער פריער אָפּגעשאַצט זיינע כוחות, איידער ער איז אַרויס אין קריג. און ער האָט זיך נישט גענאַרט.

פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען זיין גאַנץ לעבן. די פאַרגאַנגענהייט ווי די קעגנוואַרט. פריער אַ יתום ביים פעטער אין באַראַווקע, יינגלערישע יאָרן פון אַרומלויפן, שלאָגן זיך מיט שקאָצים, פירן ברוגזן מיטן פעטער און אָפּטון שפיצלעך די דאָרפישע מלמדים, וואָס מאַטערן אים מיט אַזעלכע פרעמדע דינים און תורהס. דערנאָך וואַרשע. טעג פון הונגער, שלאָפן אויף די בענק אין די אַלייען, חזרן זיך לאַטיין און געשיכטע, און דערנאָך נאַרישע זעלנערישע יאָרן, אָפּטע באַשטראָפונגען, און צום סוף, פאַרן אַוועקגיין אויף דער פריי — ניין חדשים פּראָנט.

אַט דאָס האָט ער געהאַט הינטער זיך, אויסער אַן איינציקן קאָסטיום, געקויפט פאַרן פעטערס געלט, און מעגלעכקייט אַרעסטירט צו ווערן אַלס דעזערטיר און אָפּגעשיקט ווערן אויף דער ערשטער ליניע אָדער גאָר גלייך אויף יענער וועלט. ער האָט נישט בדעה געהאַט דעם פעטערס שטוב אַריינ־צוציען אין אייגענעם אומגליק. און ער האָט אויף דעם פעטערס שטעד־ווערטלעך נישט געענטפערט.

מיט יעדן טאָג איז אים אַלץ געוואָרן ענגער אין קליינעם אַלקערל. די ווייסע, אויסגעקאַלכטע ווענט האָבן אים געדריקט, מער געדריקט ווי די פייכטע, ערדישע ווענט פון די שוץ־גראָבנס. פּונקט ווי אין די ערשטע עטלעכע טעג איז אים די רואיקייט אין שטוב געווען גוט, אַנגענעם, אַזוי האָט אים די רואיקייט איצט געררייצט, דענערווירט און געקלונגען אין די אויערן מיט די טויזנטער שטומע קלאַנגען, מיט וועלכע די שטילקייט איז אַזוי פול. ער האָט געפּרואווט זיך פאַרנעמען מיט לייענען. אין פעטערס ספרים־שאַנק זענען, צוזאַמען מיט די שווער־געבונדענע ווילנער ש״סן און בייכיקע שולחן־ערוכס, געשטאַנען אַ סך ביכלעך מיט גאָלדענע רוקנס און מיט גאָטישע אויפשריפטן. לערנער האָט געלייענט, וואָס אים איז געקומען אונטער דער האַנט: קולטור־געשיכטע און פאַמיליען־ראָמאַנען, גריכישע טראַגעדיעס און ליבּרעטאָס צו אָפּערעס. נאָר אַלץ איז אים מיאוס געוואָרן נאָך איידער ער האָט רעכט אַריינגעקוקט. מאָדנע פרעמד האָבן אים אויסגעזען די גלאַטע, ווייסע בלעטלעך, מאָדנע נאַריש האָבן ביי אים אַ פּנים געהאַט די סימעטריש־אויסגעשטעלטע גאָטישע בוכשטאַבן.

ער האָט זיך גענומען צו שטודירן די צייטונגען. תחילת האָט עס אים נאָך פאַרנומען אַ ביסל. דער גאַנצער שטח אַרום גאַליציען, לעבן טייך „סאַן״,

איז אים געווען אייגן. אַט די אַלע שטעטלעך, דערפלעך און טייכלעך, וואָס האָבן אַזוי פּוסט געקלונגען אין די אויערן פון אַנדערע, זענען אים געווען נאָענט, שטיקער פון זיין לעבן: אַט דאָ איז ער געשלאָפן אַ נאַכט, דאָרט געלעגן אין די גרובן, ווייטער גערוט, נאָך ווייטער באַגעגנט זיך מיט אַ מיידל און פאַרבראַכט. אָבער נאָך עטלעכע טעג האָבן אים אויך די צייטונגען אויפגעהערט אינטערעסירן. די באַריכטן פון יעדן טאָג זענען געווען אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן ווי צוויי טראָפּן וואַסער. עפּעס האָט מען זיך גערוקט און גערוקט און געשטאַנען אויף אַן אָרט. אויסער די באַריכטן זענען די צייטונגען געווען פול מיט לאַנגווייליקע העלדישע געשיכטעס פון קאָזאַקן, וואָס האָבן מיט איינמאָל צענדליקער דייטשן דערשטאָכן, מיט געפונענע שפּיאָנען און מיט באַפעלן, אַן אַ שיעור באַפעלן און מאָביליזאַציעס, מאָביליזאַציעס פון פערד, מאָביליזאַציעס פון מעדיקער, מאָביליזאַציעס פון אויטאָמאָבילן און מאָביליזאַציעס פון מענטשן. נישט ווייניק פּלאַץ האָבן פאַרנומען די ידיעות וועגן טויט־שטראָף: טויט־שטראָף פאַר שפּיאָנאַזש און טויט־שטראָף פאַר דעזערטירן. און לערנערן זענען אַזוי מיאוס געוואָרן די צייטונגען, אַז ער האָט נישט געקאָנט קוקן אויף זיי.

אַז די מומע פלעגט אים אַמאָל אונטערלייגן אַ צייטונג אויף אַ טישל, האָט עס אים אויפגעבראַכט. די שעה'ן האָבן זיך ווידער געצויגן, געגנאַגט און געמאָנט. איבערהויפּט אין די נעכט.

דעם פעטערס שטוב איז געווען אַ שטילע, אַן אומעטיקע, אַן אַלטע, איינע פון די וואוינונגען אין די וואַרשעווער אַלטע מויערן, וואו די פענצטער האָבן נאָר פיר שויבן אין דער לענג און אָנשטאָט גאַז און עלעקטרי, וואָס ברענען שוין אומעטום עטלעכע צענדליק יאָר, ברענען דאָ נאָך נאַפט־לאָמפּן מיט אַ רויטן, טונקעלן שיין; איינע פון די וואוינונגען, וואו די ווענט זענען דיק, די סופיטן זענען געוועלבט, מאַסיוו, נאָר פון אַלע ווינקעלעך יאָגט עפּעס אַ שטילער אומעט, און כאָטש די ווענט זענען אַלט, אויסגעטריקנט פון יאָרן, שמעקט מיט שימל, מיט פייכטקייט, מיט אַ גליטשיקער פייכטקייט אַזאַ, וואָס פרעסט זיך אין אין אַלע גלידער ביזן ביין. און די מענטשן ווערן דאָ מיט דער צייט פּונקט אַזוי שטיל, טונקל און סודותדיק ווי די ווענט, ווי די סופיטן, ווי דער ציטערדיקער שיין פון די נאַפט־לאָמפּן, וואָס הוידען זיך איבער די שאָטנדיקע ווענט.

אָבער דער גאַנצער אומעט און עלנט האָט זיך ערשט געלייגט אויף דער שטוב ביינאַכט.

די פענצטער זענען אַרויס אויף אַ פרייען פּלאַץ אַרום פעסטונג, וואו קיין נייע הייזער טאָרן נישט ווערן געבויט, און פון אַלע זייטן בלאָזן פרעמדע, הינטער־שטאָטישע ווינטן, פּונקט ווען מען ריכט זיך גאַרנישט אויף זיי. ביי

יעדער בלאָז רופט זיך אָפּ אַ פענצטער און קלינגט מיט אַ לויזער נישט־פאַרקיטעוועטער שויב אין דער פוסטער נאַכט אַריין.

און לערנער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן און געוואָרפן זיך אויפן געלעגער. די פוכיקע, ווייכע קישנס זענען אים געוואָרן האַרטער צוקאָפּנס ווי די הוילע ערד פון פעלד.

די נאַכטיקע שלאָפלאָזע שעה׳ן האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף, לענגער ווי זיי זענען. פון צייט צו צייט האָט דער גלאָקביים טויער געקלונגען, געריסן זיך, און די מומע טויבעלע האָט געקרעכצט אויף איר געלעגער. נאַכט ביי נאַכט פלעגן מחנות פּאָליציאַנטן באַפאַלן אַן אַנדער הויז, זוכן דעזערטירן. ביי יעדער צי מיטן גלאָק האָט מען גלייכצייטיק אַ ריס געטון אין איר צעוויטיקט האַרץ. זי האָט געהאַלטן אין איין צוהערן זיך צו די נאַכטיקע טריט אין הויף און געוואָרנט עס זאָל זיין שטיל, כאָטש קיינער האָט די שטילקייט נישט אַנגערירט:

— ששש, דאַכט זיך, מען גייט! ששש...

דער אָפּטער „ששש״ האָט פון שווערסטן שלאָף געקאָנט אַרויסברענגען און גנענדל האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אויף איר געלעגער.

דערצו האָט נאָך דער וואַכער פלאַם פון נאַפט־לעמפל זיך עפּילעפּטיש געוואָרפן און געהוידעט זיך, מאַכנדיק מאָדנע שאָטנס אויף די ווענט. פון יענער זייט פלאַץ האָבן זיך געצויגן אייזנבאַן־ליניעס, אָן אַ שיעור צוגן האָבן זיך געוועקסלט, געסקריפּעט, און פייפערייען האָבן זיך געריסן אין דער לופט, פול מיט בענקשאַפט און טרויער. זיי האָבן זיך געצויגן, די פייפע־רייען, אַזוי לאַנג, אַזוי יאָושדיק לאַנג, ווי זיי וואָלטן אויסדערציילן דעם גאַנצן אומעט, פינצטערניש און פאַרלאָזנקייט פון זייערע ווייטע וועגן, וואָס ציען זיך פון ברעג ווייסל ביז ערגעץ ווייט, טיף, אַזש ביז אין די קאַלטע רוסישע גובערניעס אַריין.

לערנער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, געקנאַקט די פינגער פון זיינע אָנגעצויגענע, פעסטע הענט, געריבן זיך דעם האַרט־געשוירענעם קאָפּ און אים איז געווען ענג, ענג שיער נישט דערשטיקט צו ווערן.

דערצו נאָך האָט אָנגעהויבן קומען צו די ערשטע מחלוקות מיטן פעטער. ער האָט שטאַרק געאַרבעט, דער פעטער ברוך־יוסף, אַנצוהייבן דעם גיהנום. עס האָט אים נישט געלאָזט רוען אויף דער סאָפּקע און ער האָט געזוכט פאַרשידענע מיטלען. בנימין האָט אים נישט געענטפערט, נאָר ער האָט זיך געטון זיינס.

— ווייסט, בנימין — האָט ער מיטאַמאָל געזאָגט — אין אַלץ זענען שולדיק די וויבער. ווען איך טו נישט דעם שידוך מיט דער יידינע מיינער, וואָלט איך איצט געווען אַ גביר, אַן אַדיר...

גנענדל ווייסט, אַז דאָס גיהנום וועט אויפפלאַקערן און זי נעמט אָן די מאַמען ביי דער האַנט:

— מאַמעשי, קום אַריין אין אַלקער — בעט זי — מאַמעשי, קום. נאָר טויבעלע וויל נישט גיין. בשום־אופן נישט.

— וואָס־זשע — זאָגט זי צום מאַן — האָסטו זיך ערשט איצט דערמאָנט, העכער דרייסיק יאָר נאָך דער חתונה קיין עין־הרע?

— איך האָב אָבער באַלד נישט געוואָלט דעם שידוך — זאָגט ברוך־יוסף און די אויגן גלאַנצן ביי אים פון דערוואַרטונג.

ביי דער מומען באַווייזן זיך פלעקן אונטער די אויגן, קרענקלעכע ווייבע־רישע רויטע פלעקן. אָבער בנימין נעמט אַריין די מומע מיט געוואַלד אין אַלקער אַריין און עס ווערט גאַרנישט.

ברוך־יוסף טרעט נישט אָפּ. ער הייבט אָן חוזק מאַכן פון זיין אייגענעם געשטאָרבענעם ברודער, בנימינס פאָטער:

— ווייסט, בנימין — זאָגט ער — כ׳האָב דיין טאַטן, ער זאָל דאָס מיר דאַרט מוחל זיין, אויך נישט ליב געהאַט, אַ ייד אַ בהמה געווען...

לערנער שווייגט.

ר׳ ברוך־יוסף רעדט ווייטער:

— דער טאַטע דיינער האָט געגלייבט אין גוטע־יידן ווי אַ קאַלב אין אַ קו. דאָס גאַנצע געלט האָט ער זיי אָוועקגעפירט.

לערנער שווייגט.

ר׳ ברוך־יוסף רעדט ווייטער:

— ווייסט, בנימין, דו ביסט דאָך אויך געקומען אויף דער וועלט דורך אַ גוטן־ייד. די מאַמע האָט לאַנג נאָך דער חתונה קיין קינדער נישט געהאַט. האָט דער טאַטע זי אָוועקגעשיקט קיין קהירע צו אַ גוטן־ייד. אין ניין חדשים האָט זי דיך געהאַט...

לערנער שווייגט.

— געווען אַ מזיק, דער גוטער־ייד, אין פוקד־עקרות זיין — זאָגט ר׳ ברוך־יוסף — אַ ספּעציאַליסט...

לערנער שווייגט.

אַז דאָס העלפט אויך נישט, הייבט ר׳ ברוך־יוסף אָן מיט גנענדלען:

— זאָרג נישט, גנענדעלע — זאָגט ער זייער צערטלעך, גוט, מיט אַן איבערגעטריבענער גוטסקייט — די מלחמה וועט נישט אייביק דויערן. יעקל קאַרלאָווער וועט געבן געלט... מען וועט אַראָפּברענגען אינזשינירן. טאָרף וועט זיך שיטן. מען וועט קויפן נייע מעבל. אַ נייע קאַרעטע. און דו מיט יעקלען וועלן דאָס אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין מיט אַ פּאָר פערד ווי די לייבן, אַלע וועלן די היטלען אַראָפּנעמען.

— טאַטע! — שרייט אויס גנענדל און באַהאַלט דאָס פּנים איןביידע הענט.

ברוך־יוסף מאַכט זיך נישט־הערנדיק און רעדט ווייטער:

— וואָס איז, ס'שטייט דיר נישט אָן! — האָ, האָ! — יעקל איז אַ גביר. מער יחוס פון ברוך־יוספן.

— טאַטע, הער אויף!

— טע, טע, טע! — וואָס איז? מיינסט, אַז ווייל זיין טאַטע האָט געדרייט אַ קו ביים ווידל, איז ער טריפה! — ווייס איך וואָס!

טויבעלע מישט זיך אַריין:

— הער אויף פייניקן דאָס קינד, ברוך־יוסף! הער אויף!

נאָר ברוך־יוסף איז אַלץ מער „צערטלעכער", „ליבער":

— איז ער נישט אַזאַ גרויסער למדן — זאָגט ער און די געבויגענע נאָז שמייכלט — אָבער דערפאַר איז ער אַ גביר... אָנגעשטאָפּט — אַזוי אַ!

ער ווייזט ווי אָנגעשטאָפּט ער איז, דער יעקל.

לערנערן הייבט עס אונטער פון אָרט. ער זעט, ווי ער מאַכט חוזק, דער פּעטער. ער לאַכט פון יעקלען. ער לאַכט פון זיין טאַטן גדליה ווידל, פון זיין געלט — דאָס פּרעסט ער אַלע, און מער פון אַלץ זיך אַליין. גנענדל זיצט בלאַס, די נאָזלעכער ציטערן ביי איר, נאָר ר' ברוך־יוסף ציט זיך ווייטער אַזוי צערטלעך און גוטעטשקע:

— אַי — זאָגט ער — וועט ער דיך דאָס טייער האַלטן; ווי אַ קייסערין וועט ער דיך האַלטן. בלויז מיט שאָקאָלאַד וועט ער דיך פּאַשען — גוטשעלע, עס נישט קיין זעמל, עס בעסער שאָקאָלאַד! מיר האָבן גענוג געלט...

די לעצטע ווערטער רעדט ער אונטער דער נאָז, ווי יעקל אַליין, נאָר נאָך מער פּאַנפּעוואַטע.

גנענדל לאָזט אַרויס אַ געוויין — און לערנער הייבט זיך אויף פון אָרט, גיט אַ פּאַטש אין טיש, אַז דער הענג־לאָמפּ מיט דעם גאַנצן גלאָזוואַרג אין שטוב צעקלינגען זיך:

— פּעטער! שווייגט! — איך וועל נישט לאָזן!...

איצט שטעלט זיך אויף ר' ברוך־יוסף, זאָטלט אָן די פּענסנע און דער קאַרק גיסט זיך אים אָן מיט בלוט. ער שטעלט זיך אַוועק לעבן בנימינען, קוקט אים גלייך אין די אויגן.

— דו וועסט נישט לאָזן? — שרייט ער — דו?... דו זעלנערוק!

די מומע טויבעלע כאַפּט זיך ביי די באַקן:

— ברוך־יוסף, מען וועט הערן.

נאָר ברוך־יוסף הערט נישט און שרייט ווייטער:

— דו וועסט נישט לאָזן? דו פּאָניע קוואָס! דו דעזערטיר!

טויבעלע פאַרמאַכט די פענצטער.

— גװאַלד — זאָגט זי — װאַסערע װערטער!

נאָר ברוך־יוסף שרײַט הויך, אויפֿן קול:

— דעזערטיר! דעזערטיר! — דע—זער—טירר!

און לערנער האָט געכאַפּט דעם הוט און איז פֿאַרפֿאַלן געװאָרן פֿון שטוב, אַנטלאָפֿן אַן אַ װאָרט, אַן געלט, אַן אַן איבעריק העמד, אַן אַ דאָקומענט אין קעשענע.

אַז די מומע טויבעלע האָט דערזען דעם ליידיקן אַלקער, האָט זיך איר אָפּגעריסן אין האַרץ.

— ברוך־יוסף! — האָט זי געזאָגט — הלואי, ס׳זאָל דיר נישט גערעכנט װערן — שפּילסט זיך מיט פֿייער, מיטן ריזשינערס אַ קינד...

— איך פֿײַף אויפֿן ריזשינערס קינדער — האָט ברוך־יוסף געענטפֿערט — דער ריזשינער האָט געמאַכט קינדער, װי אַלע, װי אונדזער פֿאַראַבעק אַנטאַני לאַפּאַ...

די מומע טויבעלע האָט אויפֿגעציטערט:

— ברוך־יוסף, קריעה דאַרף מען רייסן. רעדסט אויף דוד המלכס גזע!...

— יידענע — האָט ברוך־יוסף געלאַכט פֿון איר — קאָנסט מיינען, אַז דוד המלך האָט געפֿאַסט תעניתים? בהמה, דוד המלך האָט אויך ליב געהאַט אַ יידענע! אַפֿילו אַן אשת־איש אויך.

די מומע טייבעלע האָט זיך אָנגעהויבן קנייפּן אין בײַדע באַקן מיטאַמאָל:

— ברוך־יוסף — האָט זי געזאָגט — האָסט נישט מורא פֿאַר גאָט!...

נאָר ברוך־יוסף איז שוין אַרײַן אין אַמביציע און די אויגן האָבן בײַ אים געשפּריצט מיט פֿייער

— גאָט — האָט ער געזאָגט — איך לאַך פֿון זיין טאַטן...

שפּעטער פֿונדעסטװעגן האָט ער בגניבה פֿאַר טויבעלען גענומען דאָס היטל מיטן לעדערנעם אַאַשעק אויפֿן קאָפּ, דעם ביינערנעם שטעקן אין האַנט און געלאָזט זיך שפּאַצירן איבער די גאַסן, טאָמער װעט ער בנימינען געפֿינען — נאָר ער האָט אים נישט געפֿונען, און ער איז געװען דערשלאָגן און צופֿרידן גלײַכצײַטיק.

— אַן עקשן, דער זעלנערוק — האָט ער געברומט זיך אין דער באָרד אַרײַן — אַ פֿאַרביסענער יונג...

קאַפּיטל פיר

האָזן

לערנער האָט געוואָנדערט אַן אַ ציל איבער די וואַרשעווער גאַסן, אויסגעמאָסטן זיי פון אַלע זייטן.

די שטאָט האָט איצט אינגאַנצן זיך געבויגן פון היץ און באַוועגונג. איבער די אָנגעגליטע ברוקן, וואָס זענען ווייך געוואָרן פון זון און רעדער, זענען אַרומגעלאָפן אָן אַ שיעור מיליטערישע אויטאָמאָבילן, טראַמייטערנדיק מיט די משונהדיקסטע סיגנאַלן. צייטונגס־פאַרקויפער זענען געלאָפן אין גרויס איילעניש און געשריגן ביז טויב ווערן די זעלבע בשורות:

— צען טויזנט געהרגעטע און פאַרוואונדעטע, אַ וויכטיקע טעלעגראַם! פרישע מאָביליזאַציע, לעצטע נייסס!...

און צווישן גאַנצן גערודער און פלאָנטער האָבן זיך געקייקלט פורלעך מיט הימלאָזע, עלנטע, קליינשטעטלדיקע יידישע פורלעך מיט געלאַטעטע, צו־לאַנגע „באָקעס״, מיט קרומע דישלען, באַהאַנגען אינגאַנצן מיט עמערס, לאָקשנברעטער און מולטערס, פאַרפאַקט מיט בעטגעוואַנד, ווייבער און קינדער, אָן אַ שיעור קינדער. אויף די שפּיץ פעק האָבן זיך געטרייסלט דערוואַקסענע מיידלעך מיט פאַרפעדערטע און צעקודלטע קעפּ און טונקעלע אויפגעריסענע אויגן, מיט אַזעלכע ספּעציפיש יידיש־מיידלרישע אויגן, וואָס זענען אויס ווי קוילן, וואָס לעשן זיך, נאָר זיי קאָנען ביים מינדעסטן ווינטל פלוצלונג אויפפלאַקערן. צווישן קופערטס, קוישן און פעק זענען געזעסן קליינוואַרג, מיידעלעך מיט פיצעלעך אין די הענט, אַנדערע מיט קיישלעך היי, אין וועלכע עס ליגן פאַרפאַקט די פסחדיקע קאַראַפקעס מיט די כוסות, יינגלעך מיט צעפּלאָסענע פאהלעך און פירקאַנטיקע היטעלעך מיט אַ צעשיט חומש אָדער אַ צעריסן „כל־בוניקל״ אין האַנט, האָבן געוואָרפן צעפּלאָמטע בליקן אין אַלע זייטן, מורא־האָבנדיק דורכצולאָזן די מינדסטע שיינקייט אין דער גרויסער שטאָט. און אונטן, לעבן די פורן, האָבן זיך געשלעפּט בערדיקע טאַטעס, פאַרגאַרטלטע, געבויגענע יידן, וואָס אין זייערע צעשויבערטע בערד און געפּאָלדעוועטע קאַפּאָטעס ליגט דער גאַנצער גלות איינגעזאַפּט; יידן, וואָס גייען נאָך נאָך די פורן מיט דער זעלבער געבויגענער הכנעה און אונטערטעניקייט, ווי מען גייט נאָך אַ מיטה, און נאָר פון צייט צו צייט, אַז אַ פּראָווינצער פערדל דערשרעקט זיך פאַר אַ פאַרביילויפנדיקן אויטאָמאָביל, אַ טראַמוויי, כאַפּט אַזאַ ייד פעסטער די לייצן אין האַנט און צעשרייט זיך מיט אַזאַ געבראָכן יידישלעכן:

— טפררר, סטאָי — טפררר.

לערנערן זענען די פורלעך באַקאַנט געווען. געגוג האָט ער זיך אָנגעזען אַזעלכע אויף די פּאַרבלאָטיקטע, זומפּיקע וועגן אַרום די טייכן „סאַן" און „ווירפּש", אין די גאַליצישע יידישע שטעטלעך אַרום גרענעץ. נאָר מאָדנע! זענענדיק זיי איצט נאָך אַמאָל, פריש, האָבן זיי אין אים אַזאַ ווייטיק אַרויס־געררופן, אַזאַ שאַנד און ווייטיק צוזאַמען, אַז ער איז געבליבן שטיין צוגעשמידט צום ברוק, נישט קאָנענדיק גיין ווייטער זיין וועג.

דאָס איז געווען אַ באַקאַנטער ווייטיק.

דעם ערשטן מאָל האָט ער עס דערפילט טאַקע דאָרט, אין גאַליציען. ער האָט געפירט דעמאָלט היי מיטן „אָבאָז", דאָס ערשטע מאָל אַריבער דער קהירישער גרענעץ, וועלכע איז דורך דעם רוסישן מיליטער אַראָפּגענומען געוואָרן. און דעם ערשטן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן שליאַך, איז געווען אַ רייטנדיקער קאָזאַק מיט אַ גאַליציש דרייצן־שפּיציק שטריימל אויף דער בלאָנדער פּיאה פאַררוקט. ער איז שוין געווען עטלעכע חדשים אויפן פראָנט, געזען בלוט, געקלעטערט איבער טויטע, נאָר קיינמאָל האָט אים נאָך נישט אָנגעכאַפּט אַזאַ ווייטיק, אַזאַ טיפער, עגבערנדיקער ווייטיק, ווי דאַן, דער־זענענדיק דעם קאָזאַק מיטן דרייצן־שפּיציקן שטריימל. אים האָט אַזוי ביים האַרץ פאַרקוועטשט, אַז ער האָט אָפּגעלאָזן די לייצן פון די הענט און די פערד זענען פאַרקראָכן אין שויך־גרוב, וואָס איז מיטגעגאַנגען לענגאויס דעם שליאַך.

איצט האָט ער דערפילט דעם זעלבן ווייטיק, דעם עגבערנדיקן ווייטיק. פון אַ פור אַראָפּ האָבן געקוקט אויף אים אַ פּאָר שוואַרצע אויגן פון אַ פאַר־הילט קאָפּ־טיכל אָפּער און לערנער איז געבליבן צוגעשמידט צו די שוואַרצע בליקן. דאָס זענען געווען אַ פּאָר שוואַרצע יידישע פּרויען־אויגן, פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעקוקט דער גאַנצער צער פון עלנט און היימלאָזיקייט; אַ פּאָר טונקעלע אויגן, אין וועלכע ס'האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט עטלעכע טויזנט יאָר פון דורות. לערנער האָט מער נישט געזען איצט קיין צעבראָכענע פורלעך מיט ברודיקע קינדער און צעהויקערטע פּעק בעטגעוואַנד, נאָר עפּעס אַ הייליקן צוג, אַ מחנה קדושים בני גולה, געהייליקט אין פּיין און נויט. ביי אים אין קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס הוידען, ווי תמיד, בעת ער דערזעט עפּעס מוראַדיקס. און דורכן חוט השדרה איז אַדורך אַ שוידער — נאָר אָט האָט אים עמעצער אַ שטויס געטון אין אַ זייט און געזידלט:

— תם, וואָס גאַפיעסטו? — רוק זיך!

דאָס האָט אַ גאַנצע כאַפּטע מעקלער, פאַרהאָוועטע, פאַרשוויצטע, מיט צעפלאָסענע כאַלאַטלעך, מיט פאַררוקטע היטעלעך און מיט צעפלאַמטע פּנימער, געיאָגט זיך ווי די מייז נאָך איין איינציקן רוסישן אָפיציר, שלעפּנדיק אים יעדער צו זיך:

— סודאַ, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע — פּאַזשאַלויסטע...

אַנדערע האָבן זיך געקריגט, געשאָלטן, געריסן זיך אין מיטן גאַס צוליב עפּעס אַ פאַרדינסטל, אַ מעקלעריי און געקראַכן זיך אין גרגרת אַריין, ביז ס׳האָט זיך אַריינגעמישט אַ פּאָליציאַנט און צעטריבן זיי מיט דער שווערד:

— פּאַשלי, טאַטעלע, מאַמעלע, איי וויי!

זיי זענען זיך צעלאָפן ווי די הינער, וואָס דער באַלעגאָלע צעיאָגט פון לעבן דער קאַריטע האָבער, און געזידלט, וואָס מ׳שטייט זיי אין וועג — און לערנער איז ווי אַראָפּגעפאַלן פון העכסטן באַרג ביז טיף אין אָפּגרונט אַריין.

פון דעם הייליקן צוג, פון די „בני גולה", וואָס איז ביי אים אויפגע־שוואומען אין זיכרון, איז איצט נישט מער פאַרבליבן, ווי אַ מחנה קליינ־שטעטלדיקע אומגליקלעכע און דערשראָקענע יידן מיט צעקודלטע און פאַר־פעדערטע קעפּ און בערד, מיט צעבראָכענע פורלעך און אויסגעקראָכענע פערדלעך מיט פאַרבונדענע פיס. ער איז אַוועק פון אָרט, פאַרקלעמט איינ־גאַנצן פון צער און אומזין.

מאָדנע געדאַנקען, קינדערישע, צעפּלאָסענע, האָבן זיך גענעסט איצט אין זיין קאָפּ, אין קאָפּ, וואָס איז חדשים לאַנג געשטאַנען אָפן צו פייער, רציחה און משוגעת.

נעכטן צו אייערנעכטן, האָט ער געטראַכט, האָבן די, וואָס שלעפּן זיך איצט מיט די פורלעך, אויך מסתמא אַרומגעטאַנצט ביי זיך אין שטעטל אַרום אַן אַפּיציר, קריכנדיק זיך אין די בערד, רייסנדיק זיך דעם גרגרת. מאָרגן ווידער וועלן די, וואָס האָ־ווען איצט, זיצן אויף דעם שלעפּ־וואָגן און אַנדערע וועלן זיי נישט זען און שלאָגן זיך אַרום אַ פאַרשווין מיט עפּאָלעטן.

און אַזוי שטענדיק, שטענדיק.

אויף די רייכערע גאַסן, וואָס פירן צו די שפּיטעלער און וואָקזאַלן, האָבן זיך וואַגאָנעס מיט פאַרוואונדעטע געצויגן, איבערפולט מיט בלוט, ווייטיק און איינגעהאַלטענעם צער. אויף אַ טייל ערטער האָט מען דעם ברוק פאַר־ריכט, אַספאַלט געגאָסן. הייסע קעסלען האָבן געקאָכט, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך היץ, רויך און עיפּוש, און האַלב־נאַקעטע אַרבעטער, אויסגעשמירט איינ־גאַנצן פון סמאָלע, באַגאָסן מיט שוויס, זענען געשטאַנען אָנגעבויגן איבער די שוואַרצע אָפענע פּיסקעס פון די ריזיקע ברענענדיקע קעסלען. זיי האָבן געשעפּט עמערס שוואַרצן פייער, געגאָסן אויף דער ערד, שרייענדיק צו די דורכגייער:

— פּאַרזיכטיק, הערשאַפטן, פּאַרזיכטיק!...

זיי האָבן אויסגעזען, ווי זינדיקע געשפּענסטער, וואָס דער שר פון גיהנום האָט אַראָפּגעלאָזט אַ ווילע אויף דער וועלט צווישן אַלע אויסגעפּוצטע און וויס־געקליידטע, כדי צו ווייזן זיינע שדישע שטיק. און פאַרביי זענען דורכ־געפאָרן אויטאָמאָבילן מיט צעהוליעטע מיליטער־לייט און פריילעכע דאַמען,

פאַרבייגעפלויגן מיט אַזאַ גיכקייט, אַז בלויז די ריזיקע שטרויס־פּעדערן האָבן זיך געזען טרייסלען: קאַרעטעס, פאַרפּוצטע מיט ווייסע, אַטלעסענע בענדער און כריזאַנטעמעס, זענען פאַרבייגעפאָרן מיט אויסגעפּוצטע חתונה־געסט, איילנדיק צו פרייד און גליק.

דאָס געפיל פון אומזין, פון משוגעת, האָט אים גאַרנישט באַפרייט אויף אַ ווײַלע.

ער איז געגאַנגען אָן אַ ציל און צוועק, באַטראַכט אַלץ, גלייך ער זאָל זיין דער באַלעבאָס פון דער וועלט, וואָס מוז אַלץ אין זינען האָבן, אַלץ האַלטן אויפן אויג. ער איז געקראָכן גאַס איין, גאַס אויס, וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן.

דאָס אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן איז פאַר אים קיין מעלה נישט געווען, גאָר קיין מעלה נישט.

איבער די וואַרשעווער גאַסן האָבן אויף טריט און שריט אַרומגעבלאָנקעט פּאָליציאַנטן און שפּיאָנען. פון אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס מען האָט עוואַקואירט פאַרן שונא, זענען זיך אָנגעקומען פּאָליציאַנטן גאַנצע מחנות און אַרומגעבלאָנדזשעט ווי די פאַרלוירענע שאָף איבער די פרעמדע גרויס־שטאָטישע גאַסן. אויף אַלע ווענט זענען געהאָנגען פּלאַקאַטן, גערופן אין פעלד, נאָר זיי, די אויסגערוטע באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן, האָט מען נישט גערופן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען ליידיק־גייערישע, געזוכט, געשנישטערט און אַלע מאָל עמעצן אָנדערש אָפּגעשטעלט מיט דער שווערער רוסישער פראַגע:

— אַ פּאַספּאָרט יעסט, אַ?

אין לערנערס האַלטונג, גאַנג, אין אָפּגעבערענטן געזיכט, אין יעדער באַוועגונג איז געלעגן דער סאָלדאַט. ער האָט דורכגעקוקט דורך די ציווילע קליידער.

איינמאָל האָט ער אַפילו זיך פאַרגעסן און, דערזעענדיק אַן אָפיציר פאַרבייגיין, האָבן זיך די פיס אַליין ביי אים צוזאַמענגערוקט און די האַנט האָט זיך געהויבן צום ראַנד פון הוט, וועלנדיק אָפּגעבן „טשעסט". נאָר ער איז אים דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט און ער האָט זיך ווייטער אַרומגעבלאָנקעט.

ערשט, אַז דער הונגער האָט אים שוין רעכט געמאַטערט און די פיס זענען געוואָרן מיד, איז ער אַריין אין אַ שענקל און אָפּגעגעסן אַן אָרעם מאָלצייט. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין אַ שטאָטישער ביבליאָטעק און געהייסן זיך דערלאַנגען אַ בוך. אָבער ער איז נישט לאַנג דאָרט געזעסן. דער שטילער זאַל, די רואיקע לעזער, מערסטנס בלאַסע, באַברילטע, די שטילע דינער און די ביבליאָטעקאַרן, וואָס גייען מיט נאָך שטילערע טריט אַרום די זאַלן, דאָס אַלץ אין מיטן פון די רוישיקע גאַסן, פון דער מלחמהדיקער שטימונג, האָט אים געערגט, דענערווירט. די אותיות זענען אים געשפּרונגען פאַר די אויגן, און ער איז באַלד צוריק אַרויס אין

גאַס, אַרײַנגעוואָרפֿן זיך אין טומל, געררויש, געשפּאַנט גלײַך מיט אַלע, און געפֿילט זיך בעסער, גלײַך ער וואָלט אָפּטון עפּעס אַ נייטיקע זאַך.

דאָ האָט ער זיך געפֿילט גוט, פֿאַרכאַפּט פֿון עפּעס, פֿול מיט עפּעס. און געשלאָפֿן איז ער וואו נאָר ס'האָט זיך געלאָזט. אַמאָל אין אַ ביליקער אכסניה, אין אַ קעלער־שטוב, אַמאָל איז ער איבערגעזעסן די נאַכט אין אַ בית־מדרש־הויף, צוזאַמען מיט שנאָרערס און בעטלערס, אַמאָל אין אַ „הייזל״ ערגעץ אין אַ פֿאַרעיפּושטן הויף־ווינקל, און אין דער לעצטער ברירה אויך ביי די „האָזן״.

אויף אַ זעקסטן שטאָק פֿון אַ טומלדיקן באַזאַר־הויף אין שכנות מיט אַ לאַנגן בוידעם, וואָס שמעקט תמיד מיט זייף און פֿייכטקייט, האָט זיך אַ גרויסע אַטעליע געצויגן מיט פֿאַרלאַטעטע שויבן גלײַך אין הימל אַרײַן. דאָרטן, אין אַטעליע, וואָס איז פֿול אָנגעוואָרפֿן מיט גיפּסענע צעבראָכענע פֿיגורן, דראָטענע סקעלעטן, ליימענע אַקטן און נישט־פֿאַרענדיקטע לייוונטן, האָט געוואוינט לערנערס אַן אַלטער חבר — רובינטשיק, אַ יונג מיט גע־קרײַזלטע האָר — אַ סקולפּטאָר.

צווישן דעם גאַנצן מושב פֿון גיפּסן, ליימען, דראָטן און לייוונטן, האָבן זיך אויך געוואַלגערט זײַנע קאָלעגן, אַ חברה „האָזן״, פֿאַרשווינגען, וואָס דאַרפֿן לויט זייערע יאָרן און קרעפֿטן זײַן אויפֿן פֿעלד, און אַהין האָט רובינטשיק אויך געשלעפּט לערנערן.

— קום — האָט ער אים אײַנגעלאַדן, טרעפֿנדיק אין גאַס — וועסט דאָרטן זײַן צווישן „אייגענע מענטשן״. עס פֿעלט אונדז טאַקע אַ צוועלפֿטער „האָז״...

אַז רובינטשיק האָט לערנערן אַרויפֿגעפֿירט און פֿאַרגעשטעלט, האָט מען אים באַגעגנט מיט אָוואַציעס:

— בראַוואָ! — האָבן אַלע האָזן געשריגן — זאָל לעבן דער צוועלפֿטער האָז, הוראַ!

און נאָך אין זעלבן אָוונט האָט מען דורכגעפֿירט די צערעמאָניע ביים אָננעמען לערנערן אין דער חברה.

רובינטשיק האָט צוגעשניטן אַן אַלטן זאַק אין דער פֿאָרם פֿון אַ האָז און אים באַמאָלט מיט האָזן־קאָלירענער פֿאַרב.

די אַרומיקע צען האָזן האָבן געאַרבעט פֿלייסיק ביים צוגרייטן די וויע־טשערע. מ'האָט געשיילט קאַרטאָפֿל, געשניטן רויע קישקעס און געוואַשן טעפּ און שיסלען.

— געלט האָסטו, נומער צוועלף? — האָט אַ האָז מיט קרומלעכע פֿיס געפֿרעגט ביי לערנערן.

דאָ האָט מען קיינעם נישט גערופֿן ביים נאָמען. עס האָט נישט געטויגט. גערופֿן האָט מען זיך ביים נומער. לערנער האָט באַקומען דעם נומער צוועלף.

— געלט? — האָט לערנער זיך פֿאַרטראַכט און פֿאַרשעמט גלייכצייטיק — ניין, קלייניקייטן...

— אַ זייגער האָסטו? — האָט אַ צווייטער האָז, אַ יונג אַ ריז, געפרעגט.

— אַ זייגער, יאָ!

— אַראָפּ! — האָט אַ דריטער האָז, אַ פאַרשוין מיט אַ יונג, קינדיש פּנים און מיט אַ פרעמדער באָרד, באַפוילן און אָנגעוויזן לערנערן אויף דער האַנט, אויף וועלכער ער האָט געטראָגן אַ זייגערל.

און אין איין אויגנבליק האָט מען גענומען עטלעכע נאָז־טיכלעך, געמאַכט קניפּן און געצויגן קניפּלעך.

— ווער ס׳וועט אַרויסציען דעם קניפּ, וועט גיין אין גאָס! האַליאָ!...

זעלטן, אַז עמעצער איז דאָ אַראָפּ אין גאָס. עס האָט נישט געלוינט. און נאָר, אַז מען האָט געדאַרפט גיין איינקויפן אָדער פאַרזעצן עפּעס אַ חפץ, האָט מען געצויגן קניפּלעך און ווער ס׳האָט אַרויסגעצויגן דעם קנופּ, האָט מען אים געגעבן אָנצוטון אַ מאַנטל, דעם איינציקן מאַנטל, וואָס איז גוט געווען אויף אַלע; מען האָט אים באַזאָרגט מיט אַ פּאַס אין קעשענע, דעם איינציקן פּאַס פון אַ געשטאָרבענעם ווייסן־בילעטניק, און מען האָט אים אָנגעזאָגט אַ סך מאָל:

— געדענק־זשע ווי דו הייסט! — און טאָמער גייט מען דיר נאָך, קום נישט אַרויף.

איצט האָט מען געדאַרפט גיין ברענגען אַ וויכטיקע זאַך. פאַר דעם זייגערל האָט מען געדאַרפט ברענגען אַ פולע פלאַש ספּירט, מלחמהדיקן ספּירט, וואָס ווערט פאַרקויפט געהיים און פאַר גוט געלט — און מען האָט דעם שליח אָנגעזאָגט ביים אַרויסגיין פון אַלע זייטן:

— זאָלסט אָנקלאַפּן דריי מאָל אין טיר. און אַז מען וועט דיך פרעגן ווער איז? זאָלסטו זאָגן: צום פעטער רחמיאל. דאָס איז אונדזער פּאַראָל...

די צערעמאָניע איז צוגעגאַנגען פייערלעך. נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעגאָסן יעדן אַ גלעזל, האָט מען פון איין זייט אַוועקגעשטעלט אַ ליאַלקע, אַ קאָמישע ליאַלקע מיט אַ גראָבן בויך, מיט אַ חזיריש מויל. מען האָט איר אָנגעטון אַ פּאָר עפּאָלעטן, געגעבן אַ שווערד אין האַנט און זעלנעריש היטל אויפן שפּיץ קאָפּ. פון דער צווייטער זייט האָט מען אַוועקגעשטעלט לערנערן אָנגעטון אין דעם האָזישן בגד, מיטן נאָכשלעפּנדיקן ווידל, מיט די אויפגעשטעלטע אויערן. אַרום זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַלע האָזן, מען האָט געזונגען אין כאָר אַ לידל, אַן אייגן האָזן־ליד, וואָס מען האָט אַליין פאַרפאַסט, אַליין די מעלאָדיע צוגעטראַכט. דאָס לידל איז געווען קאָמיש, פול מיט די נאַרישסטע רייד, נאָר געזונגען האָט מען עס מיט היץ, מיט ברען, און אַז מען האָט פאַרענדיקט, האָט יעדער אויפגעהויבן דעם רעכטן פוס, אַ שטויס געטון די ליאַלקע אין גראָבן בויך אַריין, אַזוי, אַז זי איז צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך. און ערשט דעמאָלט האָט מען אויפגעהויבן דעם בייעם האָז אין דער הויך און מען האָט געמאַכט אָוואַציעס:

— זאָל לעבן אונדזער צוועלפטער האָז! הוראַ!

— לחיים פאַר די צוועלף אַפּאָסטאָלן! לחיים פאַר די האָזענע אַפּאָסטאָלן!...

און מען האָט אַריינגעגאָסן אין זיך דעם שטינקנדיקן מלחמה־ספּירט, וויפל נאָר עס האָט געקאָנט אַריין.

אָט צווישן די דאָזיקע האָזן, אויף אַ זעקסטן שטאָק ביי אַ בוידעם, צוזאַמען מיט גיפּסן, ליימען און נישט־פאַרענדיקטע לייוונטן, האָט רובינטשיק אַריינגעפירט לערנערן און אים פאַרגעלייגט זיין אַ תושב.

— זיץ! — האָט ער געזאָגט — אָדער מען וועט אַלע כאַפּן, אָדער קיינעם נישט. אַלץ איינס...

נאָר לערנער האָט זיך נישט געפילט דאָ גוט צווישן עולם און ער איז וואָס ווינציקער געקומען.

אָן אמתער ערי־מקלט איז דאָ געווען אויפן זעקסטן שטאָק צווישן די האָזן.

געווען דאָ רובינטשיקס חברים פון דער קונסט־שולע און בחורים־דילעטאַנטן, וואָס דרייען זיך אַרום קונסט און טראָגן דערוויַיל לענגערע האָר מיט אויסגעריבענע, סאַמעטענע רעקלעך. געווען דאָ אַ בחור אַ מוזיקער, אַ יונג מיט אַ פּאָר דינע, לאַנגע פיס, מיט אַ דינעם, לאַנגן האַלדז און מיט אַ געבויגענער פּלייצע, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ קעמל. און געווען דאָ אַ בחור אַן אַנאַרכיסט, אַ פּאַרשוין, וואָס איז שוין אויסגעווען אַ וועלט, וואָס איז פון אַלע טורמעס און תפיסות אַנטלאָפן און וואָס האָט געקוקט אויף אַלע מענטשן מיט אַזעלכע איגנאָרירנדיקע אויגן, ווי מען קוקט אויף ווערעם, אַ שטיגער. עלנטע, טרייפענע, מיט אויסגעשפּיצטע אויערן פאַר יעדער שאַרך, מיט דורשטיקע ליפּן נאָך אַ פּאַפּיראָס, מיט גרויסע שאַרפע ציין אויף אַ קיי, האָבן זיי זיך נישט איבעריק ליב געהאַט דאָ און געפרעסן איינער דעם אַנדערן.

אַרבעטן איז געווען שווער. קיין מאָדעל האָט מען נישט געקאָנט נעמען. דערצו האָט מען געמוזט האָבן אי געלט, אי אַ זיכערן מענטש, וואָס זאָל נישט דערציילן וועגן זעקסטן שטאָק. קיין ליים איז נישט געווען, קיין גיפּס אויך נישט. אַפילו קיין וואַסער צו נעצן די ליימענע פיגורן איז נישט געווען. אויפן זעקסטן שטאָק האָט עס נישט דערגרייכט, און מען האָט גאָרנישט געטון אין די גרויסע, לאַנגע זומער־טעג, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט.

אין שטוב איז געווען אַ מושב, אַ שטויב. אויף טריט און שריט האָבן זיך געוואַלגערט רובינטשיקס גיפּסענע פיגורן, שטיקער הענט, פיס, קעפּ, טאָרסן. אויף טישלעך זענען געשטאַנען ליימענע אַקטן, מיידלעך מיט צעשפּאָלטענע בייכער, מיט צעבראָכלטע בריסטן, מענער מיט אַראָפּגעפאַלענע קעפּ, מיט צעטריקנטע פיס. גרויסע לייוונטן, זעק, האַלב־באַמאָלטע, נישט־פאַרענדיקטע, האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די טריט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטשעפּעט צו די פיס שטיקער דראָט, אייזנס, טשוועקעס, האַלבע סקע־

לעטן, צעריסענע דראַפּעריעס, קליידער, און צוזאַמען דערמיט איז געווען אָנגעוואָרפן מיט שמוציקע פּאַפּירענע קראַגנס, מאַנזשעטן, שטיקלעך פּאַפּיראָסן, פּאַפּירלעך, פאַרדאַרטע פּענדזלען, צעקנייטשטע טובעס פאַרב, שפּאַכטעלן און פּרעזערוואַטיוון.

נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָט איינער פון צווייטן געצייכנט קאַריקאַטורן. בייזע, גיפטיקע און איבערטריבענע קאַריקאַטורן. יעדנס שוואַכקייט איז אויסגעוואַקסן אין די גרעסטע פאָרמען. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָט מען זיך דערציילט די זעלבע וויצן, די זעלבע חכמות, באַרעדט זיך איינער דעם אַנדערן, אימיטירט איינער דעם אַנדערן, אויסגעלאַכט זיך, באַוויזן יעדנס לעכערלעכקייטן, שוואַכקייטן, אַז יעדער האָט זיך געזען נאַקעט, צעגראַבלט, אַזוי מיאוס נאַקעט, ווי דער טויטער קערפּער פון אַן אַלטער גאַסן־פּרוי אויפן טיש פון פּראָזעקטאָריום.

וואָס שאַרפער איינער האָט אָנגעגריפן דעם צווייטן, וואָס מער קאָמיש איינער האָט געוויזן דעם אַנדערן, אַלץ מער האָט דער אָנגעגריפענער געמוזט אָפּצאָלן מיט נאָך אַ שאַרפערער פייל, מיט נאָך אַ שפּיציקערן עגבער. די חושים זענען געוואָרן קרענקלעך פאַרשפּיצט. די אויערן פאַרשאַרפט, די מוחות פאַרשליפן. יעדער איז געשטאַנען אויף דער וואַך ווי די חיה פאַרן רויבער.

עס האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז מען האָט מורא געהאַט זיך אָפּלאָזן אויף אַ ווײַלע איינער דעם אַנדערן, מען זאָל דערווייל אין דער אָפּוועזנקייט נישט נעמען אויפן „צימבל”. מען האָט זיך נישט פאַרגונען אַוועקגיין אָפּטון אַ מענטשלעכע זאַך...

וואָס מער מען האָט זיך פיינט געהאַט, אַלץ מער האָט מען געקלעבט אין זיך. לערנערן האָט דער עולם תחילת צוגענומען מיט אָפענע אָרעמס. מיד, לאַנגווייליק פון די זעלבע רייד, פון די זעלבע געלעכטערן, פון די זעלבע וויצן, וואָס זענען שוין טויזנט מאָל צעקייט און אויסגעבראָכן געוואָרן, האָבן זיי זיך מחיה געווען, די האָזן, מיטן נייעם מענטש, פאַר וועלכן אַלץ וועט זיין נייעס. תחילת איז עס לערנערן געפעלן געוואָרן, געווײַלט, נאָר באַלד האָט עס אים אָנגעהויבן שלאָגן צום האַרץ.

די מידע טעג נאָכן פעלד זענען שוין לאַנג געהאַט אַריבער ביי אים; דער ווילן צו רוען אויך. צוגעוואוינט שטענדיק צו אַרבעט, צו באַוועגונג, צוגעוואוינט צומערשט אין מיליטער, דערנאָך אין פעלד, צו דיסציפּלין, צו טוען, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָ דאָס ליידיק־גיין, דעם מושב, דאָס צוזאַמענקוועטשעניש, די אומזיסטע רייד. אין די שטייפע מוסקולירטע הענט זיינע האָט געקיצלט, אין די פינגער האָט געביסן, דאָס בלוט האָט געקאָכט, געוואָלט עפּעס, און ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף קיין רגע.

ער האָט זיך אין אָנהייב גענומען צו גימנאַסטיק.

— חברה! — האָט ער געזאָגט — שטעלט זיך אויס אין די רייען, וועל איך אייך מושטירן! — האָפּ!

ער האָט אויסגעשטעלט אַלע האָזן ווי די סאָלדאַטן, געגעבן יעדן אַ שטעקן אין האַנט אַנשטאָט אַ ביקס און קאָמאַנדעוועט מיט זיי פּונקט ווי זיין „ראָטנער״:

— פּראַוואַ, ליעוואַ! — אַט! וואַ!...

ער האָט זיי געלערנט שטעלן פיס, שפּרינגען, בייגן זיך און ער האָט זיך געקלאַפּט איבער די פיס און אַריינגעשטופּט מיט דער קני די אַרויס־געשטאַרטע בייכער ביי די האָזן, אינגאַנצן ווי זיין אָפיציר:

— אַריין דעם בויך! וואָס שטייסטו ווי אַ טראַגעדיקע „באַבע״?

אַן אַנדערן האָט ער געקלאַפּט איבער די קניען:

— די פיס רוק צונויף, דו קימפּעטאָרין צעדאָסטע!...

אַלע אָפיצירישע ווערטלעך האָט ער באַנוצט און עס האָט אים אַ ביסל פאַרנומען. נאָר אינגיכן איז עס מיאוס געוואָרן אי אים אַליין, אי זיי, די האָזן. און ער האָט זיך ווייטער נישט געפונען קיין אָרט.

די האָזן האָבן אים אויפגערעגט, דענערווירט, איבערהויפּט דער „מעצע־נאַט״ זייערער, דער באַלעבאָס פון זעקס־שטאָקיקן הויז חיים קלעפּפיש, וואָס איז דאָ אַן אָפטער גאַסט געווען.

אַ מאָדנער יידל איז ער געווען דער הויזווירט חיים קלעפּפיש. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעקראָכן איבער זיין גרויסן באַזאַר־הויף, וואָס איז פול מיט יאַטקעס, שטעלן און קראָמען און געמאָנט דירה־געלט.

— נו, נו, וואָס ט׳זיין? — האָט ער זיי געזאָגט מוסר, שלינגענדיק דערביי האַלבע ווערטער — געלט! געלט! שוין ד׳אַכטער... ד׳אַכטער!...

און אַז עס איז געקומען פרייטיק פאַרנאַכט, פלעגט ער זיך גאָר אָוועק־זעצן ביים טויער, ער האָט געלאָזט אַוועקשטעלן אַ טישל, איבערגעדעקט עס מיט אַ גרין טישטעך, ווי אין געריכט, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דערלעבן אויף אַ בענקל און נישט דורכגעלאָזט קיין איין לאָקאַטאָר זיינעם, ער זאָל אים נישט פאַרהאַלטן און זאָגן מוסר:

— וואָס ט׳זיין? — ט׳זיין? שוין ד׳אַכטער!... געלט!... געלט!...

און אַז ר׳איז פאַרטיק געוואָרן מיטן דירה־געלט, וואָס ער האָט אַהיים־געשלעפּט אין אַ גרויס, לייוונטן זעקל, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אַ ביסל צו דעם זעקסטן שטאָק, צו די קינסטלער.

אויך צו זיי פלעגט ער קומען אָפטמאָל זאָגן מוסר, נאָר אויף פּויליש:

— פּאַנאָוויע — האָט ער געטענהט — איר זענט דאָך עפּעס אינטעליגענטע מענטשן, איר ווייסט דאָך יאָ ווען דער „אַכטער״ איז.

ער האָט אָפּט אויך געשיקט דעם „קאָמאָרניק״ און אַרויסגעוואָרפן די

גיפּסן. גענוג צרות האָט פון אים רובינטשיק געהאַט, ביז ער האָט אים נישט געמאַכט פאַר אַ „מעצענאַט".

רובינטשיק האָט דערזען, אַז ביים יידל דעם הויזווירט איז, אַ חוץ דער תאווה פון געלט, פאַראַן נאָך אַ תאווה, אַ שטאַרקערע, אַ הייסערע, אַ תאווה צו ווייבער. ער האָט דאָס געזען אי אין זיין אונטערשטער גראָבער ליפּ, וואָס קוקט אים אַרויס בלוטיק פון דער קויל־שוואַרצער באָרד און וואָנסן; אי פון זיינע האַלב־פאַרחלשטע, שוואַרצע אויגן, וואָס זענען שטאַרק ענלעך צו די אויגן פון די אויסגעמאָלטע סולטאַנעס, וואָס הענגען אין די ביליקע פריזיר־הייזער...

ביי יעדער מאָל אַרויפקומען אויפן זעקסטן שטאָק האָט חיים קלעפּפּיש ווילדע בליקן געוואָרפן. אויף די ווענט זענען געהאַנגען אַ סך נאַקעטע פרויען־אַקטן, פעט געמאָלט, דערצו האָט ער נישט איינמאָל געזען אַרויפגיין מאָדעלקעס, און ער איז געשטאַנען צעטומלט אינגאַנצן.

רובינטשיק האָט אים דעריבער איינמאָל אָנגענומען ביי אַ האַנט, אַריינגעפירט אים אין צווייטן צימער, וואו אַ מאָדעלקע האָט אַ נאַקעטע פּאָזירט, און אים געפרעגט:

— געפעלט אייך, פּאַניע קלעפּפּיש?...

און קלעפּפּיש איז געוואָרן אַ שטענדיקער איינגייער אויפן זעקסטן שטאָק. פון דירה־געלט האָט ער מער נישט גערעדט. פאַרקערט, ער איז געוואָרן אַ מעצענאַט, ער האָט געקויפט בילדער, געגעבן אַ הלוואה און באַלעקט זיך אָפט די רויטע, בלוטיקע ליפּן, וואָס קוקן אים אַרויס פון דער קול־שוואַרצער באָרד און וואָנסן.

— טע, טע, טע — האָט ער זיך אַנטציקט ביי יעדער נייער מאָדעלקע — איי, איי, איי אַ מויד!...

אָט דעם קלעפּפּישן האָט לערנער באַלד פיינט באַקומען ביי דער ערשטער באַגעגעניש. יענער איז צו אים צוגעקומען גוט־ברודעריש, אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל ביי דער ערשטער באַגעגעניש און מעשה מעצענאַט, פרייער מענטש, געזאָגט אים „דו".

— וואָס ביסטו? — האָט ער אים אַ פרעג געטון — אַ מאָלער, אַ סקולפּטאָר? נאַ דיר אַ פּאַפּיראָס!...

האָט אים לערנער האַסטיק אַראָפּגענומען די האַנט פון זיין אַקסל און אַוועק אָן איין וואָרט פון אים.

קלעפּפּיש איז געבליבן שטיין צעקוועטשט. די רויטע, אונטערשטע, גראָבע ליפּ האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט ביי אים. ער איז דאָ געווען צוגעוואוינט אויפן זעקסטן שטאָק צו פרייקייט. ער האָט גערעדט, וואָס ער האָט געוואָלט און אויסגעהערט וואָס מען האָט געוואָלט. אַז חברה האָט גערעדט

וועגן זיין אייגן ווייב די מיאוסטע ווערטער, האָט ער מיטגעלאַכט ווי אַ „מעצענאַט" דאַרף און באַלעקט זיך.

ער האָט געשאָלטן, ווי אַן אמתער פרייער מענטש:

— אַז די זיבעטע נכפה זאָל עס כאַפּן — האָט ער ליב געהאַט זאָגן.

דערמיט, וואָס לערנער האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, איז ער ביי אים אויסגעוואַקסן אין די אויגן, און ער האָט שטאַרק געוואָלט זיך דערנענטערן צו אים. דאָס געפעלן ווערן לערנערן האָט ביי אים אַנגעהויבן ווערן אַן אידייע, אַ נויטווענדיקייט. ר'האָט געזוכט אַלע מיטלען דערצו. נאָר געקומען איז גאָר צו עפּעס אַנדערש.

איינמאָל האָט מען אַנגעקלאַפּט אין טיר אויפן זעקסטן שטאָק. דער עולם האָט זיך איבערגעשראָקן אַ ווײַלע און געוואַרט מיטן עפענען.

— ווער? — האָט מען געפרעגט — צו וועמען?

— צו לערנערן! — האָט אַ שטילע פרויען־שטימע געענטפערט — מ'קאָן?

עס איז געווען גנענדל. לערנער איז געבליבן שטיין מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן. ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי זי האָט געטראָפן אַהער. און ער האָט זי איינגעלאַדן אין אַטעליע אַריין. זי האָט אינגאַנצן געסאַפּעט פון מידקייט און אויפרעגונג. פון עולם האָט מען געקוקט אויפן מיידל, געקוקט מיט אויפגעריסענע, גיריקע אויגן, וואָס זענען שוין אַ צייט אָפּגעוואוינט פון אַ פרוי. גנענדל האָט זיך פאַרלוירן, זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן.

— דו שלעכטער! — האָט זי ענדלעך אַרויסגעזאָגט און אַרויסגעלאָפן גיך, קוים איינהאַלטנדיק זיך, זיך נישט פאַנאַנדערצעוויינען צווישן עולם.

לערנער איז איר נאָכגעלאָפן. אַז ער איז צוריקגעקומען אין אַטעליע, האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן וויצלען איבערן מיידל. לערנער האָט די וויצן נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

— חברה — האָט ער באַפוילן — שאַ! קיין איין וואָרט נישט מער!

אַלע האָבן געשוויגן. איין קלעפּפּיש איז אַרויס פון די כלים.

די אויגן זיינע, וואָס זענען ענלעך צו די אויגן פון די אויסגעמאָלטע סולטאַנעס אין די פריזיר־הייזער, האָבן אינגאַנצן פייכט געגלאַנצט. די רויטע, אונטערשטע ליפּ האָט זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן. ער האָט זיך באַמיט זאָגן אַ קלוג וואָרט, אַזוי, אַז לערנער זאָל אים ליב באַקומען.

— לערנער — האָט ער געשריגן — נעם זי צוריק אַריין, זי וועט די האָזן צונויף קומען...

לערנער איז צוגעגאַנגען צו קלעפּפּישן, באַטראַכט אים אַ ווײַלע און מיט דער גאַנצער פאַרביטערטקייט און אויפרעגונג אַריינגעפּאַרן אים מיט דער האַנט אין דער שוואַרץ־באַבערדלטער באַק.

— נאָ!...

חיים קלעפּפיש האָט געשלונגען טרערן, בלוט פון דער נאָז און ווערטער:

— דעזערטיר! — האָט ער געשריגן — אין קייטן וועסטו ביי מיר פאַר־פוילט ווערן!... איך לויף שוין צום סטרוזש...

לערנער איז געשטאַנען גלייך, בלאַס, און געוואַרט — „זאָל זיין" — האָט אים הנאה געטון — „בעסער אַזוי".

נאָר באַלד האָט דער עולם קלעפּפישן אַרומגעוואַשן, באַרואיקט, און ער איז געבליבן זיצן אין אַטעליע. ער האָט שוין מער נישט געאיילט זיך רופן דעם סטרוזש. ער האָט בלויז געדראָט:

— פּשידזשע קאָזאַ דאָ וואָזאַ! — האָט ער געזאָגט און געדראָט מיט אַ פינגער.

לערנער איז אַוועק און מער צו די האָזן נישט געקומען.

ער האָט צוריק געוואַנדערט איבער די גאַסן.

איבער די שטאָטישע גאַסן האָט זיך געשלעפּט מיליטער אָן אַ שיעור. פּאָלק נאָך פּאָלק. יונגע, פרישע שקצים מיט נייע שינעלן און שטיוול נאָר פון נאָדל אַרויס, האָבן געהילכט איבער די גאַסן מיט יוגנט און קראַפט, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך ריחות פון דזיעגעכץ מיט פעלד צוזאַמען. ברוינע רייטער, טשערקעסן, טשוואַשן, טשעטשענצעס, סאַרדן, קאַלמיקן, אַבכאַזער, יונגען שלאַנקע, דינע, מיט רויבערישע אָדלער־נעזן, מיט ברוינע געזיכטער, זענען פאַרביי־געגאַנגען איבער דער שטאָט, שטשירענדיק די ווייסע ציין צו די מענטשן אויף די גאַסן. ווילדע, פאַרחידושטע, פרעמדע, האָבן זיי נאָר געוואָרט מען זאָל זיי הייסן עפּעס טון, שניידן — אַלצאיינס וועמען און וואָס, אַבי מען זאָל הערן דאָס וואָרט „פּלי". אַנדערע האָבן אַפילו געפרעגט ביי די פאַרבייגייענדיקע:

— בערלין, האַ?

דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געוואוסט, איז דאָס, אַז עפּעס אַ בערלין איז דער שונא, דער פיינט פון זייער פאַרוואָרפענער בערגיקער ערד, וואָס ליגט ערגעץ טויזנטער וויאָרסט ווייט פון דאַנען. און זיי האָבן זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן, ווען זיי וועלן שוין אַמאָל אָנקוקן דעם דאָזיקן פיינט. יעדער שטאָט, אַלע פרעמדע מענטשן, וואָס זענען נישט געווען ענלעך צו די, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו באַגעגענען, האָבן געקאָנט זיין די שונאים.

און אין ראַג־גאַסן, אַרום פריילעכע הייזלעך, זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט רייען סאָלדאַטן, געזונטע, יונגע און צעהיצטע, און מיט דער גאַנצער זעלנערישער דיסציפּלין און געדולדיקייט אויסגעוואַרט אויף דער ריי. צומאַרגנס האָבן זיי געדאַרפט אַוועקמאַרשירן אין פעלד. יעדערער האָט פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט באַקומען אַ קוויטל פון „ראַטנעם", אַ דערלויבעניש צו „גוליאַיען". און זיי האָבן געוואַרט שעה'ן־לאַנג. אַמאָל נאָר, אַז די, וואָס

זענען אַריין אינעווייניק האָבן זיך גאָרנישט צוריקבאַוויזן, האָבן זיך דער־הערט פּראָטעסטן אין די רייען:

— געגנוג, זין הינטישע! — האָבן קולות אַרויפגעשריגן אינדערהויך — מיר וואַרטן שוין אַזוי לאַנג...

אַמאָל איז אַ יידענע אַראָפּגעקומען, אַ פּעטע וואַרשעווער „מומע", רויט ווי אָפּגעקאָכט, און טרייבנדיק מיט די הענט, געשריגן צו די וואַרטנדיקע סאָלדאַטן:

— אידיטיע, אידיטיע! — די מיידלעך קאָנען נישט מער, פּאַשאָל...

נאָר די סאָלדאַטן האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן אויסגעזען ווי די הינט, וואָס קומען זיך צוזאַמען אין אַ ווינטער־טאָג אַרום אַ שטוב, וואו עס דאַרף זיין אַ צויג, און כאָטש די באַלעבאַטים טרייבן זיי מיט שטעקנס און שטיינער, וועלן זיי פאָרט נישט אָפּטרעטן ביז זיי באַקומען נישט זייערס...

אַז ס'איז אים מיאוס געוואָרן, לערנערן, אַרומקריכן איבער די טראָטואַרן, איז ער אַרויס הינטער דער שטאָט. ער איז אַרומגעקראָכן איבער הפקרדיקע הינטערשטאָטישע געגנטן, איבער מיסטיקע פּלעצער, וואו ס'וואַלגערן זיך אָפּט עפּעס אַ נאַכט־כלי אָן אַ דנאָ, אַ געפּייגערטע קאַץ, אָן אויסגעריסן זעלנעריש היטל אָדער שיריים פון אָן אויסגעפּליקטן נישט־דערעסענעם פויגל. נאָך די היצן זענען רעגנס אָנגעקומען, וואָס האָבן געגאָסן געוואַלדיק געדיכט און פול. לערנער איז געקראָכן אין רעגן, געשלעפּט זיך איבער בערגער און טאָלן און געשניטן זיך אין ווינט, וואָס האָט אים געשמיסן אין פּנים. וואָס מער ער איז דורכגענעצט געוואָרן, וואָס מער דער רעגן האָט אים דורכ־גענומען ביזן ביין, האָט ער אַלץ מער דערגרינגערונג דערפילט, אַלץ מער לייכטקייט, גלייך ער וואָלט עפּעס אַ שווערע אויפגאַבע אָפּגעטון. דורכגע־ווייקט פון רעגן און ווינט, האָט אים דאָס בלוט הינטערן נאַסן העמד אויפ־געקאָכט, פון נאַסקייט האָט אַ פאַרע אָנגעהויבן גיין. אים האָט מער ווי אַלע־מאָל דעמאָלט אַ באַהאַלטענער, אומבאַוואוסטער באַגער באַהערשט, פּונקט ווי הינט בעת רעגנס און שנייען, און פון אויפרעגונג און נאַסער הייסקייט, האָט ער נאָך גיכערע טריט געמאַכט, נאָך האַסטיקער געשפּאַנט, אָנשטויסנדיק מיט די שפּיץ שיך יעדער שטיינדל, יעדער שערבעלע, וואָס איז אים געלעגן אין וועג.

ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַלע הינטערשטאָטישע געסלעך, געגעסן אין ברודיקע שענקלעך, וואו עס שפּילט כסדר אַ קאַטאַרינקע, גויים מולאָ־רעס קושן זיך און שלאָגן זיך פון שיכרות, כאָטש מען טאָר קיין בראָנפן אין מלחמה־צייט נישט טרינקען. ער האָט געגנעכטיקט אין די געפּערלעכסטע ערטער און מיטן טאָג צוגלייך ווידער זיך געלאָזט איבער די גאַסן, צוקוקנדיק זיך צו די פּאַרטיעס אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געגאַנגען אין די רייען, קלינ־גענדיק מיט די קייטן אין די דרימלענדיקע, פרידלעכע גאַסן.

דאָ האָבן שוין די פּיינטלעכע האַרמאַטן אַלץ נעענטער און נעענטער זיך געלאָזט הערן אין שטאָט, איבערהויפּט פּאַרטאָג, ווען די שטאָט שווייגט. און מחנות אַרעסטאַנטן, אַלע אין ווייסע טורמע־קליידער, מיט ווייסע, לייוונטענע מיצלעך אויף די געגאָלטע קעפּ, האָבן זיך געשלעפּט געשמידטערהייט איבער די גאַסן, אַוועק צום פּעטערבורגער וואָקזאַל, כדי צו עוואַקואירן זיך אין וויטן סיביר. נאָך זיי זענען נאָכגעפאָרן קאַרעטקעס מיט חולאים אין קייטן געשמידט און געקלאַפּט מיט די שווערע רעדער אין ברוק. זיי זענען געגאַנגען גלייך, סימעטריש, פאַררייסנדיק די אויגן צו לויטערע פענצטער אין די רייכע גאַסן, צו די אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן, וואָס דערציילן פון אַזויפיל סודות, גליק און ליבע; זיי האָבן באַטראַכט דעם איינציקן מענטש, וואָס גייט פאַרביי די גאַס, און לערנער האָט זיך געשעמט איצט, געשעמט זיך פאַר די אַלע פּינצטערע בליקן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים דעם „פריייען", דעם „אויס־דערוויילטן"... ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד, אַוועקגעדרייט זיך אין אַ זייטיקער גאַס, אויסצומיידן זיי, נאָר אין זיינע אויערן האָט נישט אויפגעהערט קלינגען דאָס דאָזיקע סימעטרישע מאָנאָטאָנע געקלאַנג פון די קייטן. עפּעס מיסטישעס איז געווען אין דעם סימעטרישן קייטן־געקלאַנג פאַרטאָג. דער רויטלעכער ראָסט, וואָס איז געגאַנגען פון די אַלטע קייטן, האָט זיך אויפן האַרץ געלייגט, געפרעסן. און פון ווייטנס, פון עטלעכע מיילן ווייט, האָבן הילכן פון האַרמאַטן באַגלייט דעם קייטן־געקלאַנג טויב, טעמפּ און צעצויגן:

— בום... בום... בום...

אַ פאַרשמאַלצעוועטער באַלעגאָלע, אַן אַרבעטער פון דער קאַנאַליזאַציע, איז דורכגעפאָרן מיט זיין רונדן קעסל מיאוסקייט, טרייסלענדיק זיך פאַר־שלאָפן אויף זיין געזעס, און אַריבערגעשריגן צו לערנערן, צוואוינקענדיק מיט איין אויג:

— פאַניע, „זיי" קלאַפּן... איר הערט, האַ?

אין דעם אומעטיקן געזיכט פון מענטש, וואָס האָט שטענדיק צו טון מיט אומריינקייט, האָט אַ שמייכל זיך באַוויזן, אַ שמייכל פול מיט צופרידנקייט דערפון, וואָס מען קלאַפּט, אַלצאיינס ווער, וועמען, אַבי מ'קלאַפּט... לערנער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַוועק ווייטער, ווייטער.

דער אַלטער געפיל, אַז די וועלט האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און אַלע דאַרפן עפּעס טון, אַרבעטן, פאַרען זיך, האָט אים ווידער באַהערשט. אַרום אים האָט אַלץ זיך באַוועגט. דאָ האָבן מענטשן געקלונגען מיט קייטן, דאָרט האָבן אַנדערע געאיילט מיט געווער, פון וויט האָט מען געקלאַפּט. דאָס אַלץ האָט אים געוועקט, גערופן, כאָטש צו נישט קלאָרס, צו נישט קאָנקרעטס. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס ער דאַרף טון, וואָס מאַכן, נאָר געפילט האָט ער, אַז ווייטער אַזוי אַרומשלעפּן זיך, קאָן ער נישט.

אין האָרץ האָט געגאָגט. אין די לאַנגע, פּוסטע שעה׳ן, וואָס האָבן זיך ווי אײביקייטן געצויגן, זענען טויזנטער גערדאַנקען אַדורך, די ווילדסטע אײנ־פאַלן. אויף טריט און שריט זענען געהאַנגען באַפעלן, רופנדיק דעזערטירן צום דינסט, דערפאַר וועט מען זיי שענקען יעדער שטראָף. און לערנערן איז אײנמאָל אײנגעפאַלן אַ געדאַנק: אַוועק אויף פּראָגע און אָנגעבן זיך...

ער איז געגאַנגען מיטן פולן טראָט, צוקלאַפּנדיק מיט די פיס, כדי זיך צו פאַרטויבן. נאָר די גאַס אַליין האָט אים געשטערט אין זײַן וועג. די שטאָט האָט איבערגעלעבט די לעצטע טעג. אין די הינטערשטאָטישע גאַסן האָט מען אויפגעריסן פאַבריקן, זיי זאָלן נישט אַרײַנפאַלן צום פײַנט אין די הענט. הילכן, ציטערדיקע, צעבראָכענע, געדרייטע, האָבן זיך געקייקלט אין דער לופט, אַרויסרופנדיק שרעק, פאַרשטײנערונג און צופרידענעם נײַגער גלײַכ־צײַטיק.

לערנערן האָבן די הילכן געפרייט, גערעגט, ווי יעדער סאָלדאָט, ווען ער דערשמעקט פולווער. אויף די גאַסן, אַרום די וואָקזאַלן, קאַזאַרמעס און אַמטן האָבן גאַסן־מענטשן, מענער, ווײַבער און קינדער, געשלעפּט שטיקער מעבל, פּליושענע שטולן, קאַנדעלאַבערעס, טישן, וואָס די אַרויסגעפּאַרענע טשינאָווניקעס האָבן געלאָזט אויף הפקר, נישט קאָנענדיק אַלץ מיטנעמען. מען האָט זיך געשלאָגן איבער זיי ביז בלוט.

— זע נאָר — האָט אַ יידענע געשריגן צו אַ יונג, וואָס האָט זיך צוגע־נומען אַ פּליושענעם פאָטעל מיט גאָלד געפּוצט — זע נאָר „פּאַניעס״ בן־יחיד! ט׳שוין געזען?

די גאַסן האָבן זיך געטונקען אין שטויב, נישט האָבנדיק קיינעם, ווער עס זאָל זיי באַשפּריצן, און מיליטער, צעלאָזן, אָן אַן אָרדענונג, אויסגעמישט, צעפּלאָנטערט, קאַוואַלעריע מיט פוסגייער צוזאַמען, האָבן געיאָגט צו דער פּראָגער בריק, טרײַבנדיק די סיבירער קליינע פערדלעך מיט ווילדע געיעגן. קיין ציווילן מענטש האָט מען צו דער בריק גאָרנישט צוגעלאָזט.

— נאַזאַד! — האָבן קאָזאַקן געשריגן, פאָכנדיק מיט די נאַהייקעס — צוריק!

לערנער האָט פאַרקערעוועט אויף צוריק און אַוועק צום „וואָוינע פּלאַץ״, צום באַליבטן אָרט זײַנעם, וואָס האָט אים מיטן טומל, גערודער און פּלאָנטער פאַרכאַפּט, געשטילט.

ער איז שיר נישט אַרײַנגעפאַלן צו די קאָזאַקן אין די הענט.

צווישן די אויסגעפּליקטע ביימלעך און אָפּגעגעסענע, געלע גראָזן אַרום פּעסטונג, באַדעקט מיט מיסט און אומריינקייט, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן סאָל־דאַטן און „ראַגאָזשוואָוקעס״, אַלטע, פאַרפוילטע שיכורע פּראָסטיטוטקעס, וואָס טראָגן שטענדיק מיט זיך זייער „ראַגאָזשע״, זייער פאַרפוילט, אומריין „ליבע־בעטל״, גרייט עס אויסצוליייגן וואו עס לאָזט זיך. צענדליקער האָבן זיי זיך

דאָ אַרומגעשלעפּט, פאַרקויפנדיק זייער ליבע אין מיטן העלן טאָג, אין דער־מיט פרייער וועלט, פאַר אַ פלעשל שטינקנדיקן ספּירט, וואָס די סאָלדאַטן באַקומען צו די אויטאָמאָבילן, פאַר אַ חזיר־קישקעלע און אַפילו פאַר אַ ציגאַר־מאַכאַרקע. לערנער איז אַרומגעקראָכן צווישן אַלץ און אַלעמען. גע־גאַנגען דער געפאַר אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט זיך וועלן רייצן מיט איר. נאָר דער אינסטינקט האָט אים אַרויסגעפירט פון אַלעם, ווי עס פירט אַרויס דעם הונט, וואָס דערשמעקט די פאַרנדיקע שטייג פון הינט־שלעגער.

די נאַכט האָט לערנערן באַגעגנט אַ פינצטערע, אַ פּוסטע, אין וועלכער עס האָבן זעלטן אָפּגעקלאַפּט אַ פּאָר דערשראָקענע טריט פון אַ פאַרשפּע־טיקטן דורכגייער. וואו נאָר וואו איז געשטאַנען אַ ציווילער מיליציאַנט מיט אַ ווייסן באַנד אַרום אַרבל, שרעקנדיק זיך אַליין פאַר דעם פּלוצלונגן און אומגעריכטן, וואָס ס'איז אָנגעקומען, נישט ווייסנדיק, צי בלייבן אויף דעם אָרט אָדער נישט, צי גייען „זיי" טאַקע אַוועק, אָדער זיי פאַרבלייבן דאָ, וואו זיי האָבן אַזויפיל צענדליקער יאָרן געהערשט, געהאַלטן אין די הענט? די טויערן זענען געשטאַנען געשלאָסן, שטום אויף יעדער קלונג.

ער האָט איבערגעוואַכט די נאַכט אין אַ פאַרוואָרפן הויפל, אין וועלכן ער פלעגט פון צייט צו צייט אַמאָל נעכטיקן. צוזאַמען מיט אַ חברה בעקערס אין בלויזע אונטערשטע הויזן, איז ער געשטאַנען אויפן הויפל, צוגעהערט זיך צו די קנאַלן, שיסערייען און אויפרייסן — און מיטאַמאָל זיך געכאַפּט ביי די אויערן און אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— טראַדדך! — האָט געזעצט, אַז פון אַלע זייטן זענען שויבן געפלויגן. דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן.

— מען צינדט אונטער די שטאָט! — האָבן ווייבער געליאַרעמט — געוואַלד!...

לערנער האָט געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן צום רויטן הימל, וואָס באַלייכט די פינצטערע, שווערע מויערן און גיט זיי צו אַ פאַנטאַסטישן אויסזען. ער האָט באַטראַכט די מענטשן, וואָס האָבן ביים אָפּשיין פון רויטן הימל פייערדיקע געזיכטער באַקומען, און ער איז געווען צופרידן, ווי אַ קליין יינגל בשעת אַ שרפה.

— די וועלט גייט אונטער! — האָט אַ יונג געזאָגט, קוקנדיק אין הימל אַריין — זעט!

— מ'עט מאַכן אַ נייע! — האָט אַן עלטערער ייד אים געענטפערט.

**
*

צומאָרגנס פאַרטאָג האָט פון אַלע זייטן שטאָט אַריינמאַרשירט פרעמד מיליטער מיט געקאָוועטע שיך און מיט שפּיציקע פּיקל־הויבנס.

— זעט נאָר! — האָבן יידן זיך געוואונדערט — אַזעלכע קליינע זענען זיי, די דייטשן, אויסגעדאַרטע, אַבי מען האָט געזאָגט...

זיי האָבן זיך געצויגן אָן אַ שיעור, מידע, פאַרשטויבטע, פאַרברענטע. אַ סך האָבן געהאַט בלומען צוגעטשעפּעט צו די רעקלעך, צו די ביקסן, צו די פּיקל־הויבנס. ביי אַנדערע זענען די פערד געווען אויסגעפּוצט אין בלומען. איינער האָט גאָר געפירט אַ באָק מיט בלומען אין די הערנער פאַרפלאָכטן.

— גוט־מאָרגן! — האָבן יידן באַגריסט, אַפּעטעמענדיק פון די גרויע רוסישע בייזע שינעלן.

— ט׳מאָיען! ט׳מאָיען! — האָבן די דייטשן געענטפערט גלייכגילטיק, שלינגענדיק די ווערטער.

אויף די טעלעגראַפן־סלופּעס און דעכער זענען אַרומגעקראָכן דייטשן, ווי די קעץ, געצויגן דראָטן און געגאָרגלט ווי די גענדז.

— קיין איין וואָרט פאַרשטייט מען נישט — האָבן יידן געהאַט פאַראיבל.

לערנער איז געגאַנגען אומעטום, אין אַלע גאַסן, צו אַלע אויפגעריסענע בריקן און געפילט זיך גוט, ווי אַלעמאָל, ווען עס טוט זיך עפּעס.

ביי דער דריטער בריק איז געשטאַנען אַ דייטש, אַ ברייטער, אַ הויכער, מיט אַ פיגור פון די אַלטע העלדישע גערמאַנען, וואָס ווערן געמאָלט אין די היסטאָרישע דייטשע ביכלעך; מיט הויכע שטיוול, וואָס די כאַלעוועס בויגן זיך איבער אין דער הויך און מען טראָגט נאָר אַזעלכע אין דער אַפּערע, מיט אַ שפּיציקן פּיקל־הויב, מיט גלאַנציקע שפּאָרן, מיט אַ געלער, שטאַרקער, האַרט־געשווירענער באָרד, מיט אַ פעסטער, אַרויסגעזעצטער, מעכ־טיקער ברוסט, מיט דער האַנט אַנגעשפּאַרט אויף דעם הענטל פון דער לאַנגער, בלאַנקנדיקער שווערד — האָט ער אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע פון זיג אויף דער פרעמדער ערד.

אַ קליין, שוואַרץ יידיש מיידל מיט געפאַרבטע ליפּן און אַ צופּיל אַנגע־פּודערט פּנימל, האָט זיך דערנענטערט צום באַוואָפנטן ריז און געפרעגט:

— זי גייען, האַר־לעבן?

דער ריז האָט זי באַטראַכט מיט אַ פּאָר העל־בלויע אויגן:

— וויפיעל קאָסט דאָס דען?

— פינף מאַרק, האַר־לעבן — האָט דאָס קליינע, שוואַרצע גאַסן־מיידל געזאָגט.

— כאַ, כאַ, כאַ, גאָט! — האָט זיך דער ריז צעלאַכט, אַז אַלץ אויף אים האָט זיך געטרייסלט — אין בערלין בעקאָם איך עס פיר איין מאַרק, אונד זי פּוצט מיר נאָך די שטיפעל אַב!...

קאַפּיטל פינף

אויף דער בריק

די אַרבעט ביים אַרויסשלעפּן די אויפגעריסענע אייזערנע בריק פון ווייסל אַרויס און אַוועקשטעלן זי צוריק אויף איר אָרט, איז געגאַנגען מיטן גאַנצן ברען. עטלעכע אייזערנע „בלאָקן" האָבן נישט אויפגעהערט אַ ווײַלע קלאַפּן. ווי האָבן געגראַגערט, געקרעכצט זיך און אַלע מינוט געגעבן אַ שטויס מיט אַ ריזיקן, אייזערנעם קאָפּ איבער אַ קלאַץ, אַזוי, אַז ער האָט זיך אויף עטלעכע צאָל אַראָפּגעזעצט טיפער אין אָפּגרונט. הויכע ווינדעס, דורכגעפלאָכטן מיט שטאָלענע שטריק און קייטן, באַשיצט מיט ריזיקע רויבערישע אויסגעבויגענע האָקנס, האָבן געכאַפּט הונדערט־פּודיקע אייזנס און אויסגעשפּיגן זיי מיט גיריקער שנעלקייט. האַמערס, זעגן, שרויפן און עגבערס האָבן זיך געריסן מיט הייזעריקע קולות, איבעררייסנדיק איינס ס'אַנדערע. און עטלעכע הונ־דערט אַרבעטער, געפאַנגענע רוסן, צוואַנג־אַרבעטער און ציווילע לוין־לייט זענען אַרומגעקראָכן אַרום די ריזיקע משאות, אַרומגעשאַרט זיך ווי די מוראַשקעס אַרום אַ גרויסן בוים, געבויגן זיך, געשלעפּט, אָפּגעשפּרונגען, אָנגעשטרענגט זיך און געשריגן מיט אומפאַרשטענדלעכע קולות:

— האַאַאַפּפּ... האלליאא — ראַאַאַ־אַאַאַ־זזז!...

מאַיאָר מייער, אינזשיניער פון דער סאַפּערן־אָפּטיילונג אין דער דייטשער אַרמיי, איז געשטאַנען האַרט ביים ברעג, געשטאַנען צוגעוואַקסן מיט זיינע מאַסיווע פיס צו דעם ליימיקן, קלעפּיקן באָדן; ער האָט זיך געפּאַטשט ביז אַ שפּיצרוט איבער די הויכע וואַסער־שטיוול, וואָס האָבן אים דערגרייכט ביז די לענדן, געדרייכערט אַ פאַרצעלייענע פייף מיט ביסמאַרקס קאָפּ אויסגע־מאָלט, און צוגעקוקט זיך צו דער אַרבעט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ קילאָ־מעטער ווייט.

— אויב ס'זאָל אַזוי גיין ווייטער ווי איצט — האָט ער געזען — וועט די בריק זיין פאַרטיק נישט אין זעקס מאָנאַטן, ווי דער טערמין איז געגעבן געוואָרן, נאָר אין קנאַפּע פינף מאָנאַטן. דער געפיל, אַז ער וועט אַוועקשטעלן די בריק מיט אַ גאַנצן מאָנאַט פריער, האָט אים אָנגעפילט מיט שטאָלץ. אַך, וואָסער מינע וועט דאָס מאַכן זיין עקסעלענץ דער גענעראַל האַלטץ — האָט מאַיאָר מייער געטראַכט — ווען ער וועט זיך מעלדן צו אים איינגיכן און זאָגן:

— בעפעל פאלבראַכט. בריקע פערטיג. ביטטע געהאָרכזאַמס, אויער עקסעלענץ, דען לעצטען נאַגעל איינצושלאַגען...

זיין פאַנטאַזיע האָט אַפילו אָנגעהויבן אָנשלאָגן זייער ווייט. ער האָט זיך שוין געזען פאָטאָגראַפירט אין די צייטונגען מיט אַן אונטערשריפט, אַז דאָס איז ער דאָס, דער טאַפּפערער מאַיאָר מייער, וואָס האָט אויפגעבויט אין פינף מאָנאַטן אַ בריק, וועלכע די רוסן האָבן געבויט גאַנצע פינף יאָר. און דערנאָך? גאָט! דערנאָך רופט מען אים גאָר אַרויס אַהין — צו דער הויפּט־קוואַרטיר אַליין. דאָרט גריבלט און שוויבלט פון רויטע לאַצן, לאַמפּאַסן, אַלע לאַכן צו אים, שמייכלען צו אים; און דערנאָך, דערנאָך קומט זיין מאַיעסטעט אַליין, ער לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל און זאָגט:

— סאַפּערלאָט! דאָס איזט איין עכטער דויטשער זאָלדאַט!

און ער ענטפערט:

— גוט אונד בלוט פיר קייזער אונד פאַטערלאַנד...

אַ שטראָם הייס בלוט האָט אַ שלאָג געטון מאַיאָר מייער צום האַרץ און אינגאַנצן אויפגעקאָכט — האָט ער אַזאַ שמיץ געטון זיך איבער די הויכע שטיוול, אַז זיי האָבן אינגאַנצן געקנאַקט. און מיטן גאַנצן כח, מיט גאַנצן אָטעם, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין ברייטער, מעכטיקער ברוסט, האָט ער אַ געשריי געטון אויף דעם גאַנצן קילאָמעטער באַוועגונג:

— פאָררררווערטס, לויט! — פאָררווערטס!

עטלעכע הונדערט פאַר הענט, מיט אַזויפיל זעגן, העק, שרויפן און מאַשינעס האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ געקלאַפּעריי, ווי די סאָלדאַטן פאַר זייער גענעראַל:

— טפררררר! — פססססס!

בנימין לערנער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן גליטשיקן ברעג. ער האָט אָנגעריבן די הענט, צו דערוואַרעמען זיך פון דעם האַרבסטיקן ווינט און רעגן, וואָס האָבן אים אויסגעשמיסן דורך די עטלעכע מייל וועג גיין צופוס, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט פון די פּלייצעס זיין רוק־זאַק, אין וועלכן ער האָט געהאַט עטלעכע העמדער, אַ רוסישע „גימנאַסטיאָרקע", עטלעכע לערן־ביכלעך און אַ ווערטער־בוך צו דערלערנען די דייטשע שפּראַך.

ער האָט אויסגעריבן די קאַלטע אויערן, אָפּגעווישט די פּיס פון ליים, אין וועלכן דער גאַנצער ברעג האָט געזונקען, און ער איז אַריין אין נייעם אויסגעהיבלטן ביוראָ, וואָס איז געשטאַנען אויפן סאַמע שפּיץ ברעג, שיער נישט אַראָפּקייקלענדיק זיך אין וואַסער אַריין. אַן עלטערער אָרדינאַנס, אַ לאַנדשטורמער מיט אַ העלער באָרד און מיט אַ קאָמיש־אויסגעצויגענער פיגור, וואָס מאַכט דעם הינטן צופיל אַרויסשטאַרן, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג ביים סאַמע שוועל און פאַרהאַלטן מיט דער האַנט, ווי מ'פאַרהאַלט עפּעס אַ הונט, וואָס וויל זיך אַריינכאַפּן אין אַ פרעמדער שטוב:

— האַלט! וואָהין?

אַ ווײַלע איז לערנער געבליבן אַ ביסל פאַרלעגן. ער איז אַריין אין

ביוראָ ווי מען דאַרף, ווי ער איז געוואוינט געווען אַריינצוגיין אין אַ קאַנ־צעלאַריע אין דער אַרמיי, נאָר דעם דייטשן לאַנדשטורמער האָט עס נישט איינגאַנצן באַפרידיקט. שטאָלץ דערמיט אי וואָס ער איז אַ דייטש, אי וואָס ער איז זייער אַ פּינקטלעכער אָרדינאַנס ביי זיין הער דעם מאַיאָר מייער, אי דערמיט, וואָס ער שטייט גרייט אַלעמאָל „צו בעפעל״, מיט די הענט אויף די נעט, מיט די קרומלעכע פיס צוזאַמענגערוקט, מיט דעם הינטן אַרויס־געשטאַרט און מיט אַ הייזעריקן „יאַ־וואָהל״ אויף די ליפּן, איז ער געווען זייער שטרענג צו יעדן „רוסישען שוויינע״, צו יעדער „יודע קוואַטש״ און צו יעדן „פערפלוכטע פּאָלע״, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט ביי דער אייזערנער בריק. ער האָט זיי געלערנט דרך־ארץ ביי יעדער געלעגנהייט.

— האַלט! וואָהין?

לערנער האָט זיך אויסגעגלייכט און שטיל געפרעגט:

— אויף אַרבייט פערשרייבן. היער?

— היער, היער — האָט דער בערדיקער דייטש געענטפערט — האַלט, פערשטאַנדען?

דורך דער האַלב־געעפנטער טיר פון צווייטן צימער האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיק וואַנט מיט אַ מאַפּע, אַ זילבערנער עפּאָלעט און אַ געגאָלטער קאָפּ, אַזאַ רויטער, אַ בלוטיקער, ווי מען וואָלט פון אים אָפּגעשונדן די הויט. אין דער פאָדערשטער שטוב, וואו לערנער האָט געוואַרט, זענען די ווענט געווען באַהאַנגען מיט לעדערנע הויזן, מיט הויכע וואַסער־שטיוול, סמאָלענע יאַקן און ברייטע לעדערנע טויך־קאַפּעליושן. ביי דער טיר זענען געהאַנגען עטלעכע־ערליי פעלד־ און יעגער־ביקסן, אַ יעגערישער שופר און אַ מאַסע גלאַנצנדיקע, שטאָלענע אינסטרומענטן, מוסטערן פון זעגן, העק, שרויפן, צוואַנגען און עגבערס, אַלע אויף רויטן טוך אויסגעהאַנגען, וואַרפנדיק אַרום זיך קאַלטע, גלאַנצנדיקע און אָפּשרעקנדיקע שטראַלן.

נאָך עטלעכע צענדליק מינוט וואַרטן, האָט זיך דער געגאָלטער, רויטער קאָפּ אויסגעדרייט און אַ פּאָר אויגן, בלויע שטאָלענע אויגן, אין וועלכע די אַפּלען שטייען נישט אין דער מיט, נאָר פאַררוקט אין אַ זייט, האָבן אַ קאַלטן בליק געטון פון רויטן שטיק פּנים.

דער בערדיקער אָרדינאַנס האָט זיך אַזוי אויסגעגלייכט, אַז פון אים איז שוין גאָרנישט געבליבן. זיין גאַנצער אי ך איז איבערגעגאַנגען אין הינטן... די רויטע געגאָלטע מאַסע האָט אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט, איין־איינציק וואָרט מיט אַ העסישן אַקצענט:

— וואָס?

— איין אַרבייטער, הערר מאַיאָר! — האָט דער אָרדינאַנס געענטפערט, קוקנדיק גלייך מיט זיינע קליינטשיקע, בייזע אויגעלעך אין רויטן אָפּגעשונ־דענעם פּרצוף אַריין:

— קאָם מאָל הער!

לערנער איז געבליבן שטיין אויף אָן אָרט. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס רויטע שטיק פלייש קאָן רעדן. אין דער גאַנצער מאָסע רויטקייט האָבן זיך קוים אָנגעזען די שטריכן פון אַ נאָז און ליפּן. אויסער דעם האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דער „קאָם מאָל הער" מיינט אים. ער האָט זיך אַזויפיל געהאַט אָנגעהערט וועגן דער דייטשער העפלעכקייט, און ער האָט נישט געגלויבט, אַז אַן אַרבעטער זאָגט מען „דו". דער בערדיקער אָרדינאַנס האָט אים ברוטאַל אָנגענומען ביי אַ האַנט, צוגעפירט עטלעכע טריט, אונטערברומענדיק שטיל:

— מאַרש, קוואַטש! זאַקראַמענט...

דאָס רויטע פּרצוף האָט אים באַטראַכט אַ ווײַלע, באַטראַכט מיט אַזאַ דורכדרינגלעכקייט, אַז לערנער האָט אַזש געגעבן אַ צוק מיט אַן אַקסל, ווי מען זאָל אים אָנרירן אַ נאַקעטן. נאָך אַ לענגערער ווײַלע שווייגן איז געקומען אַ וואָרט, ווידער נאָר איין וואָרט:

— בערוף?

לערנער איז געבליבן שטיין. מאָדנע, ווי אים איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ער וועט דאַרפן אַמאָל ענטפערן אויף אַזאַ איינפאַכער פראַגע. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נישט אויסהאַלטנדיק די צוויי שטאָלענע בליקן, וואָס האָבן אים דורכגענומען און געוואַרט אויף אַן ענטפער. ס'האָט זיך געצויגן אַ פּיינלעכע ווײַלע.

דער מאַיאָר האָט איבערגעפרעגט, שוין מיט כעס:

— נו, וואָס, קרייץ דאָנער! צימערמאַן? שלאָסער, טישלער? שמיד? מעכאַניקער?

ער האָט פאַרבויגן איינציקווייז אַ פינגער ביי יעדן פאַך, וואָס ער האָט אויסגערעכנט, ביזן לעצטן. אין ביוראָ איז געוועזן שטיל, אַזוי אָנגעשטרענגט שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס שטילקייט. בלויז פון דרויסן האָט געכוואַליעט דאָס וואַסער, שלאָגנדיק זיך אין ברעג. לערנער האָט אַרויסגעשטאַמלט, קוים וואָס מען האָט געהערט:

— פרייע פּראָפעסיאָן

— פרייע פּראָ—פע—סיאָן?...

דאָס רויטע פּרצוף האָט אינגאַנצן זיך געטרייסלט פון פרייד. די דינע ווענט, דער שרייב־טיש, די לעדערנע הויזן אויף די ווענט האָבן זיך מיט־געטרייסלט פון געלעכטער:

— כאַ, כאַ, כאַ... גאָטט! טאַדעללאָז...

ביי לערנערן האָט אָנגעהויבן ציטערן אַ ליפּ. ער האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק און געוואָלט אַוועק. נאָר אין דעם אויגנבליק האָט אים דער מאַיאָר

אָנגענומען ביי דער האַנט, אַ טאַפּ געטון די מוסקולן און, איבערצייגנדיק זיך, אַז זיי זענען נישט שלעכט, האָט ער אויפגעהערט לאַכן. אין זיין שטימע איז געווען אַ שאָטן פון דרך־ארץ:

— ס׳גוט... זי בלייבען אַלזאָ אין דער וואַסער־מאַשינען אַבטיילונג, אַם שוץ־וואַל אַלזאָ לאַסט־טרעגער, ניכט וואַר?...

לערנער האָט געוואָלט רעדן עפּעס. די לעצטע ווערטער האָבן אים נישט באַפרידיקט און ער האָט געהאַט צו זאָגן עפּעס קעגן דעם, דערציילן, אַז ער וואָלט פעאיק געווען צו וויכטיקערע זאַכן. נאָר דער מאַיאָר האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. ער האָט אים דערלאַנגט אַ בלעכערנעם נומער אין האַנט און פאַרענדיקט:

— נומער דריי הונדערט איינס. עסען פאַן קעסעל, שלאַפען אין „פּאַראַק״, דרייסיג פפעניג טעגליך. פייערטאַגע גיבטס ניכט. קריעגסצייט — פער־שטאַנדען?

לערנער האָט געהאַלטן דעם נומער אין האַנט, גרייט אַרויסצולאָזן אים, נישט באַגרייפנדיק, וואָס מיט אים קומט דאָ פאָר. נאָר דער מאַיאָר האָט שוין אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים, און דער בערדיקער אָרדינאַנס האָט אָנגענומען לערנערן ביי דער האַנט און מיט כעס אים געשלעפּט אַרויס:

— מאַרש! דיין אַאופזעהער איסט געהילפס־מאַנטער גערלאַך, איין מאַטראָסע. גראַדע אַאוס.

אַ געקלאַפּערײ פון שטאָל, אייזן און כליופּנדיק וואַסער האָט אַ ריס געטון אין לייכט־געעפנטן טירל, אַרויסגעכאַפּט לערנערן און נאָכגעברומט:

—פּססס... פּררררר...

**
*

אַ גאַנצן טאָג, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, איז לערנער געווען איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט

לענגאויס דעם בלאָטיקן,ליימיקן ברעג זענען געלעגן אָנגעלייגט קופּעס קלעצער און באַליעס, זינקענדיק אין דער ערד. די דאָזיקע קלעצער האָט מען געדאַרפט אַריבערפירן צו דער בריק, כדי זיי אַריינצוקלאַפּן אין וואַסער, אָדער מאַכן פון זיי שוץ־וואַלן אַרום די שטיינערנע בריקן־פיס, נאָך איידער די וויסל וועט געפרוירן ווערן, ס׳זאָל נישט צוקומען קיין אייז. די קלעצער זענען געשלעפּט געוואָרן מיטן וואַסער, לענגאויס דעם ברעג. און לערנער איז אַ גאַנצן טאָג געווען צוגעשפּאַנט צו די קלעצער, ווי אַ פערד צום וואָגן. איבער זיין ברוסט איז געווען פאַרלייגט אַ גראָבער שטריק, דער צווייטער עק איז געווען צוגעבונדן צום קלאָץ, און אַזוי איז ער געגאַנגען האַרט ביים וואַסער, שלעפּנדיק דעם שווימענדיקן קלאָץ.

די ערשטע באַגעגעניש מיט די אַרבעטער אויפֿן פּלאַץ איז געווען נישט בעסער ווי אין ביוראָ, ביים פֿאַרשרייבן זיך אויף דער אַרבעט.

אויף אַ פֿרייען, ליימיקן פּלאַץ, וואָס איז פֿאַרוואָרפֿן מיט ציגל, צעבראָכענע פּלעשער, שאַכטלען פֿון קאָנסערוון, שטעכעדיקע דראָטן און אומריינקייט, האָט ער עטלעכע פֿאַרשוינען באַגעגנט, פֿאַרקענדיק זיך אַרום אָנגעוואָרפֿענע קלע־צער. איינער פֿון זיי איז געווען אַ יונג מיט אַ געלער, נישט־געגאָלטער מאָרדע און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס אָנשטאָט אַ רעקל; אַ צווייטער איז געווען אַ געזונטער שוואַרצער בחור מיט קורצע קלאָצעוואַטע פֿיס און נאָך קורצערע כאַלעוועס; אַ דריטער איז געווען אַ געשטופּלטער פֿאַרשוין מיט שוואַרצע, געקרייזלטע וואָנסן און מיט אַ דינעם רעגן־מאַנטל, נישט אויף זיין פֿיגור באַשטעלט; דער פֿערטער, דער לעצטער, איז געווען אַ קליין נפֿשל מיט אַ בלאָס פּנים און מיט אַן אויסגעוואַקסן רעקעלע מיט אַ שטריקל פֿאַרבונדן, אַ פֿאַרשווינדל, וואָס מען קאָן נישט וויסן, צי ער איז אַלט פֿופֿצן אָדער דרייסיק יאָר, און תּמיד ציטערט ער אין דינעם אויסגעוואַקסענעם רעקעלע.

קיינער האָט אים צום עולם נישט צוגעפֿירט, נישט געזאָגט, וואָס ער האָט צו טון.

— גראַד־אַאוס — האָט אים אַ דייטש אין אַ לעדערנעם קאָסטיום אָנגע־וויזן און אים מער גאָרנישט געזאָגט.

ער איז צו צו די פֿאַרשוינען אַרום קלאָץ, מיט וועלכע ער דאַרף אַרבעטן, און זיך באַגריסט:

— גוט מאָרגן.

קיינער האָט אים נישט געענטפֿערט.

— מען האָט מיך דאָ אַהערגעשיקט אַרבעטן.

— טוט מיר הנאה — האָט דער געלער יונג מיטן זאַק אויף די פּלייצעס געענטפֿערט.

— כאַ, כאַ, כאַ — האָט דער עולם געלאַכט מיט אַ רויען געלעכטער פֿונעם ענטפֿער.

לערנער איז געשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן. ער איז געשטאַנען מיט אַ פֿאַר איבעריקע, פֿרעמדע הענט.

דער געלער יונג האָט זיך געטוליעט אין זאַק, און מיט געבויגענע פּלייצעס, איינגעקאָרטשעט, רחמנותדיק, זיך צוגעשאַרט צו לערנערן.

— זיי אַ יאַט — האָט ער אים געזאָגט — צי מיר אויס די רעכטע האַנט. זי איז מיר אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

לערנער האָט אַ בליק געטון אויף דעם יונג, באַטראַכט אים אַ ווײַלע און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— האָסט נישט געטראָפֿן דאָס אָרט.

די יונגען זענען געשטאַנען און געוואַרט מיט אומגעדולד. יעדן נייעם אַרבעטער האָט מען דאָ אַזוי באַגעגנט: מען האָט אים געהייסן אויסציִען אַ האַנט אָדער אַ פוס, און אַז יענער האָט געצויגן, האָט ער באַקומען אַ שיינעם דאַנק צוזאַמען מיט אַ מיאוסן ריח. לערנער האָט דורכגענומען דעם געלן יונג און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— צי דיר אַליין. נישט געטראָפן...

— נישט קיין „פרייער" — האָט דער עולם געזאָגט און געריצט זיך מיט דעם געלן יונג — נו, שמואליקל זשולטשיק, צי דיר דעם פוס...

איצט ערשט האָבן זיי לערנערן דערלאַנגט אַ נאַסן שטריק. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט אַ קלאָץ אין וואַסער אַריין, איין זייט שטריק צוגעבונדן צום קלאָץ, די צווייטע העלפט פאַרלייגט אין אַ לויזן קנופּ און אַ געשריי געטון אויף אים, ווי אויף אַ פויל פערדל:

— האָפּ, האָפּ, האָפּ!...

לערנער איז געגאַנגען ביים ברעג, געקראָכן אין ליים, בלאָטע, און געוואָרן בייז.

— וואָס שרייען זיי אַזוי? — האָט אים געקרענקט — וואָס „האָפּען" זיי אַזוי. ווי אַ באַנדע באַלעגאָלעס נאָך אַן אַלט פערד?

ער איז נישט געווען צופרידן, לערנער, ניין.

גייענדיק צופוס צו דער בריק, וואו מען האָט געפאָדערט מענטשן צו בריקן־בויערײַ, איז ער געגאַנגען מונטער, פריילעך. ער האָט פון אַלע צייטן געטרוימט צו פאַרנעמען זיך מיט גרויסע בויערישע און ריזיקאַלישע אַרבעטן, פאָרן אויף ימען, בויען בריקן, לאָזן זיך אין עקספּעדיציעס. פון ייִנגלווייז אָן, לייענענדיק די פאַסירונגען פון ים־רייזעס, בויען טונעלן, האָט עס אים פאַר־כאַפּט, פאַרטראָגן, און ער האָט געטרוימט אַליין אַמאָל צו זיין איינער פון די, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די ביכלעך אָדער געמאָלט אין וואָלטער־סקאָטס ראָמאַנען: אַ שטרענגער, אַ ריזיקאַלישער, אַ האַלב־ווילדער און אַ פאַרגע־טערטער ביי פרויען. שפּעטער, עלטער ווערנדיק, האָט זיין פאַנטאַזיע געמאָלט מער קאָנקרעטע בילדער.

אים איז אויסגעקומען, אַז ער וועט דאָ זיין דער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער אַרבעט. צווישן גאַנצן פּלאָנטער פון מאַשינען, באַוועגונג, וואַסער און מענטשן וועט ער זיין אַ הויפּט־נערוו, וואָס אַלץ דאַרף דורכגיין דורך אים און ער דורך אַלעמען. זעענדיק ביים אָנקומען דעם ברייטן שטח באַוועג־גונג; דאָס יאָגן פון וואַסער, וואָס רייסט זיך דורך דעם איינגעזונקענעם „בראָד"; די שויץ־וואַלן, אין וועלכע די כוואַליעס צעשלאָגן זיך: די זעק זאַמד, וואָס ווערן געוואָרפן אין טייך, כדי צו פאַרהאַלטן דעם שטראָם; די פאַרשידנערליי מענטשן, געפאַנגענע, מאַטראָסן, אַרבעטער, מאַשיניסטן, טויכער, אין זייערע מאָדנע וואַסער־קליידער, באַלויכטן אין אַ קאַלטער, פאַרגייענדיקער,

בלוטיקער זון, פאַרהילט פון נעפּלדיקן וואַסער; הערנדיק דאָס רוישן פון די מאַשינען, די הייזעריקע זעגן, שרויפן און העק, די גאַרגלדיקע דייטשע „פאַר־ווערטס" און „האַלטס", די פאַנטאַסטישע „האָפּ־האָפּס", וואָס רייסן זיך פון אַזויפיל ברוסטן אַרויס, — איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון גרויסן בילד, אויפגעזאָפּן געוואָרן פון דער אַלגעמיינער רירעוודיקער באַוועגונג

איצט איז ער געקראָכן צוגעשפּאַנט צו אַ קלאָץ! די גאַנצע אַרומיקע אַרבעט, דאָס בויען די בריק, אַלע מאַשינעס, ווינדעס, קוימענס, רעדער, זעגען פאַרהוילן פון זיין אויג, בלויז זייערע ווידער־קולות, זייער פייפן, זשומען און קלאַפּן האָבן דערגרייכט אַהער. דאָ איז נישט מער געווען ווי אַ שטיק ברעג, אַ שטיק ליימיקער ברעג, פול מיט שטרויכלונגען און אומריינקייט.

פאַר די אויגן אַ שטריק, וואָס שניידט זיך איין אין ברוסט, הינטער זיך אַ קלאָץ, וועלכן מען מוז כסדר האַלטן אויפן אויג, ער זאָל נישט איינשניידן זיך מיט אַ קאַנט אין ליימיקן ברעג, און איבער זיך „האָפּ, האָפּ, האָפּ".

ער האָט געקוקט אויף זיך, ווי ער וואָלט זיך אַליין וועלן איבערצייגן, צי ער איז דאָס טאַקע ער. עפּעס האָבן זיך אים כסדר געפּלאָנטערט אין קאָפּ די בלינדע אַלטע פערד, וואָס ווערן צוגעשפּאַנט פון אַ זייט צו די קלעצער, וואָס מען פירט אין וואַלד און וואָס מען טרייבט זיי אַזוי לאַנג ביז זיי פאַלן פון די פיס.

צו מיטאָג־צו האָט ער ווידער געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט די אַרבעטער.

עס איז געווען אינמיטן דער אַרבעט, אין מיט שלעפּן אַ קלאָץ, שוין נישט ווייט פון פּלאַץ, וואו מען האָט אים געדאַרפט צופירן, — ווי אין דער לופט האָט אָנגעהויבן ציטערן דאָס פייפל, רופנדיק צום מיטאָג.

לערנער האָט נאָך נישט געוואוסט דעם כוח פון פייפל.

אויף דעם גאַנצן פּלאַץ איז דאָס פייפל געווען דער גרעסטער הערשער, דער מעכטיקסטער באַפעלער. פּונקט אַזוי ווי קיין שום בעסטער שלאַק, קיין גוטע מינוט האָט זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן דעם פייפל, ווען ס'האָט גערופן צו דער אַרבעט, אַזוי האָט קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט געקאָנט פאַרהאַלטן, ווען דאָס זעלבע פייפל האָט גערופן אָוועקלייגן די אַרבעט. מען האָט געמעגט האַלטן אין מיט שלעפּן אַ משא, זייענדיק נאָך איין מינוט בלויז פון אָרט, וואו זי האָט געדאַרפט ווערן אָפּגעלייגט, אָבער אַז דאָס פייפל האָט גערופן צום מיטאָג, האָט מען גלייך אַראָפּגעוואָרפן די משא פון אַקסל און מ'איז פייל־פון־בויגן געלאָפן צום פּלאַץ, וואו די קיך איז געשטאַנען. קעגן דעם האָט קיינער נישט געקאָנט זאָגן, נישט די דעקאָלטירטע מאַטראָסן, נישט די מאַשיניסטן אין די סמאָלענע הויזן, נישט דער מאַיאָר מייער און אַפילו נישט דער פּראַקטישער שכל, וואָס האָט געהייסן בעסער צוטראָגן די משא צום אָרט, אַבי נישט האָבן דערנאָך מער אַרבעט ביים אונטערהייבן זי נאָך אַמאָל. אַזאַ כוח האָט שוין דאָס פייפל דאָ געהאַט!

לערנער האָט געדאַרפט טון אַ קלייניקייט: אַרויסכאַפּן דעם קאָפּ פון פאַרלייגטן שטריק און זיך לאָזן לויפן, מעג דער קלאָץ פאַרפאַרן אַזש ביז דאַנציג. נאָר ער האָט עס נישט געטון און ווייטער געשלעפּט אים ביזן פונקט.

לענגאויס דעם ברעג זענען גרופּקעס אַרבעטער פאַרבייגעלאָפן, אָנכאַפּנדיק זיך מיט אַ האַנט אינעם סלופּ, וואָס שטייט אויפן וועג. זעענדיק לערנערן אין קלאָץ געשפּאַנט, האָבן זיי געוואָרפן אויף אים פּיינטלעכע בליקן. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון אים.

— ים־קאַטער, לאָז אָפּ! — האָט געשריגן צו אים אַ יונג מיט אַרומ־געבונדענע ציין — יאָלדעק, ווילסט רייך מאַכן יעקען?...

— ניע פּושטש, שוואָבסקי ליזוך — האָט איבערגעשריגן אַ שייגעץ, האַלטנדיק זיך ביי די זייטן פון געלעכטער — זעץ דיך בעסער רייטן אויפן קלאָץ...

— העי, גאַלאַנדסקי!... — האָט אַריינגעוואָרפן אַ רוסישער געפאַנגענער, אַ בערדיקער קאַצאַפּ מיט איין שטיוול און מיט איין שמאַטע אויף די פיס, וואָס איז געגאַנגען צו מיטאָג אונטער דער וואַך פון אַ קלייניקן דייטשן זעלנערל.

לערנער האָט געקוקט מיט טעמפּע בליקן אויף די פאַרשוינען, וואָס באַפאַלן אים פון רעכטס און לינקס און אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו טון איצט — אָפּלאָזן אָדער נישט?

ער האָט אַרויפגערוקט דעם הוט פון איבער די אויגן, ווי ער וואָלט בעסער וועלן באַגרייפן, וואָס דאָ טוט זיך. אַ שטראָם בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין דער שליף, אין דעם דורכגעשניטענעם שראַם, וואָס גייט פון די האָר ביז אין דער ברעם אַריין. ער איז גרייט געווען זיך קעגנשטעלן קעגן אַלע מיטאַמאָל, אַזאַ כעס האָט אים אַרומגענומען. נאָר אײדער ער האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין פון די אַרבעטער קיין זכר נישט געווען.

זיי זענען געלאָפן אין משוגענע שפּרונגען אַהין, דאָרט וואו דער קעסל קאָכט, כדי צו פאַרכאַפּן באַצייטנס אַ געדיכטערע זופּ און אפשר אַמאָל אַ שטיק אָקסישע קני.

לערנער איז געבליבן אַליין מיט זיין קלאָץ און חרפּה.

אַז ער איז ענדלעך אַרויס צום ברייטן פּלאַץ, אַרום די באַראַקן, וואו דער קעסל איז געשטאַנען און געקאָכט, האָט ער שוין געפונען דאָס סאַמע לעצטע, הוילע וואַסער. דער קוכער, אַ הינקעדיקער דייטשער סאָלדאַט מיט גרויסע ברילן, פאַרבונדן מיט שטריקלעך צו די אויערן, האָט זיך אָנגעבויגן איבערן קעסל, געפּאָרקעט מיט די האַריקע, פאַררייסטע הענט, געזוכט אין שוואַרצן תהום מיט פאַרלאָפענע ברילן פון פּאַרע, געשריגן:

— שיב דיך, קוואַטש, עס גיבט נאָך עטוואָס דרעק...

און אַריינגעגאָסן לערנערן אין קעסעלע אַריין אַ ביסל מוטנע שיטערס.

וואָס האָט טאָקע אויסגעזען, ווי ער, דער קוכער, האָט עס נאָר־וואָס אָנגערופן.
לערנער האָט געגעבן אַ בליק אויפן קעסעלע שיטערס, אַ בליק אויף דעם עולם, וואָס זיצט יעדערער ביי זיין קעסעלע און לעקט עס אויס, אָדער נאָגט פאַרעקשנט אַ ביין, און נישט געקאָנט זיך באַשליסן, וואָס ער זאָל טון דערמיט. די עטלעכע שעה אַרבעט האָבן אים אויסגעהונגערט און דער ריח פון פאַרע, אייל און גרויפּן האָבן אים פאַרדרייט די נאָז. נאָר עסן דאָס, וואָס דער דייטש האָט אַזוי אָנגערופן, האָט ער נישט געקאָנט, נישט געוואָלט. ער האָט געטראַכט, אַוועקגעבן עס עמעצן פון די זיצנדיקע עסערס. נאָר דערמאָנענדיק זיך אין דער פריערדיקער סצענע ביים פלאַץ, האָט ער גענומען ס'קעסעלע און עס אַ גיס אויס געגעבן אין מיטן פלאַץ. דער עולם איז געבליבן זיצן פאַרגאַפט, נישט וויסנדיק נאָך ווי אַזוי צו האַנדלען — לאַכן, אָדער האָבן דרך־ארץ? נאָר דער דייטשער קוכער האָט אויפגעהויבן דעם מיש־לעפל אין דער הויך איבערן קאָפּ און מיט כעס געשריגן:
— יודע! איך פערהאַפּטע דיך זאָפאָרט!
זיין גאַנצער קוכערישער שטאָלץ איז באַליידיקט געווען אין די אויגן פון עולם, און ער האָט אַ פּאַך געטון מיטן ריזיקן מיש־לעפל — גרייט אַראָפּ־לאָזן לערנערן איבערן קאָפּ. לערנער האָט באַצייטנס אַ כאַפּ אָפּער געטון דעם קאָפּ און אַוועק צוריק צום ברעג אַ הונגעריקער, אַ צערייצטער, אַ פאַרביטערטער.
דער עולם האָט אים באַגלייט מיט אַ געלעכטער.
— ווילסט פלייש? — האָט מען אים נאָכגעשריגן — כאַפּ דיך אָן ביים טאָכעס.
ביינאַכט אין באַראַק איז געווען ענג, שטיקנדיק.
צו וועלכן ווינקל לערנער איז צוגעגאַנגען זיך מאַכן אַ געלעגער אין שטרוי, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ פאַרשוין, פאַרשטעלט מיטביידע הענט דעם פלאַץ און געשריגן:
— הע, הע, וואו קריכסטו? גייט ווייטער, דאָרטן איז פריי!
פון דאָרט האָט מען אים אָפּגעשיקט צו אַן אַנדערן. יעדער האָט אים געשיקט ערגעץ אַנדערש.
לערנער, דער סאָלדאַט, דער „פּראַנטאָוויק", וואָס האָט אומעטום אויף אַלע פראָנטן און שוץ־גריבער זיין שטעטל גוט געקאָנט באַשטיין, האָט דאָ, אין טונקעלן ריזיקן באַראַק, נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן. דאָס ערשטע מאָל איז ער געווען צווישן אַזאַ קאָמפּאַניע און ער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען, ווי אַזוי זיך איינצולעבן דאָ, אין גרויסן טונקעלן באַראַק מיטן אויסגעבעטן, צעפּוילטן שטרוי.
געדיכט איז געווען אין באַראַק. די לופט איז געווען פול מיט ריחות פון פאַרשוויצטע פיס און אָניטשעס, מיט פאַרפוילטע זעק, אומריינע וועש

און שנאָרכן. תחילת, אַז מען איז נאָר אַריינגעקומען, האָט מען אָנגעוואָרפֿן אין די אייזערנע אויוונס אַזויפֿיל קוילן, אַז ס'איז געוואָרן הייס ווי אין אַ באָד. האָט זיך דער עולם אויסגעטון אָדם־נאַקעט, אַראָפּגעצויגן די צעהור־דערטע העמדער און לייבלעך און ס'איז אַוועק אַ יאַגד. ס'איז געגאַנגען אַ געוועט, ווער ס'וועט מער פֿאַנגען, און אַלעמאָל האָט געוואונען דער געלער יונג מיטן זאַק אויף די פּלייצעס.

— בראַוואָ! — האָט מען אַפּלאָדירט — שמואליק זשולטשיק האָט שוין ווידער איבערגעיאָגט, אַ כוואַט שמואליקל...

נאָר באַלד האָט די היץ אָפּגעלאָזט און ס'איז אַזוי קאַלט געוואָרן, אַז ס'האָט געשווידערט אין אַלע ביינער. קיין פֿייער האָט מען נישט געטאָרט ברענען שפּעט ביינאַכט, אויס מורא פֿאַר אַ שריפֿה, אויך קיין פּאַפּיראָס האָט מען נישט געטאָרט רויכערן. אַפֿילו רעדן איז געווען פֿאַרבאָטן. אַרום און אַרום האָבן זיך געצויגן פֿאַרצוימונגען פֿון שטעכעדיקן דראָט, דייטשע לאַנדשטורמער האָבן זיך געדרייט אויף דער וואַך און אַלע ווײַלע געקלאַפּט מיט ביקסן אין די ווענט:

— שנאַוצע האַלטען, שווײַנע!

נאָר אין די באַראַקעס האָט מען זיי ווינציק געהערט. אין די פֿינצטערע ווינקעלעך זענען געזעסן גרופּקעס, יונגע, אַלטע יידן, גויים, און ביים פֿייער פֿון די פּאַפּיראָסן געשפּילט אין פֿאַרשמאָלצעוועטע קאָרטן.

— אַ „באַקער"? — האָט זיך אַלע ווײַלע געהערט.

— ניין, אַ „באַלאַני" — האָט אַ הייזעריקע שטימע געענטפֿערט.

— גיב איך אַ „באַקער־באַלאַני" מיטאַמאָל — האָט אַ דריטער אַריינגעוואָרפֿן.

לערנער האָט זיך געדרייט אין ביסל מאָגערן שטרוי, וואָס ער האָט ענדלעך געפּאַקט, געטוליעט די געפֿרוירענע הענט אין אייגענעם לייב און נישט געקאָנט שליסן די אויגן. לעבן אים, מיט די פֿיס צו דער סאַמע נאָז זיינער, זענען געלעגן אויסגעלייגט עלטערע גויים און אַזוי געשנאָרכעט, אַזוי געסאָפּעט, אַז, אָט, אָט, האָט זיך געדאַכט, ווערן זיי אַלע דערשטיקט. פֿאַר־שטיקטע שטימען האָבן זיך געטראָגן פֿון דער זייט פֿון די קאָרטן־שפּילער.

— אַז אָך און ווי צו „יעקען" — האָט שמואליקל זשולטשעק געזאָגט — אַ קלאָג צו יעקע נאָרס יאָרן, אַז שמואליקל דאַרף אַרבעטן.

ער איז געווען אַ „סמ'ער" אין פּאַניעס צייטן, דער שמואליקל. טאָמער האָט זיך איין באַלעגאָלע צעקריגט מיטן אַנדערן און געדאַרפֿט אָפּסמען יענעמס אַ פֿערדל, האָט ער עס געטון. ביי די דייטשן איז זיין ממשלה אונטערגעגאַנגען און ער האָט זיי פֿיינט געהאַט מיט דער גאַנצער שנאה פֿון זיין גנביש האַרץ.

— וואַרט, וואַרט — האָט ער געוואָרנט מיט אַ פֿינגער — זייער צייט וועט נאָך אויך קומען. וואַרט, יעקע גנב!

— אַ כאָליערע זאָל זיי אויסדישען! האָט אָפּגעענטפערט שילעמל „נאָז״, אַ יונג, וואָס אָנשטאָט אַ נאָז איז ביי אים אויפן פּנים געווען אַ שוואַרץ שייטל, פאַרבונדן אויף בענדלעך איבער די אויערן — אויף זיידענע קאָלדרעס בין איך געלעגן ביי פּאַניען, עטלעכע נקיבות געהאַט אַרומגיין אין גאַס און איצט דאַרף איך דאָ ליגן אין שטרוי...

— צאָ טאַם גאַדאַטש? — האָט זיך אַריינגעמישט יאַנעק קלודקאָ, אַ שייגעץ מיט אַ געשפּאָלטענער ליפּ, אַ פערד־גנב — מיט אַ יאָר צוריק אין דער צייט איז מען אין אַזאַ נאַכט נישט געשלאָפן. גדזיע טאַם!

דער געשפּרעך איז געגאַנגען אַזאַ שטילער, אַ האַרציקער, פול מיט בענקשאַפט נאָך פּאַניעס צייטן און שנאה צו די „יעקעס״, נאָר אָט ווערט עפּעס טומלדיק און עס הייבט זיך אָן אַ מחלוקת. צום ערשט גייט עס אין ווערטער, מאַמעס, אומבאַקאַנטע מאַמעס ווערן געשאָלטן, געזידלט, באַשמוצט מיט די געמיינסטע רייד. די נאַרישסטע קאָמפּליצירטסטע געמיינהייטן ווערן געבוירן אין טונקל־באַלויכטענע, צעקודלטע קעפּ און פאַלן אין דער נאַכט אַריין. אַז עס פעלן ענדלעך אויס ווערטער, גייט מען איבער צו פּעטש, צו קלעפּ.

— נאַ דיר, חזירשער פּרעסער!

— האַסטו, קרעציקע פּעל!

— וואָס, אַ מעסער? אַ מעסער?

די טירן עפענען זיך מיט אַ טומל און די וואַכן מיט די ביקסן אין די הענט לאָזן זיך, ווי אויף אַן אַטאַקע.

— האַלט, שווינע! מאַן ווירד אויך ווי די הונדע נידערשיסען...

נאָר פון די שלעגער און קאָרטן־שפּילער איז שוין קיין זכר נישטאָ. יעדער ליגט אין שטרוי און כראָפּעט, ווי געהרגעט. די טעמפּע לאַנדשטורמער גייען פון איינעם צום צווייטן, קוקן ביים שיין פון עלעקטרישן לעמפּל יעדן אין די אויגן און פרעגן:

— קוואַטש, דו שלאַפסט?

און פּאַקן, פּאַקן זיי גראַד דעם, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק און שלאָגן אים אָן מיט די „פּריקלאַדן״ פון די ביקסן. אַלס שטראָף מוז ער נאָך אַרומ־קריכן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער וואַך אין באַראַק און אינדערפרי אַרויסטראָגן דאָס שאַף מיט אומריינקייט.

ענדלעך ווערט שטיל. בלויז אַ כראָפּעריי טראָגט זיך אין לופט. יעדער ליגט צוזאַמענגעדרייט, איינגעקנוילט, מען וואַרעמט זיך אין אייגענעם לייב. און איידער מען שלאָפט זיך אויס, הייבט מען אָן וועקן. ביקסן קלאַפּן אין די דינע ווענט.

— אַאופשטעהען, פאַולע באַנדע!

אין באַראַק ווערט אַ טומל, אַ געפּילדער. קולות לאָזן זיך הערן:

— וואו איז מיין היטל?

— געוואַלד! מען האָט מיר אויסגעשניטן די קעשענעס. די לעצטע עטלעכע מאַרק אַרויסגענומען!

— יעזוס, מאַריאַ! — די שטיוול! אַ פּאָר נייע שטיוול!

נאַכט ביי נאַכט טוט זיך אָפּ דאָס זעלבע. אין באַראַק איז פינצטער, דאָס פייפל רופט נאָך עטלעכע שעה פאַרטאָג. עס דריידלט זיך אַזוי לאַנג אין דער לופט, רייסט זיך מיט אַזאַ עגבערנדיקער קוויטשעריי, אַז עס בויערט אַזש די הייטלעך פון די אויערן. אַ וויילע הערט עס אויף, כדי זיך נאָך אַמאָל צו צעלאָזן. און דער עולם יאָגט זיך, איינער טוט אָן די אָניצעס, אַ צווייטער צלמט זיך, אַ דריטער רייסט מיט די ציין פון אַ שוואַרצער קישקע און פאַר־זופּט מיט וואַסער, אַ פערטער לויפט אַרום אַ האַלב־נאַקעטער און זוכט דאָס אָנטון וואָס מען האָט אים באַהאַלטן, אַ פינפטער פייפט אַ פריילעכס, און איינער אַ ייד מיט אַ צעקאַלטנט בערדל שטייט אויף אָן אַרט און וויל זיך נישט רירן.

— ברענגט מיר אַ ביסל וואַסער, יידן — בעט ער זיך — נאָר אָפּצוגיסן די נעגל.

ער האָט זיך אונטערגעלייגט ביינאַכט צוקאָפּנס אַ פלאַש וואַסער, כדי זיך איינדערפרי אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער. האָט עס אים עמעצער אַרויסגעשלעפּט און אויסגעטרונקען. איצט קאָן ער נישט אַוועקגיין פון אָרט. ער טאָר קיין פיר איילן נישט מאַכן און ביז צום קעסל וואַסער איז אַ מהלך.

חברה האַלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

— פּישט זיך אויף די הענט, ר׳ ייד — גיט מען אים אַן עצה.

און אין אַ צווייטער זייט שטייט אַ שייגעץ מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, מיט אַ ציינערן צלמל אויף דער דאַרער ברוסט און דראָט מיט אַ פינגער:

— אַזוי וועל איך גיין צו דער בריק אַ נאַקעטער, אויב מען וועט מיר נישט אָפּגעבן די קורטקע. יאָק באָגאַ קאָכאָם...

דאָס האָט ער ביינאַכט געשפּילט אין קאָרטן. אַז עס האָט אים אויסגע־פּעלט געלט, האָט ער געשפּילט אויף דער איינציקער קורטקע זיינער. ער האָט זי פאַרשפּילט, נאָר איצט האָט ער חרטה. ער וויל צוריק זיין מלבוש, נאָר קיינער ענטפערט אים נישט — האָט ער נישט געדאַרפט שפּילן — זאָגט מען — אַ נאָר גיט, אַ קלוגער נעמט. נישט אַזוי?

— אַוודאי...

ענדלעך גיט דאָס דריטע פייפל אַ שנייד אין דער לופט, און דער עולם לאָזט זיך צום ביוראָ ווי אויף אַ שריפה.

די ווייסל שטורעמט, כוואַליעט. געיאָגט פון ווינט און נאַכט, שטויסט זי אין די שוץ־וואַלן, נאָר זיי איבערצורייסן. אויף דעם ברייטן פּלאַץ, באַלייגט מיט אייזנס, באַלקנס און מאַשינען, זענען די געהילף־מאָנטערן, די מאַטראָסן

שוין דאָ. זיי לויפן אַרום מיט לאָמטערנעס אין די הענט, יעדער אַכטונג־געבנדיק אויף זיינע מענטשן. מיט די סמאָלענע הויזן, הויכע וואַסער־שטיוול, לעדערנע יאַקן און היט, באַלויכטן פון די ציטערנדיקע קאַראַביר־לאָמטערנעס — זעען זיי אויס אין דער שטורעמדיקער נאַכט ווי פּיראַטן, וואָס גרייטן זיך אָנפאַלן אויף זייער רויב. אַרום זיי טוליען זיך די אַרבעטער, פאַרשלאָפענע, צעבראָכענע, נישט־אויסגערוטע, ווער אין אַ רוסישן שינעל, ווער אין זעק אויף די פיס, ווער מיט אַ פאַרבונדן אויג, ווער אין אַ ווייבערישן פליושענעם זשאַקעט מיט אַן איינגעצויגענער טאַליע און מיט ברייטע בופן־אַרבל מיט פאַטשערקעס פאַרפוצט...

אַן אמתער דור־הפלגה איז דאָ געווען צווישן די בויער פון דער אייזערנער בריק. אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטן, וואָס די רוסן האָבן אַרויסגעלאָזט פון די טורמעס פאַרן אָוועקגיין און פרומע קליינשטעטלדיקע יידן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען אָדער געוואָרן נשרפים; דאַרע שניידערס און אויסגעפּאַשעטע קוילער־יונגען; צעוואַקסענע זאַמד־שקצים און דאָרפישע באַלעבאַטישע זין מיט לאַנגע, אויסגעוואַקסענע הענט און נאַאיווע פּנימער; רוסישע קליינע טשינאָווניקלעך, וואָס האָבן זיך נישט באַוויזן צו עוואַקוירן; געפאַנגענע זעלנער, קאַטאָרזשניקעס, וואָס מען האָט געשיקט פון סיביר אויפן פראָנט, און געפאַנגענע באַלעבאַטישע קאַצאַפּעס, וואָס קוקן מיט אומשולדיקע אויגן אויף אַלעם און טראָגן איבער אַלע פּיין אין דער וועלט אונטערטעניק, שטיל, ווי „גאָטס ווילן איז". אַלץ איז דאָ, יעדער מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, מיט זיין לעבן, נאָר דאָ אויפן ברייטן פּלאַץ איז קיינער מער נישט ווי אַ נומער, אַ נומער, וואָס געהער צו איינעם פון די סמאָלענע מאַטראָסן, צו מאַטראָס גערלאַק, אָדער מאַטראָס האַרט, צום מאַנטער פּופּ אָדער געהילפס־מאַנטער ווינצעל. פון הילצערנעם ביוראָ, וואָס שטייט אויפן שפּיץ ברעג, שיער נישט אַריינפאַלנדיק אין וואַסער, עפנט זיך ענדלעך די טיר און ער אַליין, דער מאַיאָר מייער, אין אַ גרויער קורטקע, איבערגעמאַכט פון אַ רוסישן שינעל, מיט דער פאַרצעלייענער פייף אין מויל, באַווייזט זיך אויף דער שוועל און באַגריסט זיך נאָר מיט די מאַטראָסן:

— ט׳מאָיען. זינד אַלע אַם פּלאַץ?

דער אָרדינאַנס מיטן אַרויסשטאַרנדיקן הינטער שטייט שטייף, אויסגעצויגן און לייענט פון אַ ליסטע, קרעכצנדיק זיך ביי די שווערע רוסישע און פּוילישע נעמען, אָנרופנדיק יעדן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף:

— נומער איינס! טע־טשע־טשענקאָ איפאַן!

דאָס דאַרף זיין אַ ריין־אוקראַינישער טערעטשענקאָ, וואָס איז צעקאַליעטשעט געוואָרן אין בייערישן מויל, נאָר איידער יענער באַווייזט זיך אָנרופן, גייט שוין אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צוואַנציקסטער. אַלע שטייען גרייט, יעדער אונטער זיין סמאָלענעם אויפזעער. נאָר ביי עטלעכע פעלט עפּעס. ביי

איינעם אַ הוט, ביים צווייטן אַ פּאָר שטיוול, ביים דריטן אַ פּאָר שמאַטעס אויף די פיס — און מאַיאָר מייער וואַרפט אַ פּאָר שטאָלענע בליקן איבער אַלע פאַרשאָטנטע קעפּ און גיט אַ קורצן באַפעל:

— אַכטונג! אין רייען!

אַלע שטייען אין רייען, איינער לעבן אַנדערן. די סמאָלענע מאַטראָסן גייען דורך די רייען, באַרירן יעדן מיט די פינגער, ווי זיי וואָלטן איבערקוקן בהמות און ציילן:

—איינס, צוויי, דריי... זעקס, ניין, צען, הערויס!

דער צענטער מוז אַלעמאָל ליידן, אַלצאיינס, צי ער איז אַ פּראָגער מעסער־שטעכער אָדער אַ שמש פון אַ קלויזל. וואָלט ער אַרויסגעקומען דער זעקסטער, דער אַכטער, דער ניינטער אַפילו, וואָלט גאָרנישט נישט געשען. נאָר ער איז דער צענטער — און ער מוז זיין פאַראַנטוואָרטלעך, ער מוז זען, אַז דער פאַרשפּילטער זאָל צוריק באַקומען זיינע שיך, דער באַגנבעטער זיין היטל.

אָן פּעטש גייט עס נישט. מאַיאָר מייער האַלט פון פּעטש. מערסטנס האָט ער ליב שטיין און קאָמאַנדעווען:

— פּופּ, גערלאַק! — רופט ער די מאַטראָסן — ראַשר אָן! דען דיעבס פאָגעל הערויס קיצעלען!

פּופּ איז אַ יונג פון העכער צוויי־הונדערט פונט מיט אַ העלער באָרד, וואָס פון פאָרנט איז זי געגאָלט און אונטן, אויפן האַלדז, וואַקסט זי. אַז מען דאַרף צואַנקערן אַ ווינדע צום ברעג, בינדט ער דריי־צאָליקע שטריק אַזוי גיך ווי שפּאַגאַט. גערלאַק איז אַ דאַרער, אַ לאַנגער, מיט שרעקלעך צעצויגענע הענט און פיס, נאָר געשיקט ווי אַ קאַץ. אַז ער גיט אַ פּאַטש, טרעפט ער תמיד אַזוי קונציק, אַז דאָס בלוט הייבט אָן צו לויפן פון אַלע זייטן, איז פון דער נאָז, אי פון די ציין. ביידע ווילן נישט פאַרשעמט ווערן אין די אויגן פון מאַיאָר מייער און זיי לייגן אַריין אַזוי פעסט, אַז יענער לייגט זיך גלייך אַוועק אויף דער ערד, ווי אַ בוים, וואָס ווערט אונטערגעשניטן פון דער זעג.

נאָך די פּעטש וואַקסן שוין אויס די געגנבעטע שטיוול אָדער דאָס היטל, פון אונטער דער ערד וואַקסט עס אַרויס. נאָר אַמאָל, אַז די ערשטע פּעטש העלפן נישט, גייט מאַיאָר מייער אַליין צו און איז מכבד. ער גיט צום ערשטן דעם אָרדינאַנס זיינעם דעם אַרבל צו פאַרקאַשערן אין דער הויך, דאָס רויטע פּרצוף ווערט אים נאָך רויטער, אַזוי, אַז אָט, אָט, דאַכט זיך, וועט עס באַלד אויפפּלאַצן. די שטאָלענע אויגן לייכטן ביי אים אויף.

— אַכטונג! — גיט ער אַ געשריי און גלייך נאָך דעם גייט אַ קנאַל צום טאַקט. אַז ער האָט אָפּגעטון זיינס, גיט ער דעם אָרדינאַנס צוריק דעם אַרבל, ער זאָל אים אַראָפּלאָזן און ער באַפעלט:

— פריצכען, וואָש פעסט! סאָבע איינע שווינס־באַקע אָנגעגריפען...

לערנער איז געגאַנגען ביים ברעג, געפירט זיין קלאָץ, נאָר ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך דאָ.

לערנער דער סאָלדאַט האָט אויפן פעלד ערגערע זאַכן דורכגעמאַכט, שרעקלעכערע זאַכן געזען. נאָר דאָך איז אים דאָרט געווען ליבער, אייגענער, ווי דאָ. דאָרטן זענען די סאָלדאַטן זיך געווען נענטער. די שטענדיקע געפאַר, דאָס לעבן אונטער דער קויל האָט צוגעוואוינט אַלע צו לעבן צוזאַמען, גע־מיינזאַם, ווי אין פאַמיליע. דאָס פעלד האָט צוגעגעבן די מענטשן אַ לויטער־קייט, אַ באַהאַלטענעם פחד פאַר עפּעס העכערס, אומפאַרשטענדלעכעס, אַ פיין דורך וועלכער מען ווערט ווי געהייליקט. דאָ האָט מען געלעבט צווישן זיך ווי שונאים, איינער דעם צווייטן האָט אָפּגענאַרט, באַשווינדלט, באַגנבעט, און ס'איז געווען נישט איבערצוטראָגן.

דאָרטן איז ער געווען סאָלדאַט. דאָ איז ער דאָך געווען אַ פרייער מענטש, אַ לוין־אַרבעטער — און אין אים האָט דאָס בלוט געזאָטן פון כעס צו די פאַרשוינען אין לעדער. יעדער מאָל, ווען ער איז געקומען פאַרטאָג צום ביורא, וואו מען האָט אויסגערופן די מענטשן, איז ער געווען אויפסניי צערודערט, צעטומלט עטלעכע שעה דערנאָך.

אים איז נאָך דערוויל נישט געהאַט אויסגעקומען צו זיין דער צענטער און כאַפּן אַ פּאַטש פאַר פרעמדע זינד. דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון מזל. אָבער נישט דאָס האָט אים געשראָקן.

שטייענדיק אַזוי אין דער ריי, זעענדיק אַרום זיך די גרויסע גרויע פאַרשאָטנטע מאַסע מענטשן, די לעדערנע מאַטראָסן מיט די לאַמטערנעס אין די הענט, דעם מאַיאַר מייער, דעם גאַנצן פאַרלייגטן פּלאַץ מיט האָלץ, אייזן און שטיינער, דעם שוואַרצן טייך, וואָס רייסט, ברעכט און יאָגט, דעם פאַר־טאָגיקן ווינט, וואָס רייסט די לאַמטערנעס, וואָרפנדיק שטיקער צעהאַקטע ליכט דאָ אויף דעם בינטל מענטשן, באַלד אויף אַן אַנדערס — איז ביי אים אויסגעקומען, אַז ער איז עפּעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדער באַשע־פעניש, אין אַן אַנדער לאַנד, אַז ער איז איינער פון די טויזנטער נעגערס, וואָס ווערן געטריבן אויף אַרבעט אין די פּלאַנטאַציעס אונטער ריטער און ביקסן. דאָס געפיל איז ביי אים געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געמוזט זיך אָנרירן מיט דער האַנט אין פּנים, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי ער איז טאַקע ער אַליין.

די פאַרשוינען אין לעדער זענען ביי אים אויסגעוואַקסן אין שרעקלעכע פאַרמען, הונדערטער מאָל גרעסער ווי זיי זענען. פונקט אַזוי גרויס איז געוואַקסן זיין שנאה צו זיי.

דערצו האָט ער שוין געהאַט די ערשטע באַגעגעניש מיט אַ מאַטראָס. ער איז געגאַנגען צוריק פון אַרט, פון וועלכן ער האָט צוגעפירט אַ

קלאַץ און געשלעפּט די שטריק איבער דער ערד, כדי אים באַלד צוביגדן צו אַ צווייטן קלאַץ און ווייטער אים פירן איבערן וואַסער. אים איז אַנטקעגנגעקומען זיין אויפזעער, דער געהילפס־מאַנטער גערלאַק.

ער האָט אים גערדאַרפט באַגריסן, אַלנפאַלס זיך אָפּרוקן עטוואָס אין אַ זייט, אָפּטרעטן אים דעם וועג, כאָטש דער פּלאַץ איז גענוג ברייט. ער האָט דאָס נישט געטון. האָט אים דער דייטש אַליין אָפּגעשטעלט:

— האַלט! וואָהין קריכסט דען?

— צום פּלאַץ נאָך אַ קלאַץ.

— וואָ האָסט דען די „פּראַצען"! — האָט דער דייטש זיך צעשריגן.

לערנער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף אַרויסנעמען די הענט פון די קעשענעס. נאָר ווי אַלעמאָל האָבן אים אויך איצט אַ שלאָג געטון אין קאָפּ צוויי געפילן מיטאַמאָל — שרעק און הפקרות, און ער האָט די הענט נישט אַרויסגענומען. ער האָט בעסער דערקלערט:

— איצט גיי איך דאָך צוריק צו דער אַרבעט!

— מיט הענדע ראַאוס!

— דאַרף מען דען שלעפּן דעם שטריק מיטביידע הענט?

— הענדע ראַאוס, דאָנער וועטער!

דער האָס צו די לעדערנע פאַרשווינען איז ביי אים אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז אַלץ איז פאַרשוואונדן פון זיין קאָפּ. בלויז שנאה האָט זיך דאָרטן גענעסט. די דייטשן האָבן דאָ אַלץ אַזוי געהאַלטן אין די הענט, אַז נישט בלויז די מאַשינען און די מענטשן זענען זיי געווען פאַרקנעכטעט, נאָר אויך די געפילן. און דערפאַר טאַקע, פילנדיק דעם גאַנצן אוממאַכט, די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט, זענען זיי אויסגעוואַקסן ביי אים אין פאַנטאַזיע טויזנטער מאָל גרעסער, שטאַרקער ווי אין דער אמתן.

וואָס שטאַרקער זיי, די לעדערנע דייטשן, זענען ביי אים אין די אויגן געוואַקסן, אַלץ שטאַרקער איז געקומען די אייגענע געפאַלנקייט, די אייגענע נישטיקייט. דאָס האָט געבוירן איבערטריבענע פאַנטאַזיעס, קרענקלעכע נקמה־געפילן. גייענדיק צוגעשפּאַנט צום קלאַץ, האָט לערנער קיין זאַך נישט געזען, אויסער זיי, די דייטשן, און פאַנטאַזיעס האָבן געאַרבעט אין זיין צעהיצטן מוח.

אים איז פאַרגעקומען, אַז ער אַליין וואַקסט עפּעס מיטאַמאָל אויס אין ריזיקע געשטאַלטן, אַז ער ווערט באַהערשט מיט אוממענטשלעכע כוחות, אַז ער שטייט אין שפּיץ פון דעם גאַנצן עולם גרויע, צעהויקערטע און אָפּגעהאַרעוועטע, אַז ער קאָמאַנדעוועט מיט זיי, און מיט ווילדער רציחה, מיט אַ משוגענעם אימפּעט, לאָזן זיי זיך אַלע אויף זיין באַפעל און ברעכן, רייסן, שלאָגן אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ אַרום ברעג — די לעדערנע קאַסטיומען און זייערע מענטשן, די מאַשינען און די לאַנד־שטורמער, די קלעצער און די שטיינער, די באַראַקן און די שטעכעדיקע דראָטן. זיין פאַנטאַזיע האָט

איצט געאַרבעט פּונקט אַזוי קראַנק, איבערטריבן, ווי ייִנגלווייז, בעת ער האָט געלערנט אין חדר, ווי אַזוי די מצריים האָבן געפּייניקט די ייִדן; פּונקט ווי ער פּלעגט אַמאָל קריגן אויסגעשמיסן פון זיין מלמד און, נישט קענענדיק נעמען קיין נקמה אויף דער אמתן, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט נקמה אין די משונהדיקסטע געשטאַלטן, אין די ריזיקסטע בילדער.

ער האָט געפירט איצט די קלעצער מעכאַניש, אַליין נישט־וויסנדיק וואָס ער טוט, ווי עפּעס אַן אַלט פערדל, וואָס אַז עס הערט שרייען „וויאָ" לויפט עס. זיינע אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך, אָפן, ברייט־געעפנט, נאָר זיי האָבן קיין זאַך נישט געזען, אַפילו דאָס, וואָס טוט זיך אים פאַר דער נאָז.

אַרום דער בריק איז פאַרגעקומען אַ וויכטיקע געשעעניש.

לענגאויס דעם ברעג איז געגאַנגען ער, דער מאַיאָר מייער אַליין, צו־קוקנדיק זיך מיט הנאה, ווי די בריק וואַקסט, ווי זי ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער.

דערפילנדיק זיין אָנוועזנקייט, האָבן די עטלעכע הונדערט אַרבעטער אָנגעשטרענגט אַלע גלידער. דער פּלאַץ האָט אינגאַנצן געזאָטן פון באַוועגונג. מאַיאָר מייער האָט אַזש אַ שמייכל געטון פון גרויס צופרידנקייט. ער איז גרייט געווען אַ פּאַטש טון מיטן שפּיצרוט אין די הויכע שטיוול זיינע און אויסשרייען: „פאָרווערטס, לויטע" — נאָר אָט האָט ער פּלוצלונג דערזען אַ מאָדנע זאַך:

איבער דער בריק גייט עפּעס איינער אַ געהילץ־פירער און פּילט גאָרנישט אַפילו, אַז ער, מאַיאָר מייער, געפינט זיך דאָ, אַזוי פאַרטראַכט איז ער. מאַיאָר מייער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע. ער האָט פיינט געהאַט, מ'זאָל אים נישט באַמערקן. ער איז נישט געווען געוואוינט דערצו. שטענדיק, ווען ער האָט זיך באַוויזן, האָבן נישט בלויז די מענטשן, נאָר אַפילו די מאַשינען, אַפילו דאָס וואַסער האָט זיך אָנגערופן, אַ סימן, אַז זיי הערן אים. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם פאַרשוין, וואָס שלעפּט דעם קלאָץ, און זיין רויטע צורה האָט אַ קרומע גרימאַסע געמאַכט.

ער האָט אים דערקענט. אָט דאָס איז ער, דער זעלבער! ער האָט פאַר־צויגן אַ ווײַלע די שטאָלענע אויגן־אַפּלען אין אַ זייט, וועלנדיק זיך עפּעס דערמאָנען. ער האָט אַ ברייטן שמייכל געטון.

— „פרייע פּראָפעסיאָן" — איז אים געקומען אויפן געדאַנק — יאָ, יאָ.

ער האָט אַ וואונק געטון צו אַן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן און אויסגעלייגט קלעצלעך:

— ראַש, דומקאָפּף!

דער אַרבעטער איז צוגעלאָפן פייל פון בויגן, אויסגעהערט, וואָס מען רעדט צו אים, און שטיל און פאַרזיכטיק געכאַפּט אַ קלעצל אויף די פּלייצעס, אונטער־

געלייגט עס שטילערהייט איבערן וועג, וואו לערנער דאַרף דורכגיין, און געקוקט מיט הינטישע אויגן אויף דעם מאַיאָר, צי עס געפעלט אים.

די גאַנצע בריק האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

וועט ער זיך כאַפּן, דער ים־קאַטער, וואָס פאַר אַ פּאַרציע מען גרייט אים צו, אָדער נישט? אַלע קוקן זיך צו. מאַיאָר מייער אַליין רוקט זיך אַוועק אין אַ ווינקל, באַהאַלט זיך אויס און קוקט.

הונדערטער בליקן קוקן אָנגעשטרענגט אויף לערנערן. נאָר ער איינער זעט גאָרנישט. ער גייט געשפּאַנט אין קלאָץ, גייט מיט אַ פּאָר פאַרגלאָצטע אויגן אַלץ ווייטער, ווייטער. ער איז שוין צען טריט פון אונטערגעלייגטן קלעצל, פינף, דריי, איין טריט! אָ, אָ, דאַכט זיך, אַז ער האַלט אָפּ, שששששאַ... ער רוקט זיך, דאַכט זיך, צוריק, און מיטאַמאָל באַץ! — ער דרייט זיך איבער איבערן קלעצל, ער פאַלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. ער קלאַמערט זיך מיט די הענט אין לופט, וויל אָנכאַפּן עפּעס, אויפשטעלן זיך, נאָר דער קלאָץ אין וואַסער גיט אים אַ ריס ביים שטריק און שלעפּט אים מיט צו זיך אין וואַסער אַריין.

מאַיאָר מייער לאַכט. די רויטע צורה זיינע טרייסלט זיך אינגאַנצן. פון האַלדז גאָרגלט זיך אים אַ געדיכטער, הייזעריקלעכער געלעכטער:

— כאַ, כאַ, כאַ, גאָטט!...

און די גאַנצע בריק, אַלע מענטשן, מאַשינען, אייזנס, שטיינער און אַפילו דאָס וואַסער לאַכן מיט:

— כככככדדד...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס קאַלטע, שניידנדיקע וואַסער, אין וועלכן לערנער האָט זיך אָפּגעטונקען, האָט אָפּגעשוואַנקען ביי אים, צוזאַמען מיט די קליידער און לייב, אויך זיין פרעמדקייט, צעטומלטקייט און פאַרטראַכטקייט.

באַלד צו מיטאָג האָט ער זיך איינגעקויפט אויפן פּלאַץ.

אַ קורצער, געפּאַקטער שייגעץ, מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער פון אַ צו־קורץ און צו־לייכט רעקל, איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים און אים פאַרטשעפּעט.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, צוגעלייגט צוויי פינגער צו די נאָז־לעכער, געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי מען וויל זיך אונטערטונקען, און געמאַכט זיך ניסן.

— העפּטשי! — האָט ער געזאָגט און געוואונקען מיט איין אויג צו לערנערן, דערמאָנענדיק אים אין דער געשיכטע ביים טייך. האָט לערנער אויסגעצויגן אַ האַנט און דעם שייגעץ אַראָפּגערוקט דאָס אָפּגעקראַכענע היטל איבער די אויגן.

— נו, ניס אַ ביסל!

דער שייגעץ האָט צוריק אַרויפגערוקט דאָס היטל. דאָס פּנים האָט זיך

אים אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט צוויי קרומע אַקסלען, גרייט צו שלאָגן זיך.

— וואָס רוקסט אַ היטל, הינטישער זון? האַ?

לערנער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן, מיט ביידע פיס פעסט אויף דער ערד, גרייט אויפצונעמען דאָס געשלעג.

דער עולם האָט זיך אַרומגעשטעלט אין אַ האַלבן ראָד.

— יענדרעק, דאַי מו, זשידאָווי! — האָבן שקצים אונטערגעגעבן חשק — מאַצנאַ...

— „קאַפּעליוש", וואָס אים די רויטע יוך — האָבן די יונגען געמונטערט לערנערן, דעם איינציקן אויף דער בריק, וואָס האָט געטראָגן אַ קאַפּעליוש.

דער קורצער, געפּאַקטער שייגעץ האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, אָנגע־שטרענגט, ווי אַ ביק, און אַ שטויס געטאָן לערנערן אין בויך.

נאָר לערנער איז אָפּגעשפּרונגען צו דער צייט. דער אָנגעשטרענגטער שקאָצישער קאָפּ האָט זיך געגעבן אַ וואַקל אין דער לופט, האָט אים לערנער אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט און אים אַראָפּגעשטופּט צו דער ערד.

דער האַלבער ראָד האָט אײַנגאַנצן געקאַכט:

— ניע דאַי שע, יענדרעק! — האָבן גויים געשריגן.

— דישע, קאַפּעליוש — שטיק אים! — האָבן די יונגען געשריגן.

ביידע האָבן זיך געקייקלט אויף דער ערד, אויפגעשטעלט זיך, באַטראַכט איינס ס'אַנדערע, ווי צוויי הענער, און צוריק זיך געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן.

לערנער האָט ענדלעך אים, דעם שייגעץ, צוגעשטיקט צו דער ערד, ער איז געווען אַ סך העכער פון אים. און די יידן האָבן אים געפּאַטשט בראַוואָ:

— בראַוואָ, קאַפּעליושניק! גוט אַזוי...

פון דער געשיכטע ביי דער בריק האָט קיינער מער נישט דערמאָנט, קיין וואָרט נישט. עס איז ווי פאַרגעסן געוואָרן.

ביינאַכט האָט אים שמואליקל זשולטשיק געמאַכט אַ געלעגער לעבן זיך.

— קום אַהער, קאַפּעליוש! — האָט ער אים גערופן און ער איז צו צו אַ בינט שטרוי, אין וועלכן עס איז געלעגן עפּעס אַ פאַרהילטער נפש, אַ צי אים געטון ביי די פיס און אַרויסגעשלעפּט פון געלעגער אַרויס.

— שמאַיע, רוק דיך אַרויס! — האָט ער באַפוילן צום פאַרהילטן נפש — קאַפּעליוש, דאָ וועסטו שלאָפן, אַהער!

לערנער האָט געהייסן דעם פאַרהילטן נפש צוריק זיך לייגן אויף זיין אָרט און אַליין זיך אויסגעלייגט אויף זיין צעקנאָדערטן ביסל שטרוי.

— זאָל ער ליגן! — האָט ער געזאָגט.

אין באַראַק האָט מען אָנגעהויבן פאַר אים האָבן דרך־ארץ.

— אַ גוטער יונג, דער קאַפּעליוש — האָט מען אויף אים געזאָגט — אַ כוואַט!...

קאַפּיטל זעקס

ראָסט

שטאַרקע ווינטן, דורכגעוואָרפן מיט ערשטע שיטערע שנייען, האָבן גע־בלאָזן איבער דער ווייסל, יאָגנדיק אירע בלייענע כוואַליעס קאָפּ אויף קאָפּ. טריבע הימלען, שווערע, צעאַקערטע און אָנגעזאַפּטע זענען געהאָנגען נידעריק איבער דער וועלט און געטשעפּעט זיך צו אַ שפּיץ פון אַ דאָרפישן אויסגע־בויגענעם צלם, צו אַן אָפּגעשיילטער, נאַקעטער ליפּע און צו אַ פאַרלאָזענער פויגלשער נעסט פון אַן אָנגעסמאָליעטן דאָרפישן דאַך.

אַרום בריק האָבן די כוואַליעס זיך געריסן מיט פאַרשטיקטע, עקשנות־דיקע קולות, געוואָיעט, געפּליקט און געטרייסלט די שוץ־וואַלן, געוויגט מיט דעם גאַנצן אייזערנעם סקעליעט, נאָר אים איבערצודרייען, אויסרייסן, פאַר־וואַרפן אין די אָפּגרונטן, זיי זאָלן מער נישט שטיין אין וועג, נישט פאַרהאַלטן דעם שטראָם.

נאָר אונטן, האַלב־פאַרזונקען די הויכע שטיוול אין וואַסער, זענען געזעסן די מאַטראָסן, געמאָסטן די טיפענישן מיט לאַנגע מאָסן, געפּאַרקעט זיך ביי די שוץ־סלופּעס, ביי די זעק זאַמד און אַריינגעשריגן אין די טעלעפאָנישע טרייבלעך, וואָס האָבן זיי געהאָנגען פון די אויערן, די זעלבע גאַרגלדיקע אויסרופן:

— העלאָ, יאָ, ס׳גוט, העלאָ!...

לערנער האָט מער נישט געאַרבעט ביים ברעג ביים שלעפּן די קלעצער, נאָר אין דער הויך, אויף דער בריק אַליין.

די אַרבעט איז געגאַנגען הייס, ברענענדיק.

איבער דער גאַנצער לענג פון בריקן־סקעליעט זענען געלעגן אויסגעלייגט שוועלן, פּראָוויזאָרישע שמאָלע שוועלן, אָפּגערוקט איינע פון דער צווייטער אויף אַ גאַנצן פוס־טריט. אין די ווינקלען האָבן די „בלאָקן" געקלאַפּט קלעצער אין טייך.

אַרום יעדער בלאָק איז געשטאַנען אַ רעדל געפּאַנגענע רוסן. זיי האָבן געצויגן ביי די שטאָלענע שטריק, געהויבן דעם בלאָקישן גרויסן אייזערנעם קאָפּ אין דער הויך און אַראָפּגעלאָזן האַסטיק. און ביי יעדן צי האָבן זיי צוגעזונגען מיט רויע קולות, געזונגען אַ לידל אָזוינס, מיט די באַרישסטע און ברודיקסטע ווערטער. גלייך צום טאַקט פון די שרויפן און קאָלבעס, האָט זיך מיטגעשרויפט אַ צעדרייטער, שטייגערנדיקער, צעוויקלטער רוסישער „פּאָ־מאַטיערי", וואָס האָט זיך געהויבן פונקט אַזוי שווער און טעמפּ, ווי דער

בלאָקישער קאָפּ און גלייך מיטן קאָפּ אַראָפּגעפאַלן האָסטיק, כדי באַלד ווייטער זיך איבערצוחזרן.

איבער די אויסגעלייגטע שוועלן האָבן זיך פּאַרטיעס אַרבעטער געשלעפּט. טייל מיט קלעצער, אַנדערע מיט רעלסן, אייזנס און ברעטער. די משאות זענען געטראָגן געוואָרן פּאַרוויז, פּאַרלייגט אויף די אַקסלען. און נאָר יעדער מאָל, וואָס איינער אַ טרעגער האָט נישט אָוועקגעשטעלט ווי געהעריק דעם פוס אויף דער שמאָלער שוועל און שיער נישט אַראָפּ אין וואַסער, מיטציענדיק מיט זיך די משא מיטן הינטערשטן טרעגער צוזאַמען — האָט זיך אַ דער־שראָקן קול געלאָזט הערן אויף ווייט אַרום און אַ קללה האָט זיך געטראָגן אין דער לופט ווייט ערגעץ צו אַן אומבאַקאַנטער מוטער פון אַ שלימזלדיקן זון:

— האַלט! אין דיין מוטער די זונהשע — העי!

לערנער איז געגאַנגען איבער די שיטערע שוועלן לענגאויס דער בריק זיכער, פעסט, ווי איבער דער ערד.

דער אַקסל זיינער איז געווען שוין איבערגעווייטיקט איצט, אַזוי, אַז ער האָט קיין שום ווייטיק מער, ווי אין די ערשטע טעג, נישט געפילט. די הענט זיינע זענען געווען אַזוי צעשטאָכן, האַרט און דורכגעאַקערט מיט מאַזאָליעס דורך די עטלעכע וואָכן אַרבעטן ביים געהילץ און אייזן, אַז קיין זאַך האָט זיי מער נישט געאַרט. צוגעוואוינט צו די שוועלן, איז אויך דער טראָט זיינער געווען זיכער. ער האָט מער נישט געדאַרפט קוקן אויף די שוועלן שטעלנדיק אַ טראָט. דער פוס אַליין האָט שוין געטראָטן, אַפילו ביי פאַרמאַכטע אויגן.

ער איז געווען פון די בעסטע אַרבעטער אויף דער בריק.

נאָר מיט זיין אויפזעער גערלאַק האָט ער נאָך אַלץ נישט געלעבט בשלום. ער האָט אים נישט אָפּגעטראָטן דעם וועג, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט אים, ווי אַלע האָבן געטון: ער האָט אים נישט באַגריסט, ווי אַלע, מיט אַן אויסגעטראַכטן טיטל „הער קאַפּיטאַן", נאָר מיט אַ געוויינטלעכן „גוט־מאָרגן", ווי אויף יוצא זיין. און אַ שטילע שנאה האָט געהערשט צווישן זיי ביידע, צווישן דייטשן מאַנטער און דעם יידישן טרעגער. זיי האָבן זיך באַטראַכט מיט שטומע, דורכדרינגלעכע און פיינטלעכע בליקן.

ביי יעדער מעגלעכקייט האָט אים גערלאַק אָפּגעטון עפּעס. איצט האָט ער אים געגעבן אַ שלעכטן שותף צו איבערפירן משאות.

— העי, דו „שטאָרך"! — האָט ער אַ געשריי געטון איינמאָל צו אַ הויכן, דאַרן יונגערמאַן מיט אַ לאַנגן רבנישן אויסגעקראָכענעם טכויערנעם פוטער, אין וועלכן ער האָט אויסגעזען נאָך דינער און לענגער — דו וועסט אַרבעטן צוזאַמען מיט דריי הונדערט איינס. מאַרש!

און די גאַנצע בריק האָט שיער נישט געפּלאַצט פון געלעכטער, ווען דער יונגערמאַן האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן לערנערן, אים העלפן טראָגן רעלסן.

— „קאַפּעליוש״, אַ שײנעם שותּף האָט ער דיר געגעבן! — האָט מען געשריגן — שיק אים אין באָד אַרײַן!

— וואַרף אים אַראָפּ אין וואַסער! — האָבן אַנדערע געגעבן אַן עצה — אַ נישט וועסטו פון אים נישט פּטור ווערן.

— לולב, הייב דיך! — האָבן זיך געטראָגן קולות פון אַלע זײַטן צום הויכן יונגערמאַן — לויתן־קו־קו! שבת־הגדול, דערלאַנג אַ מיירע!...

דער הויכער יונגערמאַן איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט רויטע פלעקן אין בלאַסן, פאַרשעמטן פּנים און געשמייכלט.

מען האָט אים נישט ליב געהאַט, דעם הויכן יונגערמאַן אין לאַנגן רבנישן טכויערנעם פּוטער.

דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען העכער פון אַלע און דינער פון אַלע, מיט אַ גרויסן, גוט־אַנטוויקלטן קאָפּ אויף אַ דינעם, לאַנגן האַלדז. ער איז אינגאַנצן געווען ענלעך צו אַן אויסגעוואַקסענעם הויכן זומער־רויז אין די לעצטע טעג פון זומער, ווען ער לאָזט אַראָפּ דעם שווערן קאָפּ אין אַ זײַט. געגאַנגען איז ער מיט לאַנגע שפּרייזן, נאָר מיט נישט־זיכערע, וואַקלענדיקע. זײַן לאַנגער אויסגעריבענער טכויערנער פּוטער מיט די רבנישע לאַצן, וואָס שלעפּט זיך נאָך ביז די טריט, האָט אים געמאַכט נאָך לענגער און קאָמישער ווי ער איז געווען.

מען האָט אים גערופן מיט אַ סך צונעמען אויף דער בריק.

די דײַטשן האָבן אים גערופן „שטאָרך״; די פּאָליאַקן — „מאַקואווקאַ״; די יונגען מיט פאַרשידענע נעמען: „לולב״, און „שבת־הגדול״, און „לאָקש״, און ווי אײנעם האָט זיך געוואָלט.

ער איז נישט געווען אײנער דאָ אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע אויף דער בריק.

פון אַלע זײַטן האָבן זיך איצט געצויגן צו דער בריק יידן און יונגע־לײַטלעך מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט חסידישע קאַפּאָטעס, אין וועלכע די בעסטע פיגור ווערט לענגלעך, ווײבעריש און שלימזלדיק. מער פון אַלע זענען געקומען יונגעלײַט, ווײכע יונגעלײַטלעך מיט געקרײזלטע בערדלעך און ווײסע, פּוכקע הענטלעך, פאַרשווינענע, וואָס דאַרפן עסן אײביקע קעסט בײַ אַ רײַכן שווער און אַלע יאָר מאַכן אַ ברית. און מען האָט זײ דאָ, אויף דער בריק, נישט ליב געהאַט.

די יונגען האָבן פון זײ אַ סך צרות געהאַט אויסצושטיין.

איבער דער גאַנצער בריק איז איצט געגאַנגען אַ וועט־אַרבעט, אַ געיעג צווישן די רוסן, פּאָליאַקן און יידן. ווער ס'וועט פלינקער און גיכער אָפּטון זײַן אַרבעט. מאַטראַס פּופּ איז געווען באַשטימט פאַר די רוסן, מאַטראַס ווינצעל — פאַר די פּאָליאַקן און מאָנטער גערלאַק איבער די יידן. די אַרבעט איז געגאַנגען צעטײלט. ווי נאָר עס איז געקומען אין דער פרי האָט זיך

יעדער מאַטראָס געגומען זײַנע מענטשן און פאַרגענומען אַ שטיק אַרבעט אַפּצוטון אין משך פון טאָג.

די קעלטן זענען געווען גרויס, נאָר די אַרבעט איז געגאַנגען אין גאַנצן ברען. מאַטראָס פּופּ, וואָס האָט געהאַט אַן אויפגאַבע, אַז זײַנע רוסן זאָלן איבערפירן אַלע שטיינער אויף יענער זײַט בריק, האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז ווינצעלס „פערפלוכטע פּאָלען“ זאָלן נישט איבעריאָגן זײַנע רוסן און אָוועקשטעלן זיי צו שאַנד און שפּאָט. ער האָט געהאַלטן אין איין פּאָכען מיט אַ שפּיצרוט אין דער לופטן און געשריגן:

— ראַשער שווײַנע, די פערפלוכטע פּאָלען קאָמען אונז פאָר!

מאַטראָס ווינצעל האָט אויך נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז די רוסן זאָלן איבעריאָגן זײַנע „פּאָלען“, האָט ער געקנאַלט מיט אַ שטיק עלעקטרישן שנור און געיאָגט וואָס גיכער אויפצוהייבן די בריקן־הענגער און אַוועקטראָגן זיי צו די בריקן־פּיס. ער האָט זיך שיער נישט צעריסן:

— מענטשן־קינדער — האָט ער געוואָלדעוועט — די רוסישע שווײַנע פערשעמען יאָ אויך.

מאַנטער גערלאַק, דער גרעסטער און שטאַרקסטער פון אַלע מאַטראָסן און מאַנטערן, האָט גאָר געהאַלטן גרייט אַ שטיק בלייענעם שטריק אין דער האַנט. ער האָט געגאַרגלט ווי אַ געקוילעטער חזיר, נישט אַרויסלאָזנדיק דערבײַ די לולקע פון מויל:

— פאָר־ווערטס! די שווײַנע און די פערפלוכטען זינד שאָן ווייט פאָראָאוס!...

די אַרבעטער זענען אַרײַן אין אַזאַרד, אין אַמביציע, און האָבן זיך פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן. זיי, די יידישע יונגען, האָבן געוואוסט, אַז די יידן האָבן דאָ, ווי אומעטום, אַ שלעכטן שם, אַז מען האַלט זיי פאַר שוואַך און נישט געשיקט; און מיט דער גאַנצער יידישער היץ, מיט דער פיבערישער עקשנותדיקייט האָבן זיי איבערגעקוילערט די שווערסטע אייזנס, אַריבערגע־פירט אַזוי פיל ברעטער, באַלקנס צום ברעג, אַז עס האָט שוין אויסגעפּעלט פלאַץ דערויף.

נאָר די יונגעלײַטלעך אין די לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן זיך נישט שטאַרק איבערגענומען מיט דעם גאַנצן געיעג.

אַוועקשטעלנדיק זיך מיט אַ גאַנצער פּאַרטיע יונגען בײַ אַ הונדערט־פּודיקן אייזן, האָבן זיי זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, געקוועטשט זיך, נאָר קיין האַנט האָבן זיי נישט צוגעלייגט. זייערע הענט האָבן בעסער געפּאַסט אויסצופּרואוון אַ חלף אָדער באַטראַכטן אַן אתרוג אַ הדר, איידער אַרבעטן בײַ בריקן־הענגער. אויף זייערע אַקסלען, רונדע, ווייבערישע, האָט זיך קיין משא נישט געהאַלטן, אַראָפּגעגליטשט זיך. און זיי האָבן זיך אַפילו נישט באַמיט צוצוגעוואוינען, צוצוהעלפן.

— וואָס יונגעץ קאָנען? — האָבן זיי געשמועסט מיט ביטול צווישן זיך — ווילן זיך גאָר פּרובירן מיט עשו׳ן די כוחות! שוין געהערט אַזאַ משוגעת?...

זיי האָבן זיך גאָר ווינציק איבערגענומען מיט דער וועט־אַרבעט. זיי האָבן מער געקרעכצט, ווי געטון. און די יונגעץ האָבן זיך פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן און געוועץ בייז.

— הערט אויף קרעכצן, קימפּעטאָרינס! — האָבן זיי געשריגן, אויפגערעגט פון שלימזלדיקן צוקרעכצן, וואָס שלאָגט אָפּ יעדער ווילן צו אַרבעט און מאַכט יעדער משא אַ סך שווערער, ווי זי איז.

די יונגעלייט האָבן געפּרואווט נאָכטון די יונגען, שרייען ווי זיי „האָפּ, האָפּ״, נאָר דער האָפּ איז אַרויסגעקומען שלימזלדיק, אָפּגעלאָזן, יוצא־צו־זיין בלויז. און די יונגען האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן:

— הערט אויף „האָפּען״, יאָלדאָקעס צעדאָסטע! שאַ!

בלויז די עלטערע יידן, יידן מיט קורצע כאַליעוועס, איבער וועלכע עס באָמבלען זיך נאָך געלבלעכע ציצית, יידן אויסגעהאָרעוועטע, שווערלעכע, האָבן געטון זייער אַרבעט גוט און לאַנגזאַם, פּונקט ווי די עלטערע גויים, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט. זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אויף די יונגע־לייטלעך מיט רחמנות:

— אַ וועלט געוואָרן — האָבן זיי געהאַט פאַראיבל — אַז אַזעלכע טייערע קינדער, ציידענע, זאָלן מוזן ווערן טרעגערס, האַ!...

ערגער פון אַלץ אָבער איז געווען מיט די געשלעגן.

ביים מיטאָג, אין דער פרי און ביינאַכט אַפילו, ליגנדיק אין די באַראַקן, איז כסדר איצט געקומען צו געשלעגן.

אויפגערייצט פון די דייטשן איינער קעגן אַנדערן, יאָגנדיק זיך מיט דער אַרבעט, איז אויסגעוואַקסן אַ געוואַלדיקע פיינטשאַפט פון די רוסן צו די פּאָליאַקן, פון די פּאָליאַקן צו די רוסן, פון זיי בײדע צו די יידן און פון די יידן צו זיי ביידע. נאָכט ביי נאַכט האָט מען זיך געקריגט איבער די געלעגערס. שטיוול און פייכטע אָניצעס זענען געפלויגן אין דער לופטן. ביים מיטאָג האָט מען זיך איבערגעוואָרפן מיט שטיקלעך ציגל, סמאָלע. מען האָט זיך אונטערגעשטעלט פיס, פאַרטשעפּעט מיט אַ שטריקל אין גאַנג, געוואָרפן זיך שטיינדלעך אין שניי פאַרוויקלט.

די יונגען, מערסטנס פּראָווינצער שמייסער, אָקסנפירער, טרעגערס און גאַסן־יונגען האָבן זיך אַן עצה געגעבן. נאָר מיט די יונגעלייטלעך אין די קאַפּאָטעס איז געווען צרות. די יונגען האָבן זיי געהאַלטן אין איין לערנען, ווי אַזוי צו געבן אַ קלאַפּ, „אָנרייבן אַ מאָרדע״. די יונגעלייט האָבן נאַריש צוגעשמייכלט, צוגעזאָגט:

— גוט, גוט, בלי נדר...

נאָר אַז עס איז געקומען צו אַ געשלעגל, טאָמער האָט אַ שייגעץ פאַר־

טשעפּעט, האָבן זיך זייערע דינע פיגורן נאָך מער אויסגעבויגן, די אַקסלען האָבן זיך אונטערטעניק פאַרהויבן און די עלענבויגנס האָבן זיך שפּיציק באַשיצט פון אַ קלאַפּ.

אין די ערשטע צייטן, ווען אַ שייגעץ האָט, דערזעענדיק אַ יונגנמאַנטשיק, אַראָפּגעזעצט זיך אויף דער ערד, געגעבן אַ ביל ווי אַ הונט און געשריגן:

— מאָישע, ניע באָי שע...

האָבן די יונגען זיך אַריינגעמישט. שפּעטער צו איז עס זיי מיאוס געוואָרן. דערצו האָבן די שקצים געהאַט טענות:

— יעדער דאַרף זיך אַליין אָפּשלאָגן. קיינער דאַרף זיך נישט אַריינמישן, אַז איינער גייט אויף איינעם...

די יונגען האָבן געוואוסט, אַז אַזוי איז עס טאַקע און זיי זענען געשטאַנען פון אַ זייט, נאָר די יונגעלייטלעך האָבן זיי מיט זייער פּחדנות שטענדיק פאַר־שעמט און זיי האָבן באַקומען צו זיי אַ שנאה ערגער נאָך פון די שקצים אַליין.

די יונגעלייטלעך האָבן איבערגעטראָגן די רדיפות פון די שקצים און יונגען מיט דער ספּעציפישער גלייכגילטיקייט און ביטול, וואָס יידן לומדים פילן צו דער וועלט.

— חמורים — האָבן זיי גערעדט צווישן זיך — אַז ס'האָט גאָרנישט קיין צורה פון קיין מענטשן.

און נישט אָפּגעטראָטן פון זייערס.

דער קאָמישסטער, דער מער־געפלאָגטער פון אַלע איז געווען דער הויכער יונגערמאַן אין רבנישן טכויערנעם פוטער, וואָס גערלאַק האָט צוגעשאַרט לערנערן פאַר אַ שותף.

די יונגעלייטלעך האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט. כאָטש ער איז געווען מיט זיי אין איין עלטער, אַ יונגערמאַן מיט אַ קליין, דין בערדל, וואָס וואַקסט אַרויס שפּיציק און ערגעץ פון אַ זייט, וואו מען ריכט זיך גאָרנישט דערויף, האָבן זיי אים שטאַרק בכבוד געהאַלטן. זיי האָבן אים גערופן נישט בלויז ביים נאָמען, נאָר מיט אַ „ר'" — ר' יחיאל מאיר. ער האָט געדאַרפט זיין עפּעס אַ רבינס אַן אייניקל, כאָטש ער האָט דאָס נישט דערציילט. אַז מען האָט גערעדט צו אים, האָט ער כסדר געשמייכלט. אַז אַ יונג פלעגט אים אַ פרעג טון:

— שבת־הגדול, ס'איז אמת, אַז אייער זיידע איז אַ גוטער ייד?

האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט און אָוועקגעמאַכט מיטן קאָפּ:

— וואָס איז די נפקא־מינה?... אַ ייד מיט אַלע יידן צוגלייך...

אַז ער איז אָנגעקומען אויפן פּלאַץ דעם ערשטן מאָל צוזאַמען מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע אַרבעטער, איז אויף דער בריק געווען פריילעך:

— האָליאַ! — האָט אַ שייגעץ אויסגעשריגן, אָנגעכאַפּט זיך ביי ביידע

קניען און אויסגעשטעלט אַ פּאָר בלויע אויגן מיט אַ רייע טעמפּע ציין פון אַ פּאָר פאַרקאָפּטשעטע ליפּן — זעט, ווי אַ „מאַקואָוקע" זעט ער אויס.

אַ רוסישער געפאַנגענער, אַ גלייכגילטיק פּויערל, וואָס האָט קיינמאָל קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, און אַלע האָבן געמיינט, אַז ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם לשון, האָט מיטאַמאָל אויפגעעפנט אַ מויל און, אויסשפּייענדיק דורך די ציין מיט גרויס אויפרעגונג, גלייך עמעצער זאָל אים דורך דער גאַנצער צייט מלחמה דאָס ערשטע מאָל באַליידיקן, האָט ער אָפּגעמאָסטן דעם אָנקומענדיקן „בריקן־בויער" און פאַרגליכן אים מיט גאָרנישט קיין שיינעם פאַרגלייך:

—עך דו, „דאָס" צעבראָכענער... — האָט ער אָנגעשריגן — אָט דאָ דאַרף מען דיך צערייבן...

דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף זיינע קורצע, טעמפּע, צעקאַליעטשעטע פינגער, וואָס האָבן שטאַרק חשק געהאַט צוזשטיקן דעם דינעם קנאַפּיקן האַלדז פון הויכן יונגנמאַן.

שמואליקל זשולטשיק, וואָס איז אומעטום דער ערשטער, האָט אַ וואונק געטון צום עולם מיטן אויסגערונענעם אויגל און אַ זאָג געטון:

— ווי געפעלט אייך דער שבת־הגדול?

דערביי האָט ער אַ רוף געטון דעם יונגנמאַן און געפרעגט:

— ר' לויתן, שוין אַ טאַטל צי אַ קאַוואַליער?...

מאַנטער גערלאַק האָט שוין חשק געהאַט אים פאַרטרייבן. נאָר פּונקט איז אויסגעוואַקסן אומגעריכט דער מאַיאָר מייער אַליין און דערזעענדיק דעם פאַרשוין, איז אים אַזאַ ווילדער געלעכטער באַפאַלן, אַז דער גאַנצער קאָרק איז אים פאַרלאָפן אויף ברוין און בלוי, ווי ער זאָל האַלטן ערב אַן אַפּאָפּלעקסיע.

— דער איסט יאַ הערליך! — האָט ער אויסגערופן מיט אַנטציקונג — פּראַכטפאָל!...

ער האָט אים באַטראַכט מיט די זייטיקע שטאָלענע אָפּלען און באַפוילן:

— בלייבסט היער, מענש. וואָס ביסט דו דען?

דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. ער האָט געוואָלט אויסזוכן אַ פּאַסנדיקן אויסדרוק, וואָס זאָל געבן דעם רויטן ערל צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַ קעסט־קינד. נאָר ער האָט נישט געקאָנט פּאַקן דאָס ריכטיקע וואָרט. אַ זייטיקער ייד, וואָס איז מיטגעקומען מיט אים, אַ געזונטער ייד מיט ברייטע פּלייצעס מיט אַ פּנים פון אַ סטאָליאַר, האָט זיך אַריינגעמישט און געענטפערט:

— האַר גענעראַל, ער איז אַ תלמודיסט.

— איין טאַלמודיסט? — האָט מאַיאָר מייער נישט פאַרשטאַנען.

— יאַ — האָבן עטלעכע יידן צוגעגעבן — איין גאָטספאַרכטיקער מאַן...

— אַך זאָ! — האָט ענדלעך מאַיאָר מייער פאַרשטאַנען און פאַרענדיקט — דו בלייבסט היער, שטאָרך!

און גלייך האָט ער אים פאָטאָגראַפירט.

דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען, מיט דער גאַנצער התמדה זײַנער פון אַ יונגנמאַן אַ לערנער.

ער האָט געדאַרפט גראָבן שמאָלע גריבער, אויף אַרײַנצושטעלן סלופּעס. האָט ער זיך געכאַפּט צו דער לאָפּאַטע און מיט אַזאַ גיכקייט אָנגעהויבן וואַרפן לאָפּאַטעס ערד, ווי מען וואָלט אים געיאָגט מיט בײַטשן.

דערלעבן זענען געשטאַנען עטלעכע עלטערע גויים און אויך געטון די זעלבע אַרבעט. נאָר זיי זענען געשטאַנען רואיק, אָנגענומען אַ לאָפּאַטע ערד, אַרויסגעוואָרפן, אָפּגערוט זיך אַ ביסעלע און דערנאָך ווידער פאַרשטעקט די לאָפּאַטע. דער היציקער יונגערמאַן, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין לאָפּאַטע אין האַנט, האָט זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו דער נײַער אַרבעט, אַז ער האָט אַפילו קיין בליק נישט געטון, צו זען ווי אַזוי אַנדערע מאַכן עס.

די גויים האָבן אים אָנגעקוקט, באַטראַכט ווי גיך ער אַרבעט און גע־שמייכלט, נאָר ער האָט עס נישט געזען. אָפּאַרבעטנדיק אַזוי עטלעכע געציילטע מינוט, האָט ער גלייך דערפילט אַ מאָדנעם ווייטיק אין די דינע זײַטן און אין די דאַרע הענט. ער האָט איצט געפילט, אַז ער וואָלט זיך דאַרפן אָפּרוען, נאָר ער האָט נישט געוואָלט זיך נאָכגעבן און ווייטער געגראָבן. האָט די לאָפּאַטע אָנגעהויבן זיך קעגנשטעלן, אָנשטאָט האַלטן די אויסגעגראָבענע ערד אויף זיך, האָט זי זיך צוריקגעוואָרפן הינטער זיך. די לאַנגע פּאָלעס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרטשעפּען אין דער ערד, קריכן אונטער דער לאָפּאַטע.

די גויים האָבן איצט גאָרנישט נישט געזאָגט.

ער האָט געוואָרפן בליקן צו זיי, געווישט זיך דעם שטערן, וואָס איז אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן פון שוויס. ער האָט געפילט, אַז די אויגן קריכן אים פון קאָפּ, ווילן אַרויס, די לופט אַרום טאַנצט, שאָקלט זיך. ער האָט געפּרוווט זיך אָפּרוען, זען, וואָס די שכנים זאָגן עפּעס דערצו, נאָר קיינער פון זיי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, ווי אויף צו להכעיס, און נאָר געגראָבן זיך אַזוי רואיק און סיסטעמאַטיש ווי פריער.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ביים יונגנמאַן אויסגעזען דאָס פּנים ווי ביי אַ גוסס. די האָר זענען געוועזן נאַס, צעשויבערט, דאָס בערדל צעיאָכמערט, שפּיזיק, דער דאַשעק פון היטל אויפן קאַרק, די אויגן פאַרלאָפן און דאָס גאַנצע פּנים איז געווען אַזוי אויסגעשמירט אין בלאָטע, גלייך ער זאָל גראָבן נישט מיט דער לאָפּאַטע, נאָר מיט דער נאָז.

צו מיטאָג איז ער געפאַלן פון די פיס און נישט געקאָנט פאַרזוכן פון שטיקל שוואַרצן ברויט, וואָס דער קוכער האָט אים דערלאַנגט. פון דער זופּ האָט ער אַפילו נישט געוואָלט הערן. אַרום אים זענען געזעסן די איבעריקע יונגעלייטלעך. זיי האָבן אויך נישט געוואָלט עסן פון טרייפענעם קעסל, נאָר אָנשטאָט דעם מיטאָג, גענומען פופצן פעניק. זענען זיי געזעסן אין רעדל

אויף דער ערד, געגעסן טרוקן ברויט און געהאַלטן אין איין זאָגן עפּעס שטילערהייט. זיי האָבן מער געבענטשט ווי געגעסן. אויף דעם הויכן יונגג־מאַן האָבן זיי געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ר׳ יחיאל מאיר — האָבן זיי געזאָגט — ס׳איז נישט פאַר אייך קיין אַרבעט. גייט צוריק אַהיים.

דער פאַרחלשטער יונגערמאַן האָט געסאָפּעט שווער, אין האַלדז איז אים געלאָפן גיך דער דאַרער קנאָפּ. ער האָט געזאָגט מיט אַ הייזעריקלעך קול, קוים מען האָט אים געהערט:

— נישקשה, כ׳וועל זיך צוגעוואוינען. בעזרת השם יתברך... עפּעס גלאַט אַזוי דער קאָפּ זיך פאַרדרייט...

אָט מיט דעם יונגנמאַן האָט דאָס גערלאַק איינגעשפּאַנט לערנערן אין דער אַרבעט. זיי האָבן דאָס געדאַרפט טראָגן רעלסן לענגאויס דער בריק. און לערנער איז געווען בייז, אויפגערעגט.

דעם גאַנצן כעס האָט ער אויסגעלאָזט צום שותף זיינעם.

— רירט זיך! — האָט ער געשריגן צו אים יעדער מאָל, וואָס יענער האָט אָוועקגעשטעלט אַ וואַקלענדיקן טראָט אויף אַ שמאָלער, גליטשיקער שוועל — וועלכער רוח האָט אייך דאָ אַהערגעבראַכט?

גרויסע צרות האָט ער, לערנער, געהאַט פון זיין שותף. ער איז געווען אַ שטיק העכער פון לערנערן, מאָדנע איבערגעוואַקסן, און זייערע אַקסלען זענען געווען נישט גלייך, אַזוי, אַז די משא איז נישט געלעגן, נאָר זיך געגליטשט. שיקן אים פריער־אויס אַלס פאָרנדיקן טרעגער איז געווען אומ־מעגלעך. עס איז נישט געווען פאַרן יונגנמאַנס כוחות און ער וואָלט געפאַלן אונטער דער משא. אַפילו אַלס הינטערשטן טרעגער איז געווען אוממעגלעך אים אָוועקצושטעלן. ער האָט געהאַלטן אין איין בייטן די משא פון איין אַקסל צום אַנדערן. דערצו האָט די משא נישט געוואָלט איינליגן. די הינ־טערשטע טייל איז געלעגן העכער פון דער פאָדערשטער און אַראָפּגעשטופּט.

נאָר ערגער פון אַלץ זענען געווען פאַר לערנערן די חרפּות און בושות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון אים: וואָס ער, לערנער, האָט דערוואָרבן מיט זיין כוח און געשיקטקייט, האָט אים קאַליע געמאַכט דער שותף זיינער מיט זיין שלימזלדיקייט און קאָמישן אויסזען. און אַז מען האָט געלאַכט פון יונגנמאַן, האָט זיך געדאַכט לערנערן, אַז מען לאַכט פון אים אַליין.

נישט איינמאָל האָט ער באַשלאָסן אים אָוועקצוטרייבן פון זיך. ער האָט געוואוסט, אַז דער מאַנטער גערלאַק וועט זיך קעגנשטעלן, נאָר ער האָט נישט געקוקט דערויף.

— זאָל זיין וואָס עס וויל — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

נאָר אין דער לעצטער מינוט, אַז ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם

יונגנמאַן, האָט אים אַזאַ רחמנות אַרומגענומען אויף אים, אַז ער האָט אים נישט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיך.

אַ גאַנצע וועלט צאַרטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון יונגנמאַנס שוואַרצע, ווייכע און באַחנטע אויגן. זיינע דינע ליפּן, ווי ביי אַ יונג מיידל, האָבן שטענדיק געשמייכלט. ביי די גרעסטע צרות און באַליידיקונגען געשמייכלט. אין זיין הויכן און חריפותדיקן שטערן האָבן שטענדיק עטלעכע דינע, בלויע אָדערלעך געציטערט, ווי ביי רבישע קינדער.

זיין גאַנץ וועזן האָט זיך געבעטן, מען זאָל אים נישט באַליידיקן, נישט מצער זיין. און דערפאַר האָט אים לערנער נאָכמער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַפילו אַ האָס האָט ער צו אים דערפילט, אַ האָס מיט מיטלייד צוזאַמען.

ער איז געווען גוט, דער יונגערמאַן, אָן אַ גרענעץ גוט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער אַליין פאַרשטייט, אַז ער איז ווערט די אַלע רדיפות אויפן פּלאַץ. ער האָט אַפילו מיטגעשמייכלט מיטן עולם.

— נישקשה, נישקשה — האָט ער געזאָגט — מען וועט זיך צוגעוואוינען. און פאַרגעסנדיק מיט וועמען ער האָט צו טון, האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ שטיקל תורה:

— „הרגל נעשה טבע", אַוודאי אַזוי...

אָבער וואָס מער גוט ער איז געווען, אַלץ מער פיינט האָט אים דער עולם געהאַט. וואָס מער צאַרט ער איז געווען צו יעדן, אַלץ מער צרות האָט מען אים אָנגעטון. גייענדיק מיט לערנערן צוזאַמען, האָט מען דעם יונגנמאַן פאַרטשעפּעט פון אַלע זייטן:

— העי, לויתן! — האָבן יונגען געשריגן — מאַך דיר אַריין! ס'הענגט זיך דיר עפּעס נאָך!

ער האָט זיך אומגעקוקט, געזוכט עפּעס און קיין זאַך נישט געפונען, און דער עולם האָט געקוואָלן פון נחת.

שקצים האָבן אים געסטראַשעט. יעדער מאָל פאַרבייגייען, האָט אַ שייגעץ אויפסניי זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און אַ ציל געטון מיט אַ ליידיקער האַנט, מאַכנדיק זיך וואַרפן אין אים אַ שטיינדל. דער יונגערמאַן האָט אַ ציטער געטון, אויסגעדרייט אין אַ זייט דעם קאָפּ און דער שייגעץ האָט באַוויזן אַלע ציין:

— ניע באָי שע, ראַבין! נישט פאַר מוירע שייגעץ... גוטע...

לערנער האָט זיך אַריינגעמישט, אָנגענומען זיך פאַר אים. ער האָט זיך צעקריגט מיט אַלע צוליב אים און דערפאַר אים נאָך מער געהאַסט.

עפּעס האָט ער געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט זיין זיינס אָן אייגנס און אַ ביטערס, פון וועלכן מען קאָן נישט פּטור ווערן. אַ מין אומגליקלעכער זיווג, וואָס איז אַ שווערע לאַסט און מען קאָן זיך נישט שיידן דערמיט.

אויפן גאַנצן פּלאַץ האָט דער יונגערמאַן געגאָלטן ווי דער סימבאָל פון די

יידן. האָבן יידן געמעגט אָפּטון די שווערסטע אַרבעטן, די שווערסטע אײַזנס הייבן, האָבן די גויים עס נישט געזען. געזען האָבן זיי נאָר אים, דעם יונגנמאַן, וואָס דרייט זיך אין זײַן רבנישן פּוטער, פאַרטשעפּעט זיך אין אַ שטרוי, און אַז זיי האָבן געלאַכט פון אים, האָט זיך די יונגען געדאַכט, אַז מען לאַכט פון זיי. אַז מען האָט אים פאַרטשעפּעט, האָט עס אויסגעזען, אַז מען טשעפּעט זיי, אַז מען שפּעט פון זיי. און די שנאה צו אים פון די יונגען איז געווען שטאַרקער ווי די פאַראַכטונג פון די גויים.

— אַהיים! האָבן זיי געשריגן צו אים — רוק זיך אָפּ בעסער, דו וועסט שלעכט אָפּשניידן ביי אונדז...

געיאָגט פון אַלע, פון די גויים און פון די יידן, האָט ער זיך באַמיט אַרבעטן מער וויפל ער האָט געדאַרפט. ער האָט זיך פון די כוחות אַרויס־געשלאָגן, געקוקט יעדן אין די אויגן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט, וואָס וויל געפעלן ווערן. נאָר דערמיט האָט ער זיך נאָך לעכערלעכער געמאַכט.

זעענדיק, אַז אַלע יאָגן אים, האָט ער זיך אָנגעהויבן צושאַרן שטאַרק צו לערנער. עפּעס האָט ער דערקענט אין אים אַן אַנדערן, אַ בעסערן. מער פון אַלע אַנדערע האָט ער דאָך זיך אָנגענומען פאַר אים. ער האָט אים איינ־מאָל אַפילו אַ פרעג געטון:

— איר מוזט זיין אַ בן־תורה. האָב איך געטראָפן? זאָגט!

לערנער האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן אים צו נאָנט צו זיך. נאָר דער יונגערמאַן האָט צו אים געקלעפּט, געזוכט אַ שמועס אין אים און געקוקט אים אין די אויגן אַריין.

איינמאָל ביינאַכט איז ער צוגעקומען אַפילו צו לערנערס געלעגער.

אין באַראַק איז געווען פינצטער, די פאַרקאָפּטשעטע לעמפּלעך האָבן געוואָרפן טונקעלע שאָטנס און אַלץ איינגעהילט אין זיך. אין די ווינקעלעך זענען געזעסן קופּקעס יונגען און דערציילט זיך שטיל מעשות. אין אַנדערע ווינקלען זענען געשטאַנען לאַנגע שאָטנדיקע יידן און געדאַוונט מעריב, אַרויסרופנדיק מיטן שאָקלען זיך מאָדנע שאָטנס אויף די האַלב־טונקעלע ווענט.

עפּעס אַ שווערע דריקעניש האָט זיך געלייגט אין טונקעלן באַראַק. און דער הייכער יונגערמאַן האָט שטיל, ווי אַ לונאַטיקער, זיך צוגעשאַרט צו לערנערס שטרויען געלעגער און געפרעגט פּלוצלונג אַן אומדערוואַרטעטע פאַרקלעמטע פראַגע:

— פאַרוואָס, איך בעט אייך, האָט איר מיך אַלע אַזוי פיינט?

דער טונקעלער באַראַק, די שאָקלענדיקע יידן, די ציטערנדיקע שאָטנס און די פּלוצלונגדיקע דערנענטערונג פון הייכן יונגנמאַן האָבן אויף לערנערן שווער געדריקט. ער האָט אַ קוק געטון אויפן יונגנמאַן, ער האָט דערזען זיינע שוואַרצע אויגן, וואָס שניידן זיך מיט זייער ווייכער, טיפער שוואַרצקייט פון דער טונקלקייט אַרויס, און אים האָט עפּעס פאַרקלעמט.

אין זיין גאַנצער הויכער געבויגענער פיגור, אין זיינע בליקן, אין זיין שטילן סודותדיקן רעדן, איז געלעגן דער צער פון אַ קינד, וואָס אַ מאַמע האָט אונטערגעוואָרפן. לערנערן איז געקומען אויפן געדאַנק דער פאַר־בלאָנדזשעטער בן־מלך, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן צו פויערן פאַר אַ שקלאַף, וועגן וועלכן זיין מאַמע האָט אים אַמאָל דערציילט אין שאָטנדיקן שבת־צו־נאַכטס, פאַרן אָנצינדן די ליכט.

ווי אַלעמאָל האָבן אים צוויי געפילן באַהערשט מיטאַמאָל — מורא און הפקרות. אַ ווילע האָט אים אַ געוואַלדיקער מיטליד אַרומגענומען. עפּעס אַ שטאַרקע נאָנטקייט צווישן יונגערמאַן און זיך האָט ער דערפילט און ער איז גרייט געווען אים צוטוליען צו זיך. אָבער באַלד איז אָנגעקומען אַ צווייטער געפיל, אַ צעלאָזנער, אַ בייזער, און ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַבי נישט צו קוקן אויף די בעטנדיקע, ווייכע אויגן, און ער האָט אים געטריבן פון זיך:

— וואָס בלאָנקעט איר זיך אַרום? — האָט ער זיך געבייזערט — שלאָפן גייט!

דער יונגערמאַן איז אַוועק, פּלאָנטערנדיק די פיס אין שטרוי. און לערנער האָט זיך אויסגעדרייט און אים נאָכגעשריגן:

— און אַרבעטן מיט אייך וועל איך אויך נישט! איר קאָנט זיך גיין וואו איר ווילט...

נאָר אינגיכן האָט אַ צופאַל ווידער דערנענטערט די צוויי מענטשן.

עס איז געווען אַזוי:

צו מיטאָג האָבן די שקצים געכאַפּט אַ שטשור לעבן שפּייכלער, האָבן זיי גענומען און אים אַריבערגעוואָרפן צו די יידן. זיי האָבן געצילט צום יונגנמאַן, דעם „רב", נאָר געטראָפן האָבן זיי דעם יונג מיט די קלאָצעוואַטע פיס אין די קורצע כאַלעווקעלעך גלייך אין קאָפּ אַריין. האָט ער גענומען אַ האַלבע צעבראָכענע פלאַש און געטראָפן איינעם אַ גוי גלייך אין פּנים אַריין. ביידע האָבן זיי נישט געטראָפן, וואו זיי האָבן געצילט, און דערמיט האָט עס זיך געדאַרפט פאַרענדיקן, נאָר געקומען איז צו אַ געשלעג. פויסטן זענען געפאַלן אין געזיכטער, שטיינער זענען געפלויגן און קולות האָבן געשפּאַלטן די לופט:

— בראַטשאַ — האָבן שקצים געשריגן — ברידער, די יידן שלאָגן אונדזערע!...

האָבן גויים געוואָרפן די לאָפּאַטעס און געלאָזט זיך לויפן.

פון אַ צווייטער זייט האָבן יונגען געשריגן:

— קינדער, מען שלאָגט יידן! אַהער!...

האָבן יונגען געכאַפּט אייזנס אין די הענט און זיך געלאָזט לויפן.

די איינציקע, וואָס האָבן זיך נישט אַריינגעמישט, זענען געווען די יונגע־

לייטלעך. זיי האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. בלויז איינער אַ ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אַ ייד מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ בלוט־רויטער באָרד האָט געגומען אַ שטיין אין האַנט און געקלאַפּט רואיק, סיסטעמאַטיש איבער גויִשע קעפּ, ווי ער וואָלט שטויסן מצות. דער „לויתן", איבער וועלכן דער גאַנצער קריג איז אַרויסגעקומען, האָט זיך מיישב געווען און אַוועקגעלאָפן צום מאַיאָר מייער אין ביוראָ.

— האָר! — האָט ער געשריגן, נישט טויט, נישט לעבעדיק, און נישט קענענדיק אויסדריקן, וואָס ער וויל, האָט ער אַריינגעוואָרפן: אָט, זיי, צעבונטעוועט...

דערביי האָט ער געוויזן מיט אַ פינגער צום פּלאַץ.

פון דעם דערשראָקענעם יידיש, האָט מאַיאָר מייער אויפגעכאַפּט בלויז „געבונטעוועט" — און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט.

— וואָס? בונד?

ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די ביקס פון וואַנט און געשאָסן אין דער לופט.

דער סוף איז געווען ווי אַלעמאָל: אַ לאַנגע רייע; יעדער צענטער אַרויס פון רייע — און מאַיאָר מייער מיט אַלע מאַטראָסן און מאַנטערן האָבן געטיילט פּעטש.

פאַר דער צייט, וואָס מ'האָט זיך געשלאָגן און דערוויל געשטערט די אַרבעט, האָט מען געדאַרפט אַרבעטן צוויי איבעריקע שעה „פייער־אָוונט" ביז עלף ביינאַכט.

— אַלע מיסען דאָס טון — האָט מאַיאָר מייער באַפוילן, וואַשנדיק זיך די הענט נאָך די פּעטש — פּוּפ, ווינצעל, גערילאַק! אַאופּפּאַסען ד'ראַאוף!

— יאַ־וואָהל, הערר מאַיאָר! — האָבן אַלע מאַטראָסן געענטפערט מיט־אַמאָל, אויסציִענדיק זיך ווי די סטרונעס.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע.

אַ נאַסער שניי האָט געיאָגט אין פּנים, געשמיסן און געקלעפּט זיך. די שטימונג אויף דער בריק איז געווען אַ געדריקטע. אַ ריזיקע שנאה האָט געהערשט אַרום פּלאַץ, בלוטן האָבן געקאָכט, געוואָלט זיך אויפּרודערן, שלאָגן זיך, שניידן זיך — און געשטערט געוואָרן דורך די „לעדערנע", וועלכע האָבן אַליין די שנאה אַרויסגערופן...

מיד זענען אַלע געווען, צעבראָכן. דער געוויינטלעכער אַרבעט־טאָג איז גאַנץ גענוג געווען צו פאַרמאַטערן, צו צעברעכן, אַזוי, אַז מ'זאָל קיין אבר נישט פילן אין זיך. דער נאַסער, קלעפּיקער שניי האָט געגעסן, געשמיסן, געקראָכן אין די באַהאַלטענע ערטער, געלייגט זיך אין די אויערן, אונטער די קאָלנערס, דורכגענעצט די שמאַטיקע פיס און צעהודערטע קליידער, אַריינ־דרינגענדיק ביזן לייב. עפּעס האָט אַלץ געגליווערט, געפרירט, געלאָשן זיך,

נאָר איין האַס אַליין, וואָס האָט זיך נישט געקילט, נישט אָפּגעשטאַנען, נאָר געוואָקסן אַלץ מער און מער.

אַז ס'זענען געקומען די איבעריקע צוויי שעה פייער־אָונט און די מאַט־ראָסן האָבן געהייסן צוואוואַרפן פּודיקע שטיקער קאַראַביד און צוגיסן אַ סך עמערס וואַסער אין די קעסלדיקע באַוועגלעכע קאַראַביד־לאָמפּן, האָט דער צאָרן אויף דער בריק געקאָכט גלייך מיט די פּודיקע שטיקער לעשנדיקן קאַראַביד...

— טשעקאַיטשע — האָבן די גויים געביילט הענט צו די יידן — ווי די געגנז מיר'ן אייך שעכטן...

— וואַרט, וואַרט — האָבן די יונגען צוריקגעוויזן — מיר'ן נאָך וויזן...

די קאַראַביד־לאָמפּן האָבן געפּלאַקערט, אָנפילנדיק די לופט מיט שטיקנ־דיקע גאַזן. דאָס וואַסער האָט געראוישט און די „לעדערנע" האָבן געגאָרגלט אין דער נאַכט אַריין:

— פּאַאָרוועָרטס, שווינע, פּאַאָרוועָרטס!

זיי זענען געווען בייז, די מאַטראָסן, הלמאי זיי דאַרפן אַכטונג געבן אומ־זיסטע שטונדן, און כסדר געפּאַכעט מיט די דראָטן אין דער לופט:

— אַרבייטען, פערפלוכטע באַנד! ראַש!

דער עולם האָט געאַרבעט. די גאַנצע שנאה, אויפרעגונג, מידקייט, הונגער און קעלט האָט מען אַריינגעוואָרפן אין די קאַלטע אייזנס, וואָס מ'האָט גע־שלעפּט, אין די פאַרשנייטע שטיינער, וואָס מ'האָט איבערגעפירט, אין די האַלב־פאַרזונקענע צוגעפרוירענע קלעצער, וואָס מ'האָט געריסן מיט די נעגל פון דער ערד אַרויס. אַפילו די יונגעלייטלעך, וואָס האָבן אַלעמאָל מער געקרעכצט ווי געאַרבעט, האָבן איצט אין די נאַכטיקע אומזיסטע פייער־אָונט־שעה'ן צוגעלייגט אַלע כוחות.

אַן אָנגעשטרענגטקייט, אַן איינגעהאַלטענע, שטילע אָנגעשטרענגטקייט האָט באַהערשט, אַ דריקונג אַזאַ, וואָס לייגט זיך אויף הערצער, ווי זשאַווער.

יחיאל מאיר דער „לויתן" האָט זיך געכאַפּט צו די גרעסטע אַרבעטן, געזוכט צו פאַרשטעקן זיך צווישן די אייזנס, משאות, אַזוי, אַז מ'זאָל אים וואָס וויניקער באַמערקן. ביי אים איז געווען אַ געפיל, אַז ער, נאָר ער, איז שולדיק אין דעם אַלעם. און ער איז זיך אַליין גרויס געווען אין די אויגן.

— הו, האָפּ! — האָט ער מיטגעשריגן, פלאָנטערנדיק זיך אין זיין לאַנגן אויסגעקראָכענעם פוטער, כדי געפעלן צו ווערן אין די אויגן פון די יונגען, נאָר זיי האָבן אים אין ערגעץ נישט צוגעלאָזט, פאַרשטעלט פון אים די משא פון אַלע זייטן און אַרויסגעשטויסן אים פון רעדל אַן איבעריקן, אַן אָפּגעטיילטן.

די איינגעהאַלטענע שנאה, פאַרביטערונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פלאַץ, וואו זיך אויסצואוועפן, האָט געפונען איר אויסדרוק אין אים, דעם

דינעם, דערשראָקענעם יונגנמאַן און יעדער האָט אים געוויכט, נישט געוואָלט אים האָבן פאַר קיין שכן לעבן זיך.

— רוק זיך, לאַנגער — האָט איינער געשריגן — אַוועק פון מיינע אויגן.

— פאַר, לאָקש! — האָט געשריגן אַ צווייטער, צו וועלכן דער אָפּגע־שטויסענער האָט זיך געפּרוּווט צוטוליען.

— צי אָפּ, לולב! — האָט אים געוואָרנט אַ דריטער, צו וועמען ער איז צוגעוואָרפן געוואָרן — זאָלסט זיך נישט וואַגן שטעלן אונטער דער האַנט!...

ער איז געוואָרפן געוואָרן, ווי אַ באַל, וואָס יעדער שטויסט מיטן פוס נאָך איידער ער שטעלט זיך אָפּ... דער דאַרער יונגערמאַן האָט געגלאָצט מיט די אויגן. אַ גאַנצע וועלט צער, שטומער צער, האָט אַרויסגעקוקט פון די דערשראָקענע אויגן זיינע. לערנער האָט געכאַפּט אַ בליק צו אים און אים איז אַ שווידער אַדורך.

אַזעלכע אויגן האָט ער נאָר אַמאָל געזען ביי אַן אומגליקלעכן הינטישן זיווג, וואָס גאַסן־יונגען האָבן געשלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ — עפּעס הכנעה, בושה און שרעק גלייכצייטיק איז געלעגן אין זיי.

איצט איז געווען דאָס צווייטע מאָל, וואָס די אויגן האָבן געקוקט אויף אים, געזוכט הילף, נאָר לערנער האָט באַגראָבן זיין בליק צו די אייזנס און נישט געוואָלט זען. ער האָט זיך נישט געפילט אַזוי שטאַרק אין דער קאַלטער, מיאוסער נאַכט, אין דער שפּעטער אומזיסטער „פייער־אָוונט”־שעה צו שטעלן זיך קעגן אַלע, צוצוטוליען צו זיך דעם שוואַכסטן, גערודפטסטן, קאָמישסטן און טראַגישסטן מענטש.

אין דער אַרבעט האָט אים לערנער פאַרגעסן.

נאָר באַלד, מיט אַ ווײַלע שפּעטער, איז עס אים ווידער אַרויס.

מ׳האָט געשלעפּט אַ בריקן־„הענגער”, אַ שווערן הענגער, וואָס איז געווען צוגעפּרוּירן און איינגעזונקען אין דער ערד. צענדליקער פּאַר הענט האָבן געפּאַרעט זיך, צענדליקער ברוסטן האָבן זיך צוגעטוליעט צום פאַרראָסטן, געפּרוירענעם אייזן, געקליגט זיך, געעצה׳ט זיך אים אַרויסצונאַרן פון זיין וואַרעמער נעסט. קולות האָבן געשריגן:

— פאַרזיכטיק! — העפּ! — לאַנגזאַם!

עפּעס איז געלעגן דאָ אין די גרויסע פאַרראָסטע אייזנס אַזוינס, וואָס האָט געצויגן זיך צו מענטשלעכע אברים, אַנצוכאַפּן, אָפּצובייסן, אָפּצופּליקן, ווי די ציין פון אַ ווילדער חיה. דאָס איז געלעגן אין דער אומגעלומפּערטער משא פון די אייזנס, אין רויטלעכן ראָסט פון זייער פאַרלעגעניש, אין פראָסט, וואָס איז געלעגן אויף זיי און אָפּגעריסן שטיקער הויט ביי יעדער פינגער, וואָס האָט זיך צוגערירט צו זיי. אַלע, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, האָבן געמוזט עפּעס אָפּגעבן דעם שווערן, פאַרראָסטן גאָט פון אַרבעט, אָפּגעבן ווער אַ פינגער, ווער אַ נאָגל, ווער אַ האַנט און ווער ס׳גאַנצע לעבן.

ענדלעך האָט מען אים גענומען, דעם „הענגער". איבערן נאָסן שניי האָבן זיך געפּלאָנטערט צענדליקער פיס, געטראָטן, געשלעפּט, און די מאָט־ראָסן מיט די ציטערנדיקע לאַמטערנעס אין די הענט האָבן קאָמאַנדעוועט:

— פאָרווערטס, לאַנגזאַם!

קולות האָבן געענטפערט — העפּ, האָאָפּ — האָליאָא!...

— רעכטע שולטערן אָב — איין טריט צוריק! — האָט גערלאַק קאָמאַנ־דעוועט און אָפּגעטראָטן הינטער זיך, ער זאָל נישט באַשפּריצט ווערן מיט בלאָטע פון אַראָפּפאַלנדיקן „הענגער".

— אָב!...

עטלעכע צענדליק פאָר פיס האָבן געגעבן אַ שפּרונג אָפּ, ווי די קעץ, פאַרשטעלנדיק זיך פון בלאָטע, וואָס האָט זיי פונדעסטוועגן אינגאַנצן באַ־שפּריצט. אַלע האָבן אָפּגעאָטעמט, צופרידן פון דעם בייגעקומענעם ריז, און נאָר איין־איינציקער איז געבליבן שטיין האַרט ביים הענגער און געשאָקלט זיך איבער אים, ווי אַ דינע ווערבע איבער אַ טייך.

אין דער ערשטער רגע האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען. עפּעס אַ קול האָט געשריגן:

— לולב, אַוועק!

נאָר גערלאַק האָט גלייך זיך אַ לאָז געטון פון אָרט און אָנגעהויבן זידלען:

— אַך, קאָפּוט די פיסע דיינע, דאָנער וועטער! — לויטע!

איצט האָבן אַלע שוין געזען, ווי ער, דער הויכער יונגערמאַן שטייט מיט די פיס אונטערן „הענגער". פון זיין מויל הערט מען גאָרנישט. בלויז דער קערפּער שאָקלט זיך, ווייל פאַלן און קאָן ער נישט.

אין איין אויגנבליק איז דער שווערער הענגער", דער זעלבער „הענגער", וואָס האָט געפאָדערט אַזויפיל אָנשטרענגונג, געפלויגן איצט פון אָרט ווי אַ שפּענדל. גערלאַק האָט נישט אויפגעהערט זידלען און באַפעלן גלייכצייטיק:

דאָנער וועטער, זאַקראַמענט! אַן באַראַק, פערפלוכטע, מאַרש!

און די יונגעלייטלעך, וואָס זענען אַלעמאָל געווען צו יעדער זאַך די לעצטע, זענען איצט גראָד געווען די ערשטע. און נאָך איידער די יונגען האָבן באַוויזן כאַפּן דעם אויסגעצויגענעם יונגגמאַן מיט די צוגעפּלאַטשטע פיס, איז ער שוין געלעגן ביי די יונגעלייטלעך אויף די אַקסלען.

נאָך קיינמאָל איז קיין משא נישט געלעגן אַזוי גוט אויף זייערע רונדע אַקסלען ווי איצט; קיינמאָל זענען זיי נאָך נישט געווען אַזוי צוגעפּאַסט ביים טראָגן עפּעס, ווי אין דעם מאָמענט. שוואַרצע, פאַרשאָטנטע, מיט טונקעלע בערד און לאַנגע קאַפּאָטעס, טוליענדיק זיך אַלע צוזאַמען, האָבן זיי אויסגעזען איצט ווי אַ מחנה נושאים, וואָס טראָגן עפּעס אַ חשובן נפטר צום גוטן אָרט. אַפילו אין זייער איילן זיך, אין זייער אונטערלויפן מיט דראָבנע, פלאָנטערנדיקע טריט איז געלעגן חברה־קדישא׳דיקס, עפּעס ווי מ׳וואָלט זיך איילן מקבר

זיין אַ מת־מצוה. און פונדערווייטנס איז געשטאַנען אַ שייגעץ, אונטער־געשפּאַרט מיט אַ האַנט דעם גאָרגל, ווי אַ ציגן־בערדל, און געמעקעט:

— מעע! איי וויי! מע!...

***

די נאַכט איז לערנער אינגאַנצן נישט געשלאָפן. דעם יונגנמאַנס אויגן האָבן געקוקט אויף אים, געקוקט פאַרשטאַרט, פּונקט ווי פריער, ווען ער האָט געזוכט זיין הילף, פּונקט ווי דעמאָלט ביינאַכט, ווען ער איז צו צו זיין געלעגער און געפרעגט מיט אַ וויינענדיק קול:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס האָט איר אַלע מיך אַזוי פיינט?

ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, נאָר אומעטום האָבן אים אויסגעזוכט די אויגן, די טונקעלע אויגן, און געמאָנט:

פאַרוואָס, איך בעט אייך, האָט איר מיך אַלע אַזוי פיינט?

אין מיטן נאַכט האָט לערנער זיך אַראָפּגעשאַרט פון זיין געלעגער, אַוועקגעגעבן די לעצטע עטלעכע מאַרק דעם פאַרהילטן דייטש, וואָס האָט געהאַלטן וואַך ביי דער טיר, און אַריבער צום צווייטן באַראַק, וואָס איז געווען פאַר די געפאַנגענע און וואו ס'איז געלעגן איצט דער פאַרוואונדעטער יונגערמאַן...

דאָרט, אַפּגעצוימט, אין אַ זייט, האָט זיך געפונען דער „האָספּיטאַל" מיט אַ רויטן קרייץ אויסגעמאָלט אויף דער טיר. אויף שטרוי, שוואַך באַלויכטן, מיט געבאַנדאַזשירטע הענט און פיס זענען געלעגן אויסגעלייגט עטלעכע צענדליק אָפּגעריסענע חולאים, פאַרדעקט אין שמאַטעס. אין אַ ווינקל, מיט אַ פּאָר אויסגעצויגענע, שטאַרע און צעקוועטשטע פיס איז געלעגן דער יונגערמאַן און געיאָמערט.

ערשט שפּעטער האָט ער דערפילט דעם גאַנצן ווייטיק זיינעם און געיאָמערט אין דער נאַכט אַריין. עפּעס אַ געפאַנגענער מיט אַ געל געזיכט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד טון זיין באַדערפעניש און געשאָלטן:

— קודי, זשידאָווסקאיאַ מאָרדאַ — טשעוואָ אָריאָש?...

אַן עלטערער רוסישער דאָקטאָר, מיט אַ בערדל און מיט אַ רויטן קרייץ אויף דעם אָרבל, האָט זיך אָפּגערופן שטיל:

— טישע, וואַניאַ — זעסט דאָך, אַז ר'איז אומגליקלעך.

מיט דער זעלבער גוטסקייט, ווי ער האָט איינגענומען דעם בייזן סאָלדאָט, האָט ער זיך געווענדט צו לערנערן:

— באַזשע, ביז טאָג איז נאָך אַזוי לאַנג און דאָ איז גאָרנישט נישטאָ! נישטאָ אַפילו קיין שטיקל באַנדאַזש אַרומצובינדן.

לערנער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס רעקל פון זיך, אויסגעטון דאָס העמד פון לייב, צעריסן אויף צוויי העלפטן און געבעטן ביי דעם מאַן מיטן רויטן קרייץ:

— נעמט, מענטש ליבער, ראַטעוועט אים!...

דער געפאַנגענער דאָקטאָר איז צו צום יונגנמאַן און גענומען פאָרען זיך ביי די פיס, בעטנדיק זיך ווי אַ מאַמע ביי אַ קינד:

— שטילער, ליבער, ס׳וועט בעסער ווערן...

לערנער איז געשטאַנען, צוגעהערט זיך צו די געוואַלדן און אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג און צער.

פאַר אים זענען אַלץ געשטאַנען די אויגן, וואָס דעמאָלט ביינאַכט, און געפרעגט:

— פאַרוואָס, כ׳בעט אייך, האָבן מיך אַלע אַזוי פיינט?

וויפל וואָלט ער געוועזן איצט געגעבן, ווען ער זאָל קאָנען טיילן זיך מיט אים זיין ווייטיק!

דער געפאַנגענער דאָקטאָר האָט שטיל געזאָגט:

— העלפט מיר, גאָלובטשיק, האַלטן די קניען, אָט אַזוי.

און שטילער, קוים וואָס מ׳הערט, האָט ער איינגערוימט לערנערן:

— מ׳וועט פאַרשיינלעך מוזן מאָרגן אָראָפּנעמען...

דאָס יאָמערן אין דער פינצטערער נאַכט האָט זיך געשטאַרקט. פון שטרוי האָבן זיך אויפגעכאַפּט קראַנקע. טייל האָבן געקרעכצט, אַנדערע געשאָלטן. עס האָט געשמעקט מיט עסיק, געשווילעכטס און ווייטיק.

עס האָט געדריקט דער גאַנצער צער פון אַ מיטן־נאַכט אין אַ שפּיטאָל, ווען קראַנקע כאַפּן זיך פּלוצלונג אויף אַלע מיטאַמאָל און דערפילן זייער ווייטיק, וואָס איז אַזוי חושך, לאַנג און יאושדיק ווי די נאַכט.

דער דאָקטאָר מיטן בערדל האָט פאַרלייגט די הענט, באַטראַכט אַלץ, די קראַנקע אין שטרוי, דעם יאָמערדיקן יונגערמאַן, דעם גאַנצן שפּיטאָל, און געשאָקלט מיטן קאָפּ צו לערנערן:

— בעזאומסטוואָ! — האָט ער געמורמלט — סטראַשנאַיע בעזאומסטוואָ!

און ער האָט געקוקט מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן אויף לערנערן, ווי ער וואָלט וואַרטן אויף אַן ענטפער.

לערנער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, גלייך ער וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען שוין דעם מענטש יאָרן־לאַנג, פון קינדוויז אָן, און ער האָט געקוקט פאַרעקשנט אין שטרוי.

פון דרויסן האָט אַ הונט געבילט, אָפּגערוט זיך אַ ווײַלע און ווייטער אָנגעהויבן, מאָנאָטאָן, איילנדיק און פאַרעקשנט...

קאַפּיטל זיבן

דער רויטער פּעלץ

אַהיימגייענדיק צומאָרגנס נאָך אַ שפּעטן פייער־אָוונט צום באַראַק, שלעפּנ־דיק זיך מיד, צעבראָכן איבער דעם באַרגיקן, גליטשיקן ברעג, האָט זיך אַ הויכער פאַרשוין אין אַ רויטן שעפּסענעם פּעלץ צוגעשאַרט צו לערנערן.

— איר דערקענט מיך? — האָט דער „פּעלץ" געפרעגט.

לערנער האָט אַרויפגערוקט דעם קאַפּעליוש פון איבער די אויגן. דער „פּעלץ" האָט אַרויפגערוקט זיין באַראַנקאָווע זעלנעריש היטל. לערנער האָט דערזען אַ גויאיש פּראָסטיק פּנים מיט אַ העל, ליכטיק בערדל, וואָס איז צו העל און צו פרעמד צום רויטן געזיכט. אַ פּאָר גרינע, שטרענגע אויגן האָבן אים גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין.

— איר דערקענט נישט? — האָט דער פּעלץ געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַראָפּרוקנדיק דאָס היטל צוריק איבער די אויגן.

— ניין!

— איר דערמאָנט זיך אין גראָז ביי דער ווייסל?

— שטשיגעל? — פון שאַליעץ?

— שטילער רעדט! — האָט דער פּעלץ געזאָגט שטיל — איך הייס איצט קלאָס, אַדאַם קלאָס.

— און שוין לאַנג זענט איר דאָ אויף דער בריק? — האָט לערנערן געוואונדערט.

— גלייך מיט אייך.

— און איך האָב גאָרנישט געוואוסט — האָט לערנער געזאָגט און נאָכ־אַמאָל איינגעקוקט זיך אין זיין באַקאַנטן — וואו האָט איר גענומען אַזאַ באָרד? — האָט ער זיך געוואונדערט — און ווי גייט עס אייך?

— דאָס איז נישט אינטערעסאַנט — האָט דער פּעלץ געזאָגט, אַוועק־מאַכנדיק מיט דער האַנט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און צוגעבויגן זיך צו לערנערן:

— לייגט אייך הייַנט שלאָפן אויף אַן אַנדער אָרט — האָט ער געזאָגט פלוצלונג מיט אַ באַפעלערישקייט אין זיין טאָן — אין ווינקל אויף רעכטס, קעגן טיר. איך האָב מיט אייך אַ סך צו רעדן... צום ווידערזען.

לערנער האָט געעפנט די ליפּן און געוואָלט עפּעס פרעגן. נאָר שוין איז זיין באַקאַנטער געווען אָפּגערוקט פון אים אין אַ זייט, שפּאַנענדיק מיט גרויסע שפּרייזן אין שניי.

לערנער איז אַוועק צום באַראַק.

לאַנג האָט ער זיך געדרייט אין שטרוי אויף זיין נייעם געלעגער. די פּלוצלונגדיקע באַגעגעניש, דאָס האַלטן זיך פון זיין באַקאַנטן, דער דער־וואַרטנדיקער געשפּרעך, דאָס אַלץ האָט אים גערייצט, אינטריגירט און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן נאָך דעם גאַנצן טאָג אַרבעט. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ביי אים ווי אייביקייטן. אַ ווײַלע איז אים אויסגעקומען, אַז יענער וועט שוין מער נישט קומען, און דאָס האָט אים אָנגעהויבן באַאומרואיקן, נאָר באַלד איז דער פאַרשווין אין פּעלץ אויסגעוואַקסן לעבן אים אַזוי אומגעריכט, ווי ער וואָלט פון דער ערד אַרויס, און לערנער האָט אים געמאַכט פּלאַץ אין שטרוי לעבן זיך.

— נו, איצט דערקענט איר מיך? — האָט דער פּעלץ געפרעגט.

— קוים — האָט לערנער געענטפערט.

אַ ווײַלע האָבן זיי געפירט אַ געוויינטלעכן געשפּרעך. דער פּעלץ האָט געזאָגט, אַז זיי זענען זיך דעמאָלט פאַנאַנדערגעגאַנגען ביים שלאָס לעבן קעניג זיגמונד, און לערנער האָט זיך געשפּאַרט.

— נישט לעבן קעניג זיגמונד, נאָר וויטער, לעבן „פּאַשקעוויטשן".

נאָר באַלד האָט דער פּעלץ איבערגעריסן דאָס געשפּרעך:

— נישט אינטערעסאַנט — האָט ער געזאָגט, ווי פריער, און ער האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

לערנער האָט באַמערקט, אַז אַ האַלבער פינגער איז ביי אים אָפּגעהאַקט. ער האָט אויפגעהערט רעדן און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אַ וואָרט פון זיין באַקאַנטן. נאָך אַ מינוט שווייגן האָט יענער אָנגעהויבן רעדן.

— איר זעט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער בריק? — האָט דער פּעלץ פּלוצלונג אַ פרעג געטון.

— אויף דער בריק?

דעם פּעלצס פראַגע איז געקומען אומגעריכט, שאַרף, קאַנטיק, ווי אָפּגע־האַקט מיט אַ האַק.

— נו, יאָ, אויף דער בריק — האָט דער פּעלץ איבערגעחזרט — איר זעט, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ?

— נישט איך זע, נאָר איך פיל.

— נו? — האָט דער פּעלץ געפרעגט שאַרף, ווי מיט אַ שטאָך פון אַ שפּיז.

— וואָס?

— געפעלט עס אייך?

לערנער האָט אויף דעם פּעלץ אַ בייזן בליק געטון.

— און אַז נישט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ קרומען שמייכל — קאָן מען זיך העלפן?

— מען קאָן — האָט דער פּעלץ געזאָגט פעסט.

ער האָט אָנגעקוקט לערנערן, באַטראַכט אים דורכדרינגלעך מיט זיינע גרינע, שטרענגע אויגן און אַ פרעג געטון:
— איר זענט גרייט העלפן?
— וועמען?
— אַלעמען.
דער פּעלץ האָט געוויזן מיטן אָפּגעהאַקטן פינגער אויף דעם גאַנצן פּלאַץ שנאָרכנדיקע ברואים, פאַרהילטע אין שטרוי, שמאַטעס און זעק — זיי, און מיר, און זיך אַליין...
— קעגן „זיי"? — האָט לערנער געפרעגט מיט שטוינונג. ער האָט געוויזן מיט אַ פינגער אין דרויסן אַרויס, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט די טריט פון די וואַכן.
— איז וואָס? — האָט דער פּעלץ געפרעגט.
לערנער האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן:
— איר מיינט דאָך נישט, אַז... — האָט ער אָנגעהויבן מורמלען.
דער פּעלץ האָט אים איבערגעריסן ברוטאַל:
— איך ווייס — האָט ער אים איבערגעהאַקט, ווי מיט אַ האַק — איך ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן — אַלזאָ אָקופּאַציע, קריגס־צייט, געווער... לעבן... נישט אמת?
ער האָט, לויט זיין געוואוינהייט, אַוועקגעמאַכט מיט דעם האַלבן אָפּגע־האַקטן פינגער אין דער לופט.
— נאַרישקייטן! אַלע זאָגן אַזוי אין אָנהייב. איך האָב אויך אַזוי געזאָגט.
— און דערנאָך? — האָט אים לערנער געפרעגט.
— דערנאָך?
דער פּעלץ האָט זיך צעלאַכט: ווען איר קאָנט פרעגן ביי די „מאַסקאַלעס"!
ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווילע און געזאָגט, שמייכלענדיק שלעכט:
— איצט דאַרף מען זיך באַקענען מיט „פרייסן"...
אין זיין רעדן, לאַכן, איז געווען אַ סך אומהיימלעכקייט, אָבער נאָכמער זיכערקייט, איבערצייגונג. לערנער האָט געשוויגן.
— גיט אַ האַנט — האָט דער פּעלץ געזאָגט מיטאַמאָל, גלייך נישט ער זאָל בעטן, נאָר באַפעלן.
לערנער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט.
דער פּעלץ האָט אים דערלאַנגט אַ פעסטע, האַרטע האַנט מיט פיר און אַ האַלבן פינגער.
— איך האָב עס געוואוסט — האָט ער געזאָגט — איך האָב נאָך קיינמאָל אין קיין מענטש קיין טעות נישט געהאַט.
לערנער האָט געהאַלטן די אויסגעשטרעקטע האַנט און געשוויגן, דער־שטוינט פון פּלוצלונגדיקן און אומגעריכטן. דער פּעלץ האָט אַרויסגעשלעפּט

אַ טאָרבעלע טאַטין פון אַ טיפער קעשענע. ער האָט מיט די פיר און אַ האַלבע האַרטע פינגער צונויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס, אַנגעשאָטן לערנערן אַ ביסל טאַטין, און ביים פייער פון שוועבעלע האָבן זיךביידע נאָכאַמאָל שווייגנדיק באַטראַכט.

— דאָבראַנאָק, טאָוואַרזשישו! — האָט דער פּעלץ געזאָגט שטיל לערנערן — מיר'ן זיך מאָרגן באַגעגענען.

דאָס וואָרט „טאָוואַרזשיש“ האָט מאָדנע געקלונגען אין לערנערס אויערן, פרעמד און נאָענט גלייכצייטיק. עפּעס איז אים די גאַנצע באַגעגעניש, דער געשפּרעך, פאָרגעקומען ווייט, ווי ער וואָלט דאָס לייענען פון אַ ביכל. דער פּעלץ האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אים נאָכאַמאָל דערמאָנט זיין נאָמען:

— אַלזאָ קלאָס, אַדאָם קלאָס! געדענקט.

לערנער האָט אים נאָכגעקוקט און אַלץ נישט געקאָנט זיך אַליין גלויבן זיינע אייגענע אויערן.

אָט דאָס איז „עס“ — האָט אים געוואונדערט — דאָס?

**
*

לערנער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נייער אַרבעט אַריין גיך — אַ סך גיכער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

דער רויטער פּעלץ האָט זיך מיט אים באַגעגנט יעדן טאָג. כמעט שטענדיק איז זיי „אויסגעקומען“ צו אַרבעטן צוזאַמען. איין טאָג האָבן זיי געשלעפּט ברעטער; צומאָרגנס געפירט וואַגאָניעטקעס מיט שטיינער; איבערמאָרגן געגראָבן גריבער.

— וואָס טון? — האָט לערנער געפרעגט.

— „גאַדאַטש“! — האָט דער רויטער פּעלץ געענטפערט — און פאַר־זיכטיק מיט דער צונג.

ער האָט ליב געהאַט גראָבע ווערטער, דער „פּעלץ“.

תחילת איז די נייע אַרבעט לערנערן געגאַנגען נישט גוט.

עס איז אים גרינגער געווען אָפּאַרבעטן ביים אייזן אַ גאַנצן טאָג, איידער רעדן אין באַראַק איין שעה. עס איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן.

מיט די יונגעלייטלעך, מיט די יידן אין די קאַפּאָטעס, איז נישט געווען וואָס צו רעדן. פאַרשטאַנען האָבן זיי גראָד יאָ אַן עסק.

נאָך איידער לערנער האָט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, האָבן זיי שוין גע־וואוסט פריערדיקע צען ווערטער.

— וואָס, אַנישט ווייסט מען דען נישט די צרות? — האָבן זיי געהאַט טרעומות — וואָס לאָזט איר אונדז דאָ האַרכן? — ס'איז אַ שטראָף פון הימל.

זיי האָבן זיך בעסער אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, צוזאַמענגעטוליעט זיך איינער צום אַנדערן און חוזק געמאַכט פון זיך אַליין:

— אַ תּכלית אַ שײנער, אויף דער עלטער גאָר געוואָרן אַרבעטער!...
— שטײנהעקער, צו מײנע צרות...
— „טשארני ראַבאָטשע״ — מ׳שטײנס געזאָגט.
און דערנאָך האָבן זײ גאָר פאַרגעסן אין אַלץ, פאַרגעסן אין דער בריק, אין באַראַק, אין די דײַטשן און אין די יונגען, און אָנגעהויבן זיך דערצײלן מעשׂות פון גוטע יידן. אין באַראַק איז געווען אַ טומל, אַ גערודער. פון צײַט צו צײַט איז אַרײַנגעפלויגן אין רעדל יונגעלײַטלעך אַ שטיק זאַק אָדער אַן אַלטער שוך, נאָר זײ האָבן זיך נישט געמאַכט דערפון; זײ האָבן זיך אָפּגעשאָקלט דערפון ווי פון אַ צוגעגעסענער פליג.
— וואָס ווײסט עטץ? — האָט אַלעמאָל אַן אַנדערער אַרײַנגעוואָרפן — מען האָט געזען דאָרטן מופתים בחוש — אויף טריט און שריט...
אַנדערע האָבן נאָכדערצײלט תּורות, גוט־יידישע ווערטלעך און צום סוף פאַרענדיקט מיט אַ זמרל, וואָס מען האָט נאָר געהערט צווישן זיך, מורא־האָבנדיק עס אַרויסצולאָזן איבערן באַראַק, עס זאָל נישט פאַרשוועכט ווערן.
מיט זײ האָט לערנער גאַרנישט געהאַט וואָס צו רעדן. זײ האָבן אים אויסגעהערט, נאָר געקוקט אויף אים, ווי עלטערע קוקן אויף אַ קינד, וואָס רעדט נאַרישקײטן.
— ווײס איך וואָס! — האָבן זײ געזאָגט — ווי ווערט מען שוין דערפון פּטור אַמאָל!
זײ האָבן זיך געפילט דאָ פרעמד, פאַרבלאָנדזשעט, ווי אין עולם התּהו, גרײט יעדער ווײלע צו אַנטלויפן. מאַיאָר מײער האָט נישט געלאָזט האַלטן שבת.
— קײן פײערטאָג! — האָט ער באַפוילן — קריגס־צײַט!
און כמעט אַלע פרײַטיק האָבן זיך אויפגעהויבן גאַנצע קאָמפּאַניעס יונגעלײַטלעך און אַוועק אַהײם צופוס.
— שמאַיעס, וואו גײט עטץ? — האָבן די יונגען זײ נאָכגעשריגן — שבת פאַרנאַכט צאָלט מען אויס ס׳געהאַלט! — ס׳עט ענק פאַרפאַלן ווערן אַ וואָך אַרבעט!
— דעריבער? — האָבן די יונגעלײַטלעך געזאָגט און אָפּגערוקט זיך שנעל, די דײַטשן זאָלן זײ נישט פאַרהאַלטן — וועלן מיר די נשמה פאַרקויפן?
מאַיאָר מײער האָט צוגענומען זײער וואָכן־געהאַלט פאַר זיך, און געווען אין כּעס:
— יודע קוואַטש! — האָט ער געשריגן — דרעקישע באַנדע!
ער האָט אַלע פרײַטיק געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער וועט ער קײן „באַרד־יודען״ צו דער בריק נישט לאָזן — נאָר, אַז עס זענען געקומען נײַע פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, האָט ער זײ ווידער צוגענומען, געלאָזט זײ אַרבעטן אַ וואָך אומזיסט און זײער געהאַלט אַראָפּגעלאָזט אין טאַש.

מיט די יונגען איז עס צוגעגאַנגען נאָך שווערער — אין באַראַק האָבן זיי פון דער בריק נישט געוואָלט רעדן.

— ברענען זאָל זי! — האָבן זיי געזאָגט.

זיי האָבן בעסער געשפּילט אין קאָרטן, געפּרואווט זיך די כוחות. אַמאָל האָט מען זיך אויך אַוועקגעזעצט דערציילן מעשות, מעשות פון יידן גבורים, פערד־הענדלער, וואָס אויף אַ יאַריד, בעת אַ געשלעג, כאַפּן זיי אַ פערד ביי די פיס און שלאָגן דערמיט פויערן איבער די קעפּ; מעשות פון ציגיינער, געגנבעטע פערד.

„שימעלע נאָז", דער יונג, וואָס אַנשטאָט אַ נאָז האָט ער בלויז אַ שוואַרץ שיידל אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך צו די אויערן — דערציילט מעשות פון זיין אַמאָליקער פּריצישקייט:

— וואָס ווייסט עטץ, קינדער? — זאָגט ער — אַז כ'פלעג אַהיימקומען פּרייטיק פון אַ „יאַזדע", האָב איך זיך גוט אַרומגעוואַשן, אָנגעטון אַ פּאָר שטעק־שיך און אַראָפּ אונטן צו דער רויטער צערקע, האָט מען מיך שוין גאַרנישט אַרויסגעלאָזט פון דאָרט. די טריט האָבן זיי מיר געקושט, די מיידן.

און פאַרענדיקן פאַרענדיקט עס זיך מיט אַ טרויעריק לידל, מיט אַ שפּיטאָל־לידל:

„אוי, לייגט מען מיך אַוועק אויפן בעטעלע,
מען הילט מיך איין אין וואַטע!
אוי, ס'זאָל ווּסן מיין מאַמע אין קבר,
אַז יאָך בין שוין פראַנצע־וואַטע..."

דאָס לידל זינגט שליאַמקע קאַטער. ער קען אַ סך אַזעלכע לידלעך. כאָטש ער איז ערשט אַלט נישט מער ווי זיבעצן יאָר, איז ער שוין מער אָפּגעלעגן אין וועגערישע שפּיטעלער ווי געווען אויף דער פריי. ער איז אַ געבוירענער קראַנקער. אויפגעהאָדעוועט אין אַ „הייזל" אויף געגנשאַ גאַס, נישט ווייט פון בית־הקברות, צוזאַמען מיט זיין מוטער, אַן אַלטע „נקבה", איז ער אַ ווייכער, אַ גליטשיקער אַזאַ, אַ שווייסיקער. צו קיין אַרבעט איז ער נישט געוואוינט. וואָרים אין הייזל אויף געגנשאַ גאַס, וואו ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, האָבן אים די גאַסן־מיידלעך, זיין מאַמעס חברטעס, צופיל געפּיעשטשעט, געקושט, געשאָנקען אַ סך צוקערלעך און אויסדערציילט אַלע רכילותן, אינטריגעס און ביטערע הערצער. דערצו איז ער אָפּגעלעגן אַ סך אין די שפּיטעלער. נאָך פון קינדווייז אָן האָט אים די מאַמע זיינע געפירט צו דאָקטוירישע קאַבינעטן און אים אויסגערעדט:

— נו, שוויג שלמהניו, שוויג קרוין מיינע, דער „פּאַן" וועט מער נישט שטעכן מיט דער נאָדל, אַ גוטער „פּאַן"!...

קיין גרויסע נוצן ביי דער בריק האָט מען נישט פון אים. ביי זיינע זיבעצן יאָר האָט ער שוין ווינציק האָר אויפן קאָפּ, די אויגן זענען ביי אים

אַרויסגעקראָכן און קוים וואָס ער שטעלט אַ טראָט — נאָר איין זאַך, וואָס ער קען, דאָס איז זינגען. די טרויעריקסטע און פריילעכסטע לידלעך קען ער זינגען, און דער עולם האַלט אים צווישן זיך, מען באַהאַלט אים אויס, די דייטשן זאָלן נישט זען ווי ער טוט גאָרנישט.

שליאַמקע קאָטער זינגט. ער זינגט מיט אַ טרויעריקער, אַלטער שטים, ציקלט זיך ווי אַ חזן:

„מיט די שיינע, זיסע ריידעלעך,
האָט ער געטון מיך איינגעמען,
האָט ער געטון מיך איינגעמען".

און דער גאַנצער עולם האַלט אונטער:

„און אַז יאַך ליג אין קראַנקן־בעטעלע
טוט ער זיך מיט מיר שעמען"...

לערנערן איז שווער געווען זיך צו דערנענטערן צום עולם. וויפל ער האָט נישט געפּרואווט זיך דערנענטערן, אָנהייבן רעדן, נאָר עס האָט זיך נישט געקלעפּט.

— זאָל זי ברענען, די גאַנצע בריק מיט די יעקעס צוזאַמען — האָבן זיי געענטפערט יעדעס מאָל, וואָס לערנער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן איר.

טייל האָבן חוזק געמאַכט:

— הערטס נאָר, דעם „קאַפּעליוש" געפעלט דאָך נישט דער באַראַק! — האָט שמואליקל זשולטשיק געשריגן צו די חברים — ס'אַ חזיר־שטאַל, זאָגט ער!

— הע, הע — האָט דער עולם געלאַכט — מען דאַרף זאָגן מייערן, וועט ער אונדז אויסבויען אַ פּאַלאַץ!

— בעטן מיט בעטגעוואַנד אַריינשטעלן...

— און ווייבער צוגעבן.

— כאַ, כאַ, כאַ!

— כע, כע, כע!

לערנער האָט נישט געגלויבט, עס זאָל צו עפּעס קומען. די נייע „אַרבעט" איז אים געווען דערווידער. שלעפּנדיק שטיינער צוזאַמען מיט דעם רויטן פעלץ, האָט ער זיך געקלאָגט:

— אַ מיאוסע קאָמפּאַניע — האָט ער געזאָגט — אַ לומפּן־פּראָלעטאַריאָט.

— יעדער פּראָלעטאַריאָט איז לומפּיש — האָט דער רויטער פעלץ געזאָגט — טוט אייערס, און טוט אויס דעם קאַפּעליוש, דאָס טויג נישט.

צומאָרגנס איז לערנער געקומען אויפן פּלאַץ אין אַ וואַרעם וועליסאַפּעדן־היטל מיט צוויי אַראָפּגעלאָזטע לאַפּן איבער די אויערן. דער פעלץ האָט געשמייכלט.

— גוט אַזוי — האָט ער געזאָגט — איצט דאַרפט איר נאָך דעם צווייטן קאַפּעליוש אויסטון, דעם אינערלעכן...

ער האָט אים געוויזן מיט אַ פינגער אויפן שטערן.

לערנער האָט נישט געגלייבט אין פעלצס רייד. פאַר זיינע אויגן זענען געשטאַנען די אַלע שלעגערייען און אַרומרייסענישן צווישן די יידן און גויים; די שטענדיקע זידלערייען, מסירות, הינטערשטיקלעך. און טראַגנדיק אַ ברעט, האָט ער דאָס געזאָגט דעם פעלץ:

— צופיל שנאה איז פאַראַן אויף דער בריק, צופיל.

— שנאה איז גוט — האָט דער פעלץ געזאָגט — מען דאַרף נאָר קאָנען קערעווען מיט איר.

לערנער האָט געפאָלגט. ער האָט אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו די יונגען, זיין צוזאַמען מיט זיי, רעדן זייערע רייד, לעבן זייער לעבן, און ער איז זיי געוואָרן נאָענט, אייגן. קליגער, געשיקטער, דערפאַרענער, איז ער אינגיכן געוואָרן דער באַליבטסטער אין באַראַק. ער האָט דערציילט מעשות פון פראָנט, פון קאַזאַרמע, פון סאָלדאַטן. איבערהויפּט, האָט ער געזען, האָט זיי הנאה געטון, ווען אים איז אויסגעקומען צו דערציילן פון סאָלדאַטן גבורים, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן זייערע עלטסטע; פון ביטערע עלטסטע, וואָס רעכטן זיך אויס אַ שוואַרץ יאָר. און ער האָט זיי נישט געקאַרגט.

ער האָט זיך געטיילט מיט אַ פּאַפּיראָס, געפּרובירט זיך די כוחות, און דער עולם האָט אים גלייך ליב באַקומען.

— אַ גוטער יונג — האָט מען געזאָגט אויף אים — אַ קאָפּ!

מער פון אַלץ האָט ער אויסגענומען מיט זיין בריוו־שרייבן. ער האָט געשריבן בריוו פאַר אַלע, געשריבן בריוו צו כלות, צו ווייבער, צו עלטערן. יעדער האָט אים אָנפאַרטרויט זיינע סודות, זיין פאַמיליען־לעבן און ער איז זיי געוואָרן שטאַרק נאָענט.

זיי האָבן אים באַוואונדערט. שווער איז זיי אָנגעקומען, די יונגען, צו זאָגן, וואָס מען זאָל שרייבן, נאָר ער, לערנער, פאַרשטייט אַליין. נאָך איידער מען קוקט זיך אום, האָט ער שוין אָנגעשריבן באַלד אַ גאַנצן בריוו פון קאָפּ אַרויס. ער לייענט איבער, און די יונגען שאָקלען צופרידן מיט די צע־שויבערטע קעפּ.

— בנאמנות, ווי פון אונטערן האַרץ אַרויסגענומען — זאָגן זיי — זאָלן מיר אַלע יידן אַזוי לעבן...

ביסלעכווייז, אַליין נישט באַמערקנדיק ווי אַזוי, האָט לערנער זיך דערזען אָן אַנדערן. די יונגען זענען מיט אים געוואָרן נאָענט. ער האָט אויסגעהערט יעדנס געפילן, יעדנס פרייד און צרות.

די זעלבע יונגען, וואָס זענען אין באַראַק געווען די גרעסטע גנבים, די פאַרביסנסטע שלעגער, גרייט צו שטעכן ביי דער מינדסטער קלייניקייט,

זענען געזעסן, ווי די קינדער, אין ווינקל באַראַק, וואו לערנער האָט זיי געשריבן בריוו.

— שרייב —ו האָט אַ יונג דיקטירט אַ בריוו צו זיין אַלטער מוטער — שרייב, אַז איך וועל דיר שיקן אַ ביסל געלט, און זאָרג נישט, מאַמע, כ׳על דיך בעטלען נישט שיקן, זאָלן דיינע שונאים זיך נישט פרייען.

שמואליקל זשולטשיק, דער פאַרשוין מיטן אויסגערונענעם אויגל, און מיטן אָנשטאָט אַ רעקל, האָט זיך איצט אָפּט געלאָזט שרייבן בריוו. ער האָט געהאַט אין דער היים אַ ווייב מיט צוויי קינדער — און דאָס אויסגערונענע, בלוטיקע אויגל איז געוואָרן מאָדנע מילד און שמייכלענדיק, ווען ער האָט דיקטירט דעם בריוו אַהיים:

— שרייב, אַז מען זאָל שיקן דעם „קליינעם יונג" אין חדר, און די „קליינע מויד" אין שקאָלע — און דו, מיין טייערע פרוי, גיב אַכטונג אויף ס׳קליינוואַרג און לאָז דיך נישט „באַלמיטשען" פון לאַבוסעס...

און לערנער האָט אָנגעהויבן אַנדערש קוקן אויף די פאַרשוינען אין די שמאַטעס און אין די זעק. נאָנט זענען זיי אים געוואָרן, אייגן, גלייך ער וואָלט אויך געהאַט אַ חלק אין זייערע פאַמיליען־זאַכן, אין זייער לעבן.

איצט האָט מען מער נישט געלאַכט, ווען ער האָט געמאַכט אַ שמועס וועגן דער בריק, וועגן די איבעריקע פייער־אָוונטן, וועגן דעם קאַלטן באַראַק, וועגן שלעכטן עסן פון קעסל, וועגן דער יאַגעניש און וועט־אַרבעט.

זיי האָבן געהערט, די יונגען, מיט אויפגעריסענע מיילער, און ווערטער, פול מיט כעס און פאַרביטערונג האָבן זיך אָפּט געהערט ביינאַכט אין באַראַק:

— אַלץ יעקע־גנבס שמד־שטיק, דאָס מאַכט „ער" אויף אומישנע אַזוי, די יידן מיט ס׳„גאַיעס" זאָלן זיך יאָגן, און „ער" זאָל דערווייל אָפּלעקן...

— אַלע טאָג ווערט אָן אַנדערער אַ קאַליקע — שוין ווידער זיך עמעצער אָפּגעריסן ביי די „וואַלן" אַ פינגער.

— אַ וואונדער? אַז מען אַרבעט שפּעט ביינאַכט, מען ווערט אַנטשלאָפן ביי דער אַרבעט.

— אַפילו קיין גוטע לאָמפּן גיט מען נישט, מען אַרבעט אין דער פינצטער.

— און אַז כאַפּסט אַ קלאַפּ, איז אַפילו קיין שפּיטאָל נישטאָ. מען וואַרפט דיך אַריין אין שטרוי ווי אַ הונט.

אַזעלכע ווערטער האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן. אַפילו די יידן מיט די קורצע כאַליעוועס, איבער וועלכע עס באַמבלען זיך נאָך געלע ציצית, האָבן צוגעשאָקלט:

— וואָרום ס׳איז דען נישט אַזוי? — האָבן זיי געזאָגט.

— ס׳גוט — האָט לערנער געזאָגט דעם פעלץ — ס׳גייט, אַז מען דאַרף גאָרנישט בעסער.

— ביי מיר גייט עס אויך נישט ערגער — האָט דער פּעלץ שטיל געענטפערט.

אומעטום איז ער געווען. אומעטום האָט מען אים געזען מיטן רויטן פּעלץ און מיטן אָראָפּגערוקטן באַראַנקאָווענעם היטל איבער די אויגן. וואו אַ קופּקע, דאָרט איז ער געווען אין דער מיט, געריעדט מיט זיין לשון פון „שאַליעץ" אַרום וויסל, דורכגעוואָרפן מיט גראָבע רייד און קאָמישע ווערטלעך.

— פּאַן ז'פּאַנעם שע זגאָדזשי — האָט ער געזאָגט — אַ כלאָפּ פּאָ דופּיע דאָסטאַניע.

— אַכיבאָ — האָבן גויים געענטפערט — שוואָב מאַנדרי, אַ נאַרוד גלופּי.

ביסלעכווייז, אַליין נישט ווויסנדיק ווי אַזוי, זענען די קריגערייען געוואָרן אַלץ ווינציקער און ווינציקער. איינער האָט דעם צווייטן אָנגעהויבן אונטערהעלפן, אונטערגעהויבן אַמאָל אַ משא, אַפילו רעדן צווישן זיך, טיילן זיך מיט אַ פּאַפּיראָס טאַטין.

— פּאָמאַלו! — האָט איינער דעם אַנדערן געזאָגט — כאָפּ נישט אַזוי, נישטאָ וואָס צו יאָגן.

אַפילו ביי דער אַרבעט צוזאַמען מיט די „סמאַלענע" האָט מען אויך אויפגעהערט זיך טרייבן.

— האַליאַ! האָפּ! — האָט דער עולם געשריגן, נאָר געיאָגט האָט מען זיך נישט.

די „סמאַלענע" האָבן, ווי פריער, געפּרוּווט אַריינפירן אַ וועט־אַרבעט, נאָר דער עולם האָט זיך דערפון נישט געמאַכט.

— גאַדאַי דאָ דאַשקאַ! — האָבן גויים געמורמלט, צופרידן, וואָס די „שוואַבען" פאַרשטייען זיי נישט.

— יאָגן זאָל פון „דיר" די נשמה! — האָבן די יונגען צוגעגעבן און זיך געטון פּאַמעלעך זייער אַרבעט.

די „סמאַלענע" זענען געווען בייז, געקוקט די אַרבעטער אין די אויגן, געוואָלט עפּעס אויסשמעקן און אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי.

— דאַנער־וועטער — האָבן זיי געזידלט — פאַאולע באַנדע!

אַמאָל נאָר האָט אַ שייגעץ נאָך געפּרוּווט מאַכן „שטיק". ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט, צוגעשטעקט אַ האַנט צום האַלדז, מאַכנדיק זיך אַ ציגן־בערדל, און געמעקעט אויף אַ פאַרבייגייענדיקן ייד מיט אַ ברעט אויף די אַקסלען:

נאָר זעענדיק, אַז קיינער העלפט אים נישט צו, איז ער געבליבן פאַרשעמט, מיט אַן איבעריקער האַנט ביים גאָרגל.

לערנער איז געווען איבערפולט. פונקט ווי תחילת איז אים אַלץ געווען אומגלויבלעך, נישט האָבנדיק דעם מינדסטן צוטרוי צו די אַלע דאָ אויפן בריק, אַזוי האָט ער איצט אין אַלעם געגלויבט, פון אַלעמען דערוואָרט.

פונקט ווי פריער איז אים יעדער מענטש אין באַראַק געווען איבעריק, אַזוי איז אים איצט יעדער געווען נויטיק. דער באַראַק איז אים מער נישט געווען מיאוס, די בריק נישט שווער, די אַרבעט נישט צוגעגעסן.

דער זעלבער געפיל, וואָס אים האָט באַהערשט דאָרט אויפן פעלד, דער געפיל, אַז אַלץ האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, אַז אַלץ האָט אָנגעוואוירן זיין פנים — און זיי, די מענטשן, מוזן עפּעס טון, אַרבעטן, מוסר־נפש זיין זיך — דער זעלבער געפיל האָט אים ווידער אינגאַנצן אַרומגענומען. ער האָט קיין זאַך מער נישט געזען ווי די בריק, די מענטשן, די „סמאָלענע״, די אַרבעט. ער האָט פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס איז אויסער דעם קילאָמעטער באַוועגונג אַרום דער ווייסל, נישט געזען קיין זאַך אויסער דער בריק.

אין האַרץ האָט זיך אים עפּעס געהוידעט, געקלאַפּט. ער האָט געוואָרט אויף עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף געשען, כאָטש אַליין נישט וויסנדיק וואָס; די בלוטן האָבן אים געקאָכט, געזאָטן.

דער שטענדיקער געפיל, דער טאָפּלטער געפיל פון הפקרות און מורא, האָט אים געשלאָגן אין דער שלייף, אין דעם טיפן שראַם פון שלייף, וואָס ציט זיך פון די האָר ביז אין דער געדיכטער ברעם אַריין.

— וואָס טון? — האָט ער אָפּט געפרעגט מיט אומגעדולדביים פעלץ.

— די פּאָליאַקן מיט די יידן האָבן מיר — האָט דער פעלץ געזאָגט — מען מוז אומבאַדינגט נאָך האָבן די רוסן.

— אָבער ווי אַזוי קומט מען צו זיי? — האָט לערנער נישט פאַרשטאַנען — מען לאָזט קיינעם צו זיי נישט צו.

— נאַרישקייטן — האָט דער פעלץ געזאָגט, אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט — איר וועט מוזן קראַנק ווערן, גיין אין שפּיטאָל אַריין. פאַראַן דאָרט אַן אייגענער מענטש, אַ דאָקטאָר. ער וועט אייך שוין איינאָרדענען...

— צו דעם מיטן בערדל? — האָט לערנער זיך דערמאָנט און אים איז עפּעס קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענער נאַכט, ווען ער האָט אים געהאָלפן באַנדאַזשירן דעם יונגנמאַן מיט די געפלאַטשטע פיס.

— דער זעלבער — האָט דער פעלץ געזאָגט און פאַרמאַכט סודותדיק איין אויג — גריגאָרי דאַווידאָוויטש רופט מען אים.

לערנער האָט געשפּאָסט:

— סיידן אָפּהאַקן זיך אַ האַנט! — ווי אַזוי קומט מען צו אים?

— איר׳ט מוזן קראַנק ווערן אויף טיפוס — האָט דער פעלץ געזאָגט — זיי ציטערן, די שוואָבעס, פאַר פיבער, אַז דער טייוול נעמט זיי.

נאָך באַלד צומאָרגנס איז לערנער אינדערפרי נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט און געבליבן ליגן אין שטרוי.

— איך בין קראַנק — האָט ער געזאָגט די יונגען וואָס האָבן אים געוועקט — איך פיבער.

—דריי הונדערט איינס! דאָנער וועטער! — האָט מאַיאָר מייער געשריגן אינדערפרי — וואָ איזט דען דריי הונדערט איינס?

— קראַנק, הערר מאַיאָר! — האָבן די אַרבעטער פון באַראַק געענטפערט — פיבער.

— פיבער?

מאַיאָר מייער איז פאַרציטערט געוואָרן:

— זאָפאָרט איזאָלירען! — האָט ער געדונערט — און דאָס גאַנצע שטרוי פאַרברענען!

זיי האָבן געציטערט פאַר פיבער, ווי פאַרן מלאך־המות, די דייטשן. האָט זיך אַן אַרבעטער געמעגט אָפשניידן די הענט, די פיס, האָט געדויערט לאַנג ביז מען האָט אים געשיקט אין האָספּיטאַל. אָבער גענוג געווען צו דערמאָנען „פיבער״, אַז אַלאַ דייטשן זאָלן זיך אָפּרוקן ווי ווייט.

דער שטאַב־אַרצט, אַן אַלטער, גרויער דייטש מיט רויטע בעקעלעך ווי ביי אַ יונג־דאָרפיש מיידל, האָט אומעטום, אויף אַלע ווענט, פאַרקאַנעס, געלאָזט אויסקלעפּן גרויסע פּלאַקאַטן „פאַרזיכט! פיבער!״ צו די קראַנקע רוסן האָט ער קיינמאָל אָפילו נישט אַריינגעשמעקט. די אַרבעט האָט געטון דאָקטאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש — און אַז ער האָט שוין אַמאָל יאָ געמוזט קומען רעווידירן די קראַנקע, איז ער געשטאַנען ביי דער סאַמע טיר, געשריגן צו די קראַנקע:

— צייג די צונגע!

און דערנאָך זיך נישט אויפגעהערט וואַשן מיט סובלימאַט און שפּירטוס.

נאָך אין זעלבן פרימאָרגן האָבן עטלעכע יונגען גענומען לערנערן אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן אין האָספּיטאַל צו גריגאָרי דאַווידאָוויטשן.

לערנערן האָט מען אַוועקגעלייגט אין שטרוי, און די יונגען האָט מען אַוועקגעפירט צום ווינקל האָספּיטאַל, אין איזאָלאַציאָנס־פּונקט. דאָרטן האָט מען זיי אויסגעטון נאַקעט, געוואַשן מיט הייס און קאַלט וואַסער, די מלבושים אויסגעקאָכט אין קעסל און אַזוי צעקנאָדערט, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען זיי צו נעמען אויף זיך. די שטיוול זענען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, געוואָרן רויט ווי רויע פעל.

— וואָס וועלן מיר איצט טון, הער מאַיאָר? — האָבן די יונגען געקלאָגט — מיר׳ן נישט קאָנען גיין צו דער אַרבעט.

— קריגס־צייט! — האָט מאַיאָר מייער געענטפערט — ניכט צו מאַכען.

***

דאָקטאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש גערץ האָט אָפּגעוואַשן מיט סובלימאַט זיינע פאַרבלוטיקטע הענט פון די אָפּעראַציעס און פאַרבאַנדאַזשירונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער כירורגישער „פאַלאַטע״ און אַריבערגעקראָכן

איבער דעם צעריסענעם פּלויטל פון שטעכעדיקער דראָט צו דער „אָנשטעקנ־דיקער פּאַלאַטע", פון וועלכער עס האָבן אַראָפּגעשריגן שוואַרצע סמאָלעדיקע קרומע ווערטער: „פּאַרזיכטיק, פיבער!"

אַן אויסגעפּוצטער סאַניטאַר, אַ בלאָנדער, אָנגעבלאָזענער קליינגעוויק־סיקער דייטש, אויסגעצירט פון אַלע זייטן מיט רויטע קרייצלעך אויף די עפּאָליעטן, אויפן היטל, אויף די אַרבל, אויף די קנעפּ, ענלעך צו די טעקטור־רענע סאָלדאַטעלעך, וואָס מען פאַרקויפט אין מאַגאַזינען פון קינדערישער שפּילצייג, — האָט אָפּגעשטעלט ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש ביי דער טיר מיט אַ דין קוויטשיק שטימעלע:

— גריס גאָט! הערר דאָקטאָר! — גוט מאָיען!

— גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! — האָט דאָקטאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש געענטפערט מיט אַ האַרטן רוסישן „ריש" — וואָס ברינגען זי גוטס?...

— פּלאַקאַטע, הערר דאָקטאָר! — האָט דער אויסגעפּוצטער דייטש גע־ענטפערט — שענע, נויע פּלאַקאַטע...

ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— ווידער פּלאַקאַטן?

טאָג־טעגלעך איז ער געקומען, דער זעלבער סאַניטאַר, און געבערענגט אים פּלאַקאַטן, אויפשריפטן, סאַניטאַרע פאַראָרדענונגען.

אין שפּיטאָל איז נישט געווען קיין שטיקל גאָזע, קיין וואַטע, קיין לייוונט. אַפילו האָלץ צו הייצן איז נישט געווען גענוג. נאָר דער שטאַב־אַרצט מיט די רויטע בעקעלעך האָט זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט. אויף ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטשס טענות איז געווען איין ענטפער:

— קריגס־צייט! ניכט צו מאַכן.

דערפאַר האָט מען נישט געקאַרגט קיין פּלאַקאַטן. טאָג־טעגלעך האָט דער אויסגעפּוצטער אָנגעבלאָזענער סאַניטאַר געבערענגט גאַנצע פּעק אָזעלכע, און ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט זיי שוין נישט געהאַט וואו אויפצוהענגען. אַלע ווענט זענען שוין געווען באַקלעפּט מיט זיי.

— גוטען טאָג! — האָט דער סאַניטאַר געזאָגט און אַוועק מיט געמאָס־טענע טריט, שטאָלץ מיט זיין וויכטיקער שליחות.

— פּלאַקאַטן — האָט ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש געמורמלט און אַריין אין „פּאַלאַטע", אין לאַנג־טונקעלן באַראַק.

— זדראַוו, גאָלובטשיקי! — האָט ער געזאָגט צו די בינטלעך שטרוי, פאַרדעקט מיט שינעלן און שמאַטעס.

קיינער האָט נישט געענטפערט. בלויז פון טייל בינטלעך האָבן זיך אַרויסגעשאַרט קעפּ, געל־וואַקסענע קעפּ, אַ בליק געטון מיט צווי גרויע אָדער בלויע אַפּלען און צוריק זיך איינגעקנוילט אין שטרוי.

ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט אָנגעהויבן גיין פון איין בינטל שטרוי צום צווייטן, אַראָפּגעבויגן זיך ביי יעדן צו דער ערד:

— נו שטאָ, גאָלובטשיק? דער קאָפּ טוט ווי?

— ווי — האָט אַ שטילע שטים אים געענטפערט.

— די ביינער?

— ווי.

— די צונג אַרויס!

— טרינקען! — האָט די קנויל געענטפערט און נישט געוויזן די צונג.

אַנדערע בינטלעך שטרוי האָבן גאָרנישט נישט געענטפערט. בלויז קרעכצן האָבן זיך פון דאָרטן געטראָגן. און פון איינעם אַ בינטל האָט זיך גאָר אויפֿגעהויבן אַ פאַרשוין אין די בלויע הויזן, אָן אַ העמד, און מיט ווילדע שפרונגען געלאָזט זיך איבערן באַראַק.

— ריעזיאַט! — האָט ער געשריגן און געשטשירעט מיט די ציין — דאַיטיע ריעזיאַט, ראָדניע!

— פעלטשערי! — האָט ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש גערופן און אָפּגערוקט זיך אין אַ זייט, אויס מורא פאַרן האַלב־נאַקעטן וואַנזיניקן סאָלדאַט.

נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

— סאַניטאַרי! — האָט ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש גערופן נאָך העכער — לובענקאָ! מאַקולין!

נאָך לאַנגע רופעניש האָבן זיך געבראַכט צו שלעפן צוויי אָפּגעריסענע פאַרשלאָפענע סאָלדאַטן אַזוי לאַנגזאַם און פויל, ווי זיי וואָלטן דאַרפן גיין צו דער תליה.

— פאַרוואָס גיט איר נישט אַכטונג אויף אים? — האָט ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם האַלב־נאַקעטן פאַרשוין — ער איז דאָך ווילד פון היץ.

— מיר האָבן אים שוין צוויי מאָל געגעבן אין די ציין — האָבן ביידע „סאַניטאַרן” געענטפערט מיטאַמאָל — נאָר עס העלפט נישט.

— ווער האָט אייך געהייסן געבן אין די ציין? — האָט ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש זיך געבייזערט — אַכטונג געבן אויף אים דאַרף מען.

— עס וועט נישט העלפן! — האָט איין סאַניטאַר געזאָגט — מען דאַרף אים נאָר די זייטן אונטערקלאַפּן, וועט ער נישט קאָנען אַרומלויפן. אַזוי איז עס שוין!

— נאַראָד טאַקאָי! — האָט דער צווייטער צוגעגעבן — אַז קלעפּ פאַרשטייט ער נישט...

ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אָוועק ווייטער צו אַנדערע קופּעס שטרוי.

— עסן! — האָט מען גערופן צו אים פון אַלע זייטן — ברויט!

ער האָט אויסגעפּרעגט אויפן קאָפּ, אויף די ביינער, געוואָלט אַרונטער־זעצן דעם טערמאָמעטער אונטער אַן אָרעם, נאָר קיינער האָט אים נישט געוואָלט הערן אַפּילו.

— עסן! — האָט מען געררופן.

— ברויט! — האָבן דאַרע הענט געבעטן — אַ שטיקעלע כאָטש!

צום לעצט איז ער געקומען צו לערנערן.

— אָט! און איר זענט געקומען צו גאַסט? — האָט ד"ר גריגאָרי דאַווי־דאָוויטש געשפּאַסט, אָנקוקנדיק דעם באַקאַנטן יונגנמאַן, וואָס האָט אים דער־מאָלט ביינאַכט אַוועקגעגעבן אַ העמד אויף באַנדאַזשן — אַנו, ווייזט די צונג!

— גיט מיר בעסער אַן אויער, דאָקטאָר — האָט לערנער שטיל געזאָגט און דערלאַנגט אים דעם פּולס — בויגט זיך צו עטוואָס!

גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך וועלן צוהערן צום פּולס. לערנער האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעבויגן זיך אַזוי, אַז זיין מויל זאָל אויסקומען ביים דאָקטאָרס סאַמע אויער, און שטיל געזאָגט:

— אָרדנט מיך איין אין אַ זייט, לעבן אַפּטייקל. פאַראַן אַ סך צו רעדן.

ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט אים געגעבן אַ בליק אין די אויגן, דורכגענומען אים איינגאַנצן און געזאָגט די סאַניטאַרן:

— פירט אַריין, קינדער, דעם קראַנקן צו מיר אין אַפּטייקל, און שטרוי ברענגט פריש, מאַכט אַ געלעגער לעבן אַפּטייקל.

ווי נאָר דאָס לייכטע טירל פון אַפּטייקל האָט זיך פאַרמאַכט, איז לערנער גלייך צוגעטראָטן צום עסק.

— אַ שטיקעלע ברויט, דאָקטאָר — האָט ער געבעטן — איך חלש פאַר הונגער.

און קייענדיק דאָס האַרטע שטיקל ברויט, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים אַרויסגענומען פון אַ שופלעדל און ס'האָט געשמעקט מיט רפואות, האָט ער איבערגעגעבן וועגן וואָס ער איז געקומען.

— די יידן מיט די פּאָליאַקן האָבן מיר — האָט ער פאַרענדיקט מיט דעם פּעלצס רייד, נאָר מיט אַן אייגענעם ברען — מען מוז אומבאַדינגט האָבן די רוסן...

ער האָט געקוקט פאַרשנדיק אויף ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש, צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק די ווערטער מאַכן אויף אים.

נאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז געבליבן דער זעלבער, וואָס פריער. קיין איין מוסקול האָט אין זיין פליישיק גוט פּנים אַפילו קיין ציטער נישט געטון. ער האָט בלויז אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געקוקט אויף אַ דייטשן פלאַקאַט לאַנג און אָנגעשטרענגט און ענדלעך געזאָגט עטלעכע געוויינטלעכע דאָק־טאָרישע רייד:

— היט זיך, יונגערמאַן, איר זאָלט דאָ קיין טיפוס נישט כאַפּן — האָט ער געזאָגט שטיל — ס׳לוינט נישט.

לערנער האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, אָפענע אויגן. ער האָט געדענקט דעם פעלצס ווערטער — אַן „אייגענער״ — האָט ער אויף אים געזאָגט. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענער נאַכט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אים געזען שטייענדיק אָנגעבויגן מיט אַ נישט־דאָקטאָריש צעוויי̄טיקט פּנים איבער דעם הויכן יונגנמאַן מיט די צעקוועטשטע פיס — און ער איז געווען אַנטוישט.

נישט אַזאַ ענטפער וועגן אויסהיטן זיך פון טיפוס האָט ער דערוואַרט. ער האָט ווייטער געקוקט דעם דאָקטאָר אין די אויגן, געוואַרט אויף עפּעס. ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט אים אָנגענומען אונטער דער האַנט, אַריינ־געפירט אין באַראַק, אָנגעוויזן אים אויפן פרישן שטרוי, וואָס איז געלעגן שוין גרייט פאַר אים ביים אַפּטייקל, און אָנגעזאָגט אים נאָכאַמאָל:

— לאָזט וואָס ווייניקער צו די סאַניטאַרן צו זיך, די געפּערלעכסטע טיפוס־פאַרשפּרייטער זענען זיי.

און לערנער איז געזעסן אין שטרוי און געקוקט מיט פאַרוואונדערטע בליקן אויף דער פליישיקער פּלייצע פון אַוועקגייענדיקן דאָקטאָר.

איבער אים האָט אַ ווייסער נומער, געשריבן מיט קרייד, אַראָפּגעקוקט פון דער שוואַרצער וואַנט.

אַליין נישט־ווויסנדיק צוליב וואָס, האָט אים לערנער איבערגעלייענט אויפן קול:

— הונדערט איין און זעכציק! — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין.

קאַפּיטל אַכט

גריגאָרי דאַווידאָוויטש

דאָקטאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים גרויסן הילצערנעם טיש, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען אַ סך פּלעשלעך אורין, באַקלעפּט מיט פּאַפּירלעך. ער האָט אָנגעגאָסן פון די פּלעשלעך אין די גלעזערנע רערלעך, אַריינגעזעצט אַ גלעזערן רערל אין אַ בלעכן מאַשינדל, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צום ברעג טיש, און געדרייט עס גיך אין דער לופט.

פּונקט אַזוי שנעל ווי דאָס בלעכערנע מאַשינדל האָבן זיך געדרייט זיינע געדאַנקען אין קאָפּ.

דאָס פלוצלונגדיקע דערשיינען פון לערנערן, זיינע הייסע רייד האָבן אים אַרויסגעבראַכט פון זיין געוויינטלעכן שווערן און יאושדיקן אַרט לעבן אין געפאַנגען־לאַגער.

ער האָט נישט אויפגעהערט ציען נערוועז ביים בערדל, ביים גרוילעכן בערדל זיינעם, וואָס האָט נאָך פרידלעכער און ווייכער געמאַכט זיין אַזוי אויך גוטן אויסזען.

ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט איבערגעלעבט איצט שווערע צייטן. שווערע צייטן האָט איבערגעלעבט דאָס גאַנצע געפאַנגען־לאַגער, וואָס איז געווען אויסגעבויט ביים דער ווייסל.

די הונדערט פּופציק גראַם ברויט, וואָס איז ביז איצט באַשטימט געווען פאַר אַ געפאַנגענעם, זענען לויט אַ באַפעל פון גענעראַל־שטאַב פאַרקלענערט געוואָרן אויף ניינציק. אויך די פּאַרציעס קאַרטאָפל זענען פאַרקלענערט געוואָרן.

— נישט שיילן קיין קאַרטאָפל — איז געווען אַ באַפעל — נאָר צעהאַקן זיי מיט די שאָלן און אַזוי קאָכן.

אין שפּיטאָל איז גאָר געווען שלעכט. אַפילו פּאַפּירענע באַנדאַזשן און וואַטע, וואָס פלעגן זיך רייסן, נעצן און גיך פוילן, האָט מען אַרויסגעגעבן אין אַ באַגרענעצטער צאָל.

— שפּאַרען! — האָט דער שטאַב־אַרצט מיט די רויטע בעקלעך געשריגן — היגיענניש אונד שפּאַרזאַם!

ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט אים געפּרוּווט אַריינפירן אין באַראַק.

— האָבע די עהרע, הערר דאָקטאָר! — האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש געזאָגט און געוויזן אים די געלעגערס פאַרפוילטע שטרוי, די געלע חולאים, האַלב־נאַקעטע, אָפּגעריסענע, שמאַטעדיקע — ביטע...

דער אַלטער שטאַב־אַרצט, דער אויסגעצויגענער דייטש מיט די רויטע בעקלעך ווי ביי אַ מיידל, האָט זיך אָפּגערוקט גיך הינטער זיך ווי פון אַ מגפה און אָנגעשריגן אויף גריגאָרי דאַווידאָוויטשן:

— זי זינד גאַנץ פּרעך! — האָט ער געוואָלדעוועט און געטופּעט מיט די פיס — זי דענקען יאַ, דאָס וויר זאָנסט קיינע זאָרגע האָבען אַלס רוססען צו פּפּלעגען!

און ער איז אַוועק פון שפּיטאָל אָן זיין געוויינטלעכן קאַלטן „אַדיע״.

די אַרבעט ביי די געפאַנגענע איז געגאַנגען שטאַרק, שטאַרקער ווי אַלעמאָל. גאַנצע טעג האָט מען געגראָבן, געלאָדנט קוילן אין וואַגאָנעס, געהאַקט שטיינער אויף די שאָסייען, וואָס שטייען אָפן צו אַלע ווינטן און קעלטן, נישט באַקומענדיק אַפילו קיין לייוונטן שוך־ווענטל זיך צו פאַרשטעלן.

טאָג־טעגלעך זענען נייע צוגעקומען אין שפּיטאָל. מ'איז געקומען מיט צעריבענע פינגער, מיט צעקוועטשטע פיס, מיט צעדראָפּעטע קניען. דער טיפוס האָט געברענט. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען מיט די געשוואָלענע. מיטאַמאָל פלעגט אַן אַנדערער אָנהייבן גוט אויסזען; דאָס דאַרע פּנים איז געוואָרן פול, די שטיוול זענען געוואָרן ענג און נאָר בלויז די אויגן האָבן אָנגעוואוירן דעם גלאַנץ און געקוקט גלעזערנדיק, שטאַר. אין שפּיטאָל איז געוואָרן אַלץ ענגער, געדיכטער. אַפילו אויף דער הוילער ערד האָבן אויסגע־פּעלט ערטער. איין גליק איז געווען, וואָס נאַכט ביי נאַכט האָט אַן אַנדערער אויסגעצויגן די פיס און די סאָלדאַטן האָבן אים אַוועקגעטראָגן צום ליימיקן טאָל, אַוועקגעשטעלט אַ צלמל פון צוויי צעבראָכענע שטיקלעך צווייגן, און אַן אַנדערער האָט פאַרנומען זיין ביסל צעקנאָדערט שטרוי אין דער פּאַלאַטע.

גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט געאַרבעט גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט. ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון שפּיטאָל, געווען אומעטום אַליין — נאָר נישט דאָס האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטשן געפּייניקט.

אַמבעסטן האָט זיך גריגאָרי דאַווידאָוויטש געפילט ביי דער אַרבעט. וואָס מער פאַרנומען ער איז געווען, וואָס מער ער האָט געדאַרפט לויפן פון איין חולה צום צווייטן, איינעם איינגעבן כינין, אַ צווייטן פאַרבאַנדאַזשירן, אַ דריטן באַטראַכטן, אַלץ בעסער האָט ער זיך געפילט, אַלץ מער אינהאַלט האָט געהאַט זיין לעבן, אַלץ פולער זענען געווען זיינע שעה'ן.

געליטן האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש פון אַנדערע זאַכן — אים האָבן געמאַטערט ספקות, אים האָט געפרעסן די אַנטוישונג.

דאָס פלוצלונגדיקע דערשיינען פון לערנערן, זיינע הייסע יונגע גלויביקע רייד האָבן זיך אין זיין יאושדיקן קאָפּ אַריינגעריסן און דאָרט עפּעס צעשטערט, צעשטערט דעם זיכערן יאוש, וואָס האָט זיך שוין אַ צייט דאָרטן באַזעצט, און ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, אַ פרעמדער, ווי אַ לונאַטיקער.

פאַר די אויגן זענען אים כסדר געשטאַנען לערנערס רייד: „די יידן מיט די פּאַליאַקן האָבן מיר, מען מוז אומבאַדינגט האָבן די רוסן״.

און ער האָט געקוקט פאַר זיך מיט זיינע טריבע אויגן דורך די קלאָרע גלעזלעך פון די ברילן.

ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז אויסער מעדיצינער געווען רעוואָלוציאָנער. מער רעוואָלוציאָנער ווי מעדיצינער.

נאָך אין די יונגע יאָרן, זייענדיק אַ סטודענט אין דער שווייץ, איז ער מער געגאַנגען אויף פאַרלעזונגען און דיסקוסיעס, ווי אין אוניווערזיטעט. אַנשטאָט גיין אין פּראָזעקטאָריום און צעגלידערן טויטע קערפּערס, איז ער געגאַנגען צווישן קרייזלעך און געגלידערט דאָס לעבן; אַנשטאָט פאָרן זומער אין די בערג און אָפּרוען, האָט ער געשוואַרצט די רוסישע גרענעץ, איינגענייט אין אַלע מלבושים פּראָקלאַמאַציעס, איינגעפּאַקט אין אַלע וואַליזעס ליטעראַטור און געפאָרן איבער רוסישע שטעט.

און אַז אים איז אויסגעגאַנגען געלט, האָט ער געשיקט בריוו צו זיין טאַטן דעם גביר קיין קישיניעוו און געבעטן געלט אויסערן געהאַלט.

דער פאָטער זיינער האָט געשיקט געלט מיט בריוו צוזאַמען.

— הוליע אַ ביסעלע ווינציקער — האָט ער אים געשריבן — לערן בעסער, לערן, וואָרעם איך ווער אַלץ עלטער און כ׳וואָלט נאָך וועלן האָבן נחת פון דיר ביים לעבן, זעען דיך אַ דאָקטאָר נאָך איידער איך שטאַרב...

ווי אַזוי עפּעס „טון״ — האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש אויך געוואוסט. נישט איינמאָל האָט ער „געטון״ אין פאַבריקן, געאַרבעט צווישן אַרבעטער. ווען ער איז שוין געווען דאָקטאָר און געקומען קיין קישיניעוו צום רייכן טאַטן זיינעם, האָט ער גלייך, אַנשטאָט עפענען אַ קאַבינעט, אָנגערעדט די פויערים, די אַרבעטער פון זיין פאָטערס פאַבריק, צו אַ שטרייק.

פאַר תפיסה האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש אַמווייניקסטנס מורא געהאַט — גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז מער געזעסן אין תפיסה ווי אויף דער פריי.

אין תפיסה פלעגט ער לערנען, שטודירן, און יעדעס מאָל, וואָס מען האָט אים אויפסניי אַרעסטירט, האָט ער אָפּגערוט.

— איך בין אָנגעקומען אין אַ נייער שולע — האָט ער געשריבן צו זיינע חברים.

גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט נישט מורא געהאַט. גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט געצווייפלט אין מענטש. נישט געגלויבט אין אים. און ער האָט געקוקט מיט טריבע אויגן דורך די לויטערע שייבלעך פון זיינע ברילן, מיט פרעמדע אויגן, ווי אַ לונאַטיקער.

די באַראַקן האָבן אים געשטיקט, ער האָט זיך געפילט ווי לעבעדיק באַגראָבן אין קבר.

נישט לאַנג אַז גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט געלעבט אַזאַ לעבן. פון אַלע

צייטן איז גריגאָרי דאַווידאָוויטש געווען אַ מענטש אַ הייסער, אַן אָנגעפילטער, פול מיט גלויבן אין אַלעם, פול מיט ליבע צו אַלעם. אַפילו דאָס, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט מעדיצין איז געווען פון זיין גרויסער ליבשאַפט צו אַלעם.

אַרויסגייענדיק פון תפיסה האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש פון דער מעדיצין גאָרנישט געדענקט. אין תפיסה האָט ער געלערנט בלויז עקאָנאָמישע און בעלעטריסטישע ביכער. אַז מען האָט אים אָפּגעפירט קיין סיביר אויף „פרייע פאַרשיקונג" און אַ קראַנקע פויערטע איז געקומען צו אים קלאָגן זיך אויף בויך־ווייטיק, האָט ער איר געזאָגט, אַז זי ליידט אויף דער בלינדער קישקע, פאַרגעסנדיק גאָר, אַז די בלינדע קישקע ליגט גאָר אין אַ צווייטער זייט...

ער האָט נישט געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט מעדיצין, ער האָט בעסער געוואָלט ווייטער שטודירן זיינע ביכער. און גענומען האָט ער זיך צו מעדיצין ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט געמוזט, ווען ס'לעבן האָט אים גענויט דערצו.

אַרום און אַרום אויף צענדליקער מיילן איז קיין איין דאָקטאָר נישט געווען, און פון אַלע זייטן איז מען געקומען זיך היילן. ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט געזאָגט די פויערן:

— איך קאָן נישט, איך בין דער אייגענער מענטש וואָס איר.

נאָר זיי זענען פון אים נישט אָפּגעטראָטן:

— שנייד, פאָטערל — האָבן זיך אים געזאָגט — איבערגעבנדיק אים זייערע קראַנקע איברים — אַנישט וועלן מיר אַליין שניידן.

ער האָט זיך געשפּאַרט. נאָר אַז איינמאָל האָט אַ פויער אַרויסגענומען אַ ראַזיר־מעסער און ביי אים אין שטוב אויפגעשניטן אַן אָנגעלאָפענעם פינגער — האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש זיך גענומען פּראַקטיקירן.

אַלנפאַלס, ריינער, געשיקטער און בעסער, האָט ער געוואוסט, וועט ער דאָך דאָס מאַכן — און ער האָט אָנגעהויבן אָננעמען און שטודירן מעדיצינישע ביכער.

ער האָט געטון אַלץ. ער איז געווען אינערלעכער דאָקטאָר און אָקוליסט, כירורג און אַקושער. אַפילו ציין האָט ער געמוזט רייסן, פּאָקן שטעלן, היילן טראַכאָמע און סיפיליטיקער, און אַמאָל אַפילו געמוזט ווערן אַ וועטערינאַר און ראַטעווען אַן אָרעמען פויער זיין איינציק חולה פערדל.

דאָס, וואָס דער גרעסטער ספּעציאַליסט וואָלט זיך נישט אונטערגענומען מאַכן, האָט ער געטון. די נויטווענדיקייט האָט אים געהייסן. ס'האָט זיך אַ סך מאָל איינגעגעבן אויך. און ער האָט זיך ערנסט גענומען צו דער אַרבעט.

אין יענע יאָרן האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש שטאַרק געגלויבט אין די מענטשן, גאָר שטאַרק. די יאָרן פאַרשיקונג זענען ביי אים געווען נישט יאָרן פון שטראָף, נאָר יאָרן פון פרייד. די פויערן האָבן אים פאַרגעטערט און ער די פויערן. ער איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיי, אַז ער האָט דאָס

לעבן אַרום זיך נישט געזען. ער האָט גאַנצע טעג געהיילט, געלינדערט, אַליין מעדיצינען געמאַכט, און דערבײַ געאַרבעט אין „פאָלק" — בײַ יעדן געשפּרעך מיט אַ פּויער, מיט אַ פּויערטע, האָט ער געפירט אַגיטאַציע, אױפֿגעדעקט פֿאַר די סיבירער פּויערישע קעפּ דעם גיהנום פֿון זייער איצטיקן לעבן; דעם גן־עדן פֿון צוקונפֿטיקן לעבן.

די פּויערן האָבן אויסגעהערט אונטערטעניק זיינע רייד, צוגעשאָקלט מיט די צעשויבערטע, האָריקע קעפּ — און גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז געווען אין זיבעטן הימל. דעם אמתן פּויער אין דאָרף, אין שענק, אין שטוב האָט ער נישט געזען. ער האָט געזען מענטשן אומגליקלעכע, קראַנקע, אונטערטעניקע, מיט דער ספּעציפֿישער הכנעה און הייליקייט, אין וועלכער עס פֿאַלט אַריין דער פּויער, ווען ער ווערט קראַנק און דערפֿילט זיך אַן איבעריקער אויף גאָטס וועלט.

און גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט זיי אַזוי ליב באַקומען, די פּויערן, אַזוי זיך איינגעלעבט מיט זיי, אַז ער האָט אַפֿילו נאָך דעם טערמין פֿון זיין פֿאַרשיקונג נישט געוואָלט אַוועקלאָזן זיין דאָרף. ער האָט פֿאַרגעסן זיין פֿאַמיליע, זיין שטאַם, זיין שפּראַך, און געפֿילט זיך ווי אַ ברודער, אַן אמתער ברודער פֿון רוסישן פּויער. ער האָט געזען אין פֿאָלק בלויז שיינס, גרויסעס, דעם אַבסאָלוטן אמת, דעם גאַנצן מענטש. אַפֿילו אין זיין אויסערלעכקייט האָט זיך אַרייַנגעקליבן דער רוסישער פּויער. ער האָט גערעדט זיין שפּראַך, געטראָגן זיינע מלבושים, איבערגענומען זיינע געוואוינהייטן — און אַפֿילו אַ פֿרוי האָט ער זיך גענומען פֿון פֿאָלק — אַ רוסיש פֿאַרשיקט מיידל, אַ טאָכטער פֿון אַ דאָרפֿישן גלח.

אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך גריגאָרי דאַווידאָוויטש אַרייַנגעוואָרפֿן אין איר מיט ברען.

ער איז געווען דעמאָלט אין אויסלאַנד. ער האָט געמוזט דאָרט זיין — די חברים האָבן אים געשריבן, אַז פֿאַר אים איז דאָ אין אויסלאַנד וויכטיקערע אַרבעט ווי „אַרבעטן אין דאָרף" — אָבער דאָ ערשט האָט ער מער געלעבט מיטן דאָרף ווי פֿריער. אומעטום האָט ער געזען אין אויסלאַנד פֿאַרדאָרבנקייט, ליגן, פֿלאַכקייט, נאַרעריי, דעגענערירונג.

וואָס ווייטער פֿון פּויער ער איז געווען, אַלץ מער לעגענדאַריש איז ער בײַ אים אויסגעוואַקסן. ער האָט געשריבן ביכער וועגן רוסישן פּויער, געגראָבן זיך אין זיין פּסיכאָלאָגיע, אַריינגעדרונגען אין זיין נשמה, אויפֿגעדעקט אַלע באַהאַלטענע קעמערלעך פֿון זיין וועזן.

אַז עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פֿון דער מלחמה, האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש נישט געקאָנט איינזיצן אין דער שווייץ.

— פֿאָרן האָט ער געזאָגט צו זיין פֿרוי מאַריאַ וואַסיליעוונאַ — אַהיים!

זי האָט אים אָפּגערעדט, מאַריאַ וואַסיליעוונאַ. זי איז בכלל געווען אַ

קענגערין זיינע. אַ טאָכטער פון אַ דאָרפישן גלחל, איז זי גאָר געווען אַ פאַרברענטע סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, געגלויבט דער עיקר אין אַרבעטער, און זי האָט חוזק געמאַכט פון גריגאָרי דאַווידאָוויטשס פויערן.

— דיינע פויערלעך — האָט זי אים געזאָגט — לויפן איצט ווי די שעפּסן פאַר גאָט און דעם קייסער, נישטאָ וואָס צו פאָרן.

נאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, ווי אַ פרומער ייד, ווען מען רעדט צו אים אַפּיקורסות.

— קענסט זיי נישט, מאַריאַ וואַסיליעוונאַ — האָט ער געזאָגט צו דעם פויערישן גלחס טאָכטער — מיר טאָרן דאָ נישט בלייבן, ווען דאָס פאָלק בלוטיקט.

און זיי זענען אַוועק אַהיים.

— היילן און אַגיטירן — האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש געזאָגט און זיך צעשיידט מיט זיין פרוי. ער איז אַוועק צו מערב, צו די דייטשע און עסטרייכישע גרענעצן, און זי אויף מזרח, צו דער טערקישער זייט.

ער איז געלאָפן צום פראָנט מיט פרייד. ער האָט געוואוסט, וויפל מי און מאַטערניש עס קומט דאָס אָן צו „געווינען" אַ פויער, אַ משרת, און איצט נעמט גאָר צונויף ער, דער צאַר אַליין, די בעסטע כוחות פון פאָלק און שאַפט די גרעסטע אַגיטאַציע קעגן זיך, די ריזיקסטע אויפקלערונג.

דער דעוויז „וואָס ערגער אַלץ בעסער" איז ביי אים געווען קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי פיר, און ער איז געווען פול, גליקלעך!

ווידער איז ער געווען צווישן זיינע פויערן. אמת, ער האָט געליטן דערפון, וואָס מען האָט אים צוגעגייט אַ פּאָר אָפיצירישע עפּאָליעטן און סאָלדאַטן האָבן זיך געשטעלט פאַר אים „פּאַדקאַזיראַק" און גערופן „וויסאָקאָ־ראָדיע" — אים האָט דאָס געווייטיקט און לאָכעדיק געמאַכט גלייכצייטיק — אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן אים די עפּאָליעטן געגעבן די מעגלעכקייט אומעטום אַריינצודרינגען, אומעטום צו זיין אַן אייגענער — און ער האָט געאַרבעט אומדערמידלעך, „געהיילט און אַגיטירט", פאַרבאַנדאַזשירט די וואונד און אויפגעריסן די וואונד; איינגעהאַלטן דאָס לויפנדיקע בלוט און אַראָפּגע־ריסן דעם סוד, באַוויזן די שולדיקע אין פאַרגאָסענעם בלוט.

אָבער מיטאַמאָל האָבן אָנגעהויבן דערוואַכן אין אים נייע געפילן, אַזעלכע פרעמדע און ווייטע.

ער איז דורכגעגאַנגען די פּוילישע שטעטלעך ביי דער עסטרייכישער גרענעץ. ער איז אַריין מיטן מיליטער קיין גאַליציען, און ער האָט דערזען שרעקלעכע זאַכן פון זיינע פאַרגעטערטע פויערן — זיי האָבן גערויבט, גע־שענדט, געפייניקט, אָפּגעטון די שענדלעכסטע מעשים קעגן די געבויגענע יידן מיט די בערד און פיאות, באַגאַנגען די עקלהאַפטסטע מיאוסקייטן קעגן די יידישע טעכטער מיט די פאַרהילטע קעפּ.

גריגאָרי דאַווידאָוויטשן איז דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט געזען. ער איז געלאָפן, באַשיצט. ער האָט אויסגענוצט די צאַרישע עפּאָליעטן, צו וועלכע ער האָט געפילט אַזאַ שנאה, קעגן זיינע פויערן. ער האָט אַ סך געראַטעוועט, באַשיצט, אָבער זיין מי און מסירת־נפש איז געווען ווי אַ טראָפּן אין ים פון ווילדקייט און אכזריות.

און עפּעס מאָדנע געפילן האָבן אָנגעהויבן דערוואַכן אין זיין האַרץ צו די יידן מיט די לאַנגע זשופּיצעס, צו די מיידלעך מיט די פּאַרהילטע קעפּ.

ער האָט זיך געפּרוּווט באַרואיקן, באַנוצן דעם שכל, פאַרנונפט: מלחמה, דאָס פאָלק איז פאַרביטערט, ליידט. אויפגעהעצט פון די פריצים און גענע־ראַלן, לאָזט ער אויס צו די, וואָס זענען גאָט די נשמה שולדיק. דער מוח האָט עס פאַרשטאַנען, אָבער דאָס האַרץ האָט נישט געוואָלט פאַרנעמען דאָס, וואָס דער מוח האָט געטראַכט. און אַ פאַרביטערטקייט, אַ שטילער צאָרן אַפילו, האָט אָנגעהויבן אָנפילן זיין האַרץ קעגן די, וואָס ר׳האָט ביז איצט אַזוי פאַרגעטערט.

ער האָט געקעמפט מיט זיך. ער האָט געזען אין זיינע נייע געפילן קליינלעכקייט, שאָוויניזם, וואָס מ׳דאַרף אויסרייסן ביזן וואָרצל. ער האָט געפּרוּווט אָנווענדן די גאַנצע לאָגיק:

טויזנטער, הונדערטער טויזנטער פויערן, דער קרן פון דער געזעלשאַפט, קומט אום, היינט וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט דאָס, וואָס אַ קלאַס פון קרעמער, לײדיקגייער, מענטשן, וואָס זענען סיי־ווי־סיי פאַרמשפּט פון דער געשיכטע אויף אונטערגאַנג — ווערן צעריבן צווישן די רעדער פון דער וועלט־באַוועגונג?

ער האָט זיך אַפילו געטרייסט מיט ליגן — „נישט ווייל עס זענען יידן — האָט ער זיך געזאָגט — טוט עס מיר אַזוי וויי, נאָר דערפאַר, ווייל עס זענען מענטשן. איבעריקנס, זענען זיי זיך אַליין אַ ביסל שולדיק אויך — האָט ער אַ טראַכט געטון — זיי נוצן אויס דעם פאָלקס־אומגליק און קרעמערן, האַנדלען און באַרייסן".

אָבער ער האָט זיך אַליין איבערצייגט, אַז ער נאַרט זיך. נישט איינמאָל האָט ער געזען, ווי די זעלבע סאָלדאַטן באַגייען פאַרברעכנס קעגן רוטענער, פּאָליאַקן. אים האָט עס אויך געוויייטיקט, ער האָט אויך געשיצט, אָבער ער האָט צווישן זיך און די געשלאָגענע נישט געפילט דאָס, וואָס ער האָט געפילט אין די פּוילישע און גאַליצישע יידישע שטעטלעך. דאָס זענען געווען גאָר אַנדערע געפילן, נאָענטע, טיפע, אייגענע.

אַלטע דערינערונגען, שוין לאַנג־פאַרגעסענע, דערינערונגען פון טאַ־טע־מאַמע, חברים, משפחה, זענען אים געקומען אויפן געדאַנק. אַלטע בילדער זענען אויפגעשוואומען — יעדער מאַרק, יעדער יידיש איינגעהויקערט שטיבל, יעדער פלומפּ איז אים געוואָרן היימיש, נאָנט. יידישע מנהגים, שמחות, ימים־

טובים, זענען געקומען אויפן זכרון, געוועקט, גענאָגט. אַ נאָנטקייט, אַ שטאַרקע נאָנטקייט האָט זיך אָנגעהויבן ציען צווישן אים, דעם דאָקטאָר אין האַריקן שינעל מיט זיי — די געבויגענע יידן, וואָס טרעטן אים אָפּ מיט מורא דעם וועג; צווישן אים, דעם ברודער פון רוסישן פויער, מיט זיי, די יידישע פאַרהילטע ווייבער, וואָס לאָזן אַזוי פאַרשעמט אַראָפּ די אויגן פאַר יעדן פאַרבייגייענדיקן רוסישן סאָלדאַט.

וואָס מער די נאָנטקייט איז געוואַקסן צו די פרעמדע יידן, אַלץ מער איז געוואַקסן די ווייטקייט צו די אייגענע פויערן.

און גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט דערפילט, אַז זיין גאַנצקייט ברעכט זיך, פאַלט זיך פאַנאַנדער.

אַריינפאַלנדיק אין געפאַנגענשאַפט, האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש זיך גע־נומען אין די הענט.

ער האָט זיך באַמיט צוריק צו באַקומען די גלייכגעוויכט זיינע.

ער האָט געהאַט נאָך איין טרייסט: „אַלץ זיי — האָט ער זיך געטראַכט — אַלץ די אָפיצירלעך, די פריצים, זיי זענען אין אַלעם שולדיק, ווען דאָס פאָלק איז אונטער זייער הערשאַפט, זעט מען עס מער אַליין נישט אַרויס, מען דאַרף עס זען אַליין, אינגאַנצן אַליין".

דאָ, אין געפאַנגענשאַפט, איז דאָס פאָלק געווען אַליין. ער מיטן פאָלק און דאָס פאָלק מיט אים. דאָרטן אויפן פראָנט האָט ער נישט געקאָנט זיין דאָס, וואָס ער איז. מען האָט אים, קעגן זיין ווילן, אָפּגעטיילט פון פאָלק, געמאַכט פון אים אַ מענטש פון „הויכן שטאַנד", אָנגעטון אים אָפיצירישע עפּאָליעטן — און יעדע דערנענטערונג האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, געצויגן אויפמערקזאַמקייט.

דאָ אין די באַראַקן זענען קיין שטערונגען מער נישט געווען. דער שפּיטאָל איז געווען אינגאַנצן גריגאָרי דאַווידאָוויטשעס. ער האָט געהאַט רעכט צו טראָגן זיינע אָפיצירישע קליידער, די דייטשן האָבן אים נישט געשטערט, אָבער ער האָט זיי אַליין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך. ער האָט אַראָפּ־געריסן די עפּאָליעטן, דעם אָפיצירישן צייכן פון היטל.

די סאָלדאַטן האָבן, לויט זייער אַלטער געוואוינהייט, זיך געשטעלט „פאַד־קאַזיראָק". געזאָגט ביי יעדעס וואָרט:

— טאַק־טאָטשנאָ, וואַשע וויסאָקאָראָדיע.

האָט זיך גריגאָרי דאַווידאָוויטש געכאַפּט ביי די אויערן:

— נישט רוף מיך אַזוי, גאָלובטשיק — האָט ער זיך געבעטן און מיט געוואַלד אַראָפּגענומען דעם סאָלדאַט די האַנט פון שטערן — וואָס פאַר אַ „וויסאָקאָראָדיע" בין איך! גריגאָרי דאַווידאָוויטש רופט מען מיך, אי באַלשע ניטשעוואָ!

צוזאַמען מיט די עפּאָליעטן, האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש געגלויבט,

פאַלט אַראָפּ יעדער וואַנט, יעדער מיספאַרשטענדעניש, יעדער אומצוטרוי, און ער האָט זיך גענומען אַרבעטן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש.

ער האָט געהיילט, געטרייסט, געלאָפן צום שטאַב־אַרצט בעטן, כאָטש מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט. ער האָט אַליין געמאַכט מעדיצינען, און אַפילו ווען ער האָט שוין גאָרנישט געקאָנט טון, איז ער אַזוי אָפּגעזעסן אין שפּיטאָל, אויסגעפרעגט, געטרייסט, געלינדערט. מיט די פעלדשערס, דינער און סאַני־טאַרן איז ער געווען גלייך. ער האָט אַפילו אַליין איינגעפירט די ערשטע „פאָלקס־וואַלן״. די סאָלדאַטן אַליין זאָלן צווישן זיך אויסוויילן דינער און סאַניטאַרן.

ער האָט אָפט געגעסן צוזאַמען מיט די קראַנקע, נישט אויסנוצנדיק זיין פּריווילעגירטע לאַגע אַלס דאָקטאָר. ער האָט זיך נישט פאַרגונען אַראָפּצו־שלינגען דעם ביסן, פאַרנוצן די גרעסערע פּאָרציע ברויט, וואָס ער האָט באַקומען. ביי אים איז אויסגעקומען אַ פאַרברעך, אַז ער זאָל עסן מער ברויט פאַר זיי, די פויערן, די שעפּער פון ברויט. אים איז שווער געווען צו שלאָפן אויפן בעטל זיינעם אין אַפּטייקל אין דער צייט, ווען די קראַנקע וואַלגערן זיך אין שטרוי אויף דער ערד.

אָבער וואָס מער ער האָט געזוכט די דערגענטערונג, אַלץ מער איז געקומען די דערווייטערונג. וואָס מער ער האָט געזוכט צוטרוי, אַלץ מער איז געקומען פאַראורטייל. וואָס מער ער האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן צווישן די געפאַנגענע קעגנזייטיקע ליבע, ברודערלעכע באַציאונג, אַלץ מער איז געקומען קעגנזייטיקע שנאה, פרעמדקייט. די סאַניטאַרן מיט די דינערס האָבן נישט אָפּגעהיטן די קראַנקע; איינער ביים צווייטן האָט געגנבעט די פּאָרציע ברויט פון צוקאָפּנס; מען האָט געשפּילט אין קאָרטן, געזידלט זיך; אַ געזונ־טערער האָט דעם קראַנקן נישט געוואָלט דערלאַנגען קיין טרונק וואַסער, נישט גלייך מאַכן דאָס שטרוי־געלעגער. עס האָט דערגרייכט דערצו, אַז מען האָט נישט געוואָלט איבערטראָגן אַ קראַנקן אויף דעם טראָג־בעטל. שווער־קראַנקע זענען געלעגן אין אומריינקייט און די סאַניטאַרן האָבן זיי נישט געוואָלט אַרומגעוואַשן.

מען האָט געוואַרט אויף יענעמס טויט, כדי אַראָפּצוציען פון אים די שמאַטעס פון לייב. מען האָט זיך געריסן ביי אַ טויטן ווי די היענעס — און ד״ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט מען פיינט געהאַט, אויסגעלאַכט, נישט געוואָלט פאָלגן אַפילו.

— עטאָ סאָווסיעם ניע וואַטש — האָבן די סאָלדאַטן געזאָגט — עטאָ טשאָרט זנאַיעט שטאָ!

און זיי האָבן אים נישט געוואָלט ווייזן די צונג צום באַטראַכטן.

— „באַבאַ״ — האָבן זיי געזאָגט כמעט אים אין די אויערן.

און גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז געווען פאַרצווייפלט, געבראָכן אינגאַנצן.

אין אַזאַ צייט איז לערנער אָנגעקומען אין שפּיטאָל אַריין צו דאָקטאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש.

לערנער האָט אָפט געפירט איצט געשפּרעכן מיט גריגאָרי דאַווידאָוויטשן.

כמעט יעדן טאָג האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש געהאָלפן לערנערן אַריינ־שאַרן זיך אין אַפּטייקל, כלומרשט צו באַטראַכטן, און געפירט מיט אים געשפּרעכן.

פריער, איידער לערנער איז געקומען, האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש גע־פירט געשפּרעכן מיט אַן אַנדער פּאַציענט זיינעם, מיט דעם יונגנמאַן מיט די געפלאַטשטע פּיס — און דאָס האָט נאָך מער אים אַראָפּגעוואָרפן אין די אויגן פון די געפאַנגענע.

די סאָלדאַטן האָבן אים נאָכגעשפּעט, דעם יונגנמאַן. זיי האָבן אים נאָכגעקרימט זיינע קראַמפּהאַפטע ווייטיקן.

— וואַי, וואַי — האָבן זיי אים נאָכגעמאַכט.

זענען דעריבער זיינע ווייטיקן גריגאָרי דאַווידאָוויטשן נאָך נענטער געוואָרן, נאָך אייגענער. ער איז אָפט צוגעגאַנגען צו אים, געזעסן ביי אים און אַפילו אָנגעהויבן רעדן מיט אים אויף זיין אַלט־פּאַרגעסענעם בעסאַראַבער ייִדיש:

— נו וואָס, יונגערמאַן? — האָט ער אים געפרעגט מיט אַ באַזונדער הנאה פון יעדן וואָרט, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט — איר טיערפּעט נעבעך, האַ?

ביסלעכווייז האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגערעדט אַלץ מער און מער. ער איז געווען אַ שטיק משכיל, דער יונגערמאַן מיט די צעפלאַטשטע פּיס. ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק דעם מורה־נבוכים, דעם כוזרי, און ער האָט מיטן דאָקטאָר געפירט אַ סך וויכוחים.

די געפאַנגענע זענען געווען אויסער זיך:

— שטאָ זשיד? — האָבן זיי זיך געוואונדערט, הערנדיק גריגאָרי דאַווי־דאָוויטשעס פרעמדע רייד — און גלייך אים גענומען נאָכשפּעטן:

— טאַר, טאַר, טאַר — האָבן זיי נאָכגעקרימט — טאַר, טאַר, טאַר!

איצט האָט ער געפירט געשפּרעכן מיט לערנערן. די געשפּרעכן זענען נישט געווען אַזעלכע אידעלע, ווי פריער. לערנער האָט גערעדט פון פּשוטע זאַכן, פון דער בריק, פון די דייטשן, פון די אַרבעטער. ער האָט גערעדט מיט היץ, דערציילט וועגן די דערפּאָלגן אויף דער בריק, און פאַרענדיקט אַלעמאָל דאָס זעלבע:

— איצט מוז מען אומבאַדינגט האָבן די רוסן.

נאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט דערויף נישט געענטפערט און גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש.

— זעט נאָר, איר זאָלט נישט כאַפּן קיין טיפוס — האָט ער אים געוואָרנט — עס לוינט נישט.

לערנער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. ביי אים איז איצט דער עיקר געווען די „זאַך" — אויב ער וואָלט נישט געוואָלט קראַנק ווערן איצט, איז נאָר דערפאַר, עס זאָל נישט שטערן צו דער זאַך. ער האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטשעס וואָרענישן נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

— פריטשאָם טוט מאַי טיף? — האָט ער געזאָגט מיט כעס — דאָס איז נישט וויכטיק.

— פאַרוואָס? — האָט גריגאָרי דאַווידאָוויטש געזאָגט — זייער וויכטיק!

ער האָט באַטראַכט לערנערן, געקוקט אויף אים דורך זיינע לויטערע גלעזלעך פון דיברילן און געזאָגט:

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס מיר איז פאַרבליבן — צו לינדערן יסורים און פאַרהיטן פון יסורים.

ער האָט זיך איצט אַרומגעטראָגן מיט נייע געדאַנקען, געדאַנקען, וועלכע ער פלעגט הערן פון גרויס־האַריקע, בלאַנד־בערדיקע אידעאַליסטן און פון וועלכע ער און זיינע חברים פלעגן חוזק מאַכן.

„נישט טון קיין שלעכטס, נישט קעגנשטעלן זיך קיין שלעכטס".

לערנערן זענען אַזעלכע געדאַנקען געווען פרעמד, ווייט, קאָמיש. און אים איז שוין בעסער געווען ליגן אין שטרוי, ווי זיצן ביי גריגאָרי דאַווידאָוויטש אין אַפּטייקל, כאָטש אין שפּיטאָל איז אויך געווען נישט גוט.

מיט לערנערס אָנקומען האָט זיך די שנאה צווישן די סאָלדאַטן געשטאַרקט. צו אָפט האָט ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש אַריינגעפירט דעם „נייעם" צו זיך אין אַפּטייקל; צו אָפט איז גריגאָרי דאַווידאָוויטש צוגעגאַנגען צו זיין געלעגער, געטאַפּט ביים פּולס און גערעדט, גערעדט אויף דער פרעמדער ווילדער שפּראַך, און די סאָלדאַטן האָבן געשפּיגן דורך די ציין אין שטרוי אַריין.

— שטאָ גאָוואָריאַט? — האָט איינער געפרעגט דעם צווייטן.

— דאַ טשאָרט איך זנאַיעט! — האָט דער צווייטער געענטפערט — הערסט נישט מער ווי טאַר־טאַר־טאַר — און דאָס איז אַלץ.

זינט לערנער איז דאַ אַריינגעקומען, האָבן זיי נישט אויפגעהערט רעדן פון פּראַנט, פון קוילענען און פון יידן.

— דאַוואַי פּאַהאָוואָרים! — זאָגט דער עולם צו וואָלאָדקאַ שוסטאַק, אַ ריזיקן געשטופּלטן סאָלדאַט מיט זעקס פינגער אין יעדער האַנט און אַ גרויסער בריה אויף דערציילן מעשות — דאַוואַי, וואָלאָדקאַ, דאַוואַי...

וואָלאָדקאַ פאַררוקט דאָס באַראַנקאָווע היטל אויף די אויערן אַרויף, אַרום אים זעצט זיך אַרום אַ קופּקע סאָלדאַטן. געלע, אויסגעדאַרטע, פאַרהילטע אין צעריסענע שינעלן, זעצן זיי זיך אויס אויף דער ערד מיט די פיס הינטער זיך, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און הערן.

— ניעמיעץ נאַראָד סלאָב — הייבט אָן וואָלאָדקאָ — מיט איין קלאַפּ האָב איך איינעם צעשפּאָלטן אויף דער העלפט, ווי אַ שעפּס...

— און איך וואָלט דאָס נישט געקאָנט — רופט זיך אָן אַ צווייטער — ווי אַ שעפּס איבערהאַקן קאָנען נאָר גרוזינער. איך האָב בעסער ליב אַרבעטן מיטן באַגנעט אין בויך... אָט אַזוי אָ...

— און איך — זאָגט אַ דריטער — האָב קיין דייטשן אינגאַנצן נישט געשניטן. ניט אויסגעקומען. בלויז איין מאָל אָן עסטרייכער אָפּגעשוונדן...

— נו, עסטרייכער — לאַכט מען — עסטרייכער, דאָס זענען גאָר טינופת, אַ פּאַסקודנע פאָלק, טראָגן אַזעלכע קאָמעדיאַנטישע היטעלעך...

— אַלץ בעסער ווי יידן.

— יידן... זיי פּלעג איך הרגענען ווי די פליי...

— מאָסן געוועזן זייערע אין גאַליציען.

— איך אַ זשידאָווקע צעקוועטשט מיט די ממזרים — נישט געוואָלט געבן קיין בראָנפן...

— און איך זשידאָווקעס נישט געשלאָגן. געשלאָפן און גיי צום טייוול! אַזאַ מענטש בין איך שוין.

— און איך צום ערשט געשלאָפן און דערנאָך געהרגעט.

— וואָס פאַראַן צו רעדן! — הערט זיך מיטאַמאָל אַ פאַרדומפּענע שטים פון אַ זייטיק געלעגער אַרויס — איך האָב זיי נאָך געשניטן פאַרן קריג, געאַרבעט דעמאָלט ביים פּאָרט אין כערסאָן.

— און איך אין אָדעס, געדינט אין קאַוואַלעריע.

— „ביוואַלאָ" — זאָגט מיט בענקשאַפט איינער אַזעלכער, וואָס שווייגט די גאַנצע צייט און גיט אַ בליק צו לערנערן — נו, וואָס ליגסטו, הע?

לערנערן האָט אַזוי אויפגעקאָכט דאָס בלוט, אַז ער האָט חשק געהאַט אויפצוהייבן זיך אַזוי מיטאַמאָל פון שטרוי און וואַרפן זיך אויף דעם גאַנצן רעדל מיטאַמאָל. נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט נאָך וואָס ער איז דאָ אַהערגעקומען און ער האָט פאַרביסן מיט די ציין.

אין די נעכט איז גאָר געווען שלעכט.

אין באַראַק איז געווען קאַלט. די אייזערנע אויוונס האָבן נאָר געוואַרעמט אַרום זיך און כל־זמן מען האָט געברענט. באַלד האָט צוריק אָנגעהויבן בלאָזן. די קראַנקע זענען געלעגן אין די שטיוול, אין די שמאַטעס. אַנדערע ווידער האָבן אין גרויס היץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס לעצטע העמד. פון אַלע זייטן האָבן זיך קולות געריסן, קולות, פול מיט באַגער, געבעט:

— וואַסער! וואַסער!

קיין אַנדער זאַך האָבן זיי גאַרנישט פאַרלאַנגט אַפילו, בלויז וואַסער צו שטילן דעם ברענענדיקן דורשט, צו לעשן דאָס גליענדיקע פייער. דאָס האָט נישט געפעלט. אַרום די ווענט האָט אַ ברייטע ווייסל געכוואַליעט, גערוישט.

אויך אין הויף איז אַ ריזיקער בלעכענער קעסל געשטאַנען, מען האָט געקאָכט קאָכן וואַסער וויפל נאָר מען האָט געוואָלט. נאָר קיינער פון די סאַניטאַרן און פעלדשערס איז נישט געווען אויפן אָרט. זיי זענען געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל, גערעכנט וויפל עס וועלן „ענדיקן" נאָך ביינאַכט און זייער פּאַרציע ברויט וועט, ביזן אויסמעקן פון די ליסטעס, אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט.

די געזונטערע סאָלדאַטן האָבן זיך נישט ווויסנדיק געמאַכט, געלעגן זיך אויף די געלעגערס, געשפּיגן, דערציילט מעשות אָדער געלויזט זיך.

די קולות פון די קראַנקע האָבן גאָרנישט אויפגעהערט אויף אַ ווײַלע צו רופן אין דער נאַכט:

— וואַדי... וואַדי!...

ד"ר גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז פון צייט צו צייט אַריינגעקומען. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן אין זיין אַפּטייקל, אויפן פעלד־בעטל, די געשרייען האָבן אים געוועקט. ער האָט געפּאַטשט אין די הענט, גערופן:

— סאַניטאַרי, פעלדשערי!

נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

ער איז איבערגעגאַנגען צו מוסר:

— קאַק וואַם ניע סטידנאָ? — האָט ער געשטראָפט די געזינטערע — אייערע קראַנקע חברים בעטן אַ ביסל וואַסער און איר דערלאַנגט נישט.

נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

ער איז אַליין אַרויסגעגאַנגען, געבראַכט אַן עמער קאַלט געקאָכט וואַסער פון קעסל און איינגעטיילט די קראַנקע. זיי האָבן עס געשלונגען מיט איינמאָל און נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם פאַרזשאַווערטן שעפער פון די ציטערנדיקע הענט — „נאָך! נאָך!"

ער האָט געמיינט, אַז דאָס וועט ווירקן, אַז דערמיט וועט ער באַווייזן אַ מוסטער פון חברישקייט, און די געזינטערע סאָלדאַטן וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט. נאָר קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. פאַרקערט, מען האָט נאָך געלאַכט פון אים.

— כאַראַש וראַטש! — האָבן סאָלדאַטן געלאַכט.

— זנאַיעט... — האָבן אַנדערע צוגעגעבן, גלייך ווערט ווייסט, וואָס זיי ווייסן אַזעלכעס.

לערנערן האָט עס נישט געלאָזט איינליגן אין שטרוי.

אָך, ווי אים האָט געקיצלט אין די הענט, ווי אים האָט זיך געגלוסט אַזוי אויפצוהייבן זיך פון שטרוי, אין וועלכן ער ליגט, און געבן איבער די קעפּ. נאָר נאָכמער ווי אויף די סאָלדאַטן, האָט אים פאַרדראָסן אויף גריגאָרי דאַווידאָוויטשן פאַר זיין אומבאַגרענעצטער גוטסקייט, פאַרצייאונג און אומ־באַהאָלפנקייט.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מען דאַרף נישט קיין סך, כדי צו האַלטן

דעם גרויסן עולם פון שפּיטאָל אין די הענט. עס האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט אויפצוהייבן זיך אַזוי פון אָרט און אַ געשריי טון אויפן גאַנצן קול, ווי ער פלעגט עס הערן אין קאַזאַרמע:

— אויפשטיין, הינטישע זין! — און פאַרענדיקן מיט אַ „פּאַמאַטיערי", אַז די ווענט זאָלן ציטערן.

אַז גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז צוגעקומען ענדלעך צו אים, צו זיין געלעגער, האָט ער אים נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן פאַר כעס און ווייטיק צוזאַמען.

— איר זענט אַליין שולדיק — האָט לערנער געזאָגט — מיט געוואַלד דאַרף מען זיי לערנען זיין גוט, מיט דער פויסט!

גריגאָרי דאַווידאָוויטש איז אַריין צו זיך אין אַפּטייקל און ביים עיפּוש־דיקן קאַראַביד־לעמפּל גענומען זיך לייענען פון די דייטשע ציטונגען, וואָס זענען געלעגן ביי אים צוקאָפּנס פון זיין פעלד־בעטל.

די דייטשע ציטונגען האָט אים אָפט געבראַכט דער דייטשער סאַניטאַר, דער זעלבער אויסגעפּוצטער סאַניטאַר, וואָס פלעגט אים ברענגען די פלאַקאַטן.

פון ערשטן טאָג אָן האָט דער אויסגעפּוצטער סאַניטאַר דערשמעקט אין גריגאָרי דאַווידאָוויטשן אַ ליבקן און ער האָט געזוכט זיין פריינטשאַפט.

— ביטע, הער דאָקטאָר — האָט ער געזאָגט מיט זיין דין שטימעלע — אונד איך בין זאָציאַל־דעמאָקראַט, גאַנץ בעשטימט...

ער האָט יעדעס מאָל דערמאָנט וועגן זיין זאָציאַליזמוס, געבראַכט ציטונגען, נאָר מיט אַ באַזונדערער הנאה פלעגט ער ברענגען גריגאָרי דאַווידאָוויטשן די ציטונגען, אין וועלכע עס איז געווען דערמאָנט וועגן פּאַטריאָטיזם פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

— ביטע — פלעגט ער אָנטקעגנשמייכלען און די בעקלעך האָבן זיך ביי אים געררויטלט נאָכמער — די זאָציאַליסטען שטימען פיר אַלע קריעגס־בודזשעטע, לעזען זי, ביטע היער...

אין די דייטשע ציטונגען פלעגן אויך זיין פון צייט צו צייט ידיעות וועגן די פראַנצויזישע, איטאַליענישע און ענגלישע סאָציאַליסטן, וואָס שטימען פאַר זייערע קריגס־בודזשעטן. און דער אויסגעפּוצטער סאַניטאַר האָט דעמאָלט געהאַט גרויסע טענות צו גריגאָרי דאַווידאָוויטשן.

— דאָס איזט אונערהערט — האָט ער געליאַרעמט — פּעררעטער־באַנדע...

גריגאָרי דאַווידאָוויטש האָט איבערגעלייענט די ציטונגען, געלייענט נעמען פון סאָציאַליסטן, וועלכע ער האָט מערסטנס געקענט פון אויסלאַנד, פון וועלכע ער האָט אַזויפיל געהערט, און אים האָט אַזש געצוקט אין מוח.

ער האָט וועגן רוסלאַנד קיין ידיעות נישט געהאַט. די דייטשע ציטונגען האָבן נאָר געשריבן פּליאַטקעס וועגן דער קייסערין און ראַספּוטינען, וויצן אויפן קייסער, הויפישע אינטריגעס. ער האָט געזוכט מיט ליכט צו דערגיין

עפּעס פון דאָרט, פון זיין לאַנד, פון זיינע חברים, נאָר ער האָט קיין זאַך נישט געקאָנט דערגיין.

— און וואָס טוט זיך עפּעס דאָרט? — האָט אים געעגבערט אַ געדאַנק.

ער האָט נישט צוגעלאָזט טראַכטן וועגן רוסלאַנד, וועגן זיין רוסלאַנד, וועגן זיינע חברים דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געלעזן פון די אויסלענדישע גענאָסן. רוסלאַנד איז נישט אויסלאַנד — איז ער געווען זיכער. אָבער מיט־אַמאָל האָבן זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן זיינע פויערן, זיינע רוסישע פויערן, און אים האָט אָנגעהויבן גריבלען אין מוח, שאָקלען זיך אין האַרץ.

— און אפשר?

און אפשר איז גאָר אַלץ, אין וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געגלויבט, נישט מער ווי ליגן, איינרעדעניש? און אפשר איז ער גאָר שלעכט פון נאַטור, דער מענטש, און קיין זאַך וועט אים נישט העלפן? אפשר?

ער האָט צום הונדערטסטן מאָל פאַרמאַכט די אויגן, געגנויט זיך אַנטשלאָפן צו ווערן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט. די קולות פון די קראַנקע האָבן זיך געמישט מיט די בילערייען פון די דאָרפישע הינט. פון אַלעם האָט זיך געשאַפן אַ מיש־מאַש און געקלאַפּט גריגאָרי דאַווידאָוויטשן אין קאָפּ. עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי די געמישטע קולות הערן נישט אויף איבערחזרן זיין געדאַנק — אפשר? אפשר? אפשר?

קאַפּיטל ניין

אונטער דער ערד

לערנער איז גיך אַרויס פון שפּיטאָל.

איינמאָל פאַרנאַכט האָט אַ געפאַנגענער געבראַכט אים אַ שוואַרץ ברויטל פון רויטן פּעלץ צוגעשיקט. לערנער האָט איבערגעבראָכן דאָס ברויטל אויף דער קני, געגעבן אַ שטיק דעם שליח און גענומען זיך צום איבעריקן מיט גרויס אַפּעטיט. נאָר פון אינעווייניק איז אַרויסגעפאַלן אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ רונדיק איינגעוויקלט שטיקל פּאַפּיר. האָט לערנער אַוועקגעלייגט דאָס ברויט אין שטרוי, ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע אין דער וואַנט און ביים ציטערנדיקן שיין איבערגעלייענט דעם פּעלצס קרומע, שווערע און פעסט־געשריבענע ווערטער.

„קום אַרויס — האָט געשריבן דער פּעלץ — איצט דאַרף מען מער נישט אונטערשטופּן, נאָר איינהאַלטן. קום וואָס גיכער, וואָרעם די זאַך וועט אַרויס פון אונדזערע הענט״.

און לערנער איז געווען פול מיט פרייד. ער האָט פון זיין שטיק ברויט אָפּגעריסן עטלעכע שטיקלעך און פאַנאַנדערגעטיילט פאַר פרייד זיינע שכנים.

אויף דער בריק האָט מען אים באַגעגנט מיט שמחה.

— אַ גוטן אויפשטאַנד! — האָט מען אים געוואונטשן — זעסט גאָר נישט אַזוי שלעכט אויס — אַ ביסל נאָר דאַרער און בלאַסער.

פון ליגן אין שטרוי, אין אַ שלעכטער לופט, איז דאָס פּנים געווען ביי אים גענוג בלאַס, אויסגעמאַטערט, דערצו האָט מען זיינע מלבושים אויס־געקאָכט און דעזינפעקציאָנס־קעסל. זיי זענען געווען רויטלעך־ריין, צעקנאָ־דערט, איינגעשרומפּן, פרעמד. דער קאָפּ איז געווען ביי אים אָפּגעגאָלט, דערצו האָבן די פיס פון שטענדיקן ליגן זיך אָפּגעוואוינט פון גיין און זיך עטוואָס געוואַקלט, און ער האָט אויסגעזען אינגאַנצן ווי נאָך אַ קרענק.

לערנער האָט אַריינגעצויגן אין זיך פולע ברוסטן אָטעם — און ווי איינער, וואָס גייט אַרויס פון אַ תפיסה, געקוואָלן פון לעבן, פון דער פריי.

— אויסגעליגן זיך, צום טייוול — האָט ער געזאָגט דעם פּעלץ און דער־ציילט אים וועגן גריגאָרי דאַווידאָוויטשן און זיינע געשפּרעכן.

דער פּעלץ האָט אויסגעהערט רואיק, מיט קיין איין וואָרט נישט איבער־געריסן. בלויז צום סוף האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי שטענדיק, און געזאָגט אַ וואָרט, איין־איינציק גראָב וואָרט:

— טינופת — האָט ער געזאָגט.

אויף דער בריק האָט זיך איצט געקאָכט. לערנער האָט זיין באַראַק נישט דערקענט.

עס איז געווען איבער דעם:

אין איינעם אַ שפעטן פרימאָרגן איז אויף דער שמאָלער צוגעצויגענער ליניע לענגאויס דער בריק אָנגעקומען אַ לאַנגער דייטשער צוג, פול מיט אייזן, מאַשינען און קאַסטנס, באַקלעפּט מיט פּאַפּירן, פּלאַקאַטן און ציפערן.

עטלעכע צענדליק אַרבעטער האָבן צוגעפירט צו די וואַגאָנעס אַ הויב־מאַשין אויף צוויי רעדער מיט אַ שנאָבלישן הויכן האָקן אין דער הויך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ העלפאַנט מיט אַ פאַרריסענער נאָז.

אויף די וואַגאָנעס זענען אַרויפגעקראָכן אַרבעטער, אַרומגעבונדן די אייזנס און די קאַסטנס מיט אַ קייט, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ גרויסן רינג. די הויב־מאַשין אויף צוויי רעדער האָט אויסקערעוועט דעם ריזיקן שנאָבלישן האָקן, אָנגעכאַפּט די משא ביים רינג, פלינק אויפגעהויבן, אויסגעקערעוועט זיך רואיק און עלאַסטיש און אַוועקגעלייגט די משא אויף דער ערד.

נאָך די משא־וואַגאָנעס האָבן זיך געצויגן עטלעכע פלאַכע וואַגאָנעס אָן ווענט. אויף די דאָזיקע פלאַכע וואַגאָנעס זענען געשטאַנען אָוועקגעשטעלט אויסגעבויטע שטיבלעך, ניי־אויסגעהובלטע פיר־קאַנטיקע הייזלעך, מיט גלאַטע ווענטלעך, מיט פיר־שויביקע פענצטערלעך, מיט סמאָלענע דעכלעך, מיט באַשלאָגענע טירלעך, אַלץ אַזוי ניי, ריין און קליין, ווי אַרויסגענומען פון אַ מאַגאַזין פון שפּיל־צייג.

אין די שטיבלעך זענען געשטאַנען שרייב־טישלעך, פונקט אַזעלכע ניי־אויסגעהובלטע, פיר־קאַנטיקע און קליינע, ווי די שטיבלעך. אין מיטן שטיבל איז געשטאַנען אַן אייזעלע, אַ שוואַרצס, אַן אָפּלאַקירטס. אויף דעם אייזעלע האָט געקאָכט אַ טשייניק, אַ ווייס־צינקענער, אַ נייער. אַפילו דער רויך פון דעם קליינעם קוימענדל איז געווען אַזוי ניי און ווייס, ווי אַלץ אַרום. אויף די ווענטלעך זענען געהאָנגען מאַפּעס, אויף די טישלעך זענען געשטאַנען שרייב־מאַשינקעס, אויך קליינע, נייע, בלאַנקנדיקע, און ביי די טישלעך זענען געזעסן מיידלעך, דייטשע ווייסע־ראָזע מיידלעך, אויסגעקעמטע, צוגעגלעטע, פרישע, ענלעך צו די שטיבלעך, צו די זאַכן. זיי זענען געזעסן אין די רייזנדיקע שטיבלעך און געקלאַפּט אויף די שרייב־מאַשינקעס.

בלויז אין איין שטיבל אַזעלכעס איז ביי אַ טיש מיט פּאַפּירן געזעסן אַ מאַנסביל, איין מאַנסביל, אַ הויכער, לאַנג־טאַליעדיקער דייטש מיט אַ שראַם אין פּנים, אין אַ גרינעם קאַפּעליוש מיט אַ פעדער פון הינטן, אין אַ גרינעם באַרג־קאַסטיום מיט גאַלאָנען און מיט געשנורעוועטע הויכע שיך.

אויף דער וואַנט איבערן שרייב־טישל איז געהאָנגען אַ קורצע, צוויי־רערנדיקע ביקס, ווי פון איין שטיק געגאָסן. לעבן פעלד־בעטל איז געלעגן אַ הונט, אַ גרויער וואָלף־הונט מיט שיינע, גלאַנציקע, גרויסע האָר.

— גריס גאָט! — האָבן די „סמאָלענע" באַגעגנט די אָנקומענדיקע און געהאָלפן די פריילינס אַרויסקריכן פון די שטיבלעך — ווילקאָמען, שיינע פרוילינס!

— דאַנקע שיין, מיינע הערען! — האָבן די מיידלעך געדאַנקט, געלאַכט און קאָקעטירט — שיינעם גוטען מאָיען!

דער פאַרשוין אין גרינעם יעגער־הוט האָט פאַרוואָרפן די ביקס איבער דער פלייצע, גענומען דעם הונט ביים האַלדזבאַנד און שטרענג באַפוילן צו איינעם פון די אַרבעטער:

— נעהמענס מאָהל!

ער האָט דערלאַנגט אַ פולן פאַרפאַקטן יאַגד־טאַש און זיך באַגריסט מיט די סמאָלענע מיליטעריש. ער האָט געשלעפט אַ פוס, אַ שטייפן אויס־געצויגענעם פוס.

די סמאָלענע האָבן געגוידערט גיך און אומפאַרשטענדלעך און געגעבן באַפעלן די אַרבעטער:

— אַבהאָלען די שרייב־מאַשינען אונד וועקשטעלען גראַדע!

און באַלד האָבן צענדליקער אַרבעטער אונטערגעלייגט בעלקעס אונטער די ניי־אויסגעהובלטע הייזלעך, און מיט די טישן, שרייב־מאַשינקעס און אייוועלעך איבערגעטראָגן זיי פון די וואַגאָנעס און אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד, נישט ווייט פון מאַיאָר מייערס ביוראָ.

אין איינעם אַזאַ איבערגעטראָגענעם הייזל איז אַפילו אַ פריילין געבליבן זיצן ביים טישל. זי האָט זיך שיער נישט צעקייקלט פון געלעכטער.

— אַך, גאָט — האָט זי גערופן — דאָס זינד יאַ אַבענטויער...

באַלד צומאָרגנס האָט דער הינקענדיקער דייטש אין גרינעם יעגער־הוט אויסגעקלעפט אויף די ניי־אויסגעהובלטע ווענטלעך פון זיין ביוראָ עטלעכע קורצע באַפעלן, אַ העלפט אין דייטש און אַ העלפט אין אַ שלעכטן, גרייזיקן פויליש.

צו מיטאָג האָבן מאַסן אַרבעטער זיך צונויפגעזאַמלט, צוגעטוליעט זיך צו דעם קליינעם אויסגעהובלטן ביוראָ.

— שטילער! טשיכאָ! — האָט איינער געשריגן צום צווייטן — לאָזט הערן אַ וואָרט.

אין מיטן זענען געשטאַנען דער „רויטער פעליץ" און לערנער און גע־לייענט פאַרן עולם:

„בעפעהל דעם קאָמאַנדאָס... — האָט לערנער געלייענט הויך — בע־טריפט וועגען מענאַזש פיר ציווילאַרבייטער־אַבטיילונגען: בראָט 375 גראַם, פלייש מיט בריהע איינמאַל וועכענטלעך (זאָנטאַג) 137 גראַם, קאַפע ערזאַטץ 23,5 גראַם, סאַכאַרין 0,748 גראַם פראָ קאָפּף טעגליך. האַלטץ גענעראַל מ. פּ."

די אַרבעטער האָבן געשפּיצט די אויערן. זיי האָבן נישט גוט צעקייט

די שווערע קאַנצעלאַריש־מיליטערישע ווערטער און ציפערן. דער פעלץ און לערנער האָבן עס אויסגעטייטשט אין אַ פשוטן לשון:

— כלאָפּצי — האָט דער פעלץ אָנגעהויבן מיט זיין שאַליעצער לשון — מען נעמט אונדז אַראָפּ פון ברויט, אַ גאַנץ האַלב פונט נעמט מען אַראָפּ.

— און קיין פלייש וועט מען מער נישט געבן אין דער זופּ — האָט לערנער צוגעגעבן, בלויז איינמאָל אין וואָך, זונטיק.

— און פון דער קאַווע נעמט מען אַראָפּ, ווינציקער קאַווע, מער וואַסער.

— און סאַכאַרין וועט מען געבן ווינציקער...

ביים מיטאָג־עסן האָט אויפן פלאַץ אַרום קעסל געראַשט ווי אין אַ בינשטאָק.

— פון וואָס אַראָפּנעמען? — האָט דער עולם נישט פאַרשטאַנען — אַז מען גריזשעט אַזוי אויך די פינגער?

— כיבאַ ניע פּראַוודאַ! — האָבן עלטערע גויים זיך געטרייסט.

— שווייגט בעסער, אַלטע נאַראָנים — האָבן די שקצים זיי געזידלט — מיינען, אַז די שוואַבעס שפּילן זיך מיט זיי.

— זיי ווילן אונדז אויסהונגערן.

— אויסמאָרן...

די יונגען זענען קיין רגע נישט שטיל געווען.

— מען וועט דאָך אויסציען די קאַפּיטעס — האָט איינער געזאָגט.

— מען וועט פאַלן פון די פיס — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.

איינער אַ יונג האָט אַפילו געפּרוּווט זיך וויצלען. ער האָט גענומען אַ שטיק ביין, וואָס ער האָט געהאַט אויסגענאָגט, און געמאַכט איבער אים אַ הספד.

— אוי, ביין, ביין! — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ניגון פון אַ מגיד — וואו לאָזטו אונז איבער? מער וועלן מיר שוין קיין ביינער נישט האָבן...

חברה האָט אָנגעהויבן לאַכן. נאָר שמואליקל זשולטשיק האָט זיך צעבייזערט:

— לאַך, לאַך! — האָט ער געשריגן צום יונג דעם הספד־מאַכער — כ'על דיר פאַרפאָרן מיטן ביין, וועסטו דערזען מייערן פאַר די אויגן.

און אַלע האָבן אויפגעהערט לאַכן.

ביי די דייטשן איז איצט געווען פריילעך.

אַ ביסל אין אַ זייט, קעגנאיבער די הילצערנע באַראַקן, איז אַ הויז האַלב געבויט געמויערט געשטאַנען, אַ רוסיש הויז מיט גרינע לאָדן, מיט געשניצטע גאַניקעס און מיט אַ רויט־שוואַרץ רוסישביידל פאַר אַ וואַך־סאָלדאַט.

אין דעם דאָזיקן פאַרלאָזטן הויז, אין וועלכן אַלץ איז פאַרבליבן — דאָס רויטע געבעטע מעבל, די פאָרטרעטן פון צאַר און דער צאַרין, אַן אויס־

געשטאָפּטער בער און אַ קופּערשטיך פון דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה — האָט מאַיאָר מייער אַ קאַסינאָ געמאַכט.

אַלץ איז פאַרבליבן ווי געווען, בלויז אויפן אָרט וואו עס האָבן געהאַנגען די אויסגעצאַצקעטע רויט־בעקלדיקע פּאָרטרעטן פון דעם צאַר און די צאַרין, האָט מאַיאָר מייער געלאָזט אויפהענגען צוויי קריגערישע, שטייף־וואָנסנדיקע פּאָרטרעטן פון ווילהעלמען און הינדענבורגן, באַצירט מיט גאָלדענע נאָדל־צווייגן.

און זינט די דייטשע פריילינס זענען אָנגעקומען איז דאָ געווען זייער פריילעך אין דעם דאָזיקן הויז.

נאָכט ביי נאָכט האָבן די „סמאָלענע" אָוועקגעשיקט עטלעכע אַרבעטער איבער דער צווייטער זייט בריק, אין שטעטעלע אַריין, צו דער „פראַו צירעל" נאָך גוטע זאַכן.

די „פראַו צירעל", אַ גרויסע, פולע, רויט־באַקיקע בלאָנדע יידענע מיט אַ פּאַררוקט שייטל, דורך וועלכער עס קוקן אַרויס שטענדיק אַ ביסל פאַר־שייטע לעקעלעך — איז דאָ געווען אַן אָפטער גאַסט אויף דער בריק.

אַ באַלעבאָסטע פון אַ וויינשענק אינמיטן שטעטלשן מאַרק מיט גרויסע שילדן, אויף וועלכע עס זענען אויסגעמאָלט צוויי שיכורע פריילעכע גויים מיט איבערגעפולטע גלעזער אין די הענט, קומט זי דאָ אָפט צו דער בריק, צום מאַיאָר מייער, מיט קוישלעך פלעשער — זי באַזאָרגט אים מיט אַלץ, דעם מאַיאָר מייער. זי ברענגט אים נישט נאָר וויין, ביר, נאָר אויך פרישע שטיקער פוטער אין גרינע בלעטער געפּאַקט, און אַפילו שפּעק, גויישן שפּעק ברענגט זי.

זי גייט עטלעכע מאָל אין וואָך איבער דער פּראָוויזאָרישער בריק, פאַר־הייבט דאָס קלייד אַ ביסל העכער און באַווייזט אירע דיקע ווייבערישע לידקעס אַלע אַרבעטער אויף דער בריק.

די אַרבעטער, איבערהויפּט די געפאַנגענע, וואָס זענען שוין חדשים־לאַנג ווייט פון אַ פרוי, עסן זי מיט די אויגן. יעדעס מאָל, וואָס אַ רונדע, פולע לידקע באַווייזט זיך, גיבן הונדערטער אויגן, גרינע, אָנגעצונדענע, אַ בליק נאָך. נאָר זי קוקט זיך נישט אום, די פולע, רונדע יידענע, און שטעלט אַזוי זיכער אַ פוס נאָך אַ פוס. זי איז זיכער דאָ, זי האָט נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן — מאַיאָר מייער איז אירער.

ביים מאַיאָר מייער פאַרברענגט זי לאַנג. זי קומט אַרויס מיט ליידיקע קוישן און מיט אַ פאַרפלאַמט, צופרידן און גלאַנציק פנים. און ביי די אַרבע־טער פיבערן דערנאָך די אויגן. ביי די געפאַנגענע קריכן די אויגן שיער נישט אַרויס פון זייערע ראַמען. קולות אין אַלע דריי שפּראַכן באַגלייטן זי:

— ע, באַביענקאַ טאָלסטאַיאַ! — שרייען נאָך די רוסן און מאַכן מיאוסע האַוואַיעס מיט די אויגן.

— פיו־פיו! — פייפן נאָך די שקצים — הע, הע, הע!
— שויט! — שרייען נאָך די יונגען — מזל־טוב!...

אָבער זי קוקט זיך אַפילו נישט אום. זי שאָקלט אויף רעכטס און אויף לינקס מיט איר פולן הינטן, באַווייזט די לידקעס ביז די אויסגעהאַפטענע שפּיצלעך פון אירע ווייסע מייטקעס און גייט זיך אַזוי גלייך און זיכער, באַגלייט פון הונדערטער אויגן, גיריקע, לעכצנדיקע, בלוט־פאַרלאָפענע און הייסע.

אַ סך מאָל קומט איר טאָכטער, אַ יונג מיידל, נאָר גרויס ווי די מאַמע אירע. זי איז אויך אַזוי רויט־באַקיק און רונד, ווי די מוטער, נאָר אַנשטאָט בלאָנדע האָר, האָט זי שוואַרצע, פּעך־שוואַרצע האָר און ברעמען, און גיין גייט זי גיכער, שעמעוודיקער. זי פאַרטראָגט נישט די הונדערטער אויגן, וואָס פרעסן זי. איבערהויפּט לויפט זי גיך צוריקוועגס, אַוועקגייענדיק פון מאַיאָר מייער. זי לויפט אַזוי גיך איבער די פּראָוויזאָרישע שוועלן, ווי מען וואָלט זי טרייבן מיט בייטשן.

נאָכט ביי נאָכט שיקן איצט די „סמאָלענע" עטלעכע אַרבעטער מיט ליידיקע קוישן צו דער „פּראַו צירעל" נאָך גוטע זאַכן און שטענדיקן זאָגן זיי אָן:

— אונד פרײלין כאַנעלע זאָל אומבאַדינגט רעכנונג ברינגען... העררמאַיאָר האָט געזאָגט...

אין קאַסינאָ איז ליכטיק. פון דער בריק ציען זיך עלעקטרישע דראָטן אַהער.

די אַרבעטער ברענגען צו שלעפּן פולע קוישן מיט פלעשער, סלאָיקעלעך מיט קאָנפיטורן, יידישע געקאָכטע פיש, שטיקער שפּעק — און פון אַלע זייטן קומען זיך אָן געסט: אָפיצירן פון דער אַרמיי, פון פלאָט, פון דער סאַפּערן־אָפּטיילונג; דער הינקעדיקער דייטש אין די יאַגד־קליידער און מיטן פעדער אין הוט און אויך ציווילע דייטשן, דין־געשוירענע, בלאָנדע, אין נייע געלע שיך און אין גרויע האַריקע מלבושים. די דייטשע פריילינס זענען אַזוי זאַרגפעלטיק אויסגעקעמט, אַז קיין איין האָר שטייט נישט אָפּ — און נאָר ביי איר, ביי דער פריילין כאַנעלע, דער „פּראַו צירעלס" טאָכטער, איז דער שוואַרצער קאָפּ האָר אַ ביסל צעשויבערט, די קרייזעלעך פאַלן איר אין די שוואַרצע אויגן אַריין.

תחילת גייט עס זייער פּינקטלעך.

אַרום לאַנגן טיש, וואָס איז באַשטעלט פון ביידע זייטן מיט שטולן, זעצן זיך אויס אַלע געסט לויט אַ סדר, יעדער לויט זיין ראַנג. צום ערשטן העכערע אָפיצירן, דערנאָך נידעריקערע, און צום סאַמע סוף די ציווילע קורץ־געשוירענע פאַרשוינען. די פלעשער זענען אויסגעשטעלט. די „סמאָלענע" אין די בלויע רעקלעך מיט די ווייסע מאַרין־קעלנער שטייען אויסגעצויגן ווי די

סטרונעס און באַדינען. אַז אַלץ איז שוין פאַרטיק, קומט אַריין דער באַלע־באָס, מאַיאָר מייער אַליין. ער איז אָנגעטון אין דער גאַנצער אוניפאָרם, מיט דעם קרייץ אויף דער ברייטער ברוסט. ווען ער קומט אַריין שטעלן זיך אַלע אויף, באַגריסן אים מיליטעריש און ער פאַרנעמט דעם אויבנאָן, נעמט דעם בעכער אין האַנט און קרעקט זיך מיט טאָאַסט, וואָס ער דאַרף האַלטן. שטענדיק רעדט ער דאָס זעלבע, פלאַנטערט מיט דער צונג וועגן די זיגן פון דייטשלאַנד, בעט דעם ליבן הערר גאָט, צו באַשטראָפן ענגלאַנד, מאַכט אויסצודרייען פון רוסישן קייסער און פאַרענדיקט מיט הויכע האָכן:

— האָך פיר קייזער אונד פאַטערלאַנד!

— האָך! — דונערט דער גאַנצער עולם.

— האָך פיר פאַטער הינדענבורג!

— האָך!

— האָך!

— האָך דויטשען העלדען־טרופּפּען!

נאָר באַלד, ווי מען טרינקט אויס די ערשטע גלעזער, שפּיליעט מען אָפּ די שווערדן מיט די רעוואָלווערן, מען מאַכט זיך באַקוועם און עס ווערט לעבעדיק.

די עטלעכע דייטשע פריילינס ווערן געכאַפּט פון האַנט צו האַנט. יעדערער וויל כאַטש אויסטרינקען מיט זיי איינאיינציק מאָל פון איין גלעזל, דערנאָך גייט אַוועק אַ געוועט, ווער עס וועט מער אויסטרינקען. די „סמאַלענע" קאָנען זיך גאָרנישט קיין עצה געבן. וויפל זיי גיסן נישט אָן, ווערט עס באַלד פאַרשוואונדן.

מאַיאָר מייער טרינקט אַממערסטנס. שטענדיק געווינט ער דעם געוועט. קיינער קאָן נישט אַריינזשליאָקען אין זיך אַזוי פיל, וויפל מייער.

און דערנאָך זינגט מען „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד", אויסגעלאַסענע בורשן־לידער און מען קריכט זיך פאַנאַנדער מיט די אויסגעקעמטע פריילינס אין די זייטיקע צימערלעך אַריין.

די אויסגעקעמטע פריילינס ווערן זיך. דער עיקר איז זיי אַ שאָד די האָר, די גלייך צוגעקעמטע בלאָנדע האָר, וואָס שיטן זיך פאַנאַנדער, זיי שרייען:

— אָך, גאָט, דו ליבער, וואָס מאַכן זי דען, הערר לויטנאַנט?

נאָר די הערן לויטנאַנטן מאַכן זיך נישט דערפון:

— קאָם, שעטצכען, קאָם.

און מאַיאָר מייער האַלט די „פרוילײן כאַנעלע" אויף די קניען, דאָס רויטע געזיכט איז אים נאָך רויטער ווי תמיד, די גרינע אויגן זענען בולט, אַרויסגעזעצט, און מיט דער גאַרגלדיקער שטים שרייט ער:

— מיינע הערען! די מוטער איזט גוט, אַבער די טאָכטער איזט נאָך בעסער; ניכט וואָר, שוואַרץ־קאָפּ?

און דער גאַנצער עולם פּאַטשט מיט די הענט:

— טאַדעללאַאַז! הער מאַיאָר! — האָך!

און פאַרביי דעם באַלויכטענעם קאַסינאָ שאַרן זיך אַלעמאָל פאַרביי אַן אַנדער פּאָר טרעגער מיט אַ משא אויף די אַקסלען, הייבן זיך אויף אויף די שפּיץ־פינגער, כדי צו כאַפּן אַ בליק אינעווייניק אַריין און ווערן פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש צוזאַמען מיט די שפּיזיקע גילדענע שטראַלן, וואָס יאָגן זיי נאָך.

אַ סך מאָל טרינקט זיך מאַיאָר מייער אַזוי שטאַרק אָן, אַז ער פאַרגעסט אינגאַנצן אין דער בריק.

כאָטש די אויגן פאַלן צו, די הענט שטייען אָפּ, אָבער אַוועקגיין פון פּלאַץ טאָר מען נישט. די „סמאָלענע" שילטן, זידלען, נאָר גיין וועקן דעם הערר מאַיאָר וועט קיינער נישט. דער אָרדינאַנס מיטן צופיל אַרויסשטאַרנדיקן הינטן שטייט פאַר דער טיר מיט מאָפּסישער ערנסטקייט און היט.

די אַרבעטער טוען גאָרנישט. די „סמאָלענע" מאַכן זיך נישט וויסן. בלויז פון צייט צו צייט גיט עמעצער אַ לאָז אַראָפּ אַ ריזיקן האַמער איבער אַ רעלס און אַ טעמפּער קלאַנג טראָגט זיך אין דער נאַכט. אָבער אַוועקגיין פון בריק טאָר מען נישט. אָן מאַיאָר מייערס באַפעל קאָן עס קיינער נישט מאַכן. ערשט אין מיטן נאַכט, אַז מאַיאָר מייער כאַפּט זיך אויף און הערט דאָס רוישן פון די מאַשינעס, דערמאָנט ער זיך אין דער בריק, און ער קלאַפּט מיט דער פאַרצעלייענער פייף אין וואַנט צו זיין אָרדינאַנס:

— פריצכען, שיק מאָהל די לויטע שלאָפן, דאָנער־וועטער! פריץ־כען!

און קולות, פול מיט כעס און פאַרביטערונג, האָבן זיך געטראָגן איצט אין דער לופטן:

— מען דאַרף זיך נישט לאָזן! — האָבן די שקצים געשריגן.

— מען וועט אויסציען די קאַפּיטעס — האָבן די יונגען געוואַלדעוועט.

— פערד, אַז זיי אַרבעטן, קריגן זיי אויך זייערס.

— אַז מיר זענען ערגער ווי פערד. אַ פערד, אַז דו שמייסט אים, דריגעט ער כאָטש מיט די פיס.

— ברויט אָדער טויט! — האָבן די יונגען געטענהט.

— ראַז קאַזיע שמיערטש — האָבן די שקצים געזאָגט — צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט.

איצט האָט מען מער נישט געדאַרפט רעדן מיטן עולם. זיי האָבן שוין אַליין גערעדט.

ווי אָפּגערעדט זיך, האָבן אַלע געקוקט צו זיי — צום „פּעלץ" און צום „קאַפּעליוש" — געשאַרט זיך אַרום זיי, געקוקט זיי אין די אויגן.

פונקט ווי קינדער כאַפּן זיך אָן אין דערוואַקסענעם, גלייבנדיק, אַז ער,

דער גרויסער, קאָן אַלץ מאַכן, אַזוי האָבן אַלע דאָ אָנגעכאַפּט זיך אין זיי, אין די, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צייט אַרויסגערוקט צווישן זיי.

— נו, דו ביסט דאָך עפּעס קליגער פון אונדז? — האָבן די יונגען געזאָגט צו לערנערן — וואָס שווייגסטו?

די גויים האָבן זיך געשאַרט אַרום פּעלץ:

— זאָג, וואָס טון? — האָבן זיי געפרעגט, האַלטנדיק גרייטע הענט.

— עס הייבט זיך אָן — האָט דער פּעלץ געזאָגט לערנערן.

נאָך אין זעלבן אָוונט האָט לערנער געבראַכט זיינע מענטשן, דער פּעלץ האָט געבראַכט זיינע — און מ'איז זיך צונויפגעקומען אין דעם חרובן פּאַרט, באַרג אַראָפּ הינטער דעם ברעג.

אין אַ זייט, אָפּגערוקט פון טייך, האָט זיך געצויגן אַן אַלטער „פּאַרט“, אַ פאַרלאָזענער, אַ זייטיקער, מיט האַלב־פאַרזונקענע געביידעס, מיט פינצטערע געוועלבטע סופיטן. קיינער איז דאָרט נישט געקומען, קיינער האָט זיך דערמיט נישט אינטערעסירט. דאָרטן האָבן זיך געוואַלגערט אַ סך שטיינער, צעבראָכענע ציגל, פאַרראָסטעטע שטיקער אייזן און צעריסענע דראָט־פאַרצוימונגען.

און אין די שפּעטע אָוונטן, ווען אין קאַסינאָ האָבן די פענצטער פייערדיק געלויכטן און פריילעכע טענער פון אַ פּיאַנאָ האָבן זיך געמישט מיט די ברומערייען פון זעגן, העק און שרויפן — האָבן זיך דאָ אַראָפּגעכאַפּט טונקעלע פאַרשוינען, פאַרהילטע, פינצטערע, און איינער איז געלעגן אויף דער וואַך, פאַררוקט אין אַ ריזיקן האַלב־איינגעזונקענעם באַן־רער אונטער אַ בריקל, גרייט מיט אַ פייף אין מויל אויף יעדן צופאַל.

עטלעכע אייגענע מענטשן האָט ער געהאַט דער פּעלץ: אַ יונגן שייגעץ מיט אַ קליין בלוי־געפּאַלדעוועטער „מאַטשעיובקע“ און מיט אַ סטאָליאַרישער גראָבער בלייפעדער אין דער פולער קורצער כאַליעווע פון שטיוול; עפּעס אַ פאַרשוין אין אַ צעלאָזענעם רוסישן שינעל מיט אַ שטאַרק פאַרקאָפּטשעט פּנים און מיט ווייסע פלאַקסענע האָר, וואָס זעען אויס נאָך ווייסער און העלער אַרום שטענדיק־פאַרריסטן פּנים — אָבער אָפּגעטראָטן איז גאַרנישט פון אים אַן עלטערער גוי מיט אַ פּאָר גרויסע, צעצויגענע גרוילעכע וואָנסן און מיט אַ קליין קעפּל, וואָס זיצט אויף אַ דין צעקנאָדערט העלדזל.

לערנער האָט געהאַט אַרום זיך שמואליקל זשולטשיק, וואָס איז ווי שטענדיק געגאַנגען מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, גרייט פּאַר אַ שניי אָדער אַ רעגן. שמואליקל האָט מיטגעפירט מיט זיך דריי חברים: איינעם אַ יונג אַ ריז מיט נעגריש־שוואַרצע קרויזן און מיט אַ פּאָר טאָפּלטע בלוט־רויטע ליפּן; איינעם אַ קליינעם, אַ בלאַסן, אין אַ קורץ־אויסגעוואַקסן רעקעלע, דעם זעלבן, וואָס לערנער האָט באַגעגנט באַלד ביים אָנקומען, אַ פאַרשוינדל, וואָס מען קאָן נישט וויסן, צי ער איז אַלט זעכצן יאָר אָדער דרייסיק יאָר און

תמיד ציטערט ער אין קורצן אויסגעוואָקסענעם רעקעלע; און איינעם אַ בערדיקן פאַרשוין, אַ פלײשיקן און אַ שווייסיקן, וואָס די האָר וואַקסן אים פון אַלע זייטן, פון די אויערן, פון דער נאָז, און אַ היטל טראָגט ער שטענדיק אַ פוטערנס, נאָר אַן איבערגעדרייטס אויף דער לינקער זייט, מיט נאָכהענ־געדיקע שעפּסענע קרויזלעך ביז אין די אויגן אַריין.

די „אייגענע" האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע מענטשן, אַלעמאָל אַנדערע, נייע, און דורך זייטיקע וועגלעך, קרומע, פינצטערע, געשאַרט זיך צום „פאָרט".

פינצטער איז געווען דאָ אין „פאָרט", חושך. איינער דעם אַנדערן האָט נישט געזען. בלויז רייד האָט מען געהערט, רייד שווערע, פעסטע, דומפּיקע, ווי שווער, פעסט און דומפּיק עס זענען די שווערע שטיינערנע ווענט, די אַלטע מאַסיווע זיילן פון פינצטערן „פאָרט".

אין דעם פינצטערן אונטערערדישן הייל האָבן דעם פעלצס רייד געהאַקט ווי האַמערס — אַ פינצטערע שטים האָט געפרעגט און פינצטערע שטימען האָבן געענטפערט.

— אַלע ווייסט איר, וואָס מיר ווילן?

— מיר ווייסן.

— זענט איר אַלע גרייט טון?

— מיר זענען גרייט.

— זענט איר פאַרגעברייט אויף אַלץ?

— מיר זענען פאַרגעברייט.

— וועט איר קאָנען האַלטן די צונג צווישן די ציין?

— מיר'ן קאָנען!

— גיט זשע זיך די הענט!

האַרטע, מאַזאָליסטע, שווערע הענט האָבן זיך געשטרעקט אין דער פינצטערניש, געדריקט זיך איינע די אַנדערע.

און פון דרויסן, וואו די קאַסינאָ איז געשטאַנען, האָבן זיך פייערדיקע ליכט־צונגען געצויגן אין דער פינצטערניש אַריין צוזאַמען מיט הייזעריקע, גאַרגלדיקע געזאַנגען:

„אַללע מענער זאַאופען,

„אַללע מענער זאַאופען,

„אַבער ניכט דער קליינע פריטץ —

„אַללע מענער ליעבען,

„אַללע מענער ליעבען,

„נור דער קליינע פריטץ,

„ער מאַכט דאַס ניכט..."

קאַפּיטל צען

בונט

דער טאָג איז געקומען.

געקומען פּלוצלונג, אומגעריכט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אויסער דער בריק, אין אַ הייזל, אין אַ פריילעך הייזל, וואָס געפינט זיך אין עק נאָנטן שטעטל, אין אַ זייטיק, פאַרוואָרפן געסל, האַרט ביים יידישן בית־עולם, לעבן פאַרלאָזענע רוסישע קאַזאַרמעס און פערד־שטאַלן.

עס איז געווען אין ניי־יאָר.

איין טאָג פאַר ניי־יאָר פון זעכצנטן יאָר, אין אַ שטאַרק־פראָסטיקן פאַר־נאַכט, פונקט זעקס אַ זייגער, האָט זיך מאַיאָר מייער באַוויזן אויף דער בריק און אויפגעהויבן די האַנט אין דער הויך.

די גאַנצע אַרבעט האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט.

— אַאופּפּאַסען! — האָט מאַיאָר מייער באַפוילן און, אָפּוואַרטנדיק אַ ווײַלע, ביי אַ פאַרגליווערטער שטילקייט הויך געזאָגט:

— וועהרענד ניי־יאַהרס האַבען אַללע אַרבייטער רוהע פאַן זעקס אוהר אַבענדס דען איינאונדרייסיגסטען דעצעמבער ניינצעהן הונדערט פינפצעהן, ביז זעקס אוהר מאָרגען דען ערסטען יאַנואַר טאַוזענד ניין הונדערט זעכצעהן — צור באַשטימטער צייט האַבען אַללע אַם פּלאַטץ צו זיין!

און נישט וואַרטנדיק קיין איבעריקע ווײַלע מער, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום עולם און מיט פעסטע, שטאָלצע טריט אַוועק צו זיך אין ביוראָ.

אויף דער בריק איז געוואָרן אַזאַ בהלה, אַז מען האָט דאָס זידן פון די מאַשינען נישט געהערט. אַלע האָבן געוואָרפן פון זיך די משאות, די כלים. די מאַטראַסן האָבן זיך שיער נישט צעריסן.

— דאָס ווערקצייג וועקלעגען, פערפלוכטע באַנדע! האַלט!

נאָר מען האָט זיי נישט געהערט.

ווי אַרעסטאַנטן, וואָס מען עפנט פאַר זיי פּלוצלונג די געשמידטע טויערן פון תפיסה, האָט דער עולם געיאָגט, געאײַלט זיך, וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דאַנען אין נאָנטן שטעטל.

דאָס שטרוי אין באַראַק איז געפלויגן אין דער לופט. מען האָט זיך אויסגעטון, אָנגעטון, גערייניקט זיך, געוואַשן, געקעמט די קעפּ, געזייפט די מאָרדעס, געגאָסן זיך קאַלטע עמערס וואַסער איבער די קעפּ, געפוצט די שטיוול, געלויזט די וועש.

קולות, געלעכטערס, קללות, זידלערייען אין עטלעכע שפּראַכן מיטאַמאָל האָבן זיך געפּלאָנטערט איינס אין אַנדערן.

פון ווייטן, פון שטעטל, וואָס שטייט אויף אַ באַרג, האָבן בלישטשענדיקע קליינע פייערלעך אַראָפּגעקוקט און געלאָקט, גערייצט.

פון די גלאַנצנדיקע, לאָקערנדיקע פייערלעך האָבן שטאַרקער אַהער־געוואונקען עטלעכע זייטיקע פייערלעך פון איינגעהויקערטע פּריילעכע הייזלעך, אָפּגערוקטע פון שטעטל, נאָנט שוין צום בית־עולם און צו די פּוסטע, פאַר־לאָזענע האַלב־אָפּגעבּרענטע רוסישע קאַזאַרמעס און פערד־שטאַלן.

די יונגען האָבן אַרויסגעשלעפּט די קליינע פאַרשמאַלצעוועטע לייוונטענע זעקלעלך פון די הערצער הינטער די העמדער און געציילט מיט ציטערנדיקע הענט די קלעפּיקע קליינע מאַרקן און שוואַרצע מעטאַלענע פעניגן. נאָך די עטלעכע חדשים אַרבעט און איינגעהאַלטנקייט אויף דער בריק, האָט זיך איצט יעדער געאײַלט אַהין, צו די לאָקערנדיקע פייערלעך, כדי איבערצולאָזן עט־לעכע טעג שווערע בריק־אַרבעט פאַר רו און ליבע אויף עטלעכע חדשים אַרויס. און דער עולם האָט געיאָגט.

— גיכער ! — האָט מען געשריגן איינער צום אַנדערן — ס'עט אויספעלן אָרט ביי דער געלער פּעסע ! — אַ סוף ! ...

די שורות אויסגעשטעלטע טאָפּאָליעס, וואָס פירן צום שטעטל, האָבן געשפּיזט מיט זייער נאַקעטקייט און געפרוירענער שטייפקייט. די פרישע לופט האָט געשניטן, און דער עולם האָט געשטעלט גיכע, פעסטע טריט.

פון אויפרעגונג און צעהיצטקייט האָט מען זיך אָנגעהויבן וואַרפן מיט קוילן שניי און געגליטשט זיך איבער די געפרוירענע טייכלעך איבערן וועג — נאָר אויפן סאַמע עק שטעטל איז געשטאַנען אַ שענק פּונקט אַנטקעגן דעם וועג, אַ שענק מיט צוויי ברייטע טירן, אין וועלכע מען פאַלט אַריין, אַפילו ווען מען וויל גאָרנישט — און דער עולם איז אַריינגעפאַלן מיטאַמאָל, אַזוי, אַז די יידענע די שענקערין האָט אירע אַלע קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך, געמוזט אָוועקשטעלן ביים בופעט און געהייסן גיסן אין די גלעזלעך און דערלאַנגען פלעשער.

— קינדער — האָט געשריגן די יידענע — קוקטס אויף די הענט. נעמטס פריער געלט.

די לייוונטענע בייטעלעך מיט די מאַרקן האָבן אָנגעהויבן ווערן דינער, מאָגערער. וואָס מער די בייטעלעך זענען מאָגערער געוואָרן, אַלץ מער האָט דער חשק צו טרינקען זיך געשטאַרקט.

דערוואָרעמט פון טרינקען, פון טומל, צערייצט פון די מאָגער־געוואָרענע לייוונטענע בייטעלעך, האָט זיך דער עולם געלאָזט צו די זייטיקע געסלעך, וואָס ליגן שוין נאָנט פון בית־עולם און די רוסישע אָפּגעבּרענטע קאַזאַרמעס און פערד־שטאַלן. נאָר דאָרטן האָט מען די יונגען נישט אַריינגעלאָזט.

— מען קאָן נישט — האָט די געלע פּעסע, אַ געלע דאַרע יידענע, געשריגן — דייטשן זענען דאָ... מען קאָן נישט!

דער עולם איז געוואָרן צעקאָכט:

— עפן! — האָבן זיך קולות געהערט.

— מאַך אויף די טיר! מען וועט דיר די געלע קאָלטענעס אויסרייסן!

די יידענע איז אַריין אין שטוב און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך.

— אויסברעכן די טיר! — האָבן זיך קולות געהערט.

— אונטערהייבן די זאַוויאַסעס!

— הורראַ!

און אין איין מינוט איז די טיר געווען אויפגעבראָכן. פון אינעווייניק האָבן ווייבערישע קוויטשערייען זיך געלאָזט הערן, דאָס האָט נאָכמער צערייצט.

— לאָזט אַריין! — האָבן די יונגען געשריגן — מיר'ן באַצאָלן!

פאַר דער טיר האָבן זיך באַוויזן צוויי מאַטראַסן, אַן רעקלעך, בלויז אין די ברייטע מאַטראָסישע הויזן, און אַוועקגעשטעלט זיך קעגן גאַנצן עולם.

— וועק! — האָבן די מאַטראָסן באַפוילן.

דער עולם האָט זיך נישט גערירט.

— וועק! האָבן די מאַטראָסן געשריגן מיט כעס — דאָ איזט קיין פּלאַץ פיר ציווילע לאַוז־באַנדע!

דער עולם האָט זיך נישט גערירט.

האָט איינער אַ מאַטראָס אַרויסגעשטעלט זיין מעכטיקע אַטלעטישע ברוסט, אָנגעצויגן די מוסקולירטע נאַקעטע הענט, ווי די טשעמפּיאָנען אין צירק בעת זיי גייען אָנשטויסן, און אַ פּאָר געטון מיט דער פויסט אַ שייגעץ אין מויל. אַ ווײַלע איז דער עולם געבליבן צעטומלט. קיינער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. באַלד האָט ביים שייגעץ אַ פליס געגעבן בלוט פון מויל און פון נאָז — און דער עולם איז גלייך געקומען צו זיך.

— ביטש שוואָבאָוו! — האָבן זיך שטימען דערהערט.

— קיילט יעקען! — האָבן קולות איבערגעריסן.

די מאַטראָסן האָבן זיך צוריקגערוקט — די מאַסע האָט זיך גערוקט פאָרויס. פויסטן זענען געפאַלן פון אַלע זייטן. די מיידן, צעשויבערטע, דער־שראָקענע, אין די בלויזע העמדער, מיט נאַקעטע הענט און פיס, האָבן זיך באַוויזן און געמאַכט קולות:

— געוואַלד! ראַטעוועט!

האָבן די יונגען נאָך מער געקיילט אין די מאַטראָסישע קעפּ. ערשט, אַז אַלע פויסטן האָבן זיך שוין באַרואיקט, האָט מען זיי אַוועקגעשאַרט אין אַ ווינקל פאַרחלשטע, צעקלאַפּטע, אַוועקגעשטעלט שומרים ביי דער טיר, קיינער זאָל נישט אַוועק אין שטאָט נאָך הילף, און גענומען זיך צו די מיידן — אַפילו

די באַלעבאָסטע, די געלע פעסע אַליין, וואָס האָט שוין געהאַט מער גרויע האָר ווי געלע, האָט מען אויך גענוצט.

פון די פריילעכע הייזלעך אין עק שטעטל לעבן בית־הקברות און די חרובע רוסישע קאַזאַרמעס, איז עס אַריבער צו דער בריק, אין די באַראַקן אַריין.

אַ גאַנצע סילוועסטער־נאַכט האָט מען אין מאַיאָר מייערס קאַסינאָ געשיכורט.

מיט עטלעכע טעג פריער שוין איז געזעסן די פריילין כאַנעלע, צוזאַמען מיט די דייטשע גלאַט־צוגעקעמטע בלאָנדע פרויליינס, און געמאַכט באַפּוצונגען פאַר דער קאַסינאָ אויף ניי־יאָר. מען האָט אויסגעשניטן פאַרביקע פּאַפּירן, געמאַכט קייטן, שלאַנגען, יאַפּאַנישע קאַרבירטע פּאַפּיר־לעמפּלעך און באַצירט די ווענט און די סופיטן.

פון עלעקטרישע לעמפּלעך האָט מען געמאַכט אַ קרוין אַרום דעם קייסערס קריגערישן פּאָרטרעט. גענעראַל הינדענבורג האָט מען באַפּוצט מיט פּאַפּירענע בלומען און פרישע נאָדל־צווייגן.

און אַ גאַנצע מחנה לאַנד־שטורמער איז עטלעכע טעג אַרומגעקראָכן איבער אַלע דערפער און וועגן, פאַרהאַלטן יעדן דורכגייער, אָפּגעשטעלט יעדן וואָגן און באַזוכט פון קאָפּ ביז די פיס, רעקווירירט אַלץ, וואָס עס איז נאָר אונטערגעקומען: שפּעק און פּוטער, קעז און אייער, מעל און בראַנפן.

די „פּראָו צירעל" האָט גאַנצע קוישן פלעשער געבראַכט. אַלע מאָל האָט מען אַנדערע עטלעכע אַרבעטער אָוועקגענומען פון דער בריק־אַרבעט, מיטגעשיקט מיט דער „פּראָו צירעל" אין שטעטל. זי האָט אָנגעלייגט פלעשער, וויפל נאָר מען האָט געקאָנט דערטראָגן, און אָנגעזאָגט:

— אַז וועסט האָבן אָפּגעטראָגן, קום נאָכאַמאָל!

ווי אַלע מאָל, האָט זיך אויך דער סילוועסטער־באַל אָנגעהויבן שטיל.

אַלע אָפיצירן זענען געזעסן אויסגעזעצט אַרום דעם לאַנגן געדעקטן טיש. מאַיאָר מייער האָט מער ווי תמיד געקרעקט זיך מיט די טאָאַסטן. ער האָט געדאַרפט האַלטן היינט עטלעכע טאָאַסטן, אי פאַרן קייסער און פאָטערלאַנד, אי פאַרן נייעם יאָר, אי פאַר די געסט. מער ווי אַלע מאָל האָט ער געבעטן דעם ליבען הערר גאָט, צו באַשטראָפן ענגלאַנד, צו פאַרניכטן די פראַנצויזן און די רוסן, און פאַרענדיקט מיט הויכע האָכן:

— האָך פיר קייזער און פאָטערלאַנד!

— האָך!

— האָך פיר פאָטער הינדענבורג!

— האָך!

ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

די אמתע ניי־יאָר־פייערונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צוועלף בייַנאַכט. פונקט צוועלף בייַנאַכט האָט אַ זאַלב פון ביקסן געגעבן אַ סיגנאַל צום נייעם

יאָר. די לאָמפּן זענען אויגנבליקלעך אויסגעלאָשן געוואָרן, און אַז מען האָט זיי צוריק אָנגעצונדן זענען אַלע געסט געבליבן שטיין מיט פאַרריסענע מיילער און אויסגעגלאָצטע אויגן.

— אַך, גאָט! — האָבן אַלע אויסגעשריגן מיטאַמאָל.

צען מיידלעך, נאַקעטע, אָן העמדער, בלויז אין הויכע זאָקן, זענען געשטאַנען אויף אַ טעפּיך, יעדערע מיט אַ גלאָז ווייַן אין האַנט און אויסגערופן:

— פּראָס׳ט, נוי־יאַהר!

דאָס האָט מאַיאָר מייער אַ סיורפּריז געמאַכט. ער האָט זיך באַמיט ביים גענעראַל האַלטץ, אַז פון די דייטשע פעלד־מיידלעך, וואָס מען האָט ווערבירט אין לאַנד און צעשיקט אויף די פראָנטן, כדי צו באַפרידיקן די טאַפּפערע סאָלדאַטן, זאָל מען אויך צען מיידלעך אין זיין רשות צוטיילן. דער גענעראַל האַלטץ האָט עס אים צוליב געטון.

נאָך מיט אַ טאָג פריער זענען זיי, אַלע פריילעכע, לוסטיקע, בלאָנדע, פליישיקע, אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ געקומען, אויפגעהאַלטן זיך ביי דער „פראַו צירעל״ אין האָטעלכל ביים שענק — און איצט האָט דער מאַיאָר זיי אָוועקגעשטעלט פאַר די געסט.

— פּראָס׳ט, נוי־יאַהר!

— פּראָס׳ט! פּראָס׳ט! פּראָס׳ט!

— בראַוואָ, הער מאַיאָר! האָך! — האָבן די געסט געדונערט.

די אויסדעקאָלטירטע מאַטראָסן האָבן ווידער געעפנט די פלעשער און געגאָסן ווייַן. יעדער פון די געסט האָט צו עטלעכע מאָל אויסגעטרונקען מיט די מיליטער־מיידלעך. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער נאַקעט־טאַנץ. אַלע צען מיידלעך זענען געשפּרונגען אין אַ ווילדן עקסטאַז, געפאַלן אויף דער ערד, אויפגעהויבן זיך, פאַרוואָרפן די פיס, צוזינגענדיק מיט שיכורע קאַבאַרעט־־און־פעלד־לידלעך. די געסט זענען געשטאַנען אַרום מיט אַריינ־געזעצטע מאָנאָקלען אין די אויגן און גוט זיך איינגעקוקט אין יעדער באַוועג־גונג, אין יעדן שפּרונג.

דערנאָך האָט מאַיאָר מייער געמאַכט אַ „פּיראַמיד״: צוויי מיידלעך האָבן זיך אים אַרויפגעזעצט אויפן האַלדז, פאַרוואָרפן מיט די פיס איבער די אַקסלען, אַנדערע צוויי מיידלעך האָבן זיך אים אָנגעהאַנגען אויף די שטאַרקע מוסקולן פון די הענט, און איינע, די סאַמע קלענסטע, האָט זיך אים אַרויפ־געזעצט אויפן סאַמע שפּיץ האַרט־געשוירענעם געלבלעכן קאָפּ. אַרום אים האָבן זיך אָנגענומען די איבעריקע מיידלעך ביי די הענט און געטאַנצט אַ ווילדן, משוגענעם טאַנץ.

מיט אַרויסגעזעצטע שיכורע אויגן, מיטן אָנגעגאָסענעם בלוט אין די באַקן און קאַרק, מיט די נאַקעטע מיידלעך אַרום אים, האָט ער אויסגעזען ווי אַ סאַטיר.

מיט דער גראָבער, פאַרשיכורטער, הייזעריקער שטים האָט ער געזונגען אַ ליד, אַן אַלט בורשן־ליד, וואָס ער האָט געדענקט נאָך פון די סטודענטן־יאָרן. ער האָט געזונגען סאָלאָ:

„פראַון ווירטהין האַטטע
איינען מאַיאָר
דער טרוג אַם...
איינע טראַוער פלאָר..."

דער כאָר, אַלע פעלד־מיידלעך און אָפיצירן, האָבן באַגלייט:

„יאַ אַן דער נאַזע
דעסס מאַננעס
ערקענט מאַן
דען יאָהאַנעס..."

דערנאָך האָט מען גאָר אַרויסגענומען די פיסטאָליעטן פון די טאַשן און מען האָט גענומען צילן אין די מיידלעך. עס איז געגאַנגען אַ געוועט, ווער עס וועט קאָנען אַרויסשיסן אַ מיידל דאָס גלאָז ווײַן פון האַנט; ווער עס וועט איבערשיסן האַרט איבער אַ מיידלערישן קאָפּ און אָנזינקען מיט דער קויל בלויז די שפּיץ האָר. די מיידלעך האָבן געציטערט, געבעטן זיך:

— אַך, וואָס מאַכען זי דען, הערר לויטנאַנט?

נאָר די אָפיצירן האָבן געטון זייערס. און דערנאָך האָט מען גאָר געמאַכט אַ ווײַן־באָד. מען האָט אַוועקגעלייגט דאָס שענסטע מיידל אויף דעם טיש, באַגאָסן זי מיט ווײַן פון קאָפּ ביז די פיס און אַלע אָפיצירן האָבן אַרומגערינגלט דאָס באָדנדיקע מיידל און געזשליאָקעט דעם רינענדיקן ווײַן.

— פראָס'ט נוי־יאַהר! פראָס'ט!

פאַרטאָג, פונקט האַלב זעקס, ווען אַלע זענען זיך שוין פון קאַסינאָ פאַנאַנדערגעגאַנגען און איבערגעלאָזן נאָך זיך וואַלגערנדיקע פלעשער, אויסגעשאָסענע קוילן און ווייבערישע האָר־נאָדלען; ווען אין באַראַק זענען די צוריקגעקומענע אַרבעטער ערשט נישט לאַנג איינגעשלאָפן אין צעשויבערטן שטרוי, מידע, פאַרטרונקענע, מיט ברענענדיקע הערצער פון ביליקן ספּירט, מיט צעוויטיקטע געמיטן פון די געפטרטע מאַרקן און נישט־באַפרידיקטער ליבע — האָט זיך דאָס פייפל פון בריק צערעדלט אין דער לופט.

די ערשטע האָבן זיך אויפגעכאַפּט די עלטערע אַרבעטער, וואָס זענען נישט געגאַנגען הוליען אין שטעטל. יידן האָבן געריבן די אויגן, געצויגן די הענט, אויסגעגעניצט האַלב־דערזאָגטע „מודה־אַני'ס" און געוועקט די יונגען:

— חברה, אויפגעהויבן זיך, דער „רויטער האָן" קרייעט שוין!...

עלטערע גוים האָבן זיך געצלמט און געוועקט די שקצים:

— כלאָפּצי, אָנגעטון זיך! די „סירענע" רופט!

נאָר יונגוואָרג האָט זיך נישט גערירט.

— שלאָפּן לאָזט! — האָבן זיי געשריגן — זאָל זי שרייען אויף די צייןָ.

די אַלטע האָבן די אויערן נישט געגלייבט. דאָס ערשטע מאָל האָט מען דאָ אַזעלכע ווערטער קעגן פייפל גערעדט.

— נו — האָבן די אַלטע געריסן די שלאָפנדיקע ביי די אַקסלען — גיכער, מ׳עט נאָך פאַרשפּעטיקן.

— מ׳עט נישט גיין! — האָט אַ יונג געענטפערט.

— ניע פּוידזיעם! — האָט אַ שייגעץ געזאָגט.

— יום־טוב היינט! — האָט אַ צווייטער אַריינגעוואָרפן.

— ניי־יאָר! — האָט אַ דריטער געברומט.

און עפּעס, ווי אָפּגערעדט זיך, האָט זיך אַן אומווילן אָנגעהויבן טראָגן איבערן פינצטערן באַראַק און אָנגעשטעקט די שטיקנדיקע בראָנפן־אָנגעזאַפּטע לופט.

— ניע פּוידזיעם!

— ניע!

דער גאַנצער אומזין פון מאַיאָר מייערס רו, וואָס דאַרף דויערן פון זעקס פאַרנאַכט דעם איין־און־דרייסיקסטן דעצעמבער טויזנט ניין הונדערט פופצן, ביז זעקס פרי דעם ערשטן יאַנואַר טויזנט ניין הונדערט זעכצן, איז געשטאַנען אין שטיקנדיקן באַראַק, אָנגעשלאָגן אין די האַלב־פאַרשלאָפענע צעשויבערטע קעפּ, געעגבערט אין זייער טעמפּקייט און עפּעס קלאָר געמאַכט. שטאַרק קלאָר געמאַכט — און שטימען, פול מיט כעס, פאַרביטערונג האָבן זיך געטראָגן אין שטרוי, געבונטעוועט זיך קעגן פייפל.

— מיר׳ן נישט גיין!

דער צווייטער פייף האָט זיך דורכגעשניטן אין דער לופט, דורכגעשניטן זיך שאַרף, מאָנעריש, קוויטשעדיק, דרייענדיק זיך ווי אָן אַ סוף גאָר.

יונגען האָבן זיך פאַרשטאָפּט מיט די פינגער די אויערן, גלייך זיי וואָלטן דאָס ערשטע מאָל געהערט אַ פייפל.

— טשיכאָ! — האָבן קולות געשריגן — ווער פאַרשטומט!

— שווייג!

— רעד צום דאַשעק!

וואָס מער דאָס פייפל האָט גערופן, אַלץ מער האָט דער כעס זיך גע־שטאַרקט. די גאַנצע אומרעכט פון אַלע איבערגעריסענע שלאָפנדיקע שעה׳ן האָבן זיך ווי מיטאַמאָל אוועקגעשטעלט פאַר די אויגן. ווי אַ פאַרגליווערונג איז אָנגעפאַלן, געטראָגן זיך פון ווינקל צו ווינקל און נישט געלאָזט זיך רירן פון אָרט.

— מיר׳ן נישט גיין!

— ניין!

ביים רויטן פּעלץ האָבן די אויגן געלויכטן אין דער פינצטערניש אַריין.

— ענדלעך! — האָט ער געזאָגט לערנערן און געפינקלט אויף אים מיט גרינגע פייערלעך אין די אויגן.

לערנערן האָט דאָס בלוט אין קאָפּ צוגעשלאָגן. צו אומגעריכט איז עס געקומען. די פּלוצלונגקייט האָט אים איבערראַשט, און אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, אים אָנגעהויבן עפּעס צוריקהאַלטן, באַאומרואיקן.

— שוין? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען — שוין איצט?

— איצט אָדער קיינמאָל נישט! — האָט דער פּעלץ געזאָגט און אים געוויזן מיט דער האַנט אויף דעם באַראַק.

לערנערן האָט אַזש אָטעם פאַרפּעלט פון פּלוצלונגן און אומגעריכטן. ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, אַריינגעצויגן אין זיך אַ ריח פון איינגע־האַלטנקייט, אָנגעשטרענגטקייט און שכרות. דער גאַנצער באַראַק איז געווען דורכגענומען מיט בראַנפן, מיט שכרות. דאָס האָט אים קלאָר געמאַכט. ער האָט זיך צוגעצויגן צום פּעלץ, אַ פּיר געטון מיט דער האַנט אין אַ קרייז, ווי ער וואָלט דעם גאַנצן באַראַק אַרומנעמען, און געזאָגט שטיל:

— דאָס איז איין פאַס בראַנפן! — זעט!

— בעסער! — האָט דער פּעלץ געזאָגט און אַריינגעצויגן אין זיך די האַרבקייט — ווי געוואונטשן.

לערנער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַגרייפן.

דער פּעלץ איז אַרומגעלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן, אומעטום איז ער געווען, אומעטום עפּעס גערעדט, אַוועקגעלאָפן, געמאַכט מיט דער האַנט, מיט דער איינער האַנט, וואָס האָט נאָר פיר און אַ האַלבן פינגער — און פון אַלע זייטן, וואו נאָר ער איז צוגעקומען, האָבן זיך געטראָגן קולות:

— ניע פּוידזשעם, שוויענטאַ!

נישט אַזוי האָט ער זיך געהאַט פאַרגעשטעלט, לערנער, וועט עס זיין דאָס, אויף וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט, געוואַרט, צוגעגרייט. די שקצים האָבן געשריגן:

— מיר׳ן נישט אַרבעטן! אין קאַשטשאָל קומט!

עלטערע גויים האָבן אויך אָנגעהויבן צושטיין:

— נישט לאָזן זיך פון די שוואָבסקע יערעטיקער! אַ זינד!...

לערנער האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן אַרום זיך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט, וועט עפּעס אַ הייליקער קאַטוילישער פאָן באַוויזן זיך אין דער לופט און דער עולם וועט אַוועקפאַלן אויף דער ערד קניען.

ער האָט נאָכגעיאָגט דעם פּעלץ, צוגעשטיקט אים צו אַ ווינקל און אַריינ־געקלאַמערט אים אין זיינע הענט.

— הערט! — האָט ער גערעדט האַסטיק — הערט, וואָס מען פאָדערט!

דער פּעלץ האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן:

— נאַרישקייטן! — האָט ער געזאָגט מיט כעס — אַלץ דאַרף מען אויסנוצן.

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער זיך האַסטיק אַרויס־געריסן פון לערנערס הענט, ווי אַ קאַץ, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם אייזערנעם איוון, וואָס שטייט אין מיטן באַראַק, און אַ דונער געטון מיט זיין הויכער שטים:

— טאָוואַרזשישע!

לערנער האָט געזען, אַז עס איז געשען — און ער האָט מער נישט גערעדט קיין וואָרט. ער איז גיך צוגעלאָפן צו דער צווייטער זייט באַראַק, וואו די יידישע אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן, אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן טיש און גערופן צו זייניקע:

— חברים!

אין פינצטערלעכן, טומלדיקן באַראַק איז געוואָרן שטיל. צוויי געדיכטע קופּעס האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט, איינע לעבן איוון אַרום פעלץ, די צווייטע לעבן טיש אַרום לערנערן, און מיט צוגעלייגטע קעפּ, מיט אויפגע־שטעלטע אויערן און אָפענע מיילער געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז געפאַלן פון דער הויך.

פּראָסטע רייד האָבן זיך געטראָגן אין פינצטערלעכן באַראַק. רייד — שווערע, האַרטע, דומפּיקע, ווי שווער, דומפּיק און האַרט עס זענען געווען די צוזאַמענגעקוועטשטע צוהערער, די אָנגעשטרענגטע פאַרטאָגעדיקע לופט. נאָר יעדער האָט זיי געהערט, ווי זיי וואָלטן זיין אַ נייעס.

— גענוג געלאָזט זיך פייניקן! — האָבן די שטימען פון דער הויך גערופן.

— גענוג! — האָבן קולות געענטפערט.

— מיר ווילן ברויט צו דער זעט!

— ברויט!

— נישט אַרבעטן קיין פייער־שעה׳ן!

— נישט אַרבעטן!

— רוען אַ טאָג אין וואָך!

— רוען!

— נישט רירן זיך פון אָרט, ביז מען וועט נישט נאָכגעבן!

— נישט רירן זיך!

— נישט אָפּשרעקן זיך, האַלטן זיך פעסט ווי אייזן!

— ווי אייזן!

אויף אַ ווײַלע האָבן זיך די צוזאַמענגעקוועטשטע קופּעס אָנגעהויבן ברעכן.

איינער אַ ייד אין אַ שפּענצער, פון וועלכן עס קוקן אַרויס די ציצית, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן צווייטן עק טיש און געשריגן מיט הויכע קולות:

— יידן, לאָזט זיך נישט אָנרעדן צו שלעכטס! ס׳איז היינט זייער חגא,

נישט אונדזער יום־טוב. אַז מיר אַרבעטן אין שבת, מעגן זיי אַרבעטן אין נאָווי־ראָק!

— אמת! — האָבן אים קולות געענטפערט.

— יידן! — האָט דער ייִד געשריגן — מיר'ן זיך נישט שלאָגן פאַר ס'גאָיעס!

— שוין גייט מען זיך אָננעמען פאַרן יויזל? — האָבן זיך שטימען געהערט.

— פאַר יאָסל פאַנדרע! — האָבן אַנדערע איבערגעריסן.

— כאָ, כאָ, כאָ — האָבן געלעכטערס געפּלאַצט.

— כי, כי, כי!

לערנער האָט זיך אויסגעדרייט, געגרופן צו זיך. נאָר די קופּע האָט זיך אָנגעהויבן רייסן צווישן זיך. שמואליקל זשולטשיק איז צוגעלאָפן צום ייִד אין שפּענצער און געשלעפּט ביי די פּיס פון טיש, האָבן אַנדערע זיך געלאָזט צו לערנערן און געהויבן צו אים פויסטן.

— אַראָפּ! — האָבן געשריגן קולות — אַראָפּ!

פון דער קופּע אַרום פעלץ האָבן זיך הענט געהויבן אין דער הויך און קולות האָבן געשריגן:

— זשידזשי!

נאָר אינמיטן האָט זיך אַריינגעריסן דאָס דריטע פּייפל — און גלייך דערנאָך זענען ביידע אויפזעער, פּופּ און גריליאַק, אַריין און געשריגן מיט שיכורע שטימען:

— אַרבייטען, פערפלוכטע באַנדע! דריטער זיגנאַל!

האָט מען פאַרגעסן אין מחלוקת. די גאַנצע אויפרעגונג, צאָרן און קריי־גערישקייט איז אַריבער צו די צוויי וואַקלענדיקע, אָנגעשיכורטע דייטשן.

— ווינאָש שע, שוואַביע! — האָבן זיי קולות באַגעגנט.

— איבער די קעפּ גיט זיי!

און שטיקלעך שטיין־קוילן האָבן אָנגעהויבן פליען אין דער לופט.

ביידע דייטשן זענען גיך אַנטלאָפן, פאַלנדיק פון שיכרות און שרעק — און דער פעלץ מיט לערנערן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי ביידע זייטן באַראַק־טויער. אין איין אויגנבליק איז געשטאַנען לעבן זיי אַ וואַך, אַ וואַך אייגענע יונגען און שקצים, און מען האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט.

— נישט אַרויסלאָזן קיינעם! — האָבן ביידע אויסגערופן הויך — ווער ס'וועט נישט פאָלגן — איבערן קאָפּ.

— איבערן קאָפּ — האָט די וואַך געענטפערט און געדריקט די פויסטן, די האַרטע, צוזאַמענגעקוועטשטע פויסטן, גרייט צום שלאָגן.

פון אַ ווייטן באַראַק־ווינקל האָבן זיך נאָך עפּעס ברוגזע ווערטער גע־טראָגן, נאָר דער עולם האָט זיי אָפּגעהאַקט:

— שווייגן! „מילטשעטש"!

האָט קיינער קיין וואָרט נישט גערעדט.

אַלע זענען געזעסן אויף די ערטער שטיל, אומבאַוועגלעך, מיט איינגע־האַלטענע אָטעמס, מיט שרעק און דערוואַרטונג צוזאַמען.

בלויז פון דרויסן האָט געשטורעמט אַ פאַרטאַגיקער ווינט און געקלאַפּט מיט עפּעס אַ שטיק נאָכהענגענדיקן בלעך איבער אַ דאַך.

יעדע מינוט האָט זיך געשלעפּט ווי אַן אייביקייט. נאָך אַ היפּשער צייט וואַרטן, האָבן זיך טריט דערהערט, פעסטע, זעלנערישע טריט, וואָס האָבן זיך גערוקט אַלץ נענטער און נענטער.

ענדלעך זענען זיי אויסגעוואַקסן אַ צענדליק טריט לעבן די אָפענע טויערן פון באַראַק. אויבנאָן איז געגאַנגען מאַיאָר מייער. ער האָט געשפּאַנט האַסטיק, מיט פאַראַדנע, מיליטערישע שפּרייזן, נאָר די פיס האָבן אים נישט געפאָלגט און זיך געוואַקלט פון שיכּרות. הינטער אים האָבן מאַרשירט אַ צענדליק לאַנד־שטורמער, באַוואָפנט מיט ביקסן.

אָפּגערוקט אויף עטלעכע טריט בלויז פון באַראַק, האָט זיך מאַיאָר מייער אָפּגעשטעלט און געגעבן אַ באַפעל די לאַנד־שטורמער מיט אַזאַ הויכער, פייערלעכער שטים, ווי ער וואָלט געהאַט הינטער זיך אַמווייניקסטן אַ גאַנצן רעגימענט:

— האַלט!

די לאַנד־שטורמער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

מאַיאָר מייער האָט זיך דערנענטערט צום אָפענעם טויער און אויסגעווישט די געפרווירענע וואָנסן פון פראָסט, וואָס האָט זיי באַדעקט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט, אַרויסגערוקט דעם ברייטן ברוסט־קאַסטן, וויפל נאָר עס האָט זיך געלאָזט, און אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין קאָפּ פון לאַנגן שווערד, וואָס ער האָט פאַרזעצט אין דער ערד, האָט ער באַטראַכט דעם טונקעלן באַראַק, דורכגענומען אים מיט זיינע העלע, שטאָלענע, דורכ־דרינגלעכע אויגן.

דער עולם איז געבליבן אומבאַוועגלעך, ווי פריער; אויסגעהאַלטן מאַיאָר מייערס בליק, און מאַיאָר מייער האָט אויפגעהערט קוקן.

— אַאופשטעהן! — האָט ער געגעבן אַ באַפעל — הערונטער מיט דען מיצען!

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, עפּעס ווי אַ פאַרגליווערונג איז אויף אַלעם אָנגעפאַלן.

מאַיאָר מייערן האָט דאָס גאַנצע בלוט אָנגעשטויסן אין פּנים — דאָס ערשטע מאָל, אַז זיינער אַ באַפעל איז נישט געהערט געוואָרן. ביידע ברעגן וואָנסן האָבן ביי אים געציטערט פון אויפרעגונג.

נאָך אַ מינוט שווייגן, איז געקומען אַ צווייטער באַפעל:

— הערויס!

קיינער האָט זיך נישט גערירט.

מאַיאָר מייער האָט פאַרביסן אַ ברעג ליפּ. דאָס בלוט אין געזיכט האָט זיך ביי אים געביטן — געשטיגן און אַראָפּגעפאַלן.

— וואָס איזט היער לאָאָז? — האָט ער געפרעגט מיט אַן איינגעהאַל־טענער שטים.

לערנער מיטן פעלץ האָבן זיך אַרויסגערוקט אויף אַ האַלבן טריט:

— מיר שטעלן באַדינגונגען.

— בע־דינ־גונ־גען! — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט. באַלד האָט ער זיך אויסגעגלייכט און געפרעגט גיך:

— וואָס דען פיר איינע בעדינגונגען?

לערנער מיטן פעלץ האָבן אויסגערעכנט אַלץ, וואָס זיי ווילן: ברויט צו דער זעט, און שלאָפן גענוג, און רוען איינמאָל אין וואָך, און אַ לוין אַ בעסערער.

ביי יעדן באַדינג האָט אַלץ מער בלוט צוגעשפּאַרט דעם מאַיאָר אונטער די אויערן. דער עולם האָט געקוקט אויף זיין אָנגעלאָפּענעם בלוטיקן פּנים מיט דורכדרינגלעכע, אומרואיקע אויגן. אָבער באַלד האָט דאָס בלוט אָפּגע־טראָטן, אַ בלאַסקייט איז דערויף אָנגעקומען.

— נו, יאַ — האָט ער ענדלעך געזאָגט צו לערנערן און דעם פעלץ — וויר ווערדען דאָך ניכט אין „באַראַק" דעריבער שפּרעכען! קאָמט אין ביוראָ!

ביידע האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט.

מאַיאָר מייער האָט פאַרמאַכט אַן אויג, איין אויג און שווייגנדיק באַטראַכט דעם באַראַק.

— לויטע, הערויס! — האָט מאַיאָר מייער באַפוילן — אין ביוראָ זיך פערזאַמלען, דאָרטען שפּרעכען וויר דעריבער!

צווישן עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. טייל האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן, געוואָלט זיך רירן.

דער פעלץ און לערנער האָבן געגעבן באַפעלן:

— נישט רירן זיך פון אָרט! ער וויל אַריינאַרן!

און דער עולם איז צוריק געבליבן אויף די ערטער.

מאַיאָר מייער האָט ווידער פאַרמאַכט אַן אויג און אַ נייע ווענדונג אָנגענומען:

— יודען, אויפמערקזאַם! — האָט ער אויסגעשריגן — די יודען האָבען הויטע קיין פייערטאַג, הערויס! — מיט דען פאַלען ווערדען וויר בעזאָנדערס שפּרעכען.

— נישט גיין! — האָט לערנער באַפוילן — צוזאַמען זיך האַלטן!

— נישט רירן זיך! — האָט דער פעלץ אויסגעשריגן און געוויזן אַ פויסט — ווער ס'וועט שטעלן אַ טריט — איבערן קאָפּ!...

האָט מאַיאָר מייער זיך אַוועקגעדרייט פון באַראַק און געווענדט זיינע באַפעלן צו די לאַנד־שטורמער:

— געוועהר!

די לאַנד־שטורמער האָבן אַראָפּגענומען די ביקסן.

— פערטיג! זעצט אָן!

די לאַנד־שטורמער האָבן אָנגעצילט די לופט קעגן באַראַק.

— פויער!

צען ביקסן האָבן געגעבן אַ זאַלב.

רויך, פולווער, קרעכצן, קללות, פאַלנדיקע קערפּערס און בלוט האָבן זיך צונויפגעוויקלט אין אַ פּלאָנטער און זיך נישט געקאָנט אויספּלאָנטערן.

אין פּלאָנטערנדיקן טומל האָבן זיך שאַרפע באַפעלן אַריינגעשניטן — באַפעלן אין דריי שפּראַכן מיטאַמאָל:

— פויער! — האָט מאַיאָר מייער באַפוילן.

— אויף דער ערד זיך אויסלייגן! — האָט לערנער געשריגן!

— הוראַ נאַ שוואַבואוו! — האָט דער „פעלץ״ איבערגעשריגן.

די קנויל האָט זיך געבראָכן. טייל האָבן געריסן די דינע ברעטער אין די ווענט און פאַרשוואונדן אין דער נאַכט; אַנדערע האָבן זיך געלייגט אויף דער ערד, און אַנדערע האָבן גאָר געכאַפּט, וואָס עס איז געקומען אין דער האַנט, אייזנס, ברעטער, לאָפּאַטעס, שטיקער שטיין־קוילן און מעסערס און גערוקט זיך פאַרויס.

— הוראַ נאַ שוואַבואוו! — שנײדט!

אין דער פינצטערער, פאַרטאָגעדיקער, קאַלטער לופט איז וואַרעם געוואָרן. קוילן, שטיינער און אייזנס האָבן זיך געמישט, געפייפט אין דער לופט, געפאַלן אין פוסטקייט, איבער קעפּ — און קולות האָבן געשפּאָלטן די לופט:

— אַנטלויפט! שנײדט! ראַטעוועט! — יעזו! פאַרויס!

צו די פוילישע און יידישע קולות האָבן זיך די דייטשע פאַראייניקט:

— גאָטט! — פויער! — צוריק! — הילפע!

פונקט ווי דאָרטן, אויפן פעלד בעת אַן אַטאַקע, נישט זעענדיק קיין זאַך, נישט וויסנדיק וואו און נאָך וואָס, נאָר הערנדיק דעם „הוראַ״, פלעגט ער לויפן מיט דעם באַגנעט פאַרויס און פאָכען, שלאָגן, אַמאָל אין דער לופט, אַמאָל אין עפּעס ווייכס — אַזוי אויך איצט איז לערנער געלאָפן פאַרויס אין דעם פינצטערלעכן פאַרטאָג און געפאָכעט מיט אַ גרויסן, שווערן אייזערנעם „לאָם״, מיט אַ „לאָם״, וואָס מען האַקט אייז, טרעפנדיק אַמאָל אין דער לופט און אַמאָל אין עפּעס ווייכס.

ער האָט נישט געזען וואו ער איז, וואו ער לויפט, נאָך וואָס ער לויפט — נאָר געלאָפן, געשלאָגן און געשריגן.

ערשט אַז ער איז שוין געהאַט אָפּגעלאָפן אַ צייט און די פיס האָבן זיך

אָנגעהויבן שטרויכלען איבער אייזנס, קלעצער און שטיינער — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן געקוקט אַרום זיך.

— האַ?

קיינער אַרום אים איז נישט געווען. בלויז אָנגעוואָרפענע אייזנס, קלעצער און שטיינער. אַרום איז פּוסט, זעלטן אַ קול הערט זיך. בלויז דער ווינט שנײַדט אין פּאַרטאָגעדיקן פרימאָרגן, און ווייט אַראָפּ, נידעריק צו דער ערד צעצינדט זיך אַ קאַלטער, פּאַרטאָגעדיקער, רויטלעכער פּאַס אויפן גרינלעכן הימל.

ערשט איצט האָט ער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, וואָס עס איז געשען און געפּלאָנטערט מיט די פיס, נישט געוואוסט וואו אַ טריט צו שטעלן — פאָרויס, צי ווייטער?

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן דער פּעלץ לעבן אים.

— וואַרף אַוועק! — האָט ער אים האַסטיק געזאָגט.

לערנער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם אייזן.

— אַראָפּ צום טײַך!

ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער געפרוירענער שטייענדיקער ווײַסל און מיט פולע טריט געלאָזט זיך פאָרויס.

דער טײַך איז געווען גליטשיק, קרעציק. די באַנאַגלטע פיס האָבן זיך געגליטשט, געפאַלן, אויפגעשטעלט זיך און געגאַנגען פאָרויס, אַלץ פאָרויס!

אַז עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק — האָבן זיי זיך ביידע אַרויפגעדראַפּעט איבער אַ ליימיק־געפרוירענעם ברעג און אַראָפּגעלאָזט זיך אין אַ שמאָלן שוץ־גרובן, וואָס האָט זיך אַוועקגעשלענגלט אין דער ווײַטקייט אַרײַן.

עטלעכע צענדליק מעטער איז ער געווען שמאָל, דער שוץ־גרוב, אָפּן, באַלד איז ער געוואָרן ברייטער, אויסגעקלאַפּט מיט ברעטער ביי די זייטן און באַדעקט מיט אַ דאַך פון באַלקנס — און לערנער מיטן פּעלץ זענען געקראָכן אין דער פינצטערניש, געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, אַליין נישט וויסנדיק וואוהין עס פירט זיי.

בלויז די פיס האָבן זיך געשטרויכלט אין בלעכענע שאַכטלען, שמאַטעס און אין אומריינקייט — און געגאַנגען ווייטער.

צום סוף זענען זיי צוגעקומען צו אַ טויטן פּונקט — קעגנאיבער האָט זיי באַגעגנט אַ וואַנט, אַ שטומע, פינצטערע וואַנט. מיט דעם זעלנערישן אינסטינקט האָבן זיי ביידע גלייך דערפילט, אַז דאָ מוז זיין עפּעס אַן אויסגאַנג, אַ פאַרמאַסקירטער אויסגאַנג — און זיי האָבן געטאַפּט מיט די פינגער אין דער פינצטערניש, געבויגן די קעפּ נידעריק, זיך נישט אָנצושלאָגן אין עפּעס.

לערנער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און דערטאַפּט עפּעס אַ שמאָלע הייל. ביידע האָבן זיך איינגעבויגן אין דרייען, דורכגעקראָכן די שמאָלע הייל און אַרײַן אין אַ ברייטער אויסגעבויטער שוץ־שטוב. דאָרטן איז געווען אַלץ:

הילצענע טאַפּטשאַנעס, אַ טיש אויף דריי פיס, אַ צעבראָכענע ביקס, עטלעכע שוץ־לעכער פון אַ מענטשלעכער גרויס און געדרייטע שמאָלע טרעפּ, וואָס פירן צו עפּעס אַן אויסגאַנג.

אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָבן זיי בײדע זיך אַוועקגעזעצט אויף די באַלקנס איינער לעבן אַנדערן.

— ביסט גאַנץ? — האָט לערנער שטיל געפרעגט.

— יאָ, און דו?

— בלויז אַ ברעג אויער אָפּגעסמאַליעט!

— מיר וואַרטן דאָ ביז נאַכט! — האָט דער פעלץ דערויף געענטפערט — בייטאָג איז גאָרנישט וואָס צו מאַכן.

— און אַז „זיי" וועלן טרעפן אַהער? — האָט לערנער שטיל געפרעגט.

— וועלן „זיי" קריגן אָט דאָס!...

דער פעלץ האָט לערנערן געגעבן אָנצוטאַפּן אַ קאַלטן רעוואָלער.

„זיי" זענען נישט געקומען. דער קורצער ווינטער־טאָג האָט זיך אונטער דער ערד געצויגן ווי אַן אייביקייט. יעדער שאָרך פון דרויסן, יעדער ווינט, יעדער קראַקן פון אַ קראָ האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַן אַ שיעור ווידער־קולות — נאָר געקומען איז קיינער נישט.

די לאַנגע, פּוסטע, שטילע אונטערערדישע שעה'ן האָבן אַזוי לאַנג זיך געצויגן, אַז מען האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן אין דער שרעק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אייביק וועט מען שוין דאָ אַזוי זיצן. איין זאַך האָט געמאַטערט:

— וואָס איז געשען דאָרט, אויף דער בריק?

ביידן האָט דאָס גלייך געמאַטערט. נאָר קיינער האָט זיך נישט פאַרגונען אַרויסרעדן אַ וואָרט און געשוויגן.

דער פעלץ האָט כסדר צוגעלייגט זיין זעלנערישן ציבעלע־זייגער צו די אויערן און געגוויט זיך דערגיין די שעה'ן אין דער פינצטערניש.

שפּעט ביינאַכט האָט ער אַריינגעשטעקט לערנערן דעם רעוואָלווער אין קעשענע. פאַר זיך האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער כאָליעווע אַ מעסער, אַ שוסטעריש מעסער מיט אַ לעדערן הענטל, און אַרויפגעדראַפּעט זיך איבער די שמאָלע פאַרמאַסקירטע אָקאָפּ־טרעפּ אין דער נאַכטיקער פינצטערניש אַריין.

— האַלט צו דעם „שפּייער" — האָט ער שטיל געזאָגט — איך אַרבעט בעסער מיט אַ בריטוווע...

זיי זענען אַרויסגעקומען צו אַ קוסט, אַ געדיכטן געפרוירענעם קוסט, אונטער וועלכן די עפענונג איז געווען פאַרמאַסקירט.

דער פעלץ האָט אַרומגעשמעקט דעם פּוסטן פינצטערן געגנט עטלעכע מינוט, איינגעהערט זיך מיט די אויערן אין אַלע זייטן און געהייסן גיין אין אַ זייט.

אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געקראָכן אין דער פינצטערניש, געבלאָנדזשעט, געדרייט זיך און ענדלעך אַרויסגעקומען צו אַ שליאַך.

— צוריק! — האָט דער פעלץ געזאָגט לערנערן — מיט הינטער־וועגן.

אין דעם אויגנבליק האָט זיי אַ בליץ געטון אַן עלעקטריש לעמפּל גלייך אין די אויגן אַריין.

אַ ווייסער פעלץ מיט אַ שפּיץ פון אַ פּיקלהויב האָט זיך גערוקט צו זיי.

— האַלט!

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער ווייסער פעלץ האָט זיך צוגעשאַרט. די ביקס איז אים געהאָנגען אויף דעם אַקסל. פון ריזיקן ווייסן פעלץ האָט אַרויסגעקוקט אַ גראָב אָנגעבלאָזן געזיכט מיט גרויסע ברילן.

— וואָהין? פּאַסיר־שיין!

לערנער האָט אָנגעהויבן זוכן ביי די קעשענעס, אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ דאָקומענט און דערלאַנגט דעם גראָבן דייטש. דער דייטש האָט קוים געריררט מיט די הענט. ער איז געווען אַזוי פאַרטוליעט, אַז ער האָט זיך קוים געריררט. דער דייטש האָט צוגעלייגט דאָס פּאַפּיר צו די פאַרלאָפענע ברילן און געקרעקט זיך מיט די אָפּגעריבענע ווערטער.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — דאָס איזט דאָך צום טויפעל קיין פּאַסיר־שיין! אונד זי? — האָט ער געפרעגט דעם פעלץ.

דער פעלץ האָט דערלאַנגט דעם דייטש אַ פּאַפּיר און לערנערן אַ שטייפן קוועטש אין האַנט.

דער פאַרהילטער דייטש האָט ווידער צוגעלייגט די ברילן צום פּאַפּיר, געזוכט און געברומט:

— וואָס צייגען זי דען? — האָט ער געשריגן און געקוקט אין פּאַפּיר מיט די ברילן — פּאַסיר־שיין!

דער פעלץ האָט אַריינגערוקט דאָס שוסטערישע מעסער אין האַנט און פלינק, געשיקט, מיט זיכערקייט און געשיקטקייט, אַריינגעזעצט עס דעם גראָבן דייטש אין סאַמע גאָרגל אַריין.

— מאָש, שוואָביע, פּאַסיר־שיין!

— גאָטט! — האָט דער דייטש אויסגערופן, געוואָקלט זיך און געקלאַמערט מיט אַ האַנט אין דער ביקס.

לערנער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און מיט דער גאַנצער קראַפט אַ זעץ געטון דעם דייטש מיטן אייזערנעם קאָפּ איבער דער האַנט, און דער דייטש איז געפאַלן אויף דער ערד.

מיט דער זעלבער גיכקייט און געשיקטקייט האָט דער פעלץ צוריק אַרויסגעצויגן דאָס שוסטערישע מעסער פון דעם אומגעפאַלענעם דייטש, אָפּגעווישט עס אין דייטשישן ווייסן פעלץ און געכאַפּט לערנערן ביי דער האַנט:

— שנעל!

זיי זענען געלאָפן איבער פרייע פעלדער, וועלדלעך, געפּרווירענע טייכ־לעך, איבער טאָלן און בערג, געלאָפן, געפאַלן און אויפגעהויבן זיך.

פאַרטאָג זענען זיי אָנגעקומען צו אַ דאָרף. בלישטשענדיקע לעמפּלעך האָבן געפינקלט אין די געפּרווירענע קליינע דאָרפישע שייבלעך. אויף דעם פאַרטאָגיקן הימל האָט זיך געצייכנט אַ שפּיציקער טורעם פון אַ פּאַלאַץ.

— „וואולקאַ״! — האָט דער פעלץ אויסגערופן מיט פרייד — דאָ בין איך ווי ביי זיך אין דער היים.

ער האָט אַלע דערפער דאָ געקענט, דער פעלץ, אַלע פּריצישע הויפן און פאַראַבקעס. נישט איינמאָל האָט ער דאָ געאַרבעט, שטרייקן אָרגאַניזירט. דאָ האָט ער געהאַט בלויז אייגענע און די גרינע אויגן האָבן ביי אים געלויכטן.

— שנעל! — האָט ער געמונטערט לערנערן און דורך אַ זייטיקן וועג אַריין אין אַ ריזיקן פּריצישן הויף.

— איר דערקענט נישט „כלאָפּצי״? — האָט ער געזאָגט צו די פאַראַבקעס, שקצים אין פעלצלעך און אין קורטקעס.

— ניין, מיר דערקענען נישט.

— שטשיגעל! דערמאָנט איר זיך?

— אָליאַ באָגאַ! — האָבן די שקצים אויסגערופן — אַזאַ באָרד!

— באַהאַלט אונדז! — האָט דער פעלץ געזאָגט — גיך און אויף אַ זיכער אָרט... שוואָבעס יאָגן אונדז...

— קומט! — האָבן די פאַראַבקעס געזאָגט, נישט איבערפרעגנדיק קיין וואָרט, און אַוועקגעפירט בײדע אין אַ וויטן פאַרשאָטענעם קאַרטאָפל־קעלער, וואָס שטייט אין אַ ווינקל הויף, באַשאָטן מיט שניי.

נאָכן ערשטן אָנבייסן פון הייסע קאַרטאָפל מיט מילך, וואָס בײדע האָבן אָפּגעגעסן אין קעלער, האָט מען דעם פעלץ געבראַכט אַ בריטווע מיט זייף. פון דער העלער באָרד זיינער האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזט, אַפילו די וואָנסן נישט.

לערנער האָט אויך געוואָלט זיך אַרומראַזירן, ער איז אינגאַנצן געווען באַוואָקסן. נאָר דער פעלץ האָט אים נישט געלאָזט:

— מוזט דיר פאַרלאָזן אַ באָרד! — האָט ער אים געזאָגט.

שפּעטער מיט פיר וואָכן זענען בײדע, דער פעלץ און לערנער, אַוועק־געפאָרן ביינאַכט פון הויף אין פאַרשידענע זייטן.

דער פעלץ, אַ געגאָלטער, אין אַ קורטקע מיט הויזן, ווי אַ דאָרפישער שייגעץ, איז געפאָרן מיט אַ פור האָלץ.

לערנער אין אַ יידישער קאַפּאָטע, מיט אַ פּליושן היטל אויפן קאָפּ, מיט אַ שוואַרץ, שטייף בערדל און מיט אַ נייעם נאָמען — איז אַוועק מיט אַ גרויסער פראָווינצער פור, וואָס פירט קיין וואַרשע זאַלץ און נאַפט.

אויף דער וואַרשעווער ראָגאַטקע, וואו די גרויסע פראָווינצער פורן האָבן

זיך אָפּגעשטעלט צוזאַמען מיט אַלע פּאַסאַזשירן, יידן און יידענעס, האָט אַ פֿאַרשלאָפֿענער דייטש געמאַטערט זיך איבערצולייענען זיין נייעם פּאַס, עפּעס אַ צעריסן שטיקל רוסיש דאָקומענט, און געברומט:

— ס׳גוט, ס׳גוט! לאָס!

אויף דער וואַנט פֿון וואַך־ביידל זיינען געהאַנגען אַ סך באַפֿעלן, מיט־טיילונגען. צווישן אַלע איז געהאַנגען אַן אָפּגעצוואָגענער בריוו מיט אַ באַלוינונג פֿון טויזנט דייטשע מאַרק פֿאַר צושטעלן צוויי בריקן־אַרבעטער, בנימין לערנער און אַדאַם קלאָס, וואָס זענען אין דער נאַכט פֿון ניי־יאָר אַנטלאָפֿן פֿון דער בריק און אויפֿן וועג דערמאָרדעט דעם דייטשן לאַנד־שטורמער יאָהאַן לינקע.

לערנער איז מיטן ערשטן טראַמווי אַוועק אין שטאָט.

קאַפּיטל עלף

אַ ל י י ן

אין גרויסן אָפּגעשיילטן הויף, וואו ר׳ ברוך־יוסף האָט געוואוינט, האָט מען אויפגעהערט פאַר ר׳ ברוך־יוספן האָבן דרך־ארץ.

— אַ קבצן! — האָבן יידן געזאָגט אויף אים — אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס.

— און אַ פאַרשייטער קבצן דערצו — האָבן אַנדערע געהאַט תרעומות — אַ פאַרריסענער דלות, אַ בעל־גאווהניק.

ביי ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב איז געווען שלעכט. אַפילו די שטענדיק־פאַרשלאָסענע טירן האָבן מער נישט געקאָנט באַהאַלטן די אָרעמקייט.

פון פאָלוואַרק באַראַנוקע, וואו ר׳ ברוך־יוסף האָט זיך געקליבן גראָבן טאָרף, האָט זיך גאָרנישט נישט אויסגעלאָזט — און אַלץ צוליב גנענדלען.

באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, איז יעקל קאַרלאָווער געקומען צופאָרן אויף אַ דראָשקע צו ר׳ ברוך־יוספן און אָנגעהויבן רעדן אָפענע דיבורים:

— מזל־טוב, ר׳ ברוך־יוסף! — האָט ער געזאָגט, ווי נאָר ער האָט די שוועל איבערגעטראָטן — מיר האָבן זיך דערלעבט. דער „טאָרף" איז אונדזערער...

— כ׳האָב אָבער באַלד געזאָגט, אַז ס׳איז פּאַניעס לעצטע טעג — האָט ר׳ ברוך־יוסף זיך באַרימט, כאָטש קיינער האָט דאָס פון אים גאָרנישט געהערט — כ׳האָב באַלד געוואוסט...

און ווי ביי יעדער שמחה, האָט ער אַראָפּגענומען פון דער שאַפע דעם בייכיקן בוטל וויינשל־זאַפּט און אָנגעגאָסן צוויי פולע חמצדיקע כוסות — איינע פאַר זיך און איינע פאַר יעקלען.

— לחיים, יעקל, לחיים פאַר „באַראַנוקע".

— לחיים, ר׳ ברוך־יוסף, לחיים פאַרן טאָרף.

ער האָט געוואוסט, יעקל, וואָס ער טוט. וויפל מאָל ער האָט דערמאָנט דעם טאָרף, אַזוי־פיל מאָל האָבן ביי ר׳ ברוך־יוספן אויפגעגלאַנצט די אויגן, און ער האָט דאָס וואָרט גאָר פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער עס דערמאָנט.

עטלעכע חדשים צייט איז ער אַלץ אַזוי געקומען, יעקל קאַרלאָווער, און געטרונקען מיט ר׳ ברוך־יוספן וויינשל־זאַפּט. די ערשטע עטלעכע חדשים האָט מען נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאָרן קיין באַראַנוקע. עס האָט געהערט, דאָס פאָלוואַרק, נישט צו די דייטשן, נאָר צו די עסטרייכער, און ביז מען האָט אָנגעהויבן צוריקשיקן די היימלאָזע האָט געדויערט אַ צייט.

איבעריקנס האָט ער זיך גאַרנישט געאײַלט אַזוי אין דאָרף אַרײַן. יעקל קאַרלאָווער האָט דערווײַל דאָ אין וואַרשע געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן. פּונקט ווי פריער מיט די רוסישע אָפיצירן, האָט ער זיך שוין געקענט איצט מיט די דײַטשישע אָפיצירן, געווען מיט יעדן אויסגעקאַכט, געשפּילט צוזאַמען אין קאָרטן, געגאַנגען איבער די רעסטאָראַנען, געשאָנקען מתנות און געמאַכט געשעפטן. ער האָט שוין געהאַט איצט עטלעכע קאָנצעסיעס אײַגענע. קאָנצע־סיעס אויף אַ מיל, אויף אַ גאַרבערײַ און אַפילו צו האָלץ, צו וועלכן קיינער האָט נישט געהאַט קיין צוטריט, האָט ער, יעקל קאַרלאָווער, באַקומען אַ וועג.

פּונקט ווי פריער די רוסישע אָפיצירן, אַזוי זענען אויך איצט די דײַטשן געווען אַנטציקט, געהאַלטן פון אים אַ וועלט.

— יאָ — האָבן זיי געזאָגט ביי יעדער געלעגנהייט — דער קאַרלאָווער איזט בראַוו אונד ערליך, דער איזט יאָ קיין יודע...

ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן קליידן זיך אַפילו ווי אַ דײַטש. אויסגעפּוצט זיך אין געלע שיך מיט גלאַנציקע, געלע שטולפּן, ווי אַלע דײַטשע אָפיצירן טראָגן. הויזן האָט ער געטראָגן העלע, געפּאַסטע, דעם קאָפּ האָט ער דין געשוירן, מעשה מיליטער־מאַן, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שפּיץ־רוט, מיט וועלכן ער האָט זיך וואויל־יונגעריש געשמיסן איבער די גלאַנציקע כאָליעוועס. אַפילו אַ הונט, אַ וואָלף, האָט ער זיך אײַנגעהאַנדלט ביי איינעם אַ דײַטש, אַ פעלד־זשאַנדאַרם, און געדערעדט צו אים הויל דײַטש:

— העקס! — האָט ער אים אָפּט גערופן — העקס, פאַס מאַהל אַוף... העקס!

יידן האָבן אים אָפּגעטראָטן דעם וועג, אַז ער איז דורכגעגאַנגען מיט זײַן הונט, אָנגענומענדיק אים פאַר אַ דײַטשן געהיים־אַגענט. סוחרים האָבן אים די שוועלן פון זײַן שטוב אָפּגעשלאָגן נאָך טובות צום דײַטש.

— הער קאַרלאָווער — האָט מען אים געחנפעט — איר זענט דאָך ביי „זיי" גרויס, טוט אַ טובה.

עס איז אים דאָ גוט געווען אין וואַרשע. אים האָט זיך גאַרנישט געגלוסט אַוועקצופאָרן אין דאָרף און אַרײַנבראָקן געלט אין די באַראַוועקער זומפּן, פונוואַנען ר׳ ברוך־יוסף וויל שלעפּן טאָרף.

דעריבער טאַקע איז ווי לאַנג מען האָט צו די עסטרײַכער נאָך נישט געקאָנט קומען, איז ער געקומען יעדן טאָג צו ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב, געטרונקען ווײַנשל־זאַפט און מכבד געווען ר׳ ברוך־יוספן מיט געשמאַקע ציגאַרן.

— ס׳שמעקט גוט! — האָט ער געלויבט דעם ציגאַר, פּונקט אַזוי ווי די דײַטשע באַאַרטע קאַפּיטאַנען און מאַיאָרן זאָגן עס, ווען ער איז זיי מכבד מיט אַ גוטן ציגאַר — ס׳שמעקט גוט...

גנענדל האָט זיך אמת געהאַלטן פון דער ווייטנס. ער האָט זי נישט

געקאָנט צוציען צו זיך נישט מיט די גלאַנציקע דייטשע שטולפּן, נישט מיט דעם שפּיצרוט, נישט מיט דעם פאַרדייטשטן יידיש, מיט וועלכן ער האָט איצט גערעדט און אַפילו נישט מיטן „וואָלף" העקס...

— פּאַשאָל! — האָט זי געטריבן דעם הונט פון זיך יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט די פאָדערשטע פיס און געריבן זיך איר אין די קניען.

יעקל קאַרלאָווער האָט איר פאַרריכט:

— גוטשעלע, „פּאַשאָל" פאַרשטייט ער נישט. מען דאַרף אים זאָגן אויף דייטש — „העקס, בלייבע רוהיג".

נאָר גנענדל האָט צו אים נישט געוואָלט רעדן קיין דייטש.

און יעקל האָט זיך געפילט באַליידיקט.

אָבער ער האָט זיך קיין סך נישט געמאַכט דערפון.

— ס'איז גאָרנישט! — האָט אים זיין שדכן כתריאל בורר אויסגערעדט — ר' ברוך־יוסף האָט די דעה, נישט דאָס מיידל.

און יעקל קאַרלאָווער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי איז עס.

מיטן געדולד פון אַ גוטן סוחר און אונטערנעמער, וואָס אַז ער וואַרפט אַן אויג אויף עפּעס, לאָזט ער עס שוין נישט פון די הענט אַרויס, איז אים נישט מיאוס געוואָרן קומען יעדן טאָג צו ר' ברוך־יוספן, אַוועקזעצן זיך מיט אים ביים טיש און רעדן איינס און דאָס זעלבע:

— ר' ברוך־יוסף, אינגיכן וועט מען שוין פאָרן... אינגיכן נעמט מען גראָבן...

אַ סך מאָל האָט אים גנענדלס עקשנות אַפילו הנאה געטון. ער האָט שוין געזען דעם טאָג, ווען איר עקשנות ווערט געבראָכן — ער האָט געזען שוין אַפילו, ווי עס וועט אויסזען זייער וואוינונג, דאָס מעבל דאָס נייע, דער שלאָף־צימער. געסט קומען צו זיי, הויכע געסט, אָפיצירן. אַלע קוקן אויף איר, זיין גוטשע, וואָס דרייט זיך אַרום איבער די זאַלן אין ווייכע, זיידענע קליידער, און זענען אים מקנא:

— אַך, וואָס פיר איינע הערליך שיינע פראַו זי האָבען, העררר קאַרלאָווער...

און וואָס מער נישט־צוטריטלעך זי איז געווען, אַלץ מער האָט עס אים הנאה געטון, זייענדיק זיכער ביי זיך, אַז זי וועט סוף כל סוף זיין זיינע.

— נישט געזאָרגט, ר' ברוך־יוסף, מיר'ן גראָבן טאָרף... גראָבן...

אָבער געשען איז עפּעס אַנדערש:

אין לעצטן טאָג, ווען מען האָט שוין געקאָנט פאָרן קיין באַראַווקע, איז יעקל קאַרלאָווער געקומען צו ר' ברוך־יוספן נישט אַליין, נאָר מיט ר' כתריאל בורר און מיט עטלעכע פלעשער גוטן וויין.

— מזל־טוב! — האָט ער געזאָגט — מזל־טוב, ר' ברוך־יוסף! מען פאָרט אַהיים!

און גלייך איז ער אַרויפגעפאַלן אויף ר׳ ברוך־יוספן און אים צוויי מאָל אַ קוש געטון אין בײדע באַקן.

ביי ר׳ כתריאל דעם בורר, וואָס איז געווען אָנגעטון אין דער גלאַנציקער, אַלפּאַגענער זשופּיצע, האָט געשיינט דאָס פּנים מיט דער שיינענדיקער צופרידנקייט, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק פאַר שיינע יידן אַרעמע־לייט, וואָס געלינגט זיי אויסצופירן אַ לייטישן שידוך און כאַפּן מן־הצד אַן אומגעריכטן רח״ש.

יעקל קאַרלאָווער האָט פלינק געעפנט די פלעשער וויין, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, פּונקט ווי די קעלנערס אין די גרויסע רעסטאָראַנען מאַכן עס; ער האָט אויסגעווישט מיט אַ סערוועטל דאָס העלדזל און געקוקט מיט איין מביניש אויג אויף די אָנגעגאָסענע גלעזער.

— איר קאָנט נישט טרינקען, ר׳ כתריאל — האָט ער געזאָגט פריילעך — אַזוי גיך טרינקט מען פּסחדיקן באָרשט, נישט אַזאַ וויין!

פון גרויס גדולה האָט ער אַפילו אָנגעהויבן זיך פאַרגעסן און אַ קיצל געטון ר׳ ברוך־יוספן אין בויך:

— נישט געזאָרגט, ר׳ ברוך־יוסף, מ׳עט גראָבן...

ער האָט געכאַפּט ביי ר׳ ברוך־יוספס ווייב טויבעלע איר האַנט און אַ קוש געטון, כאָטש זי האָט זיך געווערט.

— מחותנתטע — האָט ער געשריגן — ווערט זיך נישט! זאָל דאָס מיר צוקומען, וואָס אייער טאָכטער וועט ביי מיר אָפּקומען!

צום סאַמע סוף איז ער אַריינגעפאַלן צו גנענדלען מיט צוויי גלעזער וויין אין בײדע הענט:

— גנענדלעלע, גוטשעלע, צום וואָהל זיין!

נאָר גנענדל האָט זיך צוריקגערוקט, איבערלאָזנדיק אים אין מיטן שטוב מיט בײדע גלעזער וויין אין די הענט, און יעקל איז אַזוי אַראָפּגעפאַלן, אַז די הענט האָבן אים געציטערט און דער וויין האָט זיך געגאָסן איבער די העלע הויזן זיינע און איבער די דייטשע שטולפן.

ער האָט אָנגעהויבן בעטן, קליין געוואָרן ווי אַ קינד.

— גנענדעלע — האָט ער געבעטן און אויסגעשטרעקט אַ האַנט — פאַרוואָס?

גנענדל איז געזעסן אויף אַן אָרט, געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן און געשוויגן.

יעקל איז נאָך קלענער געוואָרן. אַן אונטערטעניקייט האָט זיך אויסגע־לייגט ביי אים אין פּנים.

גנענדל האָט אויף אים אַ בליק געטון.

— גנענדעלע! — האָט ער געמורמלט.

און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט יעקל, נאָר זיין פאָטער גדליה

שטייט דאָ אין שטוב. פונקט אַזאַ אונטערטעניק פּנים פלעגט ער האָבן, דער טאַטע זיינער, גדליה ווידל, ווען ער פלעגט פאַרבייגיין אַמאָל דורך זייער הויף אין באַראַוועקע, טרייבנדיק אַ ביקל אין אַ הייסן, קאַכעדיקן זומער־טאָג און געבעטן אַ טרונק וואַסער. אַפילו דאָס קול זיינס איז געווען דאָס זעלבע ווי ביים פאָטער זיינעם. יענער פלעגט אויך אַזוי עם־האַרציש איבערטריבן דאַנקען פאַרן וואַסער, וואָס מען פלעגט אים אַרויסטראָגן.

— גנענדעלע! קניינע האַרע! — פלעגט ער זאָגן פאַר דאַנקבאַרקייט — גנענדעלע.

זי האָט אויף אים רחמנות געהאַט, פונקט ווי זי פלעגט רחמנות האָבן אויף דעם טאַטן זיינעם, בעת ער פלעגט אַ מידער, אָן אָפּגעהאַרעוועטער אויסטרינקען מיטאַמאָל אַ גאַנצן קופּערנעם שעפער קאַלט וואַסער. — עס האָט זיך איר אַפילו געגלוסט אָננעמען אים ביי דער האַנט און אים אויסרעדן:

— יעקל, מ׳דאַרף נישט אַזוי...

נאָר אָט האָט יעקל געטון אַ מאָדנעם שריט — ער האָט זיך פלוצלונג געגעבן אַ זעץ אַראָפּ אויף דער ערד צו איר שטול און גענומען קושן איר אין די הענט, שטייענדיק אויף איין קני.

— גנענדעלע, ווערסט זיין גליקלעך ביי מיר. גנענדעלע, אויף די הענט וועל איך דיך טראָגן... די פיס דיינע קושן...

און ער איז איר געוואָרן אַזוי קאָמיש, אַז זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אַרויסצולאַכן.

— זאָל מיך יעקל אָפּלאָזן! — האָט זי געשריגן — זאָל יעקל גיין, גיין...

און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, אויסגעגלייכט זיך און מיט פעסטע, געזעצטע טריט אַריין צו ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב.

— ר׳ ברוך־יוסף — האָט ער געזאָגט בייז — אייער טאָכטער וואַרפט זיך מיט מיר.

דער ערשטער האָט זיך אַריינגעמישט ר׳ כתריאל בורר.

מיט דער פלוצלונגדיקער פרייהייט פון אַ שיינעם ייד, וואָס דאַרף אין אַ וויכטיקן מאָמענט רעדן מיט אַ פרוי, איז ער אַריין צו גנענדלען אין אַלקיר און גענומען רעדן מיט שכל, ווי אַ ייד אַ בר־דעת דאַרף עס מאַכן:

— טאָכטער — האָט ער געזאָגט פאָטערלעך — אין מלחמה־צייט וואַרפט מען זיך נישט מיט אַזאַ יונגערמאַן, ווי יעקל. ער איז קורח־רייך און ער האָט דיך גערן, דער יעקל...

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

ר׳ כתריאל האָט נישט אָפּגעלאָזן, ער האָט גענומען אַן אַנדער ווענדונג:

מיינסט, קינד — האָט ער געזאָגט שטילער — אַז איך ווייס נישט וואָס הייסט הם... אהבה—ליבע? כ׳ווייס! אויך אין דער תורה איז דערמאָנט וועגן דעם... יעקב אבינו... וואָס דאַרף מען מער! — נאָר פונדעסטוועגן

איז אַ טאַטע וויכטיקער. מען האָט נאָר איין טאַטן, נישט קיין צוויי, ווייסט דעם מצב...

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

ר׳ כתריאל בורר האָט נאָך געפּרואווט דאָס לעצטע מיטל — ער האָט זיך צוגעבויגן צו גנענדלען נאָנט, שיער נישט צום אויער און גערעדט שטיל, סודותדיק:

— מיידל, ס׳גייט אין מסירת־נפש. ביסט ר׳ ברוך־יוספס טאָכטער, און קיין פינגער אין מויל דאַרף מען דיר נישט לייגן...

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

ר׳ כתריאל בורר איז אַרויס, ווישנדיק דעם פאַרשוויצטן שטערן מיט אַ גרויסער קעשענע־פאַטשיילע.

— גייט איר, ר׳ ברוך־יוספס וויב — האָט ער געזאָגט — אַן אשה רעדט גיכער צום האַרץ.

טויבעלע איז אַריין אין אַלקיר.

— גנענדעלע! — האָט זי געבעטן.

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

— גנענדעלע, גיי בלויז אַריין אויף אַ ווײַלע.

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

— גנענדל, מען טאָר נישט מבייש זיין קיין מענטש.

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

דער לעצטער איז אַריינגעקומען ר׳ ברוך־יוסף אַליין.

די פענסטע זענען אים שוין באַצייטנס געריטן אויף דער שאַרפער, גע־בויגענער נאָז, די שאַרפע הערעלעך פון די נאָזלעכער האָבן ביי אים געציטערט. ער האָט אָנגעהויבן מיט גוטן:

— האָ, האָ, גנענדל! — האָט ער געחוזקט — ביסט נ׳טאַטנס טאָכטער!

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

ער האָט זי באַטראַכט עקשנותדיק און די פענסנע זענען אים אַליין אַראָפּ־געשפּרונגען פון דער נאָז.

— נו, נו — האָט ער געזאָגט — גענוג! אַלץ דאַרף זיין מיט אַ מאָס, אַפילו עקשנות אויך. קום אַריין.

גנענדל האָט נישט געענטפערט.

ר׳ ברוך־יוספן איז אָנגעלאָפן דער קאַרק מיט בלוט.

— אַריין! — האָט ער אַ געשריי געטון און אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער האַריקער פויסט אין טיש — טו דיך אָן און גיי אַריין!

נאָר גנענדל האָט נישט געענטפערט.

האָט ר׳ ברוך־יוסף אויפגעעפנט די הויז־טיר אין דער גאַנצער ברייט און באַפוילן:

— צום זעלנערוק גיי! צום זעלנערוק!

און גנענדל האָט זיך אויפגעהויבן, גלייך געמאַכט די האָר און אַרויס פון שטוב.

אַלע, די מומע טייבעלע, ר׳ כתריאל בורר און אַפילו יעקל קאַרלאָווער האָבן זיך געריסן צו דער טיר.

— גנענדל, גנענדעלע! קינד מיינס! — האָט טויבעלע געשריגן.

— לאָזט זי נישט, ר׳ ברוך־יוסף! — האָט ר׳ כתריאל בורר זיך געבעטן — אַ מיידל טרייבט מען נישט!

— גנענדל, בלייב! — האָט יעקל קאַרלאָווער געבעטן און פאַרשטעלט איר דעם וועג.

נאָר נישט גנענדל, נישט ברוך־יוסף האָבן נאָכגעגעבן. טויבעלע איז אַרומגעלאָפן, ווי אַ הון, וואָס אירע אויסגעזעצטע קאַטשקעלעך לאָזן זיך דאָס ערשטע מאָל אויפן וואַסער. יעקל קאַרלאָווער איז אַוועק, נישט געזעגנדיק זיך אַפילו. ר׳ כתריאל בורר האָט זיך אַרומגעדרייט מיט ביידע הענט פאַר־שטעקט אין די הינטערשטע קעשענעס פון זיין אַלפּאַגענער בעקעשע און איבערגעחזרט צענדליקער מאָל די זעלבע ווערטער:

— קאָסאַ נאַ קאַמיען! זינד עד לעב!

און וואָס אַ טאָג איז איצט געוואָרן אַלץ ערגער ביי ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב.

שכנים אין הויף האָבן עס דערפילט און אַלע טאָג אַלץ מער דעם דרך־ארץ אָנגעוואוירן צו ר׳ ברוך־יוספן.

— אַ קבצן! האָט מען געזאָגט — און אַ פאַרשייטער קבצן דערצו! אַ בעל־גאווהניק.

איבערהויפּט האָט מען אָנגעהויבן פון אים נישט צו האַלטן, נאָכדעם ווי מיליציאַנטן האָבן ר׳ ברוך־יוספן מיט זיין ווייב געפירט אין באָד אַריין.

גרויסע פּאַרטיעס מיליציאָנערן, פּוילישע מיליציאַנערן, וואָס די דייטשן האָבן זיי קיין געווער ניט אָנגעטרויט, בלויז שטעקעלעך — האָבן זיך אַרומ־געשלעפּט גאַנצע טעג איבער די וואַרשעווער יידישע גאַסן, באַפאַלן הייזער, דורכגעקוקט ביי יידן די בערד, ביי ווייבער די קעפּ, און גאַנצע מחנות יידן, ווייבער און קינדער אָפּגעפירט איבער די גאַסן צו די שטאָטישע בעדער, צו די אַנטלויזונגס־אַנשטאַלטן. דאָרטן האָט מען די יידן אָפּגעשוירן די בערד, די ווייבער און מיידלעך אָפּגעגאָלט די קעפּ, די מלבושים אויסגעקאָכט אין קעסל, און נאָך עטלעכע טעג הונגערן, אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי פאַר־שעמטע, יידן מיט ליידיקע באַקן, ווייבער מיט קליינע געגאָלטע קעפּ, וואָס האָבן אין די אויסגעקאָכטע איינגעצויגענע רויטלעכע מלבושים אויסגעזען נאָך קלענער און אָרעמער ווי אין דער אמתן.

זיי האָבן געאַרבעט טעטיק, די מיליציאַנערן מיט די שטעקעלעך אָנשטאָט

געוואָר. יידן האָבן אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע, אַבי נישט אַריינצופאַלן אין זייערע הענט, און זיי זענען פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט אַריין אַרומגע־קראָכן איבער די הויפן, אָפּגעשלאָסן טיר און טויער, געגומען געלט און וואָר עס האָט נישט געגעבן, געפירט אין באָד.

ביי ר׳ ברוך־יוספן אין שטוב איז געווען ריין, קיין שפּרענקעלע אויף דער פּאָדלאָגע איז נישט געווען. און ר׳ ברוך־יוסף האָט זיך איינגעשפּאַרט, ווען די מיליציאָנערן זענען צו אים אַריין:

— קוקט! — האָט ער געזאָגט — זוכט!

די מיליציאָנערן האָבן געקוקט אין די בעטן, אונטערגעהויבן דאָס בעט־געוואַנט און נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

— אָ! — האָבן זיי זיך דערפרייט, פּאַקנדיק אַ שטיקל פאַרוואָרפן פּאַפּיר, אַ ביסל שטויב — און דאָס וואָס איז?

טויבעלע האָט זיך געבעטן:

— ברוך־יוסף, גיב זיי אין „יד" אַריין.

— ניין! — האָט ברוך־יוסף זיך געהאַלטן ביי זיינס — זיי האָבן נישט קיין רעכט.

— ברוך־יוסף, מען וועט אונדז מבייש זיין! געדענק!

— זיי האָבן נישט קיין רעכט! — האָט ר׳ ברוך־יוסף געשריגן — די גאַנצע וועלט זאָל זיך צוזאַמענקומען, וועל איך אויפווייזן, אַז זיי האָבן נישט קיין רעכט צו טשעפּען ריינע שטובן!

טויבעלע האָט געוויינט, געבעטן. נאָר ר׳ ברוך־יוסף האָט זיך אָנגעהויבן קריגן מיט די מיליציאָנערן:

— גנבים! — האָט ער געשריגן אויף זיי — כאַבאַרניקעס! איך וועל אייך קיין געלט נישט געבן, בשום אופן נישט!...

און די מיליציאָנערן האָבן אים מיט טויבעלען אַרויסגעפירט מיט געוואַלד פון שטוב, די שטוב פאַרחתמעט, און צוזאַמען מיט הונדערטער אָפּגעריסענע יידן, צעקודלטע ווייבער, בעטלערס, גאַסן־יונגען, פּראָסטיטוטקעס, באַוואַכט פון אַלע זייטן, געפירט איבער די וואַרשעווער גאַסן אין אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט.

גאַסן־ייִנגלעך האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, געפייפט, געשריגן:

— הוראַ! מען פירט קיין מצרים די יידעלעך! הוראַ!...

יידן אַרעמעלייט, פריילעכע דליתים, האָבן געציילט די מכות — דם, צפרדע, כינים... שחין!

און די מיליציאָנערן האָבן אונטערגעטריבן מיט די שטעקעלעך:

— גיכער, לויזיקע קאָמפּאַניע! גערירט זיך!...

צוריק איז ר׳ ברוך־יוסף געקומען מיט אַ ווייס טיכל אַרומגעבונדן אַרום די באַקן, כדי צו פאַרשטעלן די חרפּה, די באָרד, וואָס מען האָט אים אַראָפּ־גענומען. די פאַרחתמעטע שטוב איז געווען אויסגעליידיקט פון גנבים.

ער איז אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג צו אַדוואָקאַטן, געשריבן ביטעס, אָוועקגעגעבן די לעצטע געלטער, כדי צו לייגן אין דער ערד אַריין די מיליציאַנערן, די כאַבאַרניקעס, און אין הויף האָבן שוין אַפילו די ייִנגלעך אָנגעהויבן אים נאָכשרייען:

— דער פּריץ גייט! — האָבן זיי געשריגן דערזעענדיק אים — מאַכט'ס אַ וואָרע, דער פּריץ גייט אין באָד אַריין! סמירנאַ!

***

גנענדל האָט געוואוינט פאַר זיך.

אויף אַ פּערטן שטאָק פון אַ גויאיש אָרעם געסל ביי דער ווייסל האָט אירס אַן אַמאָליקע לערערקע געוואוינט, אַן עלטערע פריילין, וואָס איז אַמאָל ביי ר' ברוך־יוספן אין באַראָווקע אויף אַ קאָנדיציע געווען, און איצט האָט זי אין וואַרשע אין אַ שפּיטאָל געאַרבעט, אין אַ שפּיטאָל פאַר ווענערישע קראַנקייטן, וואָס איז איצט אין דער עפּידעמיע־צייט איבערגעמאַכט געוואָרן אויף אַ טיפוס־שפּיטאָל. זי האָט זיך גערופן פּאַננאַ מאַלגאָשאַ.

אָט ביי דער דאָזיקער פּאַננאַ מאַלגאָשאַ האָט איצט גנענדל געוואוינט. אַ מאָדנע איז זי געווען, די פּאַננע מאַלגאָשאַ. אַ טאָכטער פון אַ רייכן ייִד, אַ חסיד, האָט זי אַ נייגונג צו קריסטן און צו קריסטנטום. ווי נאָר זי האָט געענדיקט די פּענסיע, האָט זי פאַרלאָזט די עלטערן און אָנגעהויבן אָננעמען קאָנדיציעס אין דערפער, איבערהויפּט ביי אָרעמע פּריצים, און אויך צו ר' ברוך־יוספן אין באַראָווקע איז זי איבערגעגאַנגען פון אַ שכנישן פּריצישן פאָלוואַרק. זי האָט ייִדן נישט ליב געהאַט און זי האָט זיך שטענדיק פאַרענטפערט, זיצנדיק ביי ר' ברוך־יוספן אין דאָרף, הלמאי זי איז ביי אַ ייִד.

— די לערנערס זענען נישט קיין ייִדן — האָט זי געזאָגט — פּונקט ווי איך אַליין.

אַ שלאַנקע, מיט שיינע העלע בלאָנדע האָר און גרויע אויגן, האָט זי פונדעסטוועגן נישט חתונה געהאַט. קיין ייִד האָט זי נישט געוואָלט.

— חתונה האָבן מיט אַ ייִד קאָן מען נאָך — האָט זי געהאַלטן — פאַרליבן זיך קיינמאָל נישט...

שמדן זיך און חתונה האָבן מיט אַ קריסט האָט זי אויך נישט געוואָלט. און זי איז פאַרבליבן אַן עלטערע פריילין.

אָבער דערביי איז זי נישט געווען בייז, פאַרביטערט. פּונקט ווי צו אַכצן יאָר, איז זי געווען גלייביק, ראָמאַנטיש און שטאַרק סענטימענטאַל.

אין אירע צימערלעך, וואָס זי האָט שטענדיק געדונגען ביי גוים אין פאַרוואָרפענע גויאישע אָרעמע געסלעך, זענען געווען אַ סך וואַזאַנעס, בלומען, שניצערייען פון קאָרע און לויוויטשער פויערישע פאַרביקע טיכער. מיט די טיכער זענען געווען באַהאַנגען די ווענט, די שטולן, דאָס קלאָרע בעטל.

אויף די ווענט האָבן געהאָנגען עטלעכעדליי יעזוסן און מאַריעס, באַצירט מיט נאָדל־צווייגלעך, און יעדן אין דער פרי פלעגט זי פאַר זיי תפילה טון, געשטעלט זיך אויף די קני. איר בעסטער פּלאַץ איז געווען די גאַנצע קירכע, אַ קליינע, טונקעלע, אַלטע קירכע, וואו אין די גרעסטע היצן איז קאַלט און טונקל. און אין די פרייע צייטן, ווען זי האָט נישט געאַרבעט אין שפּיטאָל, האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אַלע שיקסעלעך פון הויף, געפלאָכטן זיי קרענצעלעך צו די גלאַטיקע בלאָנדע קעפּלעך און דערציילט זיי מעשות, מעשות פון קריסטלעכע הייליקע.

אין אָרעמען גויאישן געסל האָט מען זי פאַרגעטערט — אַלע ביטערע הערצער האָט מען געבראַכט צו דער פּאַננאַ מאַלגאָשאַ. זי האָט באַהאַלטן ביי זיך יונגע גויעס, אַרבעטערינס, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר זייערע מענער די שיכורים; זי האָט געלערנט דיקע, צעוואַקסענע, שטענדיק־שוואַנגערע גויעס, ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון טראָגן; זי האָט געהיילט אָרעמע שכנישע בלוטלאָזע, ראַכיטישע קינדער.

— טראָן! — האָט זי געזאָגט — נאָר טראָן צו טרינקען!

גנענדלען האָט פּאַננאַ מאַלגאָשאַ ליב געהאַט נאָך פון דאָרף.

— אַלעזש טי יעסטעש אַבסאָלוטניע ניע זשידאָווקאַ! — פלעגט זי איר שטענדיק זאָגן קאָמפּלימענטן.

אין וואַרשע האָט זי גנענדלען עטלעכע מאָל געטראָפן אין גאַס און שטענדיק זי איינגעלאַדן צו זיך.

איצט, אַוועקגייענדיק פון שטוב, האָט זיך גנענדל אין איר דערמאָנט און אַוועק צו איר אין שטיבל, וואָס געפינט זיך אויף אַ פּערטן שטאָק פון אַ גויאיש געסל ביי דער ווייסל.

ביי די ערשטע ווערטער, וואָס גנענדל האָט דערציילט, דערמאָנענדיק נאָר, אַז זי איז אַ קרבן פון אַ רייכן שידוך, איז פּאַננאַ מאַלגאָשאַ איר אַרויפ־געפאַלן אויפן האַלדז און אַזוי הייס זי געקושט, אַז גנענדלען האָט אויסגעפעלט אָטעם.

— איך האָב עס געוואוסט, אַז דו ביסט שליאַכעטנע — האָט זי געזאָגט מיט פרייד — ביסט אַלעמאָל געווען אַזוי... אַזוי נישט־יידיש...

זי האָט איר גלייך אויסגעבעט די סאָפקע אין בלומען, וואָס איז גע־שטאַנען ביי דער וואַנט, איבערגעדעקט זי מיט אַ קאָלדרע, וואָס איז צונויפ־געשטיקט פון אַ סך קאָלירענע קוואַדראַטן און געזאָגט:

אָט דאָ וועסטו שלאָפן, קינד מיינס. און אין די נעכט, ווען איך אַרבעט אין שפּיטאָל, קאָנסטו שלאָפן ביי מיר אין בעט.

און די באַלעבאָסטע, אַן אַלטע, איינגעשרומפּענע גויע, האָט איר אַריינ־געבראַכט עסן, אַ שיטערע זופּ מיט אַ סך גרינס און ווינציק גרויפּן, וואָס שמעקט מיט גויאישקייט אויף אַ מייל ווייט.

אין די ערשטע עטלעכע טעג האָט פּאַננאַ מאַלגאַשאַ גאָרנישט געלאָזט טון גנענדלען.

— װעסט זײַן בײַ מיר — האָט זי איר געזאָגט — מיר װעלן לעבן צוזאַמען.

אָבער נאָך עטלעכע טעג זיצן לײדיק, האָט גנענדל נישט געװאָלט אײַנזיצן אין שטוב.

געװאױנט אין שטוב, אַז נעמען בײַ עמעצן די מינדסטע זאַך איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן, האָט זי נישט געקאָנט זיצן און עסן, װאָס מען דערלאַנגט איר צום טיש.

— ניין! — האָט זי געזאָגט פעסט — איך װעל נישט עסן!

און די פּאַננאַ מאַלגאַשאַ האָט איר אָנגעהױבן שאַפן אַרבעט. זי האָט פאַר איר אױסגעזוכט „דיזשורן" בײַ קראַנקע.

נישט געװען די שטוב, עס זאָל קײן טיפוס־קראַנקער נישט זײַן. פון די אָרעמע גאַסן האָט עס זיך אַריבערגעטראָגן אין די רײַכע גאַסן — די פּאַננאַ מאַלגאַשאַ האָט געקראָגן פון צײַט צו צײַט אַזאַ פּריװאַטע שטוב בײַ אַ קראַנקן, אַרום װעלכן מען דאַרף אַרומגײן, און זי האָט אַהין געשיקט גנענדלען.

זי האָט איר אָנגעטון אירס אַ װײַס פאַרטעך, אַ װײַס הײבל אױפן שװאַרצן קאָפּ, און זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין איר:

— ביסט אײַנגאַנצן ענלעך אױף אַ נאָנע — האָט זי איר געזאָגט קאָמפּלי־מענטן — װי די איטאַליענישע נאָנעס, װאָס מען זעט אױף די בילדער.

זי האָט איר נישט געקאָנט זאָגן, אַז זי איז ענלעך צו די פּױלישע נאָנעס. גנענדל, מיט אירע טיף־שװאַרצע האָר און דרומדיק פּנים, איז שױן גאָרנישט געװען ענלעך אױף אַזעלכער. האָט זי איר כאָטש געמאַכט ענלעך צו די איטאַליענישע נאָנעס, אַבי צו אַ נאָנע.

גנענדל איז אַרומגעגאַנגען אַרום די קראַנקע מיטן גאַנצן ערנסט פון אַ יונג אומדערפאַרן באַלעבאַטיש מײדל, װאָס נעמט זיך צו אַן אַרבעט. זי האָט זיך אַפילו נישט פאַרגונען צוצולײגן אױף אַ װײַלע און זי פלעגט צוריק־קומען פון אַזאַ דיזשור מיד און דערשעפּט.

דערצו נאָך פלעגט זי האָבן אױסצושטײן פון אַנדערע זאַכן. עס האָט אָפט געטראָפן, אַז דער מאַן פון אַ שװער־קראַנקער פרױ, אַרום װעלכער זי איז אַרומגעגאַנגען, האָט זיך בײַנאַכט אָנגעהױבן טשעפּען צו איר — דער „שװעסטער" אין װײַסן הײבל אױף די שװאַרצע האָר.

דאָס האָט זי אַזױ אױפגערעגט, באַלײדיקט, באַלײדיקט טאָפּלט, אי אַלס פרױ, אי אַלס מענטש, װאָס מען טוט אַ פאַרברעכן אין זײַן קעגנװאַרט, אַז זי האָט דערנאָך עטלעכע טעג נישט געקאָנט קומען צו זיך.

זי האָט נאָס געמאַכט דאָס קלאָרע קישן בײַ דער פּאַננאַ מאַלגאַשאַ אין צימערל. אין די לײדיקע טעג, װען זי האָט קײן דיזשור נישט געהאַט, פלעגט זי שטײן אין די „רײען".

איבער אַלע װאַרשעװער גאַסן, אין אַלע ראָגעס, װאו עס האָבן זיך געפונען די שטאָטישע שפּײַז־מאַגאַזינען, האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען, רייען פון טויזנטער מענטשן, מענער, װײַבער, קינדער; רייען נאָך קאַרטן־ברויט, רייען נאָך קאַרטאָפל, רייען נאָך גרויפּן, רייען נאָך צוקער.

לאַנג האָבן זיי זיך געצויגן, די רייען. שוין פון פאַרטאָג זענען די גאַסן געװאָרן פול. װיפל די מיליציאַנערן האָבן נישט געטריבן, װיפל די סטרוזשעס האָבן נישט באַשפּריצט מיט װאַסער, פאַרשטויבט מיט דעם גאַסן־שטויב, װאָס זיי האָבן אַרויפגעקערט שטענדיק אויף די מענטשן אין די רייען — האָט מען זיי נישט געקאָנט אָפּטרייבן.

אַפילו בײַנאַכט זענען די גאַסן געװען פול מיט מענטשן אין די רייען. מען האָט גענעכטיקט אין ריי. טייל האָבן אַרויסגעבראַכט קאָלדרעס און זיך אַװעקגעלייגט, אַנדערע האָבן זיך געלייגט אויף דער ערד.

אָט אין די רייען איז אויך געשטאַנען גנענדל און געװאַרט שעה׳ן לאַנג. זי האָט אָפּגענומען אין די שטאָטישע קראָמען שפּײַז פאַר זיך, פאַר דער פּאַנגאַ מאַלגאַשאַ, און אָפּטמאָל אויך פאַר דער שטוב.

שטילערהייט, אָן פאָטערס װיסן, האָט זי זיך געזען מיט דער מאַמען, אויסגעקושט איר די געזאַלצענע טרערן, װאָס פלעגן איר רינען איבער די צעקנייטשטע באַקן, און צוגענומען ביי איר די שפּײַז־קאַרטן.

— לאָז, מאַמע — האָט זי זיך געבעטן — ס׳איז נישט פאַר דײַנע כוחות...

נאָך מער װי ביי די קראַנקע, האָט זי דאָ געהאָט אויסצושטיין פון די מענער אין די רייען. די דייטשע סאָלדאַטן, װאָס זענען געשטאַנען און געהיטן, האָבן איר שטענדיק פאַרגעלייגט אַרײַנצולאָזן אויסער דער ריי און געװאָונקען מיט די אויגן:

— קאָמען, זי, שיינעס פרוילין, ביטע!

װײַבער האָבן זי אונטערגעשטופּט:

— גיי, נאַרישע מויד! װאָס אַרט עס דיך! — גיי! גיי! אַנדערע װאָלטן זיך געװאונטשן.

מענער האָבן זי געטשעפּעט. שטענדיק איז אַזוי שוין אויסגעקומען, אַז אַ יונג האָט זיך איר אַװעקגעשטעלט פון הינטן, געריבן זיך אין איר, צוגע־דריקט זיך און מיאוס געאָטעמט.

אַהיימקומענדיק אין שטיבל אויפן פערטן שטאָק, האָט זי פון װײַטיק, מידקייט און בושה נישט געגעסן און זיך אַרײַנגעװאָרפן צו דער פריילין מאַלגאַשאַ אין בעט.

די פריילין מאַלגאַשאַ איז נישט געװען. זי האָט איצט כסדר געאַרבעט בײַנאַכט.

און אין איר טיר פלעגט מען פון צייט צו צייט אָנקלאַפּן. מיט אַ שטאָק העכער, אויפן בוידעם־שטיבל, איבער דער פריילין מאַלגאַשאַס צימער, האָבן

איך געוואוינט צוויי פּריילינס, צוויי בלאָנדע פּליישיקע שיקסעס, צו וועלכע עס פּלעגן שפּעט ביינאַכט קומען שיכורע געסט.

שטענדיק האָבן זיי געהאַט אַ טבע צו פאַרבלאָנדזשען, די שיכורע געסט, און אָנקלאַפּן אין דער טיר ביי פאַננאַ מאַלגאַשאַ, וואָס איז געווען אויף דער זעלבער זייט, נאָר מיט אַ שטאָק נידעריקער.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך גנענדל דערשראָקן:

— פאַננאַ מאַלגאַשאַ! — האָט זי געוועקט — מען קלאַפּט!

נאָר פאַננאַ מאַלגאַשאַ האָט זיך נישט דערשראָקן:

— מיט אַ שטאָק העכער! — האָט זי אַרויסגעשריגן — איר האָט אַ טעות!

און איצט, אַז פאַננאַ מאַלגאַשאַ איז נישט געווען, האָט גנענדל אַרויס־געשריגן דאָס זעלבע:

— מיט אַ שטאָק העכער! איר האָט אַ טעות!...

די נעכט האָבן זיך געצויגן שווערע, דומפּיקע. אַ סך מאָל האָט דאָס אַרויסשרייען „מיט אַ שטאָק העכער" נישט געווירקט.

די שיכורע געסט האָבן געגלייבט, אַז די „מיידלעך" נאַרן זיי, ווילן נישט אַריינלאָזן און זיי האָבן געריסן אין דער טיר, געזידלט:

— עפנט, הורן! מיר וועלן די טיר אויסזעצן!

גנענדל האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין דער קאָלדרע, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און געציטערט.

די גאַנצע וועלט איינזאַמקייט און עלנט האָט צונויפגעקליבן זיך אין קלאָרן, עלנטן צימערל אויף דעם פערטן שטאָק.

גנענדל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און שטיל געשעפּטשעט אין קישן אַריין:

— בנימין! בנימין!

**
*

אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז ער געקומען, בנימין.

אַן אָפּגעבערענטער פון ווינט און פראָסט, אַ פאַרהאַרטעוועטער, אַ פרעמדער — מיט אַ שוואַרץ, פרעמד בערדל אַרום אָנגעשטרענגטן האַלדז, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע איבערן שטערן פאַרשטעלט דעם שראַם — איז ער געשטאַנען פּלוצלונג אין קליינעם טונקעלן שטיבל, וואָס האָט אויסגעזען נאָך קלענער און נישט־אָנזעעוודיקער אין זיין קעגנוואַרט.

גנענדל האָט אפשר אַ גאַנצע מינוט נישט געקאָנט קומען צו זיך:

— בנימין! דאָס ביסטו? דו?

— איך! — האָט לערנער שטיל געזאָגט — נאָר רוף מיך נישט בנימין. איך הייס איצט שלמה — שלמה סעגאַל.

גנענדל איז צוגעפאַלן אים צום האַלדז, אויסגעקושט אים יעדער טייל

פון פנים מיט צענדליקער הייסע, גיכע קושן, אַפילו דאָס פרעמדע שוואַרצע בערדל און די לעפּלעך פון די אויערן — און האָט געמורמלט הייס:

— ניין, בנימין וועל איך דיך רופן — בנימין, בנימין, בנימין!

זי האָט זיך אים איינגעקלאַמערט מיט אַלע כוחות אין זיינע פעסטע הענט און איבערגעחזרט אַ סך מאָל:

— וועסט נישט מער אַוועקגיין פון מיר, אמת בנימין? וועסט נישט גיין?

לערנער האָט זי באַטראַכט אין טונקעלן צימערל, דורכגעדרונגען זי מיט זיין בליק און שטיל געזאָגט:

— איך וועל נישט גיין! ניין!

און זיי זענען געבליבן צוזאַמען, צוזאַמען אין קליינעם צימערל פון פּערטן שטאָק אין גויאישן געסל ביי דער ווייסל.

אַז פאַננאַ מאַלגאַשאַ איז צוריקגעקומען מיט עטלעכע טעג שפּעטער פון שפּיטאָל און דערזען דעם פרעמדן הויכן מאַן, האָט זי אים גלייך אויסגעשטרעקטביידע הענט:

— איך ווייס! איך ווייס! — האָט זי אים געזאָגט — און איר געפעלט מיר!

זי האָט נישט אויסגעטון דאָס היטעלע און געקליבן זיך צוריק אין וועג.

— איך וועל אייך נישט שטערן, קינדער — האָט זי געזאָגט, ווי עס זאָגט אַן עלטערע מוטער, וואָס האָט אויסגעגעבן איר געליבטע יונגע טאָכטער — איך וועל גיין צו אַ חברטע.

לערנער האָט זי נישט געלאָזט אַוועקגיין. מיט געוואַלד האָט ער זי אַוועקגעזעצט.

— בלייבט! — האָט ער באַפוילן — איך וועל שלאָפן אויף דער ערד!

און זי האָט זיך געלאָזט האַלטן אין זיינע פעסטע הענט, אָטעמדיק שווער פון אָנשטרענגונג און צופרידנקייט.

— איר זענט גאָר קיין ייד נישט — האָט זי אים געזאָגט, ווי תמיד, ווען אַ מענטש איז איר געפעלן געוואָרן — גאָרנישט...

לערנער האָט אַ קוק געטון אין רונדן שפּיגל אויף דער וואַנט, וואו ער האָט זיך געזען אַ שוואַרצן, אַ בערדיקן, ענלעך צום פּעטער ברוך־יוסף מיט אַ פּופצן יאָר צוריק, און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט איבער דעם מיידלס מיינונג, פאַנאַנדערגעלאַכט זיך הויך, האַרציק.

גנענדל מיט פאַננאַ מאַלגאַשען האָבן זיך נישט געקאָנט באַהערשן און זיך אויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ס'גוט! — האָבן זיי ביידע אַרויסגעזאָגט מיטאַמאָל און זיך געפאַלן אויף די העלדזער.

אַלע יעזוסעס און מאַריעס, וויפל נאָר פאַננאַ מאַלגאַשאַ האָט געהאַט אַרויסגעהאָנגען ביי זיך אויף די ווענט, האָבן אַראָפּגעקוקט מיט פרידלעכע, שמייכלדיקע און בענטשנדיקע אויגן.

קאַפּיטל צוועלף

אָבער־אָסט

הייסע טעג, מידע און ציִענדיקע האָבן זיך געשלעפּט, ווי בעטלערס, אויף דער וועלט, אָן מינדסטן ווינטל, אָן קלענסטן וואָלקנדל, אָן איין טראָפּן רעגן.

אויף די וואַרשעווער אויסגעטריקנטע גאַסן זענען מחנות אָרעמעלייט געזעסן אויסגעזעצט ביי די אָפּגעשיילטע מויערן, מחנות קאַליקעס, אמתע און פאַרשטעלטע; בלינדע און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט מיט קלעפּעכטס די אויגן; אָן־הענטיקע און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צוגעבונדן אַ האַנט צום אַקסל אַרויף און דורכן פאַרקאַטשערטן אַרבל באַוויזן אַ שפּיציקן עלנבויגן, וואָס זאָל אויסזען ווי אַ פאַרקריפּלטע, אָפּגעדאַרטע האַנט. ווייבער מיט אייגענע קינדער, מיט געליגענע קינדער, אָדער גאָר מיט אַ שטיק האָלץ, פאַרבונדן אין שמאַטעס, צוגעטוליעט צו זיך, זענען געזעסן האַלב־נאַקעטע, מיט די לויזע, טאַרבעדיקע, ברודיקע בריסטן צו דער פרייער וועלט, מיט האַלב־אָפּגעברענטע, שמוציקע, פאַרברוינטע לייבער און געמאַכט קולות, ווי וויינער־קעס נאָך אַ טויטן:

האָט רחמנות, יידישע קינדער!

און קינדער, יינגלעך, מיידלעך, מיט דאַרע נאַקעטע פיס, מיט לאַנגע נעגלדיקע רויבערישע פינגער, מיט רויטע ברענענדיקע אייגעלעך און מיט אומריינע אָפּגעדעקטע קעפּ, האָבן זיך געוואַלגערט איבער אַלע טראָטואַרן פון די יידיש גאַסן, און אין כאָר געזונגען קוויטשיק, פאַרעקשנט, מיט געוויין און באַהאַלטענער צופרידנקייט אין די שטימען, די זעלבע אומגעלומפּערטע און איינגעפרעסענע געזאַנגען:

— שענקט אַ שטיקל ברויט! כ׳בין אַן אָרעמער יתום! יידן בני־רחמנים, כ׳גיי אויס פאַר הונגער...

עפּעס אַ גאַנצע וועלט מיט אומריינע קינדערישע קעפּ האָבן זיך מיט־אַמאָל באַוויזן. די פליגן האָבן געראַיעט אַרום זיי מיט אַן אומאויפהערלעכן זשומען. און פון אַלעמען האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס ווילדע ברומעריי פון אמתע אָדער געמאַכטע שטומע, מיט די הענט אויף די מיילער, אַ סימן, אַז זיי ווילן עסן, האָבן זיי נישט אויפגעהערט ברומען מיט אָקסישער עקשנות און טעמפּקייט:

— הממממ! הממממ!...

לוויות, אָן פערד און וועגן, בלויז קעסטלעך געטראָגן דורך מענטשן,

האָבן זיך געשלעפּט פון אַלע זייטן, באַגלייט מיט קוויטשעדיקע קולות פון צעשויבערטע, אָפּגעשליסענע ווייבער. און דייטשע מיליטערישע קאַפּעליעס, צוזאַמענגעשטעלט פון פּלייטן, פייפלעך און טראָמייטן, האָבן מאַרשירט מיט פעסטע טריט און געשפּילט לכבוד די נייע זיגן אויף די רוסישע און פראַנצויזישע פעלדער. איבערהויפּט האָבן געגלאַנצט די טויטע־הוזאַרן. מיט הויכע קאַסקעס מיט אַ טויטן־שאַרבן און מיט געקרייצטע ביינער באַצייכנט; מיט לאַנגע שפּיזן אין די הענט; אויסגעגלייכט אויף די שטאָלצע רייטפערד; לאַנגזאַם און איינגעהאַלטן, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן און שווערדן, ווייענדיק מיט די געקרייציקטע פענדלעך, האָבן זיי אויסגעזען ווי די רוימישע לעגיאָנען, וואָס גייען מיט שטאָל און אייזן באַזיגן די וועלט. מיט שאַלנדיקע, פעסטע שטימען האָבן זיי געזונגען „וואַכט אַם רהיין", פאַרענדיקנדיק אַלעמאָל „בלייבסט רוהיג, פאַטערלאַנד"!...

און אין אַלע גערטנער, אויף אַלע לידיקע פּלעצער, גאַסן, האָבן מידע, פאַרשמאַכטע מענטשן אַרומגעבלאָנקעט, אויסגעדאַרטע, פאַרהונגערטע, מיט פאַרלאָשענע אויגן, מיט נישט־ראַזירטע קנאָכיקע גезיכטער, מיט לויזע וועסט־לעך און ברייט־געוואָרענע, נאָכשלעפּנדיקע פּאַלעס, וואָס האָבן געהאָנגען איבער די אויסגעמאָגערטע קערפּערס, ווי זעק.

לערנער האָט, פּונקט ווי מיט אַ יאָר צוריק, געמאָסטן איצט די וואַרשעווער גאַסן, אויסגעשפּאַנט זיי אַ סך מאָל אַהין און צוריק, אַרויסקומענדיק אַלץ אויף די זעלבע ערטער, פּלעצער.

אַרום די דייטשע אַרבעטס־ביוראָס זענען איצט טויזנטער אַרבעטער געשטאַנען און געוואַרט, אויף אַרבעט זיך פאַרשרייבן.

הונגעריקע, מידע, דערשלאָגענע, זענען זיי אָפּגעשטאַנען אין די הייסע זומער־טעג ביי די ווענט מיט אויסגעשטרעקטע אויערן צו די דייטשע הייזעריקע שטימען, וואָס רופן אויס נעמען. קליינע מיידלעך און ייִנגלעך מיט קרוגן געווײנטלעכן וואַסער אין די הענט האָבן נישט אויפגעהערט לויבן זייער סחורה:

— אַ קאַלט און אַ גוט גלאָז וואַסער! אַ קאַלטס און אַ גוטס!

לערנער האָט עטלעכע טעג צייט געדרייט זיך אַרום ביוראָ, אָפּגעשטאַנען אַ טאָג און אַוועק מיט גאָרנישט, כדי מאָרגן ווייטער קומען און וואַרטן. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ פּאָר אויגן אויף זיך, אַ פּאָר הייסע, בלוט־פאַרלאָפענע, הונגעריקע אויגן, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע.

ער האָט די אויגן דערקענט, געדענקט זיי פון דער בריק נאָך און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, האָט ער זיך גיך אָפּגעטראָגן און צום פּלאַץ מער נישט געקומען.

אויף די שטאָטישע מויערן, וואָס זענען פאַרקלעפּט געווען פון אַלע זייטן מיט פּלאַקאַטן און באַפעלן, האָבן נאָך ביז דער צייט געהאָנגען שטיקלעך

פון געלע פאַרדאַרטע שטעק־בריוו מיט טויזנטער מאַרק באַלוינונג פאַר צושטעלן די צווײ בריק־בויער לערנער און קלאַס.

וויפל לערנער האָט זיך נישט באַמיט ענדערן, וויפל ער האָט נישט געאַרבעט ביים פאַרקעמען די טשופרינע אויף דעם שראַם אין שלייף, וויפל ער האָט נישט געלאָזט וואַקסן זיין שוואַרצע געדיכטע באָרד, האָבן אים דורכגעדרונגען אויגן, הונגעריקע אויגן, וואָס טויזנטער דייטשע מאַרק האָבן אַראָפּגעשריגן צו זיי פון די ווענט — און לערנער איז מער צו די ביוראָס נישט געגאַנגען.

ער האָט אויסגעמיטן די גאַס, וואו אַזאַ ביוראָ געפינט זיך. פּריוואַטע אַרבעט איז נישט געווען. קיין פאַבריק־קוימען האָט נישט געראויכערט. קיין וואַרשטאַט איז נישט געגאַנגען.

פון צייט צו צייט האָט ער עפּעס יאָ געפּאַקט אַרבעט. אַמאָל געאַרבעט אין אַ געהיימער מיל ערגעץ אין אַ באַהאַלטענעם קעלער, געדרייט ביי די האַנט־רעדער פון אַ פּרימיטיווער צילינדער־מיל פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און געקראָגן דערפאַר עטלעכע פונט מעל אַ טאָג.

אָבער אינגיכן האָט אַ „שפּיצל" די מיל געפּאַקט, צוגענומען דעם צילינדער מיט די רעדער און לערנער איז קוים אַנטלאָפן פון געפאַר, נישט אָפּגעמענדיק אַפילו וואָס אים קומט.

ער האָט געאַרבעט אין געהיימע גאַרבערייען, וואו מ'איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פון עיפּוש און אַנשטרענגונג; ער האָט געדרייט אַ ראָד אין אַן אַלט־מאָדישן סאָדע־וואַסער פאַבריקל; געצויגן חלבנע ליכט אין אַ געהיימער ליכט־פאַבריק, וואו מען איז צעגאַנגען פון היץ, עיפּוש און פעטיקייט.

אָבער דאָס איז געשען אַמאָל. מערסטנס איז ער געגאַנגען ליידיק. ער איז אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין די געפּאַקטע אַרבעטער־קיכן, וואו איבער די אַלע צעריסענע, אָפּגעפליקטע, נישט־געגאָלטע, ליידיק־גייערישע און הונגעריקע; איבער די ברודיקע ווענט, בלאָטיקע פאָדלאָגעס, רויע שווערע טישן און וואַלגערנדיקע שטאַנגען פון פּענער און טראַנספּאַראַנטן, וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון שוויס, זויערקייט, שלעכטע מאכלים, עיפּושדיקן רויך און איינגעהאַלטענעם הונגער — הערשן די צווײ מלכותדיקע קעפּ פון מאַרקס און לאַסאַל און פון אַ זיידענער רויטער אויפגעהאַנגענער פאָן שיינען אַראָפּ אַזעלכע ליכטיקע, פרייליכע, גאָלד־געשטיקטע יידישע און פוילישע „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער"...

רווישנדיק איז געווען דאָרט אין די אַרבעטער־קיכן. אין די ערגסטע הונגעריקסטע טעג, האָבן זיך דאָרט תמיד געפונען קאָכעדיקע בחורים און מיידלעך, שוואַרץ־אויגיקע יידישע הייסע בחורימלעך און געקרייזלטע פלאַמענדיקע מיידלעך, וואָס האָבן אַלעמאָל אויפסניי מיט רויטע פאַפּירן באַצירט די לאָמפּן, מיט פאַרביקע פאַפּירענע קייטן און שלאַנגען אויסגעפּוצט די

וועגט און סופיטן, געביטן די שטיקלעך פּאַרדאַרטע צווייגלעך אַרום די אויסגעהאַנגענע בילדער פון קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, אויסגעווישט די ראַמען און שויבן אַרום די פאָטאָגראַפיעס פון העלדיש־אומגעקומענע חברים און איינגעאָרדנט פייערלעכע ימים־טובים און רעדעס.

און אינמיטן גאַנצן טומל און גערודער איז ער געזעסן, לערנער, מיט אַ ביכל אין האַנט און געלייענט. אַלע ביכער פון די קיך־ביבליאָטעקן, אַלע גראָבע געדיכט־געדרוקטע דין־פּאַפּירענע ביכער, וואָס זענען געבונדן מיט זאַק־לייוונט ווי ספרים און זענען אַזוי שווער, טיף און אַרומגעפּליקט, ווי די ספרים, זענען דורכגעגאַנגען דורך זיין האַנט. ער האָט געלייענט אַלץ, שווערע סאָציאָלאָגישע ווערק און דינע בראָשורן; קאָמענטאַרן און קאָמפּילאַציעס, רעוואָלוציאָנערע מעמוארן און אַלטע, פאַרשטויבטע צייטונגס־קאָמפּלעטן און זשורנאַל — און אַז ס׳איז געקומען צו מיטאָג, האָט ער פאַרקנייטשט אַ בלעטל און אַריין אין קיך, וואו מען האָט שעה׳ן לאַנג געוואַרט אין רייען אויף אַ טעלער, אויף אַ לעפל, אויף אַ דין פּענעצל ליימיק ברויט און אויף אַ וואַסער־דיקער זופּ, וואָס שמעקט שטאַרק מיטן ריח פון גויאישן שאַף, אין וועלכן מען שפּייזט חזירים.

איך אויף דעם פּערטן שטאָק, ביי פּאַננאַ מאַלגאָשאַן און גנענדלען אין צימערל, איז געוועזן נישט גוט.

קיין קראַנקע צו פלעגן איז נישט געווען. צופיל פלעגערינס זענען איצט געווען, מער פלעגערינס ווי קראַנקע. אין שטוב ביי ר׳ ברוך־יוספן איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. טויבעלע האָט געפּרובירט קאָכן מיטאָגן פאַר אינטעליגענץ — קיין בעלנים האָבן נישט געפעלט. די יונגעלייט מיט די שאַרפע נעזער און רייטנדיקעברילן, וואָס האָבן שוין אויסגעפּרובירט אַלע וואַרשעווער קיכן פאַר אינטעליגענץ און אַריינגעגעסן אין זיך אַלע מיאוסקייטן, האָבן גלייך דערשמעקט די גוטע, ריינע און עכטע מאכלים, וואָס טויבעלע האָט געמאַכט, און געקומען פון אַלע זייטן. טויבעלע האָט זיך שיער נישט צעריסן. נאָר אָפּקאָכנדיק אַזוי אַ חודש, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז אַלע זענען שולדיק געבליבן, אַז ס׳איז נישטאָ פאַרוואָס צו קויפן קיין שפּייז; די יונגע־לייט מיט די ברילן זענען פאַרשוואונדן — און זי האָט אויפגעהערט קאָכן מיטאָגן פאַר אינטעליגענץ.

ר׳ ברוך־יוסף איז געלעגן גאַנצע טעג אויף דער סאָפקע, געלייענט אַלטע הצפירה׳ס נאָך פון אַנהייב קריג, געדענקט וועגן טאַרף אין באַראָווקע און נישט אויפגעהערט יעדעס מאָל אויפסניי זיך בייזערן אויפן וייב, הלמאי זי זעט זיך בגנבה מיט גנענדלען:

— איך זאָג דיר — האָט ער געשריגן — זאָלסט זיך מיט דער „מויד״ נישט זען! איך וויל איר נאָמען נישט הערן!...

טאָג־טעגלעך האָבן די צייטונגען געבראַכט נייע בשורות וועגן שלום.

יעדן טאָג האָבן די דײַטשן אױפֿסנײַ אױפֿגעװיזן, אַז רוסלאַנד האָט שױן נישט קײן אײן ביקס און אַז די זעלנער גײען אױפֿן פֿראָנט מיט דובינעס; די פֿראַנצױזן האָבן מער קײן מענטשן נישט, אױסער אַלטע און װײַבער; לאָנדאָן איז אָפּגעװישט פֿון דער װעלט דורך די דײַטשע צעפּעלינען.

ײנגלעך צײַטונגס־פֿאַרקױפֿער האָבן געהאַלטן אין אײן שרײַען, אַז דער פּױפּסט לײגט זיך אַרײַן און מאַכט שלום. די לעצטע פֿעניגן האָט לערנער אַװעקגעגעבן די צײַטונגס־פֿאַרקױפֿער פֿאַר די שלום־בלעטער. װיפֿל מאָל ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט, האָט דאָך בײַ יעדן פֿרײלעכן רוף פֿון די צײַטונגס־ײנגלעך אױפֿסנײַ אױפֿגעציטערט זײַן האַרץ פֿון װאָרט „שלום״.

— און אפשר? — האָט אים אַ בליק געטון אין קאָפּ — אפשר?

נאָר אַנשטאָט שלום זענען געקומען אַלץ שװערערע טעג, אַלץ מער מענטשן האָבן שטיל און אונטערטעניק באַלאַגערט די שטאָטישע קראָמען, אַלץ מער קעסטלעך מיט טױטע אין פֿאַפּירענע תכריכים האָבן זיך געצױגן צו די בית־הקברותן — און דאָרט, װוּ מען פֿלעגט אַמאָל האַנדלען, אַרבעטן און מעקלערן, זענען איצט געשטאַנען טױזנטער מענטשן און געהאַנדלט מיט קאַרטן, פֿאַרקױפֿט זיך אײנער דעם אַנדערן די שפּײַז־קאַרטן, קאַרטאָפֿל־קאַרטן, גרױפּן־קאַרטן און צוקער־קאַרטן, נישט קענענדיק זיך דערװאַרטן ביז דעם טערמין און דערװײַל געכאַפּט אַ שטיקל ברױט, כּדי דערגאָך אַ קנאַפּן חודש, ביז די נײַע קאַרטן, הונגערן אײַנגאַנצן.

אָבער אַמערגסטן איז געװען לערנערן מיט די מלבושים, װאָס האָבן זיך אים מיט יעדן טאָג אַלץ מער צעריסן, אָפּגעקראָכן. די שיך האָבן זיך אױס־געדרײט, די װעש זענען געװאָרן צעהודערט. יעדע פּאָר טעג איז ער אַװעק צו דער װײַסל, אױסגעבאָדן זיך, אױסגעװאָשן זיך דאָס העמד און געװאַרט אַ נאַקעטער, ביז עס װעט זיך אױסטריקענען. פֿון שטענדיקן װאַשן און רײַבן זענען די עטלעכע העמדער אײַנגאַנצן צעקראָכן געװאָרן. אים פֿלעגט אַפֿילו אױספֿעלן עטלעכע פֿעניג אױף אָפּשערן זיך. די גרױסע האָר מיט דעם בערדל האָבן זיך געװאָרפֿן אין די אױגן.

נישט אײנמאָל האָבן חבֿרה יונגען אין גאַס אים שױן אָנגעהױבן אַ טשעפּע טון.

— הײ! — האָט אַמאָל אַ יונג אים נאָכגעשריגן — פֿאַרקױפֿט מיר דעם אָנצוג!...

אַמאָל האָט אַ קוטשער צו אים אַ פּאָך געטון מיט דער בײַטש אױף חוזק:

—פֿאַניע, מיר פֿאָרן?

און די אַלע דרימלענדיקע קוטשערס האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ! דאַבראַ!

ער פֿלעגט נישט װײַזן זיך בײַ גנענדלען גאַנצע װאָכן, אױסגעמיטן מענטשן. גנענדל האָט זיך אױסגעקוקט די אױגן, אַרומגעבלאָנקעט איבער די

גאַסן. מיט פּרוויאישער דורכדרינגלעכקייט האָט זי דערפילט, אַז ער וויל זיך נישט ווייזן פאַר איר אין אָרעמקייט, אין שלעכטע קליידער — און זי האָט אים געקושט די גראָבע, צעהאָרעוועטע און צעשטאָכענע הענט; געקושט יעדער האָר פון זיין פרעמדער באָרד, פאַרריכט די מלבושים זיינע מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, ווי נישט זי זאָל האָבן צו טון מיט אָפּגעטראָגענע גראָבע מענערישע קליידער, נאָר מיט ווייכע, זיידענע חתונה־מלבושים. זי האָט זיך געטוליעט צו זיין אויסגעדאַרטער, האָריקער, ברייטער ברוסט און געבעטן ווי אַ קינד ביי אַ מאַמען:

— גיי נישט אַוועק, בנימין! — ניין!

ער האָט איר פאַרריכט:

— איך הייס מער נישט בנימין, געדענק עס!

נאָר זי האָט אים פאַרהאַלטן דאָס מויל:

— ניין, בנימין ביסטו! — האָט זי אים געשעפּטשעט אין די אויערן — מיין בנימין! מיינער!

און זי האָט אַ סך מאָל איבערגעחזרט זיין נאָמען.

אַרומשלעפּנדיק זיך אַזוי אַ גאַנצן שווערן זומער, וואָס האָט זיך געצויגן ביי אים נישט זעקס חדשים, נאָר גאַנצע זעקס יאָרן, איז ער שוין אַפילו אַוועק צו די דייטשע אַרבעטס־ביוראָס.

אויף די שטאָטישע מויערן האָבן איצט נייע פּלאַקאַטן געהאָנגען, פּלאַקאַטן, וואָס האָבן גערופן יונגע, קרעפטיקע מענער קיין דייטשלאַנד אויף גראָבן קוילן.

גנענדל האָט אים אַרומגענומען ביים האַלדז און מיטן גאַנצן כוח אים איינגעקלאַמערט צו זיך.

— בנימין — האָט זי שטיל געשעפּטשעט — איך האָב מורא... בנימין, מען וועט דיך דערקענען...

נאָר לערנער האָט זיך אַרויסגעריסן.

— זאָל זיין וואָס עס וויל! — האָט ער געזאָגט און ער איז אַוועק.

נאָר אין לעצטן מאָמענט, גייענדיק שוין צוריק פון ביוראָ, האָט אַ צופעליקע באַגעגעניש געענדערט זיין באַשלוס און צוזאַמען דערמיט זיין גאַנצן אָרט לעבן.

דורכגייענדיק דעם זאַקסישן גאָרטן ביים וואַסער, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ ווײַלע. ביים רונדן וואַסערל אַקעגנאיבער זענען געזעסן עטלעכע דיקע דאַמען מיט קינדער און געוואָרפן שטיקלעך ברויט די אַנגעבלאָזענע שטאָלצע שוואַנען. אַ קליין אָפּגעברענט באָרוועס ייִנגל מיט קורצע געלאַטעטע הייזלעך האָט זיך פלינק אַרונטערגעכאַפּט צום ברעג און נאָך איידער איינער פון די אַנגעבלאָזענע שוואַנען האָט באַוויזן אויסצוציען זיין לאַנגן האַלדז צום האַלבן זעמל מיט פּוטער, וואָס אַ מיידעלע האָט אים געוואָרפן, האָט דאָס

ייִנגעלע אויסגעצויגן דאָס דינע, שוואַרצע הענטל, אַ כאַפּ געטון דעם האַלבן זעמל און גיך מיט אים אַנטלאָפן.

אַ דיקע דאַמע האָט אים געפּרואווט נאָכלויפן, שאָקלענדיק מיטן גאַנצן גוידער פאַר כעס.

— לאַפּאַטש זלאָדזשעיאַ! — האָט זי געשריגן און געסאָפּעט.

דאָס געלויף פון דער דאַמע מיטן ייִנגל האָט לערנערן פאַראינטערעסירט. דאָס ייִנגעלע איז געלאָפן גיך, כוואַליענדיק מיט זיינע שלאַנקע, פלינקע פוּלקעס פון די אָפּגעברענטע פיסלעך. די נאָכלויפנדיקע דאַמע האָט באַוויזן דיקע, שווערע פיס צוזאַמען מיט ברייטע, פאַרהויבענע, געהאָפטענע מייטקעס — האָט זיך דאָס ייִנגעלע אויסגעדרייט און געוויזן אַ צונג. לערנער האָט זיך אַזש פאַנאַנדערגעלאַכט פון ייִנגלס שקאָצישע שטיק און נישט באַמערקט דערווייל ווי איינער אַ מענטש דרייט זיך אַרום אים פון אַלע זייטן און באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס. פּלוצלונג האָט ער דערפילט אַ האַנט אויף דעם אַקסל צוזאַמען מיט אַ דיקער באַס־שטים:

— לערנער!

אין ערשטן אויגנבליק איז אים פאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט.

— פאַרפאַלן! — האָט אים אַ בליץ געטון אין קאָפּ.

אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט אַ ווײַלע. איין ווײַלע בלויז. באַלד איז געקומען אַ צווייטער געדאַנק:

— אָפּציען!

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַנגעשטעלט צווי האַסטיקע בליקן אויף דעם, וואָס האַלט אים, כדי צו וויסן מיט וועמען ער האָט צו טון און ווי אַזוי צו האַנדלען, און גלייך דערויף זענען אים די הענט אַראָפּגעפאַלן — און איבעררעשונג, גאַפונג האָבן פון ביידע אויגן אַרויסגעקוקט.

— אַראָן לוואָוויטש! — האָט ער אויסגעשריגן — ניעאָוזשעלי זענט איר עס?

— איך אַליין! — האָט דער, וואָס מען רופט אים אַראָן לוואָוויטש, געענטפערט מיט אַ געדריקטן וואָרעמען באַס. ער האָט געדריקט לערנערס ביינערדיקע האַנט מיט אַ פעסטן, טרוקענעם, וואָרעמען דרוק און זיך אַליין געלויבט אויף האַלב־יידיש, האַלב־רוסיש:

— אָבער איך האָב אַן אויג! סעיטשאַס אוזנאַל, כאָטיאַ מיט אַ באָרד...

ערשט איצט האָט ביי לערנערן אָנגעהויבן אָפּטרעטן די איבעררעשונג. אויף איר אָרט איז אָנגעקומען אַן אומווילן, אַן אומצופרידנקייט מיט דער פּלוצלונגדיקער באַגעגעניש.

פאַר לערנערן איז געשטאַנען אַ גוטער באַקאַנטער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק אין טיפליס, וואו ער האָט געדינט, לערנער, איז ער צו אַראָן לוואָוויטשן אָפט אין שטוב אַריינגעקומען. אַלע ייִדישע

זעלנער פּלעגן צו אים קומען. וואָרעם אַראָן לוואָוויטש, אַ גרויסער פּאָד־ריאַדטשיק, אַ מיליאָנער, פּלעגט אַלע יידישע זעלנער ביים קאָמאַנדיר אויף שבתים און ימים־טובים אויסבעטן; געדעקט פאַר זיי גרויסע טישן אין זיין רייך הויז און געגאָסן ווייַן ווי וואַסער פאַר אַלעמען.

ספּעציעל באַפריינדעט האָט ער זיך מיט אים, לערנערן. אים אַליין פּלעגט ער אַריינבעטן צו זיך אין קאַבינעט, אַוועקזעצן אויף דער בערן־פּעל, מכבד זיין מיט גוטע האַוואַנעס און טערקישע קאַפע און אויסדערציילט פאַר אים וועגן אַלע זיינע רייזעס, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויף דער וועלט; וועגן אַלע זיינע גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס ער האָט דורכגעפירט, וועגן אַלע זיינע פאַנטאַסטישע פּלענער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן און שטענדיק געוועזן פול.

איצט, נאָך עטלעכע יאָר, האָבן זיי זיך באַגעגנט דאָ, אין אַ פרעמדער, ווייטער שטאָט, ביי אַ וואַסערל פון אַ גאָרטן, אָבער ביי זייער נישט קיין גלייכע באַדינגונגען.

פון איין זייט איז געשטאַנען אַראָן לוואָוויטש, אַ געוויקסיקער, מיטל־יעריקער מאַן מיט אַן אָפּגעבערענט פול שיין געזיכט, אין אַ רייכער שוואַרצער באָרד געראַמט, מיט גלאַנציקע גליקלעכע אויגן, ענלעך אַ ביסל צו די געמעלן פון די אַסירישע קעניגן און אַ ביסל צו די טאָטערישע און אַרמענישע מאַגנאַטן; אָנגעטון אין ווייסע זיידענע וועש, וואָס בלענדט פון ווייסקייט, אין נייע געפּאַסטע ספּאָרט־קליידער, וואָס ליגן ווי אויסגעגאָסן, אין געשנורעוועטע באָרג־שיך און אין הויכע איבערגעלייגטע ספּאָרט־זאָקן, דורך וועלכע די פעסטע, מוסקולירטע לידקעס קוקן אַרויס מיט אַ גאַנצער וועלט קראַפט. — פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען לערנער, אַ באַוואַקסענער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט אָנגעכמורעטע, הונגעריקע אויגן, מיט שווייסיקע וואָרעמע קליידער, מיט צעדרייטע שיך און עלטערע, צו־ברייטע הויזן, דורך וועלכע די בעסטע פיס זעען אויס קרומלעך און אַלט.

— צום טיוול! — האָט ער זיך אַליין געזידלט, הלמאי ער איז גראָד געגאַנגען דורך דעם גאָרטן — און גלייך דערויף איז אים דורכגעלאָפן אַ ביטערער געדאַנק:

— מען דערקענט מיך טאַקע? — האָט אים אַ צופּ געטון אין האַרץ.

ער האָט אויסגעמיטן קוקן דעם פרעמדן מאַן אין די אויגן. ער האָט פאַרעקשנט באַטראַכט די אייגענע שיך, ווי ער וואָלט זיי וועלן מיט די אייגענע אויגן פאַרשטעלן. מער פון אַלץ האָבן אים געשראָקן די שיך, די צעדרייטע שיך, וועלכע זענען תמיד מער פון אַנדערע קליידער דער שילד פון דלות, און וואָס אַ זייטיקער דערזעט זיי שטענדיק צום ערשטן.

נאָר דער געוויקסיקער, פעסט־געבויטער מאַן האָט אַפילו קיין איין בליק נישט געוואָרפן אויף די שיך. ער האָט אַרויפגעלייגט לערנערן אַ האַנט

אויף דעם אַקסל, אַ וואַרעמע, קרעפּטיקע, גוטע האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אים אַנגענומען אַרום האַלדז, ווי מען נעמט אַרום אַ קינד, און אים אַ קוש געטון אין מויל אַריין צוויי מאָל.

לערנער האָט נישט געענטפערט. עפּעס צו־אומגעריכט איז עס געקומען. האָט אַראָן לוואָוויטש אַ בליץ געטון מיט צוויי שוואַרצע בליקן גלייך אים אין די אויגן אַריין און באַפוילן:

— נו, פּאַצעלוי!

האָט לערנער צוגעלייגט די ליפּן צו אַראָן לוואָוויטשעס באַקן, ווי אַ קינד צו אַ פאָטער, אַ קוש געטון אויף רעכטס און לינקס איןביידע אָפּגע־ברענטע בלוטיקע באַקן און אים האָט אַ שמעק געטון מיטאַמאָל מיט זון, ווינט, פאָטער און לעבן.

— אָט אַזוי! — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט פאָטערלעך.

און מיט דער זעלבער באַפעלערישקייט און פאָטערלעכקייט צוזאַמען, וואָס לאָזט אויף קיין איין רגע זיך נישט באַליידיקן, נישט קעגנשטעלן און נישט טראַכטן אפילו, האָט ער אים גענומען מיט זיך אויף אַ דראָשקע, אַריינ־געפירט צו זיך אין אַ שיינעם קילן צימער פון אַ גרויסן האָטעל. אָן איין וואָרט אַרויסצורעדן, האָט ער אים אַריינגעפירט אין וואַנע, וואָס איז אונטער אַ שווערער פּליושענער פאָרהאַנג אין זעלבן צימער; אַוועקגעלייגט אים זייף, אַ באָד־ליילעך, אַ האַנטעך, אַ שוואָם. אַליין נישט־וויסנדיק ווי אַזוי, עפּעס ווי דורך אַ כישוף, איז ער, לערנער, געטריבן געוואָרן אין וואַנע אַריין, אין אַ מאַרמאָרנער וואַנע, וואָס פון אַלע זייטן שפּריצט, גיסט און קוועלט מיט קאַלטן, פרישן וואַסער. און פּונקט אַזוי אומדערוואַרט און אומבאַמערקבאַר זענען פון דער סאָפקע אין באָד־צימער פארשוואונדן געוואָרן לערנערס מלבושים, די וועש און די קליידער, און אויף זייער אָרט זענען געלעגן פרישע, נייע וועש, פרישע נייע קליידער, ווייכע לייכטע שיך. אפילו אַ נאָז־טיכל האָט נישט געפעלט.

פון אומגעריכטן און פּלוצלונגן זענען לערנערן די ווערטער אין האַלדז געבליבן שטיין.

— אַראָן לוואָוויטש! — האָט ער קוים גערופן.

קיינער איז נישט געווען.

ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי אָנטון זיך.

מאָדנע גיך, ווי אַ גנב, האָט ער געצויגן אויף זיך די פרעמדע וועש, קליידער. דער שניפּס האָט זיך אים געגליטשט פון די הענט, די קנעפּלעך האָבן נישט געוואָלט אַריין אין די לעכלעך. נאָר אָט איז אויסגעוואַקסן אַראָן לוואָוויטש, אויסגעוואַקסן אויך אָן אויסגעבאָדענער, אַ פרישער, מיט גלאַנציקע טראָפּנס אין דער געדיכטער באָרד און מיט אָן אָפענער מעכטיקער האָריקער ברוסט פון אַ רויט־פּליושענעם לאַנגן שלאָפראָק, וואָס האָט אים געמאַכט

נאָך שענער, הערשערישער און פאָטערלעכער ווי פריער. אָן איין וואָרט, האָט ער אים אַרומגענומען ביי דער פּלייצע, אַרומגעגומען מיט זיין וואָרעמער, גוטער, קרעפּטיקער האַנט, וואָס פאַרגלעט אַלץ אין דער וועלט, און צוגעיאָגט פריילעך:

— עסן! עסן! כ׳בין הונגעריק, ווי אַ וואָלף!...

און לערנער האָט צוריק אַראָפּגעשלונגען אַלץ, וואָס איז אים געשטאַנען אין האַלדז, און אַ רואיקער, אַ פרישער און אַ נייער, געלאָזט זיך פירן אונטערן אָרעם איבער די ווייכע טעפּעכער פון די ברייטע מאַרמאָרנע האָטעל־טרעפּ; אַריין אין ברייטן, טונקעלן און קילן האָטעל־רעסטאָראַן און פאַרזונקען זיך אין ווייכן געבעטן סאָפּקעלע ביים טיש, גלייך מיטן פּנים אין אַ פרישן בוקעט בלומען אַריין.

— העי! אָפיציאַנט! — האָט אַראָן לוואָוויטש געדופן, פּאַטשנדיק אין ביידע הענט — סיודאַ!

אַזש צוויי קעלנער זענען מיטאַמאָל צוגעלאָפן און זיך אויסגעצויגן ווי די סטרונעס:

— סלושאַיוס!

שוין אַ צייט, ווי זיי האָבן אַזאַ רוף נישט געהערט. זינט דעם לעצטן קלאַפּ פון די בריקן, האָט קיינער דאָ נישט געקלאַפּט אין די הענט, נישט געבראָכן קיין שפּיגלען און נישט געגעבן קיין לייטישן טרינק־געלט, ווי אַמאָל די שלאַנקע רוסישע אָפיצירן און ברייט־בערדיקע סוחרים פלעגן עס טון. אַראָן לוואָוויטש האָט זיי מיט זיין רוף צעטומלט און אַזש צוויי מיטאַמאָל זענען געקומען צולויפן צום טיש און זיך אויסגעגלייכט, ווי פאַר נאַטשאַלסטווע.

זיי האָבן נישט קיין טעות געהאַט. ער האָט באַשטעלט, אַראָן לוואָוויטש, ווי מען דאַרף, מיט גרויס קענטעניש און געניטקייט. ער האָט געוואָלט אָנשטעלן אַ טיש מיט פלעשער און פלעשלעך, סלאָיקעס און סלאָיקלעך, טעלערס און פאַלומעסן.

— נאַליעוואַי! — האָט ער באַפוילן די קעלנער — נאַליעוואַי! — און ער האָט געקלאַפּט אַלעמאָל לערנערן אין גלעזל.

אויף קיין רגע האָט ער אים נישט אָפּגעלאָזן. מיט אָן אויסגעשטרעקטן פינגער האָט ער אָנגעוויזן לערנערן אויף יעדער נייער כוסה און גענויט שווייגנדיק נעמען.

קיין איין וואָרט האָט ער נישט אויסגערעדט, אויסער צום קעלנער:

— נאַליעוואַי, בראַט! נאַליעוואַי!

און ערשט דערנאָך, אַז ס׳איז געקומען צום אַנאַנאַסן־קאָמפּאָט, האָט ער אַרויסגענומען צוויי האַוואַנעס, דערלאַנגט איינעם לערנערן, איינעם זיך, און די צונג האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אים, רעדן פאַר דער גאַנצער צייט, און אַלץ אַליין, נישט לאָזנדיק לערנערן אַפילו קיין איין מאָל צום וואָרט קומען.

לערנער האָט געקוקט אין שפּיגל, געזען זיך אַ פרעמדן, מיט פרעמדע קליידער, מיט אַ פרעמד צעהיצט פּנים, מיט אַ פרעמדן ציגאַר אין מויל און זיך אַליין נישט דערקענט.

אַ ווײַלע האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זיצט גאָר איצט אין טיפליס, זיצט ביי אַראָן לוואָוויטש אין קאַבינעט, רויכערט אַ ציגאַר און הערט זיין שטים, די זאַנפטע, געדיכטע באַס־שטים, וואָס איז פול מיט זיכערקייט, איבער־צייגונג און הערשערישקייט. די שטים לאָזט קיינעם נישט רעדן, קיינעם נישט אָפּשפּאָרן, נאָר רעדט אַלץ אַליין, רעדט וועגן זיך, וועגן זיינע רייזעס, וועגן זיינע אונטערנעמונגען, וועגן זיינע פּלענער, וואָס זענען פול מיט פאַנ־טאַזיע און אמת גלייכצייטיק.

**
*

ער האָט איצט אַ סך געהאַט צו דערציילן, אַראָן לוואָוויטש. דורך די עטלעכע יאָר מלחמה האָט ער זייער אַ סך דורכגעמאַכט.

מיטפאָרנדיק מיט די רוסישע אַרמייען, וועלכע ער האָט פּראָוויאַנטירט, האָט ער מיטגעמאַכט צום ערשט דעם קאַווקאַזער פראָנט, דערנאָך די מערב־פראָנטן און אַ סך מיליאָנען געמאַכט. פאַר די מיליאָנען האָט ער אַ סך וועלדער אין טיף רוסלאַנד אָנגעקויפט, אַ סך גיטער און פאַבריקן. צום לעצט האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אין זיין געבורטס־אָרט קיין פּאָלעסיע. נאָך פון פאַר דעם קריג האָט ער דאָ גרויסע וועלדער געהאַט, אַ גוט אַ גרויס, וואָס איז בעת זיין וואוינען אין טיפליס שטאַרק אָפּגעלאָזן געוואָרן. ביי די לעצטע קאַמפן איז דאָס גוט זיינס איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל פון האַנט צו האַנט און עס איז גאָר חרוב געוואָרן. די סאָלדאַטן, די רוסן און דערנאָך די עסטרייכער און דייטשן האָבן אויסגעקוילעט די קי, צוגענומען די פערד, איבערלאָזנדיק דערויף קוויטלעך. די שטובן זענען געווען צעטרייבערט, די אויוונס איינגע־לייגט, די ביכער צעריסן, די פעלדער מיט דראָט־פאַרצוימונגען און ברודער־קברים באַדעקט.

אויסער די גיטער און וועלדער האָט דאָ אַראָן לוואָוויטש אין אַ גרעסערער אויעזדנער שטאָט געהאַט וואוינען זיין מוטער, אַ זקנה. אַראָן לוואָוויטש האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אַהער צוזאַמען מיטן רוסישן מיליטער און געוואָלט מיטנעמען מיט זיך די מוטער צו זיך אין רוסלאַנד.

עס האָט שוין געהאַלטן אין די לעצטע מינוטן. איין פעסטונג נאָכן צווייטן איז געפאַלן און די באַקאַנטע מיליטער־לייט זיינע האָבן אים געוואָרנט, וואָס פריער אַוועק מיטן מיליטער, וואָס ער פּראָוויאַנטירט.

— דער שונא איז נאָנט — האָבן זיי אים געזאָגט בסוד.

נאָר ווי אַלע מאָל האָט אים פאַרשמעקט די ריזיקע. קיין זאַך האָט אים נישט אַזוי גענומען ווי אַ ריזיקע. ער איז אַוועק צו דער מוטער, געוואָלט

זי אַרויסכאַפּן, נאָר אין דער לעצטער מינוט איז זי קראַנק געוואָרן. מען האָט זי נישט געקאָנט רירן פון אָרט — און אין דער זעלבער נאַכט, ווען זי איז געשטאָרבן, זענען די עסטרייכער מיט די דייטשן אַריין — און ער איז געבליבן אָפּגעשניטן פון רוסלאַנד, אָפּגעשניטן פון זיינע גיטער, וועלדער און פאַבריקן, וואָס ער האָט אָנגעקויפט, אָפּגעשניטן פון דער אַרמיי, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען פּראָוויאַנטירן.

אין די ערשטע טעג איז ער אומגעגאַנגען צערודערט. ער האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות אַהין, קיין רוסלאַנד.

ער האָט אַפילו שיר נישט מיטן לעבן באַצאָלט.

אים איז נישט אַזוי געגאַנגען אין די פאַרמעגנס, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזן, אין דעם פּראָוויאַנטירן די אַרמייען, וואָס האָבן אים מיליאָנען געבראַכט, ווי אין דעם, וואָס ער איז געבליבן זיצן מיט ליידיקע הענט.

צוגעוואוינט אַ גאַנצן לעבן צו טון, רייזן, בויען, פּלאַנעווען, איז ער שיער נישט אומגעקומען פון דער לאַנגווייליקייט און פוסטקייט, אין וועלכער ער איז דאָ אַריינגעפאַלן.

אין זיינע גרויסע וועלדער האָבן די דייטשן און עסטרייכער עטלעכע זעג־מילן אַריינגעשטעלט, געשניטן האָלץ, געהאַקט און אָפּגעשיקט צו זיך אין די לענדער. אין די געבליבענע ביימער האָבן זיי די קאָרע אָפּגעהאַקט, אויסגעבויערט לעכלעך, געצויגן די זאַפט און אַוועקגעשיקט.

אהרן לוואָוויטש האָט זיך שיער נישט געעקט. אים האָט נישט געאַרט דאָס פאַרמעגן זיינס, נאָר דאָס, וואָס מען מאַכט אַ תל פון די וועלדער. זיי האָבן געשניטן, די דייטשן, ביימער, וואָס מען טאָר גאָרנישט שניידן, אַרויס־געצויגן ביי די ביימער די זאַפטן. ער איז געפאָרן צום דייטשן פערשטער, דעם עלטסטן פון די וועלדער, און געמאַכט פאַרוואורפן. נאָר ווי יעדער דייטש, וואָס דינט נאָנט ביים פראָנט אין אָבער־אָסט, האָט דער פערשטער געענטפערט:

— אָבער־אָסט, מיין הערר, ניכט צו מאַכען...

ער האָט שפּעטער פאַרגעלייגט זיין הילף. ער האָט זיי אַלץ געוואָלט געבן, די דייטשן מיט די עסטרייכער, אָבער ער האָט כאָטש געוואָלט עפּעס טון דערביי, צוהעלפן. ווי אַלעמאָל האָבן ביי אים אין קאָפּ אויפגעבליצט פאַנטאַסטישע פּלענער, וואָס זאָלן די דייטשן געבן נאָך מער, ווי זיי ווילן, און עס האָט אים נישט געלאָזט איינרוען.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַלע הויכע פענצטער, נאָר די דייטשן האָבן אים חושד געווען, אַז ער האָט עפּעס אַ שווינדל דערביי און געענטפערט:

— אָבער־אָסט! ניכט צו מאַכען!

ער האָט געפּרובירט דורכרייסן זיך דורך דער פראָנט־ליניע, נאָר מען האָט אים געפּאַקט און שיער נישט אויפגעהאַנגען.

ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון. אַפילו די יעגער־ביקס זיינע,

מיט וועלכער ער פלעגט זיך יאָגן אין די וועלדער און פעלדער נאָך האָז, אַרומקריכן איבער די אַזיערעס נאָך ווילדע קאַטשקעס, האָט מען אים צוגע־נומען — קיין געווער, אָבער־אָסט!

און ער איז שיער נישט אומגעקומען.

נאָר לעצטנס איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין זיין לעבן.

צוזאַמען מיט פאַרטיעס געפאַנגענע רוסן, וואָס די דייטשן האָבן אַהער־געשיקט אַרבעטן אין די פּאַליעסער וועלדער, צוזאַמען מיט די געפאַנגענע איטאַליענער און רומענער, וואָס די עסטרייכער האָבן געבראַכט האַקן די וועלדער, זענען אויך מיטאַמאָל אָנגעקומען עטלעכע הונדערט יידן, ווייבער און קינדער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט פעק בעטגעוואַנט, מיט שבת־דיקע לייכטער און מיט עטלעכע ספר־תורהס אין צעריסענע טליתים איינ־געהילט.

דאָס זענען געווען אייַנוואוינער פון גרענעץ־פּאַס, האַרט ביים פראָנט. פריער האָבן זיי די רוסן געטריבן. ביים פאַרנעמען די שטעט און שטעטלעך דורך די דייטשן, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט נאַקעטע און באָרוועסע צו זיך אַהיים, באַזעצט זיך אין די האַלב־פאַרברענטע הייזלעך, געמאַכט פּאַפּיראָסן פאַר די דייטשע זעלנער, געטריבן בראָנפן — און אַ סך מיידלעך און ווייבלעך האָבן אויסגעביטן זייער ליבע ביי די זעלנער אויף ברויט, קאָנסערוון און צוקער.

נאָר מיטאַמאָל איז אַרויס אַ באַפעל, אַז צוליב קריגס־פאַרזיכטיקייט זאָלן אַלע פאַרלאָזן צוריק די ערטער. די יידן האָבן געוויינט, געפאַלן צו די פיס, נאָר דער גענעראַל האָט געענטפערט שטרענג:

— אָבער־אָסט! ניכט צו מאַכען!

און נאַקעטע, באָרוועסע, קראַנקע, מיטפירנדיק מיט זיך אָרעמקייט, טיפוס, הכנעה און געפאַלנקייט, האָבן זיי זיך געשלעפּט אין די דייטשע לאַסט־וואַגאָנעס איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך.

עטלעכע הונדערט נפשות זענען אַריינגעפאַלן צו אַראָן לוואָוויטשן אין שטאָט.

אין די קליינע געסעלעך, וואָס ליגן באַרג־אַראָפּ אַ טייך, שווענקנדיק זיך אין וואַסער, אין צעפוילטע חרובע דאַך־שטיבלעך, אויף צעלעכערטע בוידעמער — האָבן זיי זיך באַזעצט, די פרעמדע, און געלעבט אין נויט, דחקות, ענגשאַפט, שמוץ און רויך. די עלטערע, מענער און ווייבער, האָט מען געטריבן אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די וועלדער, וואו זיי זענען אומגע־קומען פון אַרבעט, הונגער און אויסגעצערטקייט. די קינדער, יינגלעך און מיידלעך, האָבן זיך געשלעפּט איבער די שטאָטישע גאַסן, געבעטלט, געריסן ביי די פּאָלעס, געגנבעט, געלעגן אין די רינשטאָקן, געקליבן קערנער פון

פערדישן מיסט, געשנאָרעט ביי די סאָלדאַטן, געלעבט אויסגעלאָסן צווישן זיך, געקרענקט און געשטאָרבן.

די שטאָט האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. פון די שטענדיקע קאַמפּן, מלחמות, איז מען אַליין געווען פאַראָרעמט, אָפּגעברענט, פאַרהאַרטעוועט, פאַרגרעבט.

און אַראָן לוואָוויטש האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטון צו די פרעמדע און מיטן גאַנצן ברען, ענערגיע אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר זיי.

ער איז תחילת אַרויפגעפאַלן אויף זיי האַסטיק, צו־האַסטיק, מיט דער גאַנצער אויסגעהונגערטקייט זיינער צו טון עפּעס, מיט דער גאַנצער פרעמד־קייט פון אַ ברייט־רוסישן טיפליסער פּאַדריאַדטשיק און מיט אַ סך רחמנות — און ער האָט גלייך קאַליע געמאַכט.

וואָס ער האָט נישט געוואָלט טון גוטס, איז אַרויסגעקומען שלעכטס.

גלייך אין ערשטן טאָג האָט ער צוזאַמענגענומען די קינדער. וויפל קינדער פון די הימלאָזע ער האָט געפּאַקט אין גאַס, האָט ער געפירט צו זיך, אָנגעשטאָפּט זיי פולע קעשענעס מיט עסנוואַרג און געלט.

נאָר די קינדער האָבן זיך געוואָרפן אויפן געלט, ווי די חיהלעך, אויס־געריסן זיך די אויגן, אָפּגעריסן זיך די אויערן, געראָפן זיך מיט צונעמען.

ער האָט גלייך געוואָלט מאַכן אָרדענונג:

— קינדערלעך! — האָט ער געשריגן — אַלע וועלן באַקומען. שטיל!

נאָר די קינדער האָבן אים מער נישט געהערט. זיי זענען געוואָרן די באַלעבאַטים — און ער האָט זיי פאַרטריבן פון שטוב.

— די טאַטע־מאַמעס זאָלן קומען! — האָט ער באַפוילן — אַהיים!

די טאַטע־מאַמעס זענען געקומען. נאָר זיי זענען פונקט געווען ווי די קינדער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקתן, מסירות, געוויינען, היסטעריעס. איינער האָט באַרעדט דעם אַנדערן. מען איז אים געפאַלן צו די פיס, געקושט די הענט. מאַמעס האָבן אים אונטערגעשיקט טעכטער — און ער האָט די גרויסע, ווי די קינדער, געטריבן פון זיך.

ער האָט געזען, אַז מיטן טיילן געלט האָט ער געמאַכט אַ טעות און ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן פּלאַנמעסיק.

ער איז געגאַנגען צו די דייטשן בעטן טובות פאַר די „פּליכטלינגע".

דאָס מאָל זענען אים די דייטשן אַנטקעגנגעקומען. זיי זענען זיי געשטאַנען איצט, די הימלאָזע, ווי אַ ביין אין האַלדז — גענוג קרבנות האָבן זיי שוין געהאַט געבראַכט, די הימלאָזע, פאַר די דייטשן ביי דער צוואַנגס־אַרבעט. אַ סך האָבן נאָך פון ווינטער ביי עפּנטלעכע אַרבעטן אָפּגעפרוירן זיך הענט, פיס. אַנדערע זענען אומגעקומען פון קעלט, הונגער. דערצו האָבן זיי דער־וואַרט, אַז די דייטשן, אַ קאָמיסיע פון רויטן קרייץ, אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַ־שטאַנען פון שוועדן, שווייצאַרער, האָלענדער, נאָרוועגער און אַנדערע נייטראַלע

פאַרשטייער און באַזוכט אַ סך געפאַנגען־לאַגערן, שפּיטעלער און פּליכטלינגע. שוין אַ היפּשע צייט, ווי זיי האָבן צוליב דעם געמאַכט אָרדענונג אין די געפאַנגען־לאַגערן, אַפילו געגעבן בעסער עסן די געפאַנגענע. מיט די פּליכט־לינגע האָבן זיי זיך גאָרנישט געקאָנט קיין עצה געבן — און זיי האָבן אַראָן לוואָוויטש אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

דער אָבערסט אַליין, דער קרייז־שעף, האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין קאַבינעט און געלויבט אים פאַר זיין גוט האַרץ.

— אָבער, ביטע זעהר, הערר אַראָן לוואָוויטש — דאָס איזט דאָך הערליך.

דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ פּלאַן, אַראָן לוואָוויטש, ווי אַלעמאָל.

ער האָט אַלע היימלאָזע געוואָלט אַרויסנעמען צו זיך אין חרובן גוט, מיט זיי אַליין לאָזן דעם חרובן מאַיאָנטעק אויספאַרריכטן, אויסבויען, צוריק־ברענגען אין אָרדענונג די היפּשע עטלעכע טויזנט דעסיאַטין ערד, באַאַרבעטן זיי און לעבן פון דער אייגענער אַרבעט.

— גיט מיר נאָר שפּייז פאַר זיי ביזן ערשטן שניט — האָט ער געטענהט צו די דייטשן — גיט מיר נאָר די ערשטע זריעה און איך וועל אייך אָפּצאָלן מיט פּראָצענט...

מיטן וועלן אַרויסנעמען די פּליכטלינגע פון שטאָט צו זיך אין גוט אַריין, האָט ער גאָר זיי געקויפט, אַראָן לוואָוויטש. זיי האָבן זיי געוואָלט וואָס ווינציקער האָבן אין שטאָט, וואָס ווינציקער זיי זען, די פאַרשטויסענע, פאַר־וואונדעטע און אָפּגעריסענע.

זיי האָבן נישט געענטפערט, ווי אַלעמאָל — „אָבער־אָסט״, נאָר פאַרקערט:

— בראַוואָ, הערר לוואָוויטש! בראַוואָ, בראַוויססימאָ!

אַראָן לוואָוויטש האָט געמאַכט וועגן דעם פאַרזאַמלונגען מיט די היימ־לאָזע. ער האָט זיי געבראַכט די בשורה מיט גרויס הנאה, איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיך אין זיין פּלאַן אָנכאַפּן. אָבער געשען איז פאַרקערט. אַלע האָבן געשוויגן, מיט קיין איין וואָרט זיך נישט אָנגערופן.

אַראָן לוואָוויטש איז געוועזן אויסער זיך. ער האָט צונויפגערופן די עלטסטע פון זיי, די קאָמיטעט־לייט, און געהייסן זיי ווירקן אויף דעם עולם.

— זאָגט זיי — האָט ער געטענהט צו די קאָמיטעט־לייט — קלערט זיי אויף, אַז איך וויל זייער טובה.

די קאָמיטעט־לייט האָבן אים צוגעשאָקלט, געחנפעט:

— איר זענט דאָך אונדזער פאָטער. פריער גאָט, דערנאָך איר, אַראָן לוואָוויטש...

נאָר הינטער די אויגן האָבן זיי אים באַרעדט פאַר די היימלאָזע.

ער האָט זיי נישט געטויגט צום עסק, אַראָן לוואָוויטש. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע קאַסע, די קאָמיטעט־לייט, אייגענע געלטער, וואָס זיי האָבן גע־שלעפּט פון פאַרשידענע שטעט און אינסטיטוציעס; פון צייט צו צייט געקראָגן

קליידער, שפּייז, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט אויף די מערק און די געלטער גענומען פאַר זיך, אָפּשטופּנדיק די פּליכטלינגע מיט קליינינקייטן. עפּעס צופיל האָט זיך דער פרעמדער אָנגעהויבן מישן צו זיי. און זיי האָבן אויס־געריידט אויף אים אַלדאָס בייז, געזאָגט, אַז ער האָט געמאַכט מיט די דייטשן איינס, אַז ער וויל זיי מאַכן פאַר קנעכט ביי זיך אין גוט, וויל זיי מאַכן פאַר פּויערים און באָדן זיך אין זייער שוויס.

איבערהויפּט האָט געהעצט דער קאָמיטעטניק דושקין, אַ קליין ליטוויש יידל מיט אַ פּנים ווי פון זאַמד, מיט אַש־קאָלירענע גלאַטיקע האָר און מיט אַ שטייף בערדל, וואָס וואַקסט בלויז אויף דעם קין, און די באַקן זיינע, די פּירקאַנטיקע און די קרענקלעך־רויטלעכע, זענען גלאַטיק, בלויז מיט עטלעכע שטייפע האָר דורכגעוואָרפן.

אַ געבויגענער, מיט אַ קאָפּ וואָס זיצט צו־טיף אַריינגעזעצט צווישן בײדע אונטערגעהויבענע פּירקאַנטיקע אַקסלען, אַן אַסטמאַ־ליידנדיקער, וואָס הערט נישט אויף אונטערצוהוסטן דריבנע און טרוקן, איז ער שטענדיק אַרומ־געקראָכן פון שטוב צו שטוב, פון פּלאַץ צו פּלאַץ, אומעטום אונטערגעשטעלט די וויכע, צו־גרויסע אויערן, וואָס זענען מיט שטיקלעך וואַטע פאַרשטעקט; אומעטום אָנגעהוסט מיט זיין דריבנעם, טרוקענעם הוסטל און שטענדיק, ווען נאָר צוויי האָבן גערעדט, ווען צוויי האָבן אַ סוד געהאַט, איז ער אויסגע־וואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, מיט שטילע, קעצישע טריט זיך צוגעשאַרט און באַגריסט זיך, טאַפּנדיק ביים דאַשעק פון זיין שטייף ליטוויש היטל:

— אַ גוטן מאָרגן אייך, וואָס מאַכט מען?

זינט אַראָן לוואָוויטש האָט אָנגעהויבן זיך מישן צו די הימלאָזע, האָט דושקין נישט אויפגעהערט העצן.

— איר וועט זען, וואָס ער וועט מאַכן פון אייך, דער המן — האָט ער אומעטום געזאָגט — איר וועט געדענקען מיינע רייד.

און צו דער זעלבער צייט איז וואו אַראָן לוואָוויטש האָט זיך נאָר געריירט, וואו ער איז נישט געקומען, איז אים שטענדיק דושקין אויסגעוואַקסן, אַראָפּ־גענומען דאָס היטל און זיך באַגריסט אין ליטווישן רוסיש:

— זדראַסטוואויטיע, אַראָן לוואָוויטש, מאַיאָ פּאָטשטעניע!

אַראָן לוואָוויטש האָט אָנגעהויבן גיין מיט תקיפות. זיין הערשערישע נאַטור האָט זיך דערוועקט.

ער האָט געוואָלט טון פאַר די פרעמדע גוטס; ער האָט געוואָלט זיי אַרויסנעמען פון די שמוציקע געסלעך, פון די רינשטאָקן, וואו זיי האָבן געבעטלט, געגנבעט, געטריבן בראָנפן, פאַרקויפט די טעכטער, און אַריבער־פירן צו זיך, אין זיין פאַרמעגן, אויף זיין ערד, און מאַכן פון זיי מענטשן, צום סוף האָבן זיי אַליין אים געשטערט.

האָבנדיק שטענדיק צו טון מיט מיליטער־לייט, געוואוינט צו דיסציפּלין, דיקטאַטור, האָט ער אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער פויסט אין טיש.

— שטילער זאָל זיין! — האָט ער געשריגן צום עולם, וואָס ער האָט צוזאַמענגערופן — איך וויל אייער גוטס און איר וואַרפט זיך!

דער עולם איז שטיל געוואָרן. נאָר אַנטקעגנקומען האָבן זיי אַלץ נישט געוואָלט.

אַראָן לוואָוויטש האָט געזען, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די קאָמיטעט־לייט, אַז זיי העצן קעגן אים, און ער האָט וועגן דעם דערמאָנט פאַרן אָבערסט דעם קרייז־שעף.

דער קרייז־שעף האָט גלייך, אַז אַראָן לוואָוויטשעס וויסן, געשיקט נאָך זיי פעלד־זשאַנדאַרמען און אַוועקגעשיקט אין וואַלד אויף צוואַנג־אַרבעט.

די היימלאָזע האָבן זיך דערשראָקן פאַר אַראָן לוואָוויטשן, דערזען אין אים אַ קראַפט און אים געוואָרן אונטערטעניק. פון ווי ווייט האָט מען אים אָפּגעטראָטן דעם וועג, געצויגן די היטלען. אַראָן לוואָוויטשן האָט דאָס גע־קרענקט. אָנשטאָט צוטרוי, וואָס ער האָט געוואָלט, איז געקומען מורא. זיי האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מסור און טאַקע נאָכמער געגלייבט אין זיינע שלעכטע כוונות, ווי די קאָמיטעט־לייט האָבן אָנגערעדט. מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן פועלן ביים קרייז־שעף, מען זאָל די קאָמיטעט־לייט באַפרייען, נאָר קיין צוטרוי האָט ער אַלץ נישט געוואונען.

אין אַזאַ לאַגע איז ער אַוועק קיין וואַרשע.

זיי האָבן זיך נישט געאיילט, די דייטשן, צו געבן אַראָן לוואָוויטשן פּראָדוקטן און זריעה ביזן ערשטן שניט. אָנשטאָט דעם האָבן זיי אים געגעבן אַ פּאַספּאָרט קיין וואַרשע און בערלין, עטלעכע רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דייטש־יידישע הילפס־פאַראיינען און געשיקט אים זאַמלען געלט פאַר די „ליידענדע אָסט־יודען".

אָפּגעוואוינט פון יידישן לעבן, פון געזעלשאַפטלעכקייט, צוגעוואוינט צום לעבן פון רוסישע ברייטע קאַצאַפּעס גבירים, האָט ער גלייך ביים ערשטן וויזיט צעקריגט זיך מיט די דייטשע ראַבינערס, מיט וועלכע מען האָט אים צונויפגעפירט.

ער האָט דערציילט וועגן די היימלאָזע, וועגן זייערע ליידן, וועגן זיינע פּלענער מיט היץ. נאָר זיי, די ראַבינערס מיט די מיליטערישע היטלען, זענען געזעסן קאַלטע, אָנגעבלאָזענע, נישט אויפגעהערט רעדן וועגן כשרות און געדונגען זיך מיט אים, ווי אויף אַ מאַרק.

ער האָט געמאַכט אַנדערע פּלענער. ער האָט דערציילט וועגן זיין רייכקייט אין רוסלאַנד, וועגן זיינע פאַרמעגנס און געבעטן געלט אויף זיין אייגענעם חשבון, וואָס ער וועט אָפּצאָלן, ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן.

— מיר גיט — האָט ער געשריגן — מיר, אַראָן לוואָוויטשן. אַליין וועל איך זיי אויסהאַלטן.

ער איז געווען איבערצייגט, אַז דערמיט האָט ער זיי געגומען. אויף זיין נאָמען האָט מען אין רוסלאַנד מיליאָנען געגעבן. נאָר די ראַבינערס האָבן זיך קאַלט געצויגן ביי די שפּיציקע בערדלעך און נישט נתפּעל געוואָרן.

— יאָ, יאָ — האָבן זיי געזאָגט — דאָס איזט יאָ אַללעס זעהר שעהן אונד לאָובענסווערטה, אַבער מאַן קאַן, יאָ, ניכט וויסען... ווי זאָגט עס דער טאַלמוד, כבדהו וחשדהו... ניכט וואַר?

פאַר כעס האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און, פאַרגעסנדיק מיט וועמען ער האָט צו טון, האָט ער געגעבן אַ רוסישן „פאָ־מאַטיערי".

— נאַפּליעוואַט! — האָט ער געשריגן און געוואָלט אינגאַנצן זיך אַרויס־שלאָגן דערפון.

נאָר אין לעצטן מאָמענט האָט אין אים דערוואַכט די אַמביציע, דער צו־להכעיס — און ער האָט געקלאַפּט אין טיש:

— און איך וועל מיינס אויספירן! — אַפילו די גאַנצע וועלט זאָל זיך צוזאַמענקומען...

זיי האָבן אים איבערגעבעטן, די ראַבינערס. זיין פעסטע האַלטונג, זיין עקשנות האָט זיי אימפּאָנירט, די קאַלטע ראַבינערס, און זיי האָבן אים צו־געזאָגט געבן, וויפל נאָר ער וועט פאָדערן.

— מיט דעם רוסישען יודען איזט, יאָ, קיין שפּאַס — האָבן די ראַבי־נערס געשמייכלט — זי זינד אין כעסן, הערר לוואָוויטש!

אַ צופרידענער, אַ גליקלעכער, איז ער צוריק אַהיים, פאַרהאַלטנדיק זיך אין וואַרשע אויף אַ קורצער צייט — דאָ האָט ער צופעליק געטראָפן לער־נערן און גלייך איז אים איינגעפאַלן, אַז מיט אים וועט ער קאָנען אַרבעטן.

ער איז איצט געווען אַנטשלאָסן, אַראָן לוואָוויטש, בנוגע די היימלאָזע. אַנטשלאָסן צו נעמען זיי מיט געוואַלד אין דאָרף אַריין און גערעדט וועגן דעם מיט לערנערן אין רעסטאָראַן.

לערנער האָט געמוזט אויסרויכערן עטלעכע האַוואַנעס ביי דער גאַנצער צייט, וואָס אַראָן לוואָוויטש האָט גערעדט וועגן זיין פּלאַן און גערויכערט. ער האָט אים נישט געלאָזט זיצן אָן אַ ציגאַר אויף אַ ווײַלע, אַזוי, אַז לער־נערן האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט — און געענדיקט האָט אַראָן לוואָ־וויטש מיט אַ קלאַפּ אין טיש, אַז אַלע גלעזער האָבן געציטערט:

— דער טייוול זאָל זיי נעמען, די שנאָרערס, און מענטשן וועלן זיי ביי מיר מוזן זיין!

מיט דער זעלבער תּקיפות און זיכערקייט האָט ער געשריגן צו לער־נערן, נישט פרעגנדיק אים אַפילו:

— און דו וועסט האָרעווען ביי מיר! אַרבעטן גלייך מיט מיר — גיב אַ האַנט!

לערנער האָט אים געגעבן אַ האַנט און דערצײלט וועגן זיך. אַראָן לוואָוויטש האָט אים קוים געלאָזט קומען צום וואָרט, איבעררייסנדיק אים כסדר און אָנפּיפּקנדיק אים פולע אויגן מיט רויך. —

אַז ער האָט אים ענדלעך דערציילט וועגן זיין מיידל, האָט אַראָן לוואָוויטש שטיל־געשוויגן אַ ווײלע און געבעטן, זי אים באַקענען.

גנענדל האָט זיך געפילט נישט אינגאַנצן באַקוועם, ווען לערנער האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר אַראָן לוואָוויטשן.

אַראָן לוואָוויטש האָט אויף איר אָנגעשטעלט זיינע פייערדיקע אויגן און אַזוי זי דורכגענומען, אַז זי האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין בליק און אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו די שפּיץ שיך, פילנדיק דאָס בלוט אין פּנים.

אַ סך שטאַרק מענלעכעס און פאָטערלעכעס צוזאַמען איז געווען אין זיין בליק, וואָס האָט אי באַליידיקט, אי געוועקט אַפשיי.

— אַרבעטן וועט איר קאָנען? — האָט אַראָן לוואָוויטש געפרעגט.

— יאָ — האָט גנענדל געענטפערט, נישט אויפהויבנדיק די אויגן פון דער ערד.

— פאַרט איר מיט אונדז — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט, ווי שטענדיק, נישט פרעגנדיק יענעם.

***

צוזאַמענס באַנאַכט זענען אַלע דריי, אַראָן לוואָוויטש, לערנען און גנענדל אָפּגעפאָרן אין אַ באַזונדערן קופּע אין וועג.

ביי די ביוראָס פון פּאַסיר־שיינען זענען הונדערטער מענטשן געשטאַנען אין ריי און טעג געוואַרט אויף רייזע־דערלויבענישן.

אַראָן לוואָוויטש איז גלייך דורכגעגאַנגען אַלעמען און קיינער האָט אים אַפילו נישט אויפמערקזאַם געמאַכט — אַפילו דער סאָלדאַט ביי דער טיר, אַ קליינער דייטש, האָט זיך עטוואָס אויסגעגלייכט.

— גאָלד! — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט.

— איך האָב עס געוואוסט — האָט דער דייטש צו זיך אַליין געֶרעדט און אויפגעעפנט די טירן פאַר אים — ביטע!

איינס און צוויי האָט מען אין ביוראָ אויסגעשריבן פּאַסיר־שיינען פאַר לערנערן און גנענדלען, נישט אַריינקוקנדיק אַפילו אין זייערע פּאַפּירן.

פאַר צאָלן נישט מיט פּאַפּיר, נאָר מיט גאָלדענע רוסישע פינפערלעך לויטן אָפיציעלן דייטשן קורס, איז קיין ריי נישט געווען.

נאָך דעם פּאַסיר־שיין האָט מען געדאַרפט גיין אין אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט, לאָזן זיך אונטערזוכן, צי מען איז ריין. הונדערטער מענטשן זע־

נען געשטאַנען גרייט מיט די לייבער, מיט די האָר, מיט די בערד, די דייטשן זאָלן זיי באַקוקן.

— גאָלד! — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט — און מען האָט אונטער־געשריבן, נישט אָנקוקנדיק אַפילו די פּאַסאַזשירן, צי זיי זענען ריין. פּונ־דאַנען איז ער אַוועק אין שטייער־אַמט און אין אַנדערע אַמטן, וואָס זענען געווען באַלאַגערט מיט מענטשן.

— גאָלד! — האָט ער אומעטום געזאָגט און אַלע טויערן האָבן זיך געעפנט.

גנענדל האָט זיך דערלויבט אויף אַ שפּאַס:

— פונוואַנען נעמט איר אַזויפיל גאָלד, אַראָן לוואָוויטש?

— פון וועלן! — האָט אַראָן לוואָוויטש געענטפערט.

גנענדל האָט געשמייכלט:

— אין דעם זענט איר נישט איינער!

— נישט אמת! — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט — זיי ווילן אָפּנאַרן אויף אַ הערינג, די אידיאָטן, נישט דערוועגן אַ פונט ציבעלעס, און זיי דערגרייכן עס טאַקע.

גנענדל האָט געשוויגן און אַראָן לוואָוויטש האָט געזאָגט שטיל, ווייזנ־דיק אויפן טייסטער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער הויזן־קעשענע פון הינטן:

— קיין קנעכט ביי אים בין איך פונדעסטוועגן נישט. דערפאַר טאַקע האַלט איך אים נישט אין בוזעם־קעשענע ביים האַרץ, נאָר הינטן... אָט וואו איך האָב אים!...

**
*

נאָך אַ גאַנצער נאַכט טרייסלען זיך אין וויכן קופּע, וואָס אַראָן לוואָ־וויטש האָט אָנגעשטאָפּט מיטן רויך פון זיינע ציגאַרן, נאָך דער קילער זומערדיקער נאַכט, וואָס האָט נישט אויפגעהערט גיסן אַפילו אויף אַ ווײַלע און אומעטיק געקלאַפּט אין דאַך פון וואַגאָן און אין די פאַרלאָפענע שויבן, איז אָנגעקומען אַ טאָג אַ זוניקער, אַ וואַרעמער. דורך די אָפענע וואַגאָן־פענצטער זענען פאַרבייגעלאָפן געדיכטע וועלדער, איינגאַנצן איינגעטונקען אין זון, פאַרבן און שפינוועבס. און גנענדל האָט זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּ־רייסן די פענצטער. נאָך די לאַנגע שווייסיקע און שטיינערנע טעג אין שטאָט, איז איצט געשטאַנען פאַר איר דאָס דאָרף אין זיין גאַנצער פּראַכט. ווי אַ געפאַנגענע חיה, וואָס מ׳לאָזט אַרויס פון שטייג אין וואַלד אַריין, האָט זי אַריינגעצויגן אין זיך די באַקאַנטע ריחות פון פעלד און וואַלד, גראָז און וואַסער, מיסט און וועלקונג. — בושלעס האָבן זיך געטראָגן אין די הימ־לען. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערזען אַ קליין מיידעלע אין באָראָוועקע, זי מיט

בנימינען לויפן איבער די לאָנקעס און שרייען נאָך די לעצטע בושלען:

— באָטשאַן המלך, די גניאַזדע ברענט!

און זי האָט זיך פעסט איינגעקלאַמערט מיט אַ האַנט אין לערנערס האַנט.

— בנימין! — האָט זי אומעטיק געמורמלט, דערמאָנענדיק זיך אין דער היים.

נאָר אָט איז מען צוגעקומען צו אַן אָפּגעברענטן וואָקזאַל, אַרום וועלכן עס זענען געשטאַנען אַ סך בריטשקעס, פויערישע וועגעלעך און עטלעכע גרויסע באַלעגאָלישע קאַרעטעס. נאָך איידער מען האָט זיך אָפּגעשטעלט איז שוין אַריין אַ הויכער אָפּגעברענטער שוואַרצער יונג מיט אַ פּאָנישן הוט אויף זיין יידישן געקרייזלטן קאָפּ און אַרויסגעכאַפּט די וואַליזעס מיט די קיישלעך.

— צו מיר! כ'האָב שוין אַלע פאַרשוינען! — היידאַ!

האָט גנענדל אין אַלעם פאַרגעסן, און אַ פריידֿ, אַן אומגעהויערע פרייד האָט זי אַרומגענומען.

— אוי, ווי גוט! — האָט זי געזאָגט און אַליין, איידער אַראָן לוואָוויטש האָט איר באַוויזן צוצוהעלפן, איז זי אַרויסגעשפרונגען פון וואַגאָן.

אין דער גרויסער לעדערנער צעריסענער בויד, וואָס איז געווען גע־שפּאַנט אין דריי אויסגעדאַרטע שאַרף־בייניקע פערד מיט שאַרפע רוקנס און דריי־קאַנטיקע צעשמיסענע הינטנס, איז אַפילו געווען געדיכט, נאָר פריילעך.

אויסער גנענדלען, לערנערן און אַראָן לוואָוויטשן, זענען געזעסן נאָך עטלעכע יידן אין וואַרעמע סוחרישע בורקעס, כאָטש עס איז נאָך געווען היים. אָבער מער אָרט פון אַלעמען האָט פאַרנומען אַ דייטש מיט זיין פּאָסט, וואָס ער האָט געפירט. צווישן צענדליקער פּאַקעטן, פּעקלעך און ציטונגען, איז געזעסן, ווי אַ הון אויף אייער, אַ דאַרער עלטערער אָפּגעהאַרעוועטער דייטש מיט קורצע קאָמישע שטיוול און קרומע פיס און ברייטע ברוינע סאַמעטענע מייטקעס, מיט אַ פּיקלהויב שלימזלדיק קרום פאַררוקט אויפן געגאָלטן קאָפּ, וואָס האָט זייער פריילעך געמאַכט מיט זיין אויסזען און מיט זיין בייזקייט. ער האָט נישט אויפגעהערט פּיפּקען זיין ליולקע, וואָס איז שטענדיק האַלב־פאַרלאָשן, געהוסט, געשפּיגן און אַלע ווײַלע אַרויפגעשריגן צום ברייט־פּלייציקן יונג דעם באַלעגאָלע, וואָס איז געזעסן אין דער הויך ביים דאַך, אַרומגערינגלט מיט דעם דייטשס פּאָסט־פּאַקעטן און זעק.

— דו, כאַים, פּאַס מאַל אויף? זינד די פּאַקעטע אַלע דאַ?

— קוש אין אָחור! — האָט דער יונג אַראָפּגעשריגן מיט אַ שאַרף־ליטווישער אויסשפּראַך, אַזוי, אַז דער דייטש האָט קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען — יאַ, יאַ...

— ס'גוט — האָט דער דייטש געברומט און זיך באַרואיקט.

באַלד האָט ער ווידער גענומען ציילן די פּאַקעטן און פּעקלעך און ווי־דער אַרויפגעשריגן, נישט אַרויסלאָזנדיק די ליולקע פון מויל.

— דו כאַים! צייל מאָל די פּאַקעטע! צייל ריכטיק!

— אַ רוח דיר אין טאַטן! — האָט דער יונג אַראָפּגעשריגן — הער־אויף נודיען, הינערנער פּופּיק!

— ס׳שטימט — האָט דער דייטש צוגעברומט — ס׳שטימט יאָ!

די יידן די סוחרים אין די בורקעס האָבן צו צווי מאָל גענומען אַ שמעק טאַבאַק, איינצוהאַלטן זיך פון לאַכן. אַראָן לוואָוויטש האָט זיך שיער נישט צעשאָטן פון געלעכטער. און גנענדל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און מיטגעלאַכט. דער דייטש האָט געוואָרפן שטרענגע בליקן, געטאַפּט די ביקס, וואָס איז אים געשטאַנען צווישן די פיס, און געברומט.

דורך די אָפענע לעכער אין דער בויד האָט זיך אַריינגעריסן אַ פרישע ווינטל, דורכגעזאַפּט מיט ווייניקע ריחות פון רייפע באַרן און פלוימען. פון צייט צו צייט איז מען אַפילו פאַרבייגעפאָרן אַן אָפּגעברענט דאָרפיש הייזל מיט אַ נאַקעטן עלנטן קוימען, וואָס קוקט מיט אַ פאַרשוואַרצטן קאָפּ אויף די חורבות אַרום. צווישן דראָט־פאַרצוימונגען און פאַרלאָזענע שוץ־גראָבנס האָבן זיך געצויגן פרישע ברודער־קברים, געדיכט פאַרזייט מיט קרומע צלמים און צלימלעך. עלטערע לאַנדשטורמער זענען געשטאַנען אַרום די קברים, אַרומגעשאָטן שטיקער גראָז, אַרומגעצוימט מיט פאַרקאַנדלעך, אַרומ־געגראָבן די פאַרבליבענע בלומען, וואָס האָבן אַרום טייל דייטשע קברים געוואַקסן, און מיט ווייסן פאַרב געמאַכט נומערן. נאָר דאָס אַלץ איז נישט אימשטאַנד געווען צו צעשטערן די אינערלעכע פרייד, וואָס האָט אַלץ אַרומ־גענומען. די פרייד איז געלעגן אויף די חורבות, אויף די קברים, אויף דיביימער, אויף די פולע ראָוועס וואַסער, און אַפילו אויף די צעשמיסענע קאַנטיקע פערדישע הינטנס.

פאַרנאַכט, ביי אַ בלוט־רויטן זון־אונטערגאַנג, איז די בויד אָנגעקומען צו אַראָן לוואָוויטשן אין שטאָט. פון אַלע זייטן האָבן געסטאַרטשעט אָפּגע־ברענטע מויערן מיט הוילע פענצטער־לעכער. אויף אַ סך הייזער און הייזלעך, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געזאַמלט אַ סך ווייבער און האַלב־נאַקעטע קינ־דער, האָבן געהאַנגען דייטשע פירקאַנטיקע ברעטלעך מיט שוואַרץ־אויסגע־ברענטע גאָטישע בוכשטאַבן: „זאָלדאַטן, פאַרזיכטיג, פיבער!" אַרום דער גרויסער פּלומפּ אינמיטן מאַרק זענען געשטאַנען פערד און געטרונקען פון דער גרינער מאָכיקער קאַריטע. אַ ברייטע, געזונטע, שוואַרץ־חנעוודיקע יידישע מויד מיט פאַרקאַשערטע באָרוועסע פיס און הענט האָט געטראָגן צווי קאַנען קאַלט וואַסער, איבער וועלכע עס זענען אַרומגעשוואומען אַראָפּ־פאַלנדיקע קאַשטאַן־בלעטער. זי האָט מיט שעמעוודיקע און אָפענע אויגן נאָכגעקוקט די פּאַסאַזשירן. יידן אין ליטווישע אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטעס

און רעקלעך האָבן געצויגן מיט הכנעה זייערע גרויסע שטייפע היטלעך פאַר אַראָן לוואָוויטשן. מחנות קינדער, מיט שוואַרצע בלאָטיקע פיסלעך, זענען נאָכגעלאָפן, אויסגעשטרעקט דאַרע פאַרבערנטע הינטלעך און נאָכגעשריגן:

— האַר לעבן, גיט עפּעס! כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, האַרעלע!

— כ׳האָב די ערע פאַרצושטעלן! — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט צו לערנערן און גנענדלען, ווייזנדיק אויף די נאָכלויפנדיקע קינדער — דאָס זענען זיי, מיינע לייט...

דער יונג, דער באַלעגאָלע האָט אַ פּאָך געטון מיט דער בייטש אויפן קליינוואַרג.

— אַוועק, ממזרים, פון רינשטאָק! די פעל וועל איך פון אייך שינדן!

גנענדל האָט אַנגעשריגן אויפן יונג.

— נאָ, נאָ! שמייסט נישט אַזוי! איר!

— פאַרוואָס? — האָט אַראָן לוואָוויטש זיך אַריינגעמישט — פאַר אַ בייטש האָט מען מורא... איר זעט, ווי זיי זענען אַוועק פון רינשטאָק...

לערנער האָט זיך געשפּאַרט:

— אפשר אויסווייזן, אַז אין רינשטאָק טויג נישט צו זיצן, און זיי וועלן אַליין לויפן...

— נישט אמת! — האָט אַראָן לוואָוויטש איבערגעהאַקט — נאָר מיט דער בייטש קאָן מען עפּעס מאַכן, גוטס ווי שלעכטס. איר ט׳זען!

גנענדל האָט געכאַפּט אַ קליין דין שוואַרץ יינגעלע מיט אַ רונדיק קעפּל און איידער ער האָט זיך באַוויזן אַרויסצוכאַפּן פון אירע הענט, האָט זי אים גיך אַ קוש געטון אין ביידע גרויסע קויל-שוואַרצע אייגעלעך אויף רעכטס און לינקס.

— דו לאַבוסל! — האָט זי אים געזאָגט צערטלעך — וואָס האָסטו ליבער, שמיץ צי אַ קוש?

— איך האָב ליב עפּעלעך! — האָט דער קליינער געענטפערט מיט אַ האַרטער ליטווישער אויסשפּראַך.

— זעט איר שוין! — האָט גנענדל געטריאומפירט קעגן אַראָן לוואָ־וויטשן און זיך געררויטלט.

— מיר׳ן זען! — האָט אַראָן לוואָוויטש געענטפערט שטיל.

די פאַרנאַכטיקע לופט איז געווען פול מיט שטילקייט, רואיקייט און פרידן.

קאַפּיטל דרייצן

אָן אַ היים

אין גרויסן ריזיקן קאַזאַרמע־הויף אין עק שטאָט, וואו פריער האָט די רוסישע קאַוואַלעריע געהאַט אירע פערד־שטאַלן, האָט אַראָן לוואָוויטש גע־לאָזט אַוועקשטעלן אַ לײדיק פאַס פון קאַלך, באַדעקט עס מיט עטלעכע ברעטער און געמאַכט אַ טיש. אויף די ברעטער האָט לערנער אויסגעלייגט עטלעכע גרויסע גרינע בויגנס פּאַפּיר, אַ גראָבן קאַנצעלאַרישן בוך, אַ טינט און פעדער און אַ גלאָק. אַרום טיש זענען געשטאַנען דריי שטולן — פאַר אַראָן לוואָוויטשן, פאַר לערנערן און פאַר גנענדלען.

אַראָן לוואָוויטש איז געזעסן ליידיק, בלויז מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט. לערנער איז געזעסן ביים בוך און פאַרריכט די פעדער. גנענדל איז געזעסן אין אַ קלאָר שניי־ווייס פאַרטעך מיט אַ ווייס טשיפּיקל אויפן קאָפּ.

אַרום די אומגעוואָרפענע באַריערעס און שטאַנגען, איבער וועלכע די רייטער פלעגן זיך איבן און שפּרינגען, האָבן זיך געטוליעט עטלעכע הונ־דערט היימלאָזע יידן, ווייבער, קינדער, מערסטנס אין הילצערנע האַלענדי־שע שיך, אַ מתּנה פון דער דייטשער צוואַנגס־אַרבעט, און אין אָפּגעטראָגענע צעקנייטשטע קליידער, וואָס אין זייער אויסגעוואַקסנקייט און אין די רויטע פלעקן האָט מען דערקענט, אַז זיי זענען שוין אַלע דורכגעגאַנגען די דעזינ־פעקציע־קעסלען פון די דייטשע אַנטלויזונגס־בעדער.

— טשערקאַס — האָט לערנער געלייענט פון אַ רוסישער ליסטע, וואָס אַראָן לוואָוויטש האָט אַליין געהאַט צונויפגעשטעלט.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

— טשערקאַס! — האָט אַראָן לוואָוויטש הויך אויסגערופן — טשער־קאַס משה לייב!

— אָט בין איך — האָט זיך אַרויסגערוקט אַ יידל מיט איין אויג — אָט־אָ!

— פאַרוואָס האָט איר זיך נישט באַלד אָנגערופן, טשערקאַס? — האָט אַראָן לוואָוויטש געהאַט טענות.

— ווייל מען רופט אים משה דער בלינדער! — האָט זיך אָנגערופן אַ שטימע צוזאַמען מיט אַ געלעכטער פון עולם.

— שטילער זאָל זיין — האָט אַראָן לוואָוויטש געגעבן אַ באַפעל — מען פרעגט אייך נישט! — אין וועלכן יאָר זענט איר געבוירן, טשערקאַס?

— אַ גוט יאָר אויף אייך! — האָט דער ייד געענטפערט — ווער קאָן עס געדענקען!

אַראָן לוואָוויטש האָט אויף דעם ייד אַ בליק געטון מיט די אויגן:
— ווער דען זאָל וויסן? — איך?
לערנער האָט זיך אַריינגעמישט:
— ווי אַלט זענט איר, הער טשערקאַס? — ווייסט איר?
— וואָס הייסט, איך זאָל נישט וויסן? — האָט זיך דער ייד באַליידיקט — איין און פופציק יאָר, דאָס הייסט, חנוכה, מיר זאָלן עס דערלעבן, ווער איך צוויי און פופציק.
— פאַרשרייב! — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט לערנערן, פאַרבייסנדיק די וואָנסע, וואָס לערנערן האָט זיך בעסער איינגעגעבן אויסצוטענהן זיך מיטן ייד.
— פאָטאָצקאָ מאַריאַשע!
— גרעפין פאָטאָצקאָ! — האָבן אַ סך שטימען פון עולם געררופן — מאַריאַשקע, גיכער!
אַ יידענע מיט צוויי קוליעס האָט זיך געבראַכט צו שלעפּן. צו יעדער קוליע האָבן זיך געטוליעט קינדערלעך. נאָך איידער מען האָט זי געפרעגט, האָט זי שוין געוויינט:
— דערבאַרעמט זיך אויף מיינע „ווערעם" — אַ וויסטע אַלמנה!
אַראָן לוואָוויטש האָט איר איבערגעהאַקט:
— דאָ איז נישט קיין וויבער־שול! שוין לאַנג איז אייער מאַן געשטאָרבן?
— געשטאָרבן? — האָט די יידענע זיך געבייזערט — נישט געשטאָרבן, נאָר געהרגעט! אַ „טשאַכאַטיצנער" געווען. געטריבן אים אויף אַרבעט און געשטאָרבן ביי דער אַרבעט. דאָס בלוט אויפן שניי אויסגעשפּיגן...
אַראָן לוואָוויטש האָט איר ווידער איבערגעהאַקט:
— שוין לאַנג זענט איר אַ קאַליקע?
די יידענע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. טרערן האָבן זיך איר געוויזן אין די אויגן.
לערנער מיט גנענדלען האָבן זי באַטראַכט. אַראָן לוואָוויטש האָט גע־כאַפּט זייער בליק און זיי צעשיידט.
— פאַרשרייבט! — האָט ער געזאָגט לערנערן — און איר, — האָט ער זיך געווענדעט צו גנענדלען — קוקט אַריין די קינדער אין די קעפּלעך.
גנענדל האָט צוגענומען די קינדער, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו דער מוטערס קוליעס, פונאַנדערגעבלאָזן זיי די האָר און האַסטיק זיך צוריקגע־רוקט. אַראָן לוואָוויטש האָט געשמייכלט זיך אין באָרד אַריין.
— אַ וואַלד! — האָט ער געזאָגט — ניס־ביימער!...
— שטילער! — האָט גנענדל געזאָגט, שעמענדיק זיך פאַר דער יידענע.
— מאַכט אַ קרייצל ביי די נעמען! — האָט אַראָן לוואָוויטש דערויף געענטפערט — דאָס וועט זיין אַ סיגנע פאַר נישט־ריינע קעפּ...

לערנער האָט ווייטער גערופן פון דער ליסטע.

— רובאַכאַ! ציפּקין! זילבערטרעסט! ווילענסקי! ליבקינד!

אַלע זענען צוגעקומען, געזאָגט זייערע נעמען, עלטער, פאַמיליע־שטאַנד, באַשעפטיקונג. צום סוף איז צוגעקומען ליבקינד, אַ דין יונג מיידל מיט שוואַרצע געדרייטע לעקעלעך און מיט אַ שנירל גלעזערנע פּערל אויפן געטאָקטן העלדזל. אויף אַלע פראַגן האָט זי געענטפערט גלייך. זי האָט דער־ציילט, אַז זי איז זיבעצן יאָר, קיין מוטער האָט זי נישט און דער פאָטער איז אויפן פראָנט.

אַז ס'איז געקומען צו דער באַשעפטיקונג, האָט זי געשוויגן.

לערנער האָט געוואָלט דורכלאָזן די רובריק. אַראָן לוואָוויטש האָט אָפּ־געהאַלטן מיט דער האַנט.

— וואָס טוט איר, ליבקינד?

דאָס מיידל האָט געשוויגן.

אַראָן לוואָוויטש האָט אַ שטרענגן בליק געוואָרפן.

— וואָס זאָגט איר נישט?

— זי איז אַ הור! — האָט זיך פון עולם דערהערט אַ מענערישע שטים, באַגלייט פון אַ געלעכטער.

ווידער אַמאָל האָבן זיך לערנערס און גנענדלס אויגן באַגעגנט און ווי־דעראַמאָל האָט זיי אַראָן לוואָוויטש געכאַפּט.

— מאַכט אַ רינגעלע! — האָט ער געזאָגט לערנערן — דאָס וועט זיין אַ סיגנע פאַר אַזעלכע...

גנענדלען האָט דאָס גאַנצע פּנים געפלאַמט פאַר חרפּה און פאַרדרוס. זי האָט זיך אַפילו אויפגעהויבן פון אָרט און געלאָזט זיך צוגיין צו אַראָן לוואָוויטשן, גרייט אים זאָגן, אַז אויב ער האָט געמיינט אַזאַ אַרבעט, וועט זי נישט קאָנען.

נאָר אין דעם מאָמענט האָט אַראָן לוואָוויטש אויסגערופן הויך:

— העלמאַן טעמע!

גלייך דערויף האָט אַ הילכיקער געלעכטער זיך דערטראָגן פון אַלע זייטן און קולות האָבן געשריגן:

— רוקט זיך אָפּ! טעמע גייט! לאָזט דורך! טעמע פאָרט! טעמע!

דער גאַנצער עולם האָט זיך פונאַנדערגערוקט איןביידע זייטן, גע־מאַכט אַ וואַרע, און גנענדל איז געבליבן שטיין אויף איר פּלאַץ און גע־וואַרט אַנגעשטרענגט.

איבער דעם ליידיקן אָרט, וואָס דער עולם האָט געמאַכט, האָט זיך גע־רוקט אַ האַלבער מענטש אויף דער ערד מיט אַ משונהדיקער גיכקייט און האַסטיקייט. באַלד איז ער אויסגעוואַקסן און עס האָט זיך געוויזן אַ פעסטע ברייטע פרוי אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, מיט ברייטע

אָקסלען, מיט אַ מעכטיקער ברוסט, וואָס שאָקלט זיך געוואַלדיק הינטער אַ ווייסער צעריסענער בלוזקע. זי האָט זיך געדוקט אויף איר גרויסן הינטן, שאַרנדיק מיט צוויי שטיקלעך פאַרבונדענע פיס, ווי אַ קאַטשקע ביים שווימען.

ביים פּראָוויזאָרישן טיש האָט זי זיך פאַרהאַלטן און מיט שטרענגע גרינע אויגן באַטראַכט אַראָן לוואָוויטשן.

געפרעגט האָט נישט אַראָן לוואָוויטש, נאָר זי, די האַלבע ייִדענע.

— וואָס שוין ווידער? — האָט זי אַ געשריי געגעבן.

— בייזערט זיך נישט, טעמע — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט ווייך, מיט געבעט, גאָרנישט צו דערקענען אים.

— טעמע! טעמע! — האָט די ייִדענע נאָכגעשפּעט אַראָן לוואָוויטשעס באַס־שטים — נו, אַט בין איך! — וואָס ווילט איר פון מיר?

— פאַרשרייבן אייך, טעמע! — האָט אַראָן לוואָוויטש געענטפערט שטיל און צערטלעך.

— איר קאָנט מיר קושן! — האָט די ייִדענע געזאָגט, אויסדרייענדיק זיך צו אים מיטן ריזיקן הינטן, אויף וועלכן זי האָט זיך געשאַרט.

אַראָן לוואָוויטש האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער ייִדענעס געזיכט.

— נו, וואָס טוט איר, טעמע? — האָט ער זי געבעטן — מיר ווילן עפּעס טון און איר בייזערט זיך.

— שטעכן ווילט איר! — האָט די ייִדענע געשריגן — נישט טון.

אַראָן לוואָוויטש האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר.

— טעמע, וואָס רעדט איר? — ווער וויל שטעכן? פאַרשרייבן ווילן מיר...

— ניין, נישט אמת! — האָט די ייִדענע געשריגן מיט שטשירנדיקע געזונטע ווייסע ציין, ווי ביי אַ חיה — שטעכן ווילט איר! נאָר שטעכן. — נאַט אייך!

אין איין אויגנבליק האָט זי אַראָפּגעריסן פון זיך די בלוזקע, דאָס צע־ריסענע העמד און, בלייבנדיק זיצן אַ נאַקעטע, מיט געזונטע ברייטע אַקס־לען און גרויסע בריסטן, וואָס דערציילן וועגן אַ סך אויסגעזויגענע קינדער, האָט זי געשריגן מיט אַ ווילדן כּעס און פרייד גלייכצייטיק.

— וואָס ווילט איר שטעכן? אויף טיף? כאָלירע? פּאָקן? מאָזלען? טשומאַ? שקאַרלאַטינע?

— כאַ, כאַ, כאַ, מאַמעלעך! — שוין צוויי יאָר ווי זיי שטעכן מיך און עס איז זיי אַלץ ווייניק. רק מען פאַרשרייבט און מען שטעכט. קראַנק געוואָרן געשטאָכן. געזונט געוואָרן געשטאָכן. אין שפּיטאָל געשטאָכן. אין באַראַק גע־שטאָכן. אויסגעשריבן געשטאָכן. צוריקגעקומען געשטאָכן. — נאָר מען פאַר־שרייבט און מען שטעכט...

— בראַוואָ! — בראַוואָ, טעמע! — האָבן זיך שטימען געהערט פון עולם. די יידענע האָט זיך נישט אומגעקוקט דערויף.

— נו, וואָס שטייט איר? — האָט זי געשריגן צו אַראָן לוואָוויטשן — וואָס שטעכט איר נישט?

אַראָן לוואָוויטש איז נאָך קלענער געוואָרן. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, אָנגענומען די קאַליקע ביי דער נאָקעטער האַנט און זי געפּרוווט איינגעמען:

— טעמע, געגוג! טעמע!

נאָר די קאַליקע האָט אים אַ האַסטיקן שטויס געטון פון זיך.

— נאָט אייך! — האָט זי געשריגן — שטעכט!

און מיט אַ ווילדן אימפּעט האָט זי אָנגעהויבן רייסן און וויקלען די ברודיקע באַנדאַזשן פון די צוויי שטיקלעך פיס, וויקלען ביז צום לעצט.

גנענדל האָט זיך אָפּגערוקט, פאַרשטעלט די אויגן מיט ביידע הענט. די קאַליקע האָט אויף איר אָנגעשריגן:

— באַהאַלט זיך נישט, באַרישניע! — קוקט!

און באַוויזן צוויי אויפגעהויבענע רויע שטיקער פאַרקריפּלט פלייש, נאַס פון בלוט און מאַטעריע.

— נאָט אייך! — האָט זי געשריגן מיט אַ ווילדער פרייד, דרייענדיק די צוויי פאַרקריפּלטע שטיקער פיס פון אַלע זייטן — זעט, וואָס זיי האָבן מיר געטון! — זאָל די גאַנצע וועלט זען, ווי מען האָט גענומען אַ געזונטע שיינע טעמע, געטריבן זי אין וואַלד אויף אַרבעט און די פיס איר אָפּגע־פרוירן און אַראָפּגענומען! — זעט!...

קיינער האָט איצט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַלע זענען געשטאַ־נען פאַרגליווערט אויף די ערטער. אַראָן לוואָוויטש האָט זיך געבויגן אויף דער ערד, צונויפגעשאַרט מיט די הענט די צעבלוטיקטע שמוציקע באַנדאַזשן און אַרומגעבונדן די קאַליקע די פיס.

— טעמע, — האָט ער געבעטן — געגוג. איר מאַכט פון זיך אַ תל.

און גנענדל האָט געציטערט אינגאַנצן פון שרעק, צעווייטיקטקייט און איבעראַשונג גלייכצייטיק.

***

זיצנדיק נאָכמיטאָג ביי אַראָן לוואָוויטשן אין קאַבינעט, וואָס איז, ווי אַלע מאָל, געווען פול מיט רויך פון ציגאַרן און אויסהערנדיק אַראָן לוואָ־וויטשעס שטרענגע פּלענער וועגן די היימלאָזע, האָט לערנער אַ לייכטן שמייכל געטון.

— איר האַלט זיך נישט אינגאַנצן אין אייער בייטש־טעאָריע, אַראָן לוואָוויטש — האָט לערנער געשפּאַסט.

— איר מיינט מיט טעמען?

— יאָ.

— טעמע איז שטאַרקער פון אַלע — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט, קוקנדיק פאַר זיך — אַז טעמע רעדט מוזן אַלע שווייגן.

גנענדל האָט אויפגעציטערט אויפסניי.

— שרעקלעך — האָט זי געמורמלט — ווי זי האָט געריסן די וואונד! נישט געלאָזט זיך פאַרבאַנדאַזשירן.

— אָט אַזוי זענען זיי אַלע — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט — איר וועט עס זען אַליין ביי דער אַרבעט.

ער האָט פאַרצויגן טיף דעם ציגאַר און אַ צווייפל האָט זיך געפאַלדע־וועט אים אין דער באָרד.

— אויב איר וועט גאָר קאָנען טון אַזאַ אַרבעט? — האָט ער מיט אומגלויבן געזאָגט.

— איך וועל קאָנען! — האָט גנענדל געזאָגט פעסט.

***

אָנהויב אלול, ביי שיינע זוניקע טעג, איז לערנער מיט דער ערשטער פאַרטיע היימלאָזע אַראָפּגעקומען אין אַראָן לוואָוויטשעס פאַרלאָזענעם חרוב־דיקן גוט „זאַבאַראַוואַ“, וואָס האָט זיך געצויגן אויף עטלעכע טויזנט דעסיאַ־טין, לענגאויס אַ ברייטן כוואַליעדיקן טייך, — און גלייך זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אינמיטן ריזיקן הויף, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט קופּעס פאַרברענ־טע ציגל און ברעטער, אָנגעוואָרפן מיט שאָכטלען פון קאָנסערוון, פאַררוי־כערטע שמאַטעס, שטיקער גלאָז, פערדישע קנאָכנס און אומריינקייט, האָט לערנער געהייסן די מענטשן אָפּרייניקן אַ פּלאַץ. — אויפן אָפּגערייניקטן שטיק פּלאַץ האָט מען דרענגלעך אַריינגעקלאַפּט, ברעזענטענע לייוונטן אויסגעצויגן, זעלנערישע ביידלעך שטייף אָנגעצויגן און פון דריי זייטן אַרומ־געשאָטן מיט ערדענע וואַלן, כדי נישט צוצולאָזן קיין ווינט און קיין ריטש־קעס וואַסער.

באַלד דערנאָך האָט מען לאָפּאַטעס און גראָבע שטריק אַרויסגענומען און גענומען צוגרייטן אַ ברונעם מיט וואַסער.

גראָבן אַ ברונעם האָט מען נישט געדאַרפט. אינמיטן גרויסן הויף איז געשטאַנען אַ רונדער גרויער ברונעם, מיט צעמענטענע ווענט, מיט קאָל־בעס, רעדער און שטאָלענע שטריק. נאָר אינעווייניק אין ברונעם איז גע־לעגן אַ פערד, אַ געפּגרט פערד מיט פיר שטייפע פיס, וואָס קוקן אַרויס פון וואַסער גלייך אין הימל אַריין.

לערנער האָט זיך אַריינגעזעצט אין גרויסן עמער, וואָס איז צוגעטשע־פעט צום שטאָלענעם שטריק, און די מענטשן האָבן אים אַראָפּגעלאָזן צום וואַסער. דאָרטן האָט ער דאָס פאַרעיפּושטע וואַסער אויסגעמאָסטן און אַרויפ־געשיקט עכאָדיקע פאַרדומפּענע באַפעלן אין דער הויך.

צום ערשטן האָט ער געהייסן די שטייפע פערדישע פיס מיט שטריק פענטן, די שטריק צום שטאָלענעם שטריק פאַרבינדן און וויפל מענטשן נאָר עס זענען געווען, האָט ער אַוועקגעשטעלט ביי דער קאָלבע פון ברונעם דרייען.

די מענטשן האָבן געצויגן, געקרעכצט און לערנער האָט נאָכגעקוקט אין ברונעם אַריין, ווי עס גייט, און געגעבן באַפעלן:

— לאַנגזאַם! — האַלט! — פעסטער! — האָפּ!

די נבלה איז געגאַנגען גלייך, נישט פאַרטשעפּענדיק זיך, געגאַנגען אַלץ העכער און העכער, מיטברענגענדיק מיט זיך אַלץ מער שווערקייט און עיפּוש. נאָר ביים סאַמע סוף שויך, ביי דער שווערסטער אָנשטרענגונג, האָט זי זיך פּלוצלונג געגעבן אַ ריס אַרויס פון די אייגענע פיס, אַראָפּ אין ברונעם — און די מענטשן ביי דער קאָלבע האָבן אָנגעהויבן אַזוי האַסטיק זיך דרייען אין לופט צוזאַמען מיט דער באַפרייטער קאָלבע און די פערדי־שע אויסגעריסענע פיס, ווי אין אַ פאַרכישופטן ראָד.

קוים מיט צרות האָט זיך לערנערן איינגעגעבן אָפּרייסן עטלעכע מענטשן פון קאָלבע, אַנישט וואָלט עס זיי אין סאַמע ברונעם פאַרוואָרפן.

— האַלט! — האָט ער געשריגן — האַלט צום טייוול!

און פאַר כעס אויף זיך אַליין מיט די ציין געקריצט.

די מענטשן האָבן אַוועקגעמאַכט מיט די הענט.

— ס'עט נישט גיין! — לאָזט אָפּ! — ס'אַן עסק פאַר גויים...

נאָר לערנער האָט נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַראָפּגעלאָזן אין ברונעם צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע קרעפטיקע יונגען, צוויי שטאַנגען אונטער דער נבלה אונטערגעלייגט, די שטאַנגען צום שטריק געבונדן, די שטריק צו די שטאָלענע שטריק פאַרבונדן — און דאָס אָנפּיסיקע פערד איז אַרויס.

— אַן אומגליק דיר אַ גרויסער — האָבן די יונגען געשאָלטן די צע־קראָכענע נבלה, וואָס וואַסער איז איר געראַנען פון די פאַרקאַשערטע באָז־לעכער — ליג, פּאַניעס אַרבעט! — און געשטויסן זי מיט די פיס.

לערנער האָט גלייך געהייסן זי אַוועקפירן און באַגראָבן.

נאָך אין זעלבן טאָג האָט מען דעם ברונעם אויסגעשעפּט, אויסגעשעפּט ביזן דנאָ און אַרויסגעוואָרפן פון גרונט אַלע ביינער, מיסט און בלאָטיקע ערד, וואָס דאָרטן האָט זיך געפונען.

נאָכן דריטן אויסשעפּן איז דאָס וואַסער געווען לויטער, ריין, שמעקעדיק.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו די געביידעס, צו די שפּייכלערס, שייערן, שטאַלן און הייזער, וואָס זענען געשטאַנען מיט אויסגעבראָכענע שויבן, מיט אָפּגעזענקטע קראָקוועס און מיט פּאַריתומטע, פּאַררויכערטע לאַנגע קוימענס פון די אָפּגעברענטע דעכער אַרויס.

נישט לייכט איז אָנגעקומען די ערשטע אין גוט זאַבאַראַווע.

אַ סך בייז בלוט האָט דאָס געקאָסט.

קודם כל האָט אַראָן לוואָוויטש אָנגעהויבן זיך מיט די פויערן פון די דערפער אַרום זיין גוט.

אין די שכנישע פויערישע שטאַלן, שייערס און קאַמערן זענען אַ סך זאַכן פון זיין זאַבאַראַווער הויף געשטאַנען: געבעטע שטולן און פערד; ביכער־שענק און געשפּאַנען; וואַנט־זייגערס און קי. ביי די גרעסטע שלאַכטן, אונטער אַ האָגל פון קוילן, זענען זיי געקראָכן אַהער, די פויערים, אין פאַר־לאָזענעם גוט און אַרויסגעשלעפּט, וואָס נאָר מען האָט געקאָנט — און אַראָן לוואָוויטש האָט איצט געקויפט אַ פערד און וועגעלע, מיטגענומען לערנערן פון איין זייט, דעם דאָרפס־„סטאַרשינאַ" פון דער צווייטער זייט, און געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף, אָפּגעשטעלט זיך פון כאַטע צו כאַטע און אויפגעמאָנט דאָס זייניקע.

די פויערים האָבן נישט לייכט געגעבן.

— באַטיושקאַ! — האָבן זיי געבעטן, געצלמט זיך און געקראַצט זיך אין די בערד און אין די קאָלטנס — מיר ווייסן פון קיין זאַך נישט — אַזוי זאָל אונדז גאָט העלפן!

די פויערטעס זענען צוגעלאָפן צו אַראָן לוואָוויטשן און לערנערן און געכאַפּט קושן אין די הענט, אַנדערע האָבן אַפילו אַראָפּגעזעצט זיך און אַ קוש געטון אין קני. — לערנער האָט אָוועקגעכאַפּט דעם פוס, ווי אַן אָפּגע־בריטער, געשעמט זיך פאַר זיך אַליין און וואָס גיכער געוואָלט אַרויס.

— קומט! — האָט ער שטיל געזאָגט צו אַראָן לוואָוויטשן — איר זעט דאָך, אַז זיי האָבן גאָרנישט.

נאָר אַראָן לוואָוויטש האָט אים נישט געענטפערט.

— די שליסלען אַהער! — האָט ער באַפוילן די פויערן — מיר וועלן אַליין אַ קוק טון.

און ווי פון אונטער דער ערד זענען זאַכן אויסגעוואַקסן.

— זיי נישט ברוגז, באַרין! — האָבן די פוירן געבעטן — אַלע האָבן גענומען און איך האָב אויך גענומען!

— גוט, גוט — ברענג מאָרגן צופירן מיט דער פור! — האָט אַראָן לוואָוויטש באַפוילן.

די פויערן האָבן געבראַכט, ווי ער האָט געהייסן, נאָר בייז זענען זיי געווען.

— וואַרט, וואַרט! — האָבן זיי געביילט הינטערווײַלעכץ פויסטן — מיר׳ן נאָך זען!...

נאָך די פויערן האָט אַראָן לוואָוויטש זיך אָנגעהויבן מיט די יידן, די היימלאָזע.

ווי אַלע מאָל, האָט לערנער געפּרואווט אַרבעטן מיט גוטן. ער האָט נאָך איינמאָל צונויפגערופן די מענטשן אין גרויסן קאַזאַרמע־הויף און, אַוועקשטעלנדיק זיך ביים פאַס פון קאַלך מיט ברעטער איבערגעדעקט, לאַנג און הייס זיך אויסגעטענהט מיט אַלעמען און מיט יעדן באַזונדער וועגן אַרײַנבערפאַרן אין „זאַבאַראַוואַ״.

אַלע חסרונות פון זייער לעבן אין שטאָט האָט ער זיי באַוויזן, דאָס גאַנצע שלעכטס; אַלע מעלות פון לעבן פון אַרבעט אין זאַבאַראַוואַ. דער עולם האָט צוגעשאָקלט, צוגעברומט. פון צייט צו צייט האָט זיך אַפילו אַ זיפץ דורכגעריסן, אַ זיפץ איבער די ביטערע אמתן, ווי ביי אַ מגידישער גוטער דרשה.

לערנער איז געווען זיכער, אַז ער האָט שוין דעם עולם אין די הענט.

— איר׳ט זען, אַראָן לוואָוויטש, — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ איבער זיין זיג — זיי האָבן זיך איבערצייגט.

אָבער אַז ס׳איז געקומען צום פאָרן, האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט.

— וואָס עפּעס גראָד איך? — האָט יעדער געטענהט — זאָלן אַנדערע צום ערשטן פאָרן. מיר האָבן צייט...

לערנער האָט באַנוצט די לאָגיק.

— אויב יעדער וועט אַזוי זאָגן — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין — וועט דאָך גאָרנישט אַרויסקומען.

— וואָס זשע, איר ווילט דווקא מיר זאָלן זיי די נאַראָנים? — האָט זיך געהערט דושקינס שטים פון הינטער דעם עולמס פּלייצעס.

לערנער איז איבערגעגאַנגען צו אָרדענונג.

איך וועל אין דער ערשטער ריי פאַרשרייבן די בעל־מלאכה׳ס, — זיי זענען נויטיקער. דערנאָך וועלן גיין אַנדערע.

— מיר׳ן נישט גיין! — האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען.

— מיר׳ן נישט אַרבעטן אומזיסט!...

— אַוודאי אַזוי — האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט — בחינם קריגט מען כינים.

— כע, כע, כע! — האָבן געלעכטערן באַגלייט — שוין גייען מיר האָרעווען אויף אַראָן לוואָוויטשן...

לערנער האָט זיך שיער נישט צעריסן.

— מענטשן, קיינער וויל אייך נישט אויסנוצן — מען מיינט בלויז אייער גוטס.

נאָר דאָ האָט מען גאָר געלאַכט פון אים אין די פויסטן.

— דערציילט דער באַבען — האָט מען געשריגן צו אים — נישט געטראָפן די נאַראָנים.

לערנער איז אַוועק צו אַראָן לוואָוויטשן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— זאָגט, וואָס טון? — האָט ער געזאָגט אונטערגעבנדיק זיך.

— מאָביליזירן! — האָט אַראָן לוואָוויטש געענטפערט — ווער ס'וועט נישט גיין אין „זאַבאַראַווא", וועט גיין צו די דייטשן אויף צוואַנגס־אַרבעט!

— שרייבט, וואָס איך זאָג!

לערנער האָט אָנגעשריבן דאָס, וואָס אַראָן לוואָוויטש האָט געזאָגט, און עס געלאָזט אויסקלעפּן אויף דער וואַנט פון הויז. פיר און צוואַנציק שעה האָט ער געגעבן, אַראָן גוואָוויטשע, בלויז פיר און צוואַנציק שעה צייט זיך צו מעלדן. דערנאָך וועט מען איבערגיין אין קרייז־אַמט אויף צוואַנג.

און נאָך פאַרן טערמין האָט קיין איינער נישט געפעלט.

— און מיך פאַרשרייבט — האָט מען זיך געבעטן און געשטופּט — און מיך, איך בין פריער געקומען.

נאָך אין זעלבן טאָג איז אַראָן לוואָוויטש אַוועק צום קרייז־שעף, בעטן פורן — און שוין צומאָרגנס, ווען די אַרומיקע פויערן און די יידן באַלע־גאָלעס זענען זיך צונויפגעפאָרן אויפן גרויסן רונדן שטאָטישן מאַרק, האָט לערנער געוואָרט מיט אַ מיליציאָנער ביי דער זייט און גענומען רעקווירירן „פּאָדוואָדן" אויף אַריבערצופירן די היימלאָזע אין „זאַבאַראַווא".

נאָך ערגער ווי די היימלאָזע האָבן אים די פויערים און באַלעגאָלעס באַגעגנט אין מאַרק.

— הע, וואָס האָט איר זיך אָנגעטשעפּעט? — האָבן יונגען באַלעגאָלעס געשריגן — ס'פעלט אייך ערלים? פונקט אַ ייד דאַרפט איר רעקווירירן!

— ניעלזיאַ, באַרין! — האָבן גוים געשריגן, — דאָס פערד הינקט!

— און „מיינער" האָט דעם „ראָצער" — האָט אַן אַנדערער געזאָגט אַ תירוץ.

— און מיינער איז נישט געשמידט...

אַנדערע האָבן דערלאַנגט בייטשלעך די פערדלעך און זיך צעלאָזט אין גאַלאָפּ. צוזאַמען מיט די קנאַלן פון די בייטשן האָט זיך אַ פייפעריי מיט אַ געלעכטערל דערטראָגן.

לערנער האָט געשריגן צום מיליציאַנט, נאָר דער מיליציאַנט, אַ יונגער שטאָטישער בחורל אין אַ גימנאַזיסטיש רעקל, וואָס אויסער אַ באַנד אויפן אַרבל און אַ דין שטעקעלע אין האַנט, האָט ער גאָרנישט געהאַט, האָט זיך מיט די באַלעגאָלעס קיין עצה נישט געקאָנט געבן.

נאָך איין מינוט האָט געפעלט און ער וואָלט געבליבן ביי אַ לײדיקן פּלאַץ, אָנגעפּילט מיט קנאַלן פון בייטשן, שטויב און געלעכטער. — און לערנער האָט פלינק זיך אַ לאָז געטון נאָך די פורן און געכאַפּט פערד ביי די צוימען.

— האַלטן, הינטישע זין! — האָט ער געשריגן — „פּאַד־סוד" וועט איר גיין ביי מיר!

זיין קול האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן מאַרק. זיינע צונויפגעקוועטשטע פויסטן האָבן זיך געהויבן מיט אַזאַ קראַפט, אַז די אַנטלויפנדיקע פויערישע פערדלעך האָבן זיך צוריקגעקערט און געשטופּט די פורלעך הינטער זיך — און די פויערן און באַלעגאָלעס האָבן איינגעצויגן די לייצעס און זיך אונטער־געגעבן.

— דאָוואָלנאָ! — האָבן זיי געזאָגט — מיר פאָרן דאָך!...

מיט אַ צענדליק פורן, איינע נאָך דער אַנדערער, איז ער פאַרפאָרן צו די הינטערשטאָטישע געסלעך און געהייסן פּאַקן די פּעק מיט אָרעמקייט.

זיי האָבן געפּרואווט אָפּשלעפּן, די הימלאָזע.

— אַ ביסל שפּעטער! — האָבן ווייבער געבעטן — אַ טעפּל בולבעס שטייט אין פּליטע...

— אפשר מאָרגן, אַ קינד קראַנק געוואָרן.

— האָט רחמנות, האַרעלע, מיר האַלטן אין מיטן וועש...

נאָר לערנער איז געווען האַרט.

— אַרויסטראָגן די זאַכן, אַנישט וועלן די פויערן זיי אַרויסוואַרפן.

און די יידן האָבן אַרויסגעשלעפּט די זאַכן און געלייגט אויף די פורן. פּאַר כעס האָבן זיי געשלעפּט די חפצים אַזוי לאַנגזאַם, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעטראָגן מתים.

נישט אַלע האָט מען מיטאַמאָל אַרויסגעפירט קיין זאַבאַראָווע.

פאַר אַלעמען האָט מען אַרויסגעפירט די בעל־מלאכהס, די, וואָס דאַרפן די ערשטע צוגרייטן דאָס גוט. — צווישן זיי זענען געווען עטלעכע סטאָליאַרעס, מוליאַרעס, צוויי שמידן, אַ שטעלמאַך און אַ גלעזער. זיי צו הילף זענען מיטגעגאַנגען עטלעכע צענדליק יונגען, די געזונטסטע און קרעפטיקסטע, אַ צענדליק ווייבער, די יונגסטע און די בריהשסטע.

און לערנער איז איצט אַזוי פאַרנומען געווען מיט זיי ביי די ערשטע אַרבעטן אין הויף, אַז ער האָט קוים צייט געהאַט אָפּצועסן ווי געהעריק און אָפּשלאָפן זיינע געציילטע עטלעכע שעה אין נאַכט.

די אַרבעט איז געווען גרויס. אַלץ האָט מען געדאַרפט אָנהייבן אויפסניי.

קודם כל האָט מען געדאַרפט צוגרייטן וואוינונגען. באַלד נאָך סוכות, נאָך פאַר די גרויסע רעגנס און קעלטן, האָבן אַלע הימלאָזע געדאַרפט אַריבערפאָרן פון שטאָט אין דאָרף. קיין איינער האָט נישט געדאַרפט איבער־בלייבן — און מען האָט געמוזט צוגרייטן וואוינונגען פאַר זיי, ווינטער־

װאוינונגען מיט געדעקטע דעכער, מיט גאַנצע פענצטער און פּאָדלאָגעס, מיט אויװנס און מיט טירן.

אין די ברעזענטענע ביידלעך, װאָס זענען געשטאַנען דערװייל אינמיטן הויף, איז שוין איצט אין די לעצטע זומער־חדשים געװען קאַלט באַנאַכט צו ליגן.

— ברר — קאַלט! — האָבן די בעל־מלאכהס געציטערט יעדן אינ־דערפרי, װען לערנער האָט זיי געװעקט צו דער אַרבעט — די הענט זענען פאַרשטייפט.

און זיי האָבן פויל געצויגן די הענט און געגענעצט.

— נעמט די העק אין די הענט, װעט װערן װאַרעם! — האָט לערנער געזאָגט און אַליין דער ערשטער גענומען די האַק אין האַנט און אַװעק צו די שפּייכלערס.

אין עק הויף זענען גרויסע שפּייכלערס געשטאַנען, ריזיקע הילצערנע שפּייכלערס מיט דיקע װענט, מיט פעסט־אונטערגעמויערטע גרונטן און מיט בלעך־געדעקטע דעכער, אין װעלכע מען פלעגט פריער האַלטן תבואה און מעל פון די אייגענע װינט־און־װאַסער־מילן.

װינציקער פון אַלע האָבן די שפּייכלערס געליטן. בלויז שטיקער דאַך זענען געװען צעשעדיקט און עטלעכע לעכער פון גראַנאַטן האָבן דורכגע־שיינט אין די װענט.

לערנער האָט באַשלאָסן צו מאַכן פון זיי באַראַקן, גוטע, װאַרעמע באַ־ראַקן פאַר אַלע היימלאָזע — און אַלע, די סטאָליאַרעס, די מוליאַרעס, די שמידן און דער סטעלמאַך, און אַפילו דער גלעזער מיט די יונגען האָבן געאַרבעט פון פרי ביז נאַכט ביי די שפּייכלערס און געבראַכט זיי אין אָרדענונג.

לערנער האָט אויסגעזוכט האַלב־פאַרברענטע קאַמערן, הייזלעך, גע־הייסן אומוואַרפן די אויװנס, אַרויסנעמען די גוטע ציגל, איבערטראָגן אין די שפּייכלערס אַריין און אויװנס אַװעקשטעלן; די ברעטער, באַלקנס און זיילן האָט ער געהייסן אַרומטעסן, אַרומשניצן, אַרומהובלען, די טשװעקעס און האָקעס אַרויסציען און פאַרריכטן די װענט; טיש און בענק אויסגעפּראַ־װעט און די לעכער פון די פּאָדלאָגעס פאַרלאַטעט.

אינמיטן הויף האָט מען אַ קיך אויפגעשטעלט — אַ צייטווייליקע קיך.

מען האָט אויסגעגראָבן אַ פלאַכן גרוב, אָנגעפילט אים מיט שטיקער אָפּגעזענקט געהילץ, האָלעװעשקעס און צװייגן און אונטערגעצונדן. אין ביידע זייטן גרוב האָט מען פלאָקנס אַריינגעקלאַפּט, אויף זיי אַ קופּערנעם קעסל ביי ביידע אויערן אָנגעהאָנגען, עטלעכע װייבער זענען געשטאַנען גאַנצע טעג, געשיילט קאַרטאָפל און געקאָכט. די איבעריקע זענען אַרומ־

געקראָכן אין וואַלד גאַנצע טעג, געקליבן שוואָמען און באָרעווקעס און גע־בראַכט פולע פאַרטוכער פאַר די קעכנס.

און אין סאַמע פראַנט, דאָרטן וואו דער איינשטאָקיקער פּאַלאַצל מיט דעם גרינעם דאַך און געשניצטע גאַניקעס איז געשטאַנען, זענען די יונגען געזעסן גאַנצע טעג און געבראַכט אין אָרדענונג.

מער ווי אומעטום האָט דאָ אין קליינעם הויף־פּאַלאַצל געהערשט אומ־אָרדענונג, חורבה און אָפּגעלאָזנקייט. אַלע, אי די רוסן, אי די דייטשן און עסטרייכער האָבן דאָ זייערע שטאַבן געהאַט. פּעק אָפּגעסמאַליעטע פּאַפּירן זענען געלעגן אויף טריט און שריט. ליידיקע ווייך־און־בראָנפן־פלעשער האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די איבערגעדרייטע צעריסענע געבעטע שטולן און סאָפעס. אויסגעשאָסענע גילזן, ברודיקע העמדער, ווייבערישע זאָקן, מונד־שטוקן פון פּאַפּיראָסן, ציגאַרן און לאַנדקאַרטעס האָבן זיך געקנוילט צוזאַמען.

אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען מיט די לעכער אין די ווענט, מיט די אומגעוואָרפענע קאַפּלענע אויוונס, מיט די אויסגעהאַקטע שויבן און מיט די שטיקער אָפּגעריסענע טאַפּעטן. האַלבע טירן האָבן געפעלט, צע־פּאָרענע מאַטראַצן זענען געלעגן אויף די טרעפּ, בילדער און ביכער האָבן געוואַלגערט זיך אויף די פּאַדלאָגעס און שפּינען האָבן געוועבט אין אַלע ווינ־קעלעך און געצויגן זייערע נעצן איבער אַלע חורבות און צעבראָכענע חפצים.

אָט אין דעם הויפישן פּאַלאַצל, וואו פריער האָט אַראָן לוואָוויטשעס פּאַרוואַלטער געוואוינט און דערנאָך זענען דאָרט פּאַרשידענע שטאַבן געווען, — האָט אַראָן לוואָוויטש געגרייט אַ סך זאַכן צו מאַכן: קודם כל אַ שולע, אַ שולע פאַר די היימלאָזע קינדער, דערנאָך אַ ביוראָ פאַר זיך און לער־נערן, אַן אַמבולאַטאָריום פאַר קראַנקע, און אונטן, אין פּאַרטער — אַ צעכהויז, אַ צעכהויז פאַר שפּייז, קליידער און חפצים פון גאַנצן הויף.

און לערנער איז כסדר געלאָפן פון אָרט צו אָרט, פון די שפּייכלערס צו דער קיך, פון דער קיך צום פּאַלאַצל.

אומעטום האָט ער געמוזט זיין, אומעטום האַלטן אויג, אומעטום צו־ווייזן, אויסבעסערן, אויסגלייכן און באַשטראָפן.

די מענטשן האָבן זיך געפוילט, אַרומגעקריגט, אַרומגעריסן. די ווייַ־בער האָבן געמסרט אויף די קנעכט, אַז זיי גנבענען פעטס פאַר זיך און די זופּ אין קעסל איז מאָגער.

לערנער האָט געמאַכט אַ רעוויזיע ביי די קעכנס, אויפגעבונדן ביי זיי זייערע זעקלעך, געפונען שטיקלעך ברודיקע פעטס טיף באַהאַלטן — און ער האָט געשיקט אַרבעטן אין הויף און אַלס שטראָף נאָך באַפוילן זיי שיילן עטלעכע טעג קאַרטאָפל פאַר דער גאַנצער קיך.

די מוליאַרעס האָבן געמסרט אויף די סטאָליאַרעס, אַז זיי שלעפּן אַוועק

ברעטער און פאַרקויפן צו די פויערן, וואָס קומען באַנאַכט זיי אָפּנעמען — קיינער האָט נישט געוואָלט טון, געקראַכן, געשפּילט זיך.

לערנער איז אַ גאַנצן טאָג געווען אויף די פיס, אומעטום נאָכגעזען, אומעטום אַרונטערגעקוקט, אומעטום אַ האַנט צוגעלייגט, געהיטן יעדן ווי אַ גנב און אָפּט געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש:

— נאָך איינמאָל זאָל איך זען אַזוינס און אין פיר און צוואַנציק שעה גייסטו ביי מיר אין „צוואַנג"...

דאָס האָט געווירקט — די אַרבעט איז געגאַנגען — און אַז עס איז גע־קומען די נאַכט, איז ער אַוועקגעפאַלן אַזאַ מידער, אָפּגעהאַרעוועטער און אָנגעשטרענגטער אויף זיין האַרטן געלעגער און ברעזענטענעם ביידל, אַז ער האָט נישט געפילט נישט די קילע נאַכט, נישט די אַרומיקע וועלט און נישט זיך אַליין.

אַפילו וועגן גנענדלען האָט ער נישט געדענקט.

גנענדל האָט פונקט אַזוי געאַרבעט איצט אין שטאָט צוזאַמען מיט אַראָן לוואָוויטשן.

גאַנצע טעג איז ער אָפּגעזעסן, אַראָן לוואָוויטש, ביי די דייטשן און גע־שנאָרעט פאַר די פליכטלינגע.

אַלץ האָט ער גענומען ביי זיי:

הילצערנע שיך און געטריקנטע פיש; טראָן פאַר קינדער און אַלטע קליידער — און אַלץ האָט ער באַהאַלטן אין שכנות פון גנענדלס צימער, אונטער איר השגחה.

די היימלאָזע האָבן באַלאַגערט:

— האַרעלע, שיך שענקט, זעט, ווי איך גיי!

— פּריצל, דערבאַרעמט זיך, זעט מיינע פיס.

דערביי האָבן זיי אים געשטופּט ברודיקע צעקאַליעטשעטע פיס גלייך אין די אויגן.

נאָר אַראָן לוואָוויטש האָט נישט געגעבן.

— אַלץ דאַרטן! — האָט ער געוויזן מיט דער האַנט צו דער זייט פון זאַבאַראַווע.

מער פון אַלץ האָט ער זיך באַמיט פאַר די קינדער, פאַר דער שולע, וואָס מען האָט געגרייט אין זאַבאַראַווע. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון די דייטשע מאַגאַזינען מיט רעקוויזירטע סחורות גאַנצע פּעק צייג, לייוונט און וואַטע. ער האָט אויסגעבעטלט גאַנצע וועגעלעך שווייצאַרישע קליידער. אין די שטאָטישע קעלערס האָבן זיך אַ סך אַזעלכע שווייצאַרישע מלבושים גע־וואַלגערט. די נייטראַלע שווייצער האָבן גאַנצע וואַגאָנעס צו די דייטשן פאַר אָרעמע געשיקט. מערסטנס זענען דאָס געווען קליידער, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. ברייטע געקעסטלטע הויזן און העלע ברייטע

זשאַקעטן פון בריטפּלייציקע בייכיקע בירגער; טיולענע געשטיקטע קליי־
דער און קורצע בערג־הויזן, וואָס זענען מיט לעדער געדעקט און פּאַר־
קנעפּלען זיך פון אַ זייט; זיידענע צעשיטע העמדער, קורצע האַרטע קראַגנס
פון גרעסטן נומער, אַ חוץ כלערליי ווייבערישע שלעפּס, סטאַניקעס, רייט־
הויזן, פּאַסטאָרישע ראָקן, פּאַרביקע פּיזשאַמעס און סוועטערס.

נאָר אַראָן לוואָוויטש האָט זיך פון קיין זאַך נישט אָפּגעזאָגט און גענומען.

— פּאַר מיינע קינדער וועט אַלץ ניצן.

די דייטשן האָבן אים געדראָט מיט די פינגער.

— זי זינד איין עכטער זעע־רויבער, הערר אַראָן לוואָוויטש — האָבן
זיי געזאָגט — איהרע קינדער ווערדען אונדז קאַפּוט שטעללען.

נאָר געגעבן האָבן זיי וויפל אַראָן לוואָוויטש האָט געוואָלט.

עפּעס האָט מען אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

ער האָט געלאָזט צונויפרופן אין קאַזאַרמע־הויף וויפל נאָר שניידערקעס
און נייטאָרינס עס זענען געווען צווישן די היימלאָזע, געהייסן איבערנייען,
איבערניצעווען, איבערשניידן — פון אַלץ געלאָזט מאַכן אַנצוגלעך, קאַפּאָט־
קעלעך און היטעלעך — און גנענדלען האָט ער אַוועקגעזעצט אויבנאָן און
איר אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט:

— אויף די פינגער זאָלסט איר קוקן — קיין אויג נישט אַראָפּלאָזן,
אַנישט וועלן זיי עס מיט די אויגן צעטראָגן.

די מיידלעך און ווייבלעך האָבן געטון אַלץ אין דער וועלט, כדי פּטור
ווערן פון גנענדלען און פון דער אַרבעט. אַלע מאָל איז אַן אַנדערע צוגע־
קומען פרעגן עפּעס, שטעלן אַ נאַרישע פראַגע און געשטיקט זיך פון גע־
לעכטער; אַנדערע האָבן אָנגעהויבן רעדן אויף גנענדלס פּוילישער אויס־
שפּראַך, צעדרייט די ווערטער און אויסגעשאָסן אין געלעכטערן. אַז דאָס
אַלץ האָט נישט געווירקט, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען דייטשע זעלנערישע
לידלעך און דערציילט גראָבע וויצן, פון וועלכע גנענדל איז רויט געוואָרן
ביז איבער די אויערן.

דאָס זיצן מיט די מיידלעך איז איר געווען שווער. טרערן האָבן זיך
איר געשטעלט אין די אויגן פאַר פאַרדרוס און דריקונג.

אַראָן לוואָוויטש האָט עס באַמערקט און געשפּאָסט.

— נו, וואָס? — האָט ער געפרעגט, שמייכלענדיק זיך אין דער באָרד
אַריין — איר'ט קאָנען אַרבעטן, האַ?

— איך וועל קאָנען — האָט גנענדל געענטפערט פעסט, ווי ביים ערשטן
מאָל, מיט אַלע כוחות זיך באַמיט נישט נאָכצוגעבן און געטון אַלץ ווי מען
דאַרף.

מער נאָך פון די נייטערקעס, האָט גנענדל געהאַט אויסצושטיין פון
די ווייבער.

גאַנצע מחנות האָבן זיי אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון וואַרשטאַט און געבעטן טובות.

—פריילישי, אַ העמדעלע פאַר מיין טאָכטערל, ווערעם פּרעסן זי אויף... דערביי האָט מען איר צוגעפירט דאָס צעביסענע מיידלערישע קערפּערל גלייך אין די אויגן אַריין.

— באַרישניאַ! אַ פּאָר הייזלעך פאַר מיין יינגעלע. זעט ווי ער גייט...

זי האָט דערציילט, גערעדט צען מאָל דאָס אייגענע, אַז זי קאָן גאָרנישט ניט טון, אַז אָן אַראָן לוואָוויטשן קאָן מען נישט געבן. נאָר די ווייבער זענען נישט אָפּגעטראָטן, געכאַפּט איר קושן די הענט, געוויינט.

זי האָט געפּרואווט בעטן ביי אַראָן לוואָוויטשן, נאָר אַראָן לוואָוויטש איז געווען נישט נאָכגיביק.

— אַלץ דאָרטן! — אין זאַבאָראַווא!...

איינמאָל אַפילו האָט זי זיך דערלויבט אים אָנמוסרן.

— איר זענט אַ שלעכטער! — האָט זי אים געזאָגט.

אַראָן לוואָוויטש האָט געשמייכלט זיך אין באָרד אַריין, ווי מען שמייכלט איבער אַ מיינונג פון אַ קינד. — גנענדל איז אַוועק אַ פאַרשעמטע, געפּרואווט ביי זיך זיין בייז אויף אים, אַראָן לוואָוויטשן. נאָר אָנשטאָט בייזקייט, האָט זי געפילט נאָך מער אָפּשיי צו אים. וואָס שלעכטער ער איז געווען צו איר, אַלץ מער האָט זי אים באַוואונדערט, אַלץ מער איז ער אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן און אַלץ מער האָט זי נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין מענערישן פאָטערלעכן בליק, וואָס באַליידיקט און וועקט אָפּשיי גלייכצייטיק.

נאָך דער אַרבעט ביי די קליידער האָט אַראָן לוואָוויטש איינגעשפּאַנט גנענדלען צו די קינדער.

מער פון אַלץ האָבן אים פאַרנומען די קינדער, די אָפּגעברענטע אויסגעדאַרטע יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט אַלע גאַסן, הויפן און רינשטאָקן, גרייט אויף אַ בעטל, אַ גנבה, אַ כאַפּ.

ער האָט נישט געוואָלט זיי אַריבערפירן גלייך פון גאַס אין דאָרף, גלייך פון רינשטאָק אין שולע. נאָר צוגרייטן זיי פריער, אויסרייסן פון זיי די גאַס ביזן וואָרצל און דערנאָך, ריינע, גוטע, נייע, אַריבערפירן זיי אין נייעם „זאַבאָראַווא", אין די נייע שול־ווענט.

און צוזאַמען מיט גנענדלען האָט ער טאָג און נאַכט געאַרבעט אַרום זיי.

יעדן פרימאָרגן, כמעט מיטן טאָג צוגלייך, ווען דער שלאָף ווערט דער סאַמע געשמאַקסטער, ווען די חלומות ווערן די סאַמע זיסטע, האָט שוין אַראָן לוואָוויטש געקלאַפּט אין גנענדלס טיר.

— אויפשטיין! צייט גיין איבער די הייזער!

און ביים גרינלעכן מאָרגן־שיין באַלויכטן אויף רויטלעך פון אַ צופעליקן פאַרבליבענעם לייכטנדיקן לאַמטערן, זענען זיי ביידע געגאַנגען איבער

די פּוסטע שטאָטישע גאַסן, אַראָפּ צו די הינטער־געסלעך, וואָס ליגן באַרג אַראָפּ, טונקעלנדיק זיך אין טייך, געקראָכן איבער די בוידעם־שטיבלעך, קעלערס און צעדרייטע גאַניקעס און געקלאַפּט אין היימלאָזע טירן.

מער ווי דאָרטן אין קאַזאַרמע־הויף האָט גנענדלען געפּייניקט דאָס גיין איבער די הייזער מיט אַראָן לוואָוויטשן. יעדער וואָרט זיינס, יעדער באַנע־מונג צו די היימלאָזע האָט איר באַליידיקט, אויפגעקאָכט.

פאַרטאָג האָט ער ליב געהאַט צו גיין, אַראָן לוואָוויטש, כדי נאָך צו פּאַקן די קינדער אין דער היים, איידער טאַטע־מאַמע שיקן זיי אַרויס אין גאַס, און אומדערבאַרעמדיק איז ער געווען צו די גרויסע, ווי צו די קינדער.

מאַמעס האָבן אים באַגעגנט מיט כבוד, מיט חניפה.

— אַ קלאָג מיר, וואָסער גאַסט! — האָבן ווייבער אים באַגעגנט און געדרייט זיך אויף איין אָרט, אַליין נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

טאַטעס האָבן אַראָפּגענומען די היטלען פון די צעשויבערטע קעפּ און געוואונטשן:

— לאַנגע יאָרן אייך, עולם הבא וועט איר זיך קויפן אין די קינדער.

נאָר אַז אַראָן לוואָוויטש האָט געהייסן צופירן די קינדער צו זיך, איז קיין איין קינד נישט געווען.

— אַ גוט יאָר אייך — האָבן מאַמעס געענטפערט און געשטעלט זיך ביים בעט — אַז די קינדערלעך זענען נישט געקומען נעכטיקן אַהיים...

גנענדל האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין, נאָר אַראָן לוואָוויטש האָט זיך נישט געאיילט. ער איז צו צום בעט, מיטן שפּיץ שטעקן אויפגעהויבן די ברודיקע איבערבעטן און שמאַטעס, מיט וועלכע די בעטן און טאַפּטשאַנעס זענען געווען פאַרדעקט, און בינטלעך ברודיקע, צונויפגעפּלאָכטענע קינ־דערישע פיסלעך האָבן זיך באַוויזן.

— אַרויס! — האָ ער באַפוילן מיט אַ געמאַכטן כעס — כ'וועל געבן מיטן שטעקן!

און אויגנבליקלעך זענען די קינדער אַרויס פון בעט און מיט אַראָפּגעלאָ־זענע אויגן געשטעלט זיך אין די שוואַרצע העמדלעך לעבן אַראָן לוואָוויטשן.

— די קעפּ באַווייזט!

גנענדל האָט געקוקט אין די קינדערישע באַוואַקסענע קעפּ, געקרימט זיך פון אומריינקייט און אומפּליט און אַראָן לוואָוויטש האָט געמאַכט קרייצ־לעך ביי זיך אין ביכל און געגעבן באַפעלן:

— יעדן טאָג קומען אין קאַזאַרמע מיט די קינדער, אויסשמירן די קעפּ און אין אַ חודש אַרום זאָל זיין ריין!

מאַמעס האָבן געוויינט.

— האַרעלע, עס וועט נישט העלפן, מיר'ן שוין געוואַשן מיט גרינעם זייף...

טאַטעס האָבן צוגעגעבן:

— ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אַ „פּאַראַדע" אַזאַ...

נאָר אַראָן לוואָוויטש האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס.

— אַז די „קאַזאַרמע" וועט נישט העלפן, וועט דער „קעסל" העלפן...

און טאַטע־מאַמעס האָבן אויפגעהערט זיך שפּאַרן. פאַר דעם קעסל האָט מען געציטערט. אַלע האָבן זיי שוין פאַרזוכט דעם טעם פון דייטשן אַנט־לויזונגס־באַד, פון „קעסל", און זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן.

— בייזערט זיך נישט, האַרעלע, מיר'ן אַלץ טון. ס'וועט זיין שוין רעכט

—און אַראָן לוואָוויטש איז אַרויס גיך, איבערלאָזנדיק דעם שטענדיקן באַפעל:

— און זיך נישט דערוועגן צו שיקן די קינדער אין גאַס. — אַז איך וועל פּאַקן, וועל איך שיקן אויף „צוואַנג".

גנענדל איז געווען צערודערט, נישט געקאָנט זיך קיין אָרט געפינען פון דעם אַלעם, וואָס זי האָט געזען און געהערט.

אַ סך זאַכן האָט זי איצט געזען, גייענדיק איבער די פאַרוואָרפענע בוידעם־שטיבלעך און קעלערס, וואָס איר איז קיינמאָל אין לעבן נישט אויס־געקומען באַגעגענען: געלעגערס פון פאַרפוילטן שטרוי און זעק; שוואַרצע קישנס און איבערבעטן, וואָס ראַיען פון אומריינקייט; געדיכטע וואַנצן־נעסטן, פון וועלכע די ווענט זענען שוואַרץ; כלערליי פּרייסן, זשוקעס און פליגן, וואָס ראַיען אַרום די קיכן; טאַטעס, מאַמעס, קינדער זענען געלעגן צוזאַמען אויף דער ערד; האַלב־נאַקעטע בחורים און מיידלעך זענען געלעגן אויס־געלייגט אויף טישן, בענק און אויוונס — און אַ סך מאָל האָט מען אַפילו דערזען אַ דיקן בערדיקן דייטשן קאָפּ, וואָס קוקט אַרויס פון אַ ברודיק מיידלעריש געלעגער אַרויס...

מאַמעס האָבן נישט צוגעלאָזן צו די קינדער.

— האַרעלע, מיידלעך ליגן דאָרט! — רירט זיי נישט...

און אָנגעהויבן וויינען אויפן קול.

די געוויינען פון די מאַמעס האָבן גנענדלען גאָר אַרויסגעשטויסן פון די כלים. די ווייבער האָבן דאָס דערזען און עס אויסגענוצט.

— פריילישי, האָט רחמנות — האָבן זיי געבעטן און געכאַפּט קושן די הענט — איר זענט דאָך אַ פרוי... איר פאַרשטייט אַ מאַמעס האַרץ...

גנענדל האָט געקלאַמערט די פינגער אין אַראָן לוואָוויטשעס האַנט.

— קומט אַוועק! קומט!

נאָר אַראָן לוואָוויטש האָט זיך נישט גערירט.

— די העמדלעך ציט אַראָפּ! — האָט ער באַפוילן — אינגאַנצן איבערן קאָפּ...

און גנענדל האָט געמוזט באַטראַכטן די נאַקעטע קינדער, פון קאָפּ ביז די פּיס דורכזען.

פון שטענדיקן וואַלגערן זיך אין די רינשטאָקן, פון אַרומשלעפּן זיך תמיד, האָבן צו די קינדער פאַרשידענע פּלאָגן זיך געשאַרט: נישט ריינע אויערלעך, רויטע אייגעלעך, געשווירן אויף די לייבער. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען מיט דעם אויסשיטעכץ. צווישן די דינע קינדערישע פינ־גערלעך, וואָס זענען פלינק צו נדבות און גנבות, האָבן קליינע נישט־אָנזעעוו־דיקע ווייסע קרעצעלעך, ווי די זאַמדעלעך, זיך גענעסט, און ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אין גרויסע מיאוסע בלאָטערן איבערן גאַנצן לייב.

אַראָן לוואָוויטש האָט דערפאַר געציטערט.

— צווישן די פינגער קוקט גוט — האָט ער אומעטום דערמאָנט גנענד־לען — „טשאַסאַטקע" זוכט...

און ער האָט באַלויכטן די טונקעלע שטיבלעך מיט זיין העל עלעקטריש לעמפּל.

די ווייבער האָבן זיך שיער נישט צעריסן פון צרות.

— וואָס איז עס דען? — האָבן זיי געטענהט — מען זעט עס דאָך אַפילו נישט אָן.

נאָר אַראָן לוואָוויטש האָט נישט געלאָזט זיך פאַרדרייען.

— ברענגען ס'קינד יעדן טאָג אין קאַזאַרמע צו שמירן — אַנישט וועט מען גיין אין „איזאָלאַציע" צום דייטש...

און אַוועק ווייטער.

אָפּפאַרטיקנדיק זיך מיטן גיין איבער די הייזער, האָט גנענדל גאַנצע טעג געהאַט אַרבעט אין אַמבולאַטאָריום.

אין גרויסן קאַזאַרמע־הויף, לעבן דער שניידעריי, האָט אַראָן לוואָוויטש אַ קליינעם היימישן קינדער־אַמבולאַטאָריום געמאַכט. גנענדל האָט אויסגע־האַנגען די ווענט מיט ווייסן פּאַפּיר, אויפגעקלעפּט אויף דער טיר אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ רויטן קרייץ אויסגעמאָלט, אַ טיש מיט אַ סך פלעשעלעך, פּודעלעך, סלאָיקלעך און שילען אַוועקגעשטעלט און געהיילט.

אַראָן לוואָוויטש האָט אַן אַלטן דאָקטאָר, זיינעם אַ פריינט, געבראַכט עטלעכע מאָל אין קאַזאַרמע. דער דאָקטאָר האָט גנענדלען אויסגעלערנט אַלערליי זאַלבן און שמירעכצן אַליין צו מאַכן. גאַנצע טעפּ מיט דזשעגעכץ האָט אַראָן לוואָוויטש געבראַכט. גנענדל האָט דערפון זאַלבן צו „טשאַסאַטקע" געמאַכט — און מאַמעס מיט קינדער האָבן באַלאַגערט דעם אַמבולאַטאָריום און געיאָגט:

— פריילישי, מיינעם דאָס קעפּל האָט איר נאָך נישט געשמירט. אַראָן לוואָוויטש וועט זיך בייזערן, אַז עס וועט נישט זיין אויסגעהיילט צום „סראָק"...

— פריילישי, מיינעם שמירט אויס די הענטלעך, איך האָב אין דער הײם אַ קינד אין וויגל איבערגעלאָזן...

דער דזשעגעכץ האָט געעיפּושט, די זאַלבן האָבן געריסן אין נאָז. די קינדער האָבן געוויינט, געדראַפּעט מיט די נעגל גנענדלס פּנים, געוואָרפן מיט די פיסלעך. מאַמעס האָבן געזיפצט, גערעדט, געקריגט זיך צווישן זיך. — וואָס מער גנענדל האָט זיי איינגעשטילט, אַלץ ערגער איז געווען. האָט זי גערעדט גוט צו איינער, האָבן אַלע געקוקט מיט בייזע אייפערזיכטיקע בליקן און געקוועטשט טרערן פון די אויגן. — אַלע האָבן גערעדט, גע־חנפהט, געבעטן טובות, געבענטשט, געשאָלטן, אויסגערעכנט זיך דעם יחוס און געשנייצט אין די פאַרטוכער אַריין — און גנענדל איז אינגאַנצן גע־ווען צעטומלט.

פון צייש צו צייט האָט זי אויך געמוזט פירן די קינדער אין באָד. אַראָן לוואָוויטש האָט דעם שטאָטישן מרחץ געהייסן אויסהייצן אינמיטן וואָך, אַלע הימלאָזע קינדער געלאָזט צונויפרופן — און גנענדל האָט זיי געפירט איבער דער גאַנצער שטאָט אין באָד אַריין.

שטאָטישע ייִנגלעך זענען נאָכגעלאָפן און געשריגן:

— באָסאַ־קאָמאַנדאַ — הוראַ...

מאַמעס זענען מיטגעלאָפן און געמאַכט קולות:

— באַרישניאַ, איר זאָלט נאָר מיינעם נישט פאַרקילן, ר'איז קראַנק...

— באַרישניאַ, גיט אַכטונג אויף מיינערס זאַכן, מען זאָל זיי נישט באַגנבענען!

אין באָד האָט געשווּבלט און געגריבלט מיט צעקראַצטע קינדערישע לייבער, מיט אומפלייט און ווערעם. אויף קינדערישע הענטלעך און פיס־לעך האָבן זיך געבלויט שיניאַקעס און צייכנס, טאַטעשע שמיץ און מאַמע־שע קניפּן. די קינדער האָבן געשריגן, געמסרט, געזידלט זיך, באַגנבעט זיך און גערעדט מיאוסע רייד.

און גנענדל האָט נישט געקאָנט עסן, נישט שלאָפן. — פאַר די אויגן זענען איר שטענדיק געשטאַנען אומריינקייט, פּלאָגן, זאַלבן, קינדערישע גע־ווינען, ווייבערישע טרערן. אַפילו אין שלאָף האָט זי זיך דערפון נישט געקאָנט באַפרייען.

איר איז אויסגעקומען, אַז זי איז עפּעס אַריינגעפאַלן אין איינעם פון די אינדזלען פאַר מצורעים, וועגן וועלכע זי האָט געלייענט אין די ביכלעך, און פון וועלכע מען קומט קיינמאָל שוין נישט אַרויס.

זעענדיק זיך איינמאָל מיט לערנערן, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין שטאָט אויף אַ ווילע, איז זי אים צוגעפאַלן צום האַרץ און אים נישט אָפּגעלאָזן.

— בנימין! — האָט זי געוויינט — איך קאָן נישט מער — איך וועל אומקומען פון רחמנות און עקל.

— אַרבעט ווײַטער — האָט לערנער געזאָגט — נאָר נישט פאַר רחמנות — פאַר פליכט — און וועסט זיך צוגעוואוינען...

גנענדל האָט זיך נישט באַרואיקט.

— איך קאָן נישט. — עס עקלט מיך פון זיי און פון זיך...

נאָר לערנער האָט זיך געהאַלטן ביי זײַנס.

— טו, גנענדל, ווי איך זאָג — אַז עס וועט קיין רחמנות נישט זײַן, וועט קיין עקל נישט זײַן. איך טו אויך דאָס אייגענע...

דאָס האָט געווירקט — זי האָט שטענדיק איצט געדענקט לערנערס „איך טו אויך דאָס אייגענע"; געזען אַראָן לוואָוויטשעס איראָנישן קנייטש אין באָרד, „אויב איר וועט גאָר קאָנען טון אַזאַ אַרבעט?" — און זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון פּלאַץ.

מיט געוואַלט האָט זי געטון איר אַרבעט.

ווי זיך אַליין צו להכעיס, איז זי געקראָכן דער אומריינקייט אין האַרץ אַריין. אַליין די קינדער געשמירט, באַטראַכט, געוואַשן, די קליידער געלאָזט אויסקאָכן — און אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי, אַליין נישט באַמערקנדיק, איז געשען ווי לערנער האָט געזאָגט.

צום ערשט איז פאַרשוואונדן דער רחמנות — קיין קינדערישע געוויינען, קיין מאַמעשע טרערן האָבן זי נישט גערירט, טוענדיק איר זאַך. צוזאַמען דערמיט איז פאַרשוואונדן דער עקל.

פונקט ווי אַ מייסטער, וואָס טוט זײַן אַרבעט און האָט צופרידנקייט פון דעם וואָס ער מאַכט, אַזוי האָט גנענדל איצט געטון איר אַרבעט מיט צו־פרידנקייט. יעדער בעסערונג ביי די קינדער, יעדער דערפאָלג האָט זי גע־פרייט, גליקלעך געמאַכט. זי האָט די קינדער אַפילו ליב באַקומען, געקענט יעדן אַפילו ביים נאָמען. פונקט ווי זי די קינדער, אַזוי האָבן אויך די קינ־דער זי ליב געקראָגן, געפילט זיך מיט איר גוט, פריי, ווי מיט אַן אייגע־נער מאַמען, אָן מורא, נאָר מיט דרך־ארץ.

אַראָן לוואָוויטש האָט זי געלויבט.

— מאַלאָדיעץ! — האָט ער איר געזאָגט, נעמענדיק זי ביי דער האַנט.

גנענדל האָט זיך גערויטלט, נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן זײַן בליק, און געפרעגט:

— אַראָן לוואָוויטש, ווען פאָרן מיר שוין אין שולע?

זי האָט שוין געוואָרט מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג. זי האָט שוין געזען, ווי זי זיצט מיט אירע קינדער, געזונטע, פרישע, נייע, אין נייע שיך, אין נייע וועש, אין נייע קליידער. די שול איז פריש, די טישעלעך און בענ־קעלעך זענען ניי אויסגעהובלט, די ווענט מיט גרינס באַצירט. גאַנצע טעג שפילט מען, און אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, גייט זי אַריין צו זיך אין צימער, אין דעם פרישן, נייעם, ווייס־אויסגעקאַלכטן צימער, וואָס האָט אַ

לאָמפּ מיט אַ גרינעם שיין, קלאָרע ווייסע פאָרהענגלעך ביי די פענצטער און צווי שניי־ווייסע בעטן פּאַר זיך און פאַר בנימינען.

— ווען שוין? — האָט זי געפרעגט אַראָן לוואָוויטשן.

— אינגיכן, טייערע, אינגיכן! — האָט אַראָן לוואָוויטש געענטפערט זאַנפט, גאַרנישט ווי ביז איצט, און אַריינגעלייגט גנענדלס ווייך־ווייבערישע האַנט אין זיינער.

גנענדל האָט דערפילט אַ ציטער אין גאַנצן לייב און געוואָלט אַרויסנעמען די האַנט אירע, נאָר אָט האָט אַראָן לוואָוויטש אַ בליק געטון אויף איר מיט די אויגן, מיט די צווי מענעריש־פּאַטערלעכע אויגן, וואָס באַליידיקן און וועקן אָפּשיי גלייכצייטיק — און זי האָט נישט געוואַגט זיך רירן פון אָרט.

אַראָן לוואָוויטש איז אַריבערגעגאַנגען מיט זיינע הייסע פינגער איבער גנענדלס האַנט, דערגרייכט ביזן עלנבויגן, נאָר גנענדל האָט זיך אַלץ נישט באַוועגט. ערשט אַז ער האָט זי געגעבן אַ בויג צו צו זיך און זי האָט דערפילט זיין באָרד אויפן האַלדז — האָט זי זיך האַסטיק אַרויסגעריסן און פאַרשטעלט זיך די אויגן.

— קוקט נישט אויף מיר! — האָט זי געזאָגט, קוים איינהאַלטנדיק די טרערן.

— פאַרוואָס, קינד? — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט מיט אַ זאַנפטער, עטוואָס ציטערנדיקער שטים — זעסט דען נישט, ווי ליב איך האָב דיך?

גנענדל איז אַרויס פון שטוב אַ דערשראָקענע.

— רעדט נישט! — האָט זי געשריגן — רעדט נישט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. זי האָט זיך אַרומגעוואָשן מיט קאַלט וואַסער, אָנגעריבן די שלייפן מיט קעלניש וואַסער, נאָר זי האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. איר האָט נישט אויפגעהערט בריען דער האַלדז און די הענט, ווי עלעקטרישע שטראָמען וואָלטן איר דורך.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין בלויזן העמד ביים טיש און מיט אַ ציטערדיקער האַנט גענומען שרייבן אַ בריוועלע צו לערנערן.

„נעם מיך אַרויס, בנימין — האָט זי געבעטן — איך מוז זיין מיט דיר, כסדר מיט דיר".

נאָר זי האָט דאָס בריוועלע צעריסן.

צום לעצט האָט זי איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און זיך צעוויינט, ווי אַ קינד.

— בנימין — האָט זי גערופן אין קישן אַריין — בנימין!

זי האָט זיך באַמיט צו זען זיין פּנים, זיינע אויגן, נאָר ווי אויף צו להכעיס האָבן זיך אַריינגעמישט אַראָן לוואָוויטשעס אויגן, די מענעריש־פּאַטערלעכע, וואָס באַליידיקן און וועקן אָפּשיי.

מיט יעדער שלוכץ איז איר געוואָרן אַלץ לייכטער, גרינגער.

קאַפּיטל פערצן

ערד

ענדע זומער, נאָך פּאַר די ערשטע האַרבסטיקע רעגנס, זענען אַלע הימלאָזע אַריבער פון שטאָט קיין זאַבאַראַווא.

פריערדיס איז געריטן אַראָן לוואָוויטש אויף אַ גרוי דיק פערד. נאָך אים זענען לאַנגזאַם געפאָרן צענדליקער פויערישע און באַלעגאָלישע פורן, באַלייגט מיט בעטגעוואַנט, עמערס, טעפּ און ברעטער. צום סוף זענען גע־פאָרן עטלעכע פורן מיט קינדער מיט גנענדלען אין דער מיט. צום סאַמע לעצט האָבן עטלעכע פורן געפירט עטלעכע אַלטע און קראַנקע, אויסגעלייגט אויף שטרוי.

פוןביידע זייטן וועג זענען געגאַנגען יידן, ווייבער און גרעסערע קינדער.

די קראַנקע האָבן געקרעכצט, — נאָר די קינדער האָבן זיי פאַרשריגן. גנענדל האָט געהייסן די קינדער באַפּוצן די וועגן מיט נאָדל־צווייגן. — די קינדער האָבן דערמיט באַהאַנגען די ברעטער, די פערד און אַפילו די רע־דער, — דערצו האָט זי זיי אויסגעלערנט אַ לידל, אַ פריילעך קינדיש לידל, וואָס האָט זיך מאָדנע גוט צוגעפּאַסט צום ריטם פון די טרייסלענדיקע וועגן — און די קינדער האָבן געזונגען מיט פריילעכע צעלאָזענע און קלינגענ־דיקע שטימעלעך.

אויף אַ באַזונדער פורל איז געזעסן טעמע, טעמע אָן די פיס, און גע־פּאַטשט מיט די הענט אין ווילדער שמחה.

זי האָט נישט געוואָלט פאָרן פריער. מען האָט זי געוואָלט אַריינזעצן צוזאַמען אויף אַ פור מיט אַן אַלטן געליימטן ייד און מיט דעם ווייבל מיט די קוליעס — נאָר זי האָט ניט געוואָלט.

— אַראָן לוואָוויטש! — האָט זי געשריגן — איך דאַרף אים נישט דעם אַלטן סערכנער! — מיט אייך וויל איך פאָרן! — איר זענט אַ שיינינקער!

דער עולם האָט געלאַכט. אַראָן לוואָוויטש האָט געבעטן:

— טעמע, שפּאַרט זיך ניט אייך, ניטאָ קיין פורן!

נאָר זי האָט ניט נאָכגעגעבן.

גנענדל איז צוגעגאַנגען צו איר און איר געגעבן צו פאַרשטיין — נאָר זי האָט זי באַליידיקט.

— נישקשה, באַרישניאַ! — האָט זי געשריגן — איך בין נאָך ניט פון די פאַרפוילטע עפּעלעך — איך טויג נאָך בעסער פאַר אַ מאַן, ווי אַנ־דערע לויפערקעס.

דערביי האָט זי אַרויסגעשטעקט די גרויסע מעכטיקע ברוסטן פּאָרויס.

גנענדל איז אַנטלאָפן אַ פאַרשעמטע — און אַראָן לוואָוויטש האָט גע־הייסן אָפּליידיקן אַ פור פון זאַכן, צעטיילט די זאַכן אויף פאַרשידענע וועגן און פּאָר טעמען אָפּגעגעבן די פור.

— אַזוי וועט איר זיין צופרידן, טעמע?

— זאָל שוין זיין — האָט טעמע קוים מסכים געווען און געלאָזט זיך פון עטלעכע יונגען אַרויפזעצן אין וואָגן אַריין. צופרידן פון איר זיג, האָט זי געהאָלפן זינגען די קינדער, געטרייסלט מיט די צוויי שטיקלעך פאַר־באַנדאַזשירטע פיס צום טאַקט, און געזונגען מיט אַ פעסטן קול, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ סך עכאָס אין וואַלד.

— אַ קאַמאַרעצטקע! — האָט זי געשריגן — אַ קאַמאַרעצטקע זינגט, קינדערלעך, איך האָב ליב!

אָפּגערוקט אַביסל זענען געגאַנגען עטלעכע פורן צו צוויי פערד גע־שפּאַנט און אַרומגעהילט מיט ברעזענטן. דאָרטן זענען געלעגן סחורות, פאַרטיקע מלבושימלעך, מעדיצינישע אינסטרומענטן, שרייב־געצייג פאַר דער שולע, קיך־געשיר, און אַ סך שפּייז, זעק שוואַרץ מעל, געטריקנטע פיש, צוקער, ערזאַץ־קאַפע, אויל צו פּרעגלען, אַחוץ קאַרטאָפל, בוראַקעס און קרויט.

אַראָן לוואָוויטש האָט אָפּט אַרומגעריטן אַלע וועגן פוןביידע זייטן און געגעבן באַפעלן. די וועגן זענען געווען שלעכטע, קאַליע־געוואָרענע פון קריג. די הילצערנע בריקלעך זענען געווען צעריסן, צעשעדיקט — און אַראָן לוואָוויטש האָט געוואָרנט:

— אָסטראָזשנאָ, כלאָפּצי!

די גוים זענען געגאַנגען ביי די זייטן, געטאָפּטשעט מיט די באָרוועסע פאַרבלאָטיקטע פיס אין דער צערודערטער ערד און געברומט בייז, הלמאי זיי דאַרפן געבן אומזיסטע פּאָדוואָדן.

— דאָבראָ! זנאַיעם!

אין די ערשטע עטלעכע טעג איז אין זאַבאָראָווע געווען פריילעך. אויף דעם פּאַרלאָטעטן קוימען פון גרינעם פּאַלאַצל האָט אַ גרויסע גרינע נאָדל־צווייג געשטעקט און דערציילט אויף אַלע זייטן וועגן חנוכת־הבית. אויפן צווייג האָבן צוויי ליידיקע פלעשער געהאַנגען, אַ סימן, אַז עס קומט בראָנפן די אַרבעטער. — אַראָן לוואָוויטש האָט געשיקט איינקויפן פלעשער בראָנפן און אָנגעשלאָגן זיך מיט די גלעזלעך מיט לערנערן און מיט דער ערשטער פּאַרטיע הימלאָזע, וואָס האָט צוגעגרייט דעם הויף.

— לחיים! — האָבן די יונגען געשריגן און געהויבן אַראָן לוואָוויטשן אין דער הויך.

דער גרויסער הויף איז געווען אָפּגערייניקט און אויסגעשאָטן מיט

זאַמד. די געביידעס זענען געווען אויספּאַרריכט. דער ברונעם גאַנץ. אין דער נייער שולע האָבן גנענדל מיט די קינדער באַצירט די ווענט מיט גרינס, די סופיטן באַהאַנגען מיט קאָלירטע פּאַפּירענע שלאַנגען און מיט קאַרבירטע לאַמטערנדלעך. ביים צעכהויז זענען געזעסן אַראָן לוואָוויטש מיט לערנערן הינטער אַ באַריערע. ביי דער באַריערע איז געשטאַנען אַ לאַנגע ריי מיט מענטשן און באַקומען מתנות: ווער אַ פּאָר הילצערנע שיך, ווער אַ העמד, ווער אַ רעקל, אַ קליידל, אַ פּאָר הויזן. יעדער האָט עפּעס נייעס באַקומען — אַזוי האָט אַראָן לוואָוויטש אויסגעשטעלט.

אָבער די קינדער האָט מען באַגייט פון קאָפּ ביז די פיס. פּאַרטיעסוויז האָט זיי גנענדל געפירט אין רוסישן באָד, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט הויף אַ פאַרריכטער און אַן אויפגעפרישטער. דאָרטן האָט מען יעדן אויס־געבאָדן, אַרומגעוואַשן, איינער אַ הימלאָזער אַ רופא האָט מיט אַ מאַשינקע יעדן דעם קאָפּ אָפּגעגאָלט ביז דער הויט און אָנגעטון אין נייס: אַ ניי העמד, אַ ניי רעקל מיט הויזלעך, אָדער אַ קליידל, אַ ניי נאָזטיכל אין קעשענע.

מאַמעס זענען געשטאַנען ביי דער זייט און געקוואַלן.

— אַ גוט מזל אייך, באַרישניאַ! — האָבן זיי געוואונטשן גנענדלען, זענענדיק ווי זי פאַרעט זיך אַרום זייערע קינדערלעך.

אַנדערע האָבן געוויינט, געשנייצט נעזער אין די פאַרטוכער און גע־כאַפּט קושן די קינדער.

אין טאָג פון חנוכת־הבית איז גאָר געווען לוסטיק. פון שטאָט זענען אין אַ גרויסן אויטאָ אַראָפּגעקומען דער אָבערסט, דער קרייז־שעף, אַ מי־ליטערישער אַלטער דאָקטאָר, אַ דייטשער פעלד־ראַבינער מיט גאָלדענע ברילן און צוויי פאָטאָגראַפיסטן מיט אַפּאַראַטן.

גנענדל האָט געאַרבעט מיט אַלע כוחות. זי האָט אַלע קינדער אויס־געפּוצט אין רויט־פּאַפּירענע היטלען מיט פרענדזלען; עטלעכע פון זיי האָט זי אַפילו אָנגעטון ווי חיות. פון איין ייִנגעלע געמאַכט אַ בער, פון צווייטן אַ האָז; פון איין מיידעלע אַ שעפעלע, פון אַן אַנדערס — פּאַסטושקע, און געלערנט מיט זיי לידלעך.

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאָטאָגראַפירט אַלץ — די קיך און די באָד, דעם ברונעם און די שפּייכלערס, די שולע און דעם צעכהויז, זיך אַליין מיט די הימלאָזע און די הימלאָזע באַזונדער, זיך מיט אַראָן לוואָ־וויטשן און אַראָן לוואָוויטשן מיט די הימלאָזע, — האָבן אַלע געהאַלטן רעדעס, גרויסע און לאַנגע רעדעס, וואָס קיינער האָט זיי ניט פאַרשטאַנען, נאָר מען האָט זיי אַפּלאָדירט. אויך דער ראַבינער האָט לאַנג גערעדט און פאַרענדיקט מיט אַ לשון־קודשדיקן פּסוק.

אַלע יידן האָבן דערפון געהאַט גרויס הנאה.

און דערנאָך ערשט זענען אַרויס די קינדער איבערגעטון פאַר חיות

און מיט ליטווישע שאַרפע און דרייסטע שטימעלעך דעקלאַמירט און געזונגען.

די דייטשן האָבן אַפּלאָדירט — דער ראַבינער האָט אַפילו גענומען צו זיך אויפן שויס אַ מיידעלע, וואָס איז געווען איבערגעטון פאַר אַ האָז, און איר געקושט צוויי מאָל אין קעפל — האָבן טאַטעס געשיינט פאַר גליק און מאַמעס האָבן פאַר פרייד געגאָסן מיט טרערן.

און אַז מען האָט נאָך צום סוף אָוועקגעשטעלט אין מיטן הויף פעסער מיט ברעטער, אָנשטאָט טישן, און פאַר יעדן אָוועקגעלייגט אַ לאַבן פריש ברויט פון דער אייגענער בעקעריי און אַ זופּ פון קאַרטאָפל מיט געטריקנטע פיש פון דער אייגענער קיך — איז די שמחה גאָר געווען גרויס.

— הוראַ! — האָבן יונגען געשריגן, ווי אין קאַזאַרמע.

טאַטעס האָבן דערפילט יום־טובדיקס אין זיך, שמחת־תורהדיקס — הפקרדיקס און געהויבן אַלע אין דער הויך — אַראָן לוואָוויטשן, לערנערן און אַפילו דעם דייטשן ראַבינער וואָס האָט פאַרענדיקט זיין דרשה מיט אַ לשון־קודשדיקן פסוק.

— און איצט איך, באַרישניאַ! — האָבן זיי געשריגן צו גנענדלען, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט הויבן — נישקשה, היינט מעג מען!

אַראָן לוואָוויטש איז געווען גליקלעך.

ער האָט זיך צום הונדערטסטן מאָל געלאָזט דריקן פון יעדן די הענט; ער האָט געדולדיק אויסגעהערט אמתן און באַרימערייען פון יעדן באַזונדער, וואָס האָט דערציילט וועגן זיינע גליקן און רייכטימער פון פאַר דער מלחמה.

די היימלאָזע האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון אים.

— זעט! — האָבן זיי גערעדט צווישן זיך — ער איז דאָך גאָרניט אַזאַ, ווי מען האָט געזאָגט.

נאָר באַלד צומאָרגנס, גלייך מיטן פאַרשווינדן פון די יום־טובדיקע טישן און איבערבלייבענישן, איז אויך פאַרשוואונדן געוואָרן אַראָן לוואָוויטשעס צוגעלאָזנקייט.

— צו דער אַרבעט! — האָט ער באַפוילן, לאָזנדיק הערן איבערן גאַנצן הויף זיין פעסטע באַפעלערישע שטים.

און די היימלאָזע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— אַבי מיר האָבן געמיינט... — האָבן זיי געהאַט טענות צו זיך אַליין.

— איר וועט ערשט זען — האָט דושקין זיך אָנגערופן, עטלעכע הוסטלעך געטון און אַוועק אַזוי אומגעריכט, ווי ער איז אויסגעוואַקסן.

אַ סך אַרבעט איז איצט געווען צו טון.

קודם כל האָט מען געדאַרפט צוגרייטן די ערד צום פאַרזייען ווינטערקאָרן. די גאַנצע ערד איז געווען פאַרלאָזן, וויסט. גאַנצע און אומגעוואָרפענע פאַרצוימונגען פון שטעכעדיקן דראָט האָבן דורכגעשניטן די ערד.

שוץ־גריבער, אָפענע און פאַרדעקטע, גלייכע און פאַרמאַסקירטע, האָבן זיך געשלענגלט פון אַלע זייטן — אויסגעריסענע גריבער פון גראַנאַטן, טייל פון עטלעכע מעטער טיף, האָבן זיך דורכגעוואָרפן פון אָרט צו אָרט. פאַר־ראָסטעטע זעלנערישע קעסעלעך, שמאַטעס, שאַכטלען פון קאָנסערוון, צי־נערנע טרינק־פלעשלעך, אויסגעשאָסענע גילזן האָבן זיך געוואַלגערט אויף טריט און שריט, און קברים, — איינצלנע און מאַסנדיקע, מיט רוסישע טאָפּלטע צלמים און מיט קאַטוילישע איינצלנע צלמלעך, מיט יידישע גלײ־כע ברעטלעך און מיט מאַכמעדאַנישע האַלבע־לבנהס, מיט פרישע אויפ־שריפטן און אָפּגעריבענע אויפשריפטן, מיט בלייפעדער־געשריבענע מצבות און מיט גלאַטע מצבות, אָן יעדער אויפשריפט, בלויז פון צוויי קרומע צווייג־לעך צונויפגעבונדן — האָבן זיך גענעסט אין פאַרשידענע ערטער, באַ־וואַקסן מיט שיטערע ווילדע גראָזן און רויטע שטעכעדיקע בערעלעך.

נישט גרינג זענען געווען די ערשטע טעג אין זאַבאַראָווע — די יידן האָבן ניט געקאָנט, ניט געוואָלט טון ווי מען דאַרף. ביים וויקלען די שטע־כעדיקע דראָטן האָט זיך אַלע מאָל אָן אַנדערער פאַרשטאָכן אַ פינגער אין פאַרראָסטעטן דראָט און געבלאָזן אויפן פינגער אַ פּאָרע פון מויל צוזאַמען מיט אַ בייזן מרוק.

— אַ שיינע אַרבעט. וואָס מען האָט ביי די דייטשן אָפּגעשפּאָרט, וועט מען דאָ אָוועקפּטרן...

אויף די פעלדער זענען אַרומגעקראָכן ווייבער און געזיפצט. — פון אַלע זייטן האָבן זיך געוואַלגערט אויף די פעלדער שטיינער, צעבראָכענע פלעשער. לערנער האָט געהייסן איינשפּאַנען אַ פערד אין וואָגן, געהייסן עס פירן איבער די פעלדער, און אַ סך ווייבער אַרויסגעשיקט, זיי זאָלן אויפ־קלייבן די שטיינער, וואַרפן אין וואָגן און אָוועקפירן.

די ווייבער האָבן געזיפצט און געלאַכט.

— מאַריאַסקע! — האָבן זיך געהערט קוויטשיקע קולות — וויפל האָסטו שוין אויפגעקליבן?

— איך צוויי, — דאַנקען גאָט!

— און איך אַנדערהאַלבן.

זיי האָבן זיך קוים אַראָפּגעבויגן, געקלאָגט זיך אויף די זייטן און גע־שפּילט זיך.

ביים רוימען דעם מיסט האָבן גאָר יידן געצויגן מיט די נעזער.

די מאַסן זעלנער, וואָס האָבן דאָ חדשים־לאַנג געלעבט צוזאַמען מיט זייערע פערד, האָבן אַ סך קופּעס פערדישן און מענטשלעכן פאַרדאַרטן מיסט איבערגעלאָזן. לערנען האָט אַרויסגעפירט אַהין אַ סך יידן, איינגע־טיילט זיי פאַרשידענע מכשירים, וועמען אַ לאָפּאַטע, וועמען אַ האַק, וועמען אַן אייזערנעם שטאַנג און וועמען גאָר אַ שפּיציקן פלאָקן, וואָס נאָר עס איז

געווען. דערמיט האָט מען געדאַרפט צעקלאַפּן די איינגעדאַרטע קופּעס מיט מיסט, אויפהאַקן די יאָמעס אומריינקייט און אָוועקפירן אויף די אָפּגעריי־ניקטע פעלדער מיט וועגענער, וועגעלעך, מיט זעק אַפילו און מיט קאַסטנס, אין וואָס נאָר עס איז׳ פאַראַן.

די יידן האָבן ניט אויפגעהערט שמאָרן מיט די נעזער.

— אַן אומגליק דיר! פּאַניעס סימנים גאָר רייניקן — מ׳נע, אַן אַרבעט!

— מאַכט אַ בורא מיני בשמים — האָט דושקין געגעבן אַן עצה.

— עס וועט זיך הערן פון דער תבואה! — האָט אַן עלטערער ייד מיט רויטע אויגן, אַ געוועזענער דרדקי־מלמד, זיך געזאָרגט.

ביים אַקערן זענען אַפילו געווען די בעסטע, די יונגע און די קרעפטיקע — אָבער אויך מיט זיי איז געגאַנגען שווער. געוועזענע שמייסערס, גאָר־בערס, קצבים, האָבן זיי געהאַט כוח גענוג, נאָר מיט קיין אַקעראייזן ניט געוואוסט ווי אומצוגיין. אויך די אַקעראייזנס זענען געווען ניט גאָר פון די בעסטע. מען האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון די פערד־שטאַלן, פון מיסט אַרויס, און זיי זענען געווען פאַרראַסטעט, טעמפּ. — די ערד איז געווען פאַר־וואַקסן, אָפּגעלאָזן.

און די אַקעראייזנס האָבן זיך קעגנגעשטעלט. — אַט זענען זיי צו טיף אַריינגעקראָכן אין דער ערד, באַלד אינגאַנצן אַרויסגעשפּרונגען. ניט פילנ־דיק קיין זיכערע האַנט, האָבן די פערד זיך געבונטעוועט, ניט געוואָלט גיין אין טראַט, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס און געשטויסן. די יונגען האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן און זיך צעלאָזט איבערן פעלד — און פאַרבייגייענדיקע מיידן האָבן זיך געבויגן אין דרייען פאַר געלעכטער.

— לייבקע, שיט אים זאַלץ אויפן ווידל, — האָט אַ מויד געגעבן אַן עצה.

— קוש אים אין הינטן, דעם סוס — האָט אַן אַנדערע געשריגן — בעט אים אַ ביסעלע, וועט ער גיין.

— מיר׳ן נישט קאָנען! — האָבן די יונגען געזאָגט, אָפּלאָזנדיק די לייצעס — ס׳איז אַ גוישע אַרבעט.

לערנער איז געווען פאַרצווייפלט.

— ס׳גייט שלעכט, אַראָן לוואָוויטש — האָט ער זיך באַקלאָגט באַ־נאַכט, זיצנדיק אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט — מען וועט מוזן ברענגען עטלעכע גויים צו ווייזן.

— קיין איינעם ניט! — האָט אַראָן לוואָוויטש באַפוילן — אַליין מוז אַלץ ווערן געמאַכט.

באַלד אינדערפרי איז ער, צוזאַמען מיט לערנערן, געווען אויף די פעלדער און געהייסן זיך נעמען צו דער אַרבעט אויף ס׳ניי.

ער אַליין האָט גענומען די לייצעס אין דער האַנט, אַנגעשפּאַרט די האַנט אין אַקעראייזן און דאָס פערד איז גליך אַוועק ווי מען דאַרף.

— אָט אַזוי! — האָט ער געוויזן — לאַנגזאַם און גלייך!

לערנער האָט גענומען דעם צווייטן אַקעראײַזן. ניט איינמאָל פּלעגט ער ייִנגלוויז אין באַראַוקע אויסבעטן ביי דעם פּאַטערס פּאַראָבקעס דעם אַקער־אייזן, דעם שניידמעסער. ער האָט געקאָנט אַלע דאָרפישע אַרבעטן — אַקערן און שניידן, מאַכן סטאָגעס היי און דרעשן.

אָפּאַרבעטנדיק עטלעכע שעהן, פּרואוונדיק אַ סך מאָל דאָס אייגענע, האָבן ענדלעך די אַקעראייזנס זיך אָנגעהויבן אונטערגעבן די יונגען. די פּערד האָבן דערפילט זיכערע הענט און געגאַנגען לאַנגזאַם און סיסטעמאַ־טיש אין יאָך.

פּאַרטיק געוואָרן מיט די יונגען, האָט אַראָן לוואָוויטש גענומען לער־נערן און אָנגעהויבן לערנען מיט די איבעריקע. — מען האָט אָוועקגעשטעלט ייִדן מיט לאָפּאַטעס אין די הענט און געהייסן צעאַקערן מיט די הענט דאָס, וואָס די פּערד האָבן ניט באַוויזן טון מיט די אַקערס.

— אָט אַזוי! — האָט לערנער געוויזן — ניט צו טיף און אַ לאָפּאַטע ביי אַ לאָפּאַטע!

און פון אַלע זייטן, וואו נאָר מענטשן זענען געשטאַנען און געאַרבעט, איז אַרומגעקראָכן אַראָן לוואָוויטש פון איין זייט, לערנען פון דער צווייטער זייט, און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי מען אַרבעט.

— לעבעדיק! — האָט אַראָן לוואָוויטש אונטערגעגעבן חשק — גע־רירט זיך!

לערנער האָט, פּונקט ווי די דייטשן אויף דער בריק פּלעגן טון, אָנ־געצייכנט אַ שטיק אַרבעט, וויפל מען דאַרף אָפּטון, און אָנגעזאָגט:

— ביז מיטאָג זאָל עס ווערן געמאַכט — אַניט וועט קיין מיטאָג ניט זיין.

תחילת האָבן זיך די ייִדן ניט געמאַכט דערפון.

— ער וועט בעסער ווערן — האָבן זיי געזאָגט מיט חוזק — ער וועט ניט זיין אַזוי שלעכט.

נאָר אַז עס איז געקומען צום מיטאָג און דער קוכער האָט ניט אַריינ־געגאָסן אין שיסעלע יעדן, וואָס ביי זיין נאָמען אויף דער ליסטע איז גע־ווען אַ רויטער צייכן — האָט מען אָנגעהויבן זיך אונטערגעבן.

— באַנדיטן — האָבן די ייִדן געברומט און פונדעסטוועגן גענומען די לאָפּאַטע אין האַנט און אָוועק אַרבעטן.

אויך גנענדל אין שולע האָט ניט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיט די קינדער און מיט די מוטערס.

די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין מסרן איינער אויפן צווייטן.

— לערערקע, דודקע האָט געזאָגט אַ מיאוסן וואָרט.

— לערערקע, משהקע זאָגט, אַז מיין שוועסטער איז אַ בליאַדע!

— לערערקע, מאַריאַסקע שלאָגט זיך!

טאָג־טעגלעך איז געווען צו טון מיט די מוטערס, פאַרוואָס זיי ברענגען ניט די קינדער צו דער צייט, פאַרוואָס די קעפּלעך זענען ניט ריין, פאַרוואָס די העמדלעך זענען ברודיק.

גנענדל האָט גערעדט, גערעדט צום האַרץ, אויסגעוויזן. די ווײַבער האָבן צוגעזאָגט:

— גוט, גוט, באַרישניאַ! — עס וועט שוין זײַן רעכט.

נאָר מאָרגן איז ווידער געווען דאָס אייגענע.

אויך מיטן קרענקען איז געווען שלעכט.

די קינדער האָבן געגעסן אין שולע. — דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ מאַמע איז געקומען זאָגן, אַז איר קינד קאָן ניט קומען אין שולע, ווײַל אים האָט אָנגעצויגן אַ פּיסל, האָט גנענדל אַרויסגעגעבן דעם קינדס פּאַרציע אַהיים.

צומאָרגנס זענען עטלעכע קינדער קראַנק געוואָרן און מאַמעס זענען געקומען אָפּנעמען די פּאַרציעס. — ווײַבער האָבן געקלאָגט.

— מײַנער האָט, נעבעך, אַן אויערל.

— מײַנע האָט געכאַפּט דער בויך.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג איז אַ העלפט קינדער ניט געקומען.

גנענדל איז אוועק אין די באַראַקן, זען וואָס די קראַנקע קינדער טוען, און קיין איינס ניט געטראָפן אין באַראַק.

אַלע האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די שכנותדיקע דערפער. די פּאַרציעס זענען געשטאַנען ביי די ווינקעלעך פון די בעטן און טאַפּטשאַנעס.

אין זעלבן אָוונט האָט אַראָן לוואָוויטש אַרויסגעגעבן אַ באַפעל — קיינעם קיין פּאַרציעס אַהיים ניט אַרויסגעבן.

צומאָרגנס איז געווען ביי די ווײַבער אַ יללה.

— באַרישניאַ, דאָס קינד וועט דאָך מיר אויסגיין פון הונגער!...

נאָר גנענדל האָט ניט געגעבן קיין פּאַרציעס.

— אַ שטייק, ניט קיין האַרץ — האָבן די ווײַבער געזאָגט, און די שולע איז אין עטלעכע טעג אַרום ווידער געוואָרן פול.

אויך מיט ריינקייט האָט אַראָן לוואָוויטש געמאַכט אַן אָרדענונג.

— וועלכע מאַמע עס וועט ברענגען אַן אומריין קינד אין שולע, וועט אַ טאָג קיין עסן פון קעסל ניט באַקומען — האָט ער געגעבן אַ באַפעל.

ווײַבער האָבן זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט.

— וואָס ווילט איר? — האָבן זיי געשריגן צו גנענדלען, ווײַזנדיק אויף די קינדערישע קעפּלעך — דאָס איז גאַרניט, עטלעכע ניס בלויז.

אַז עס איז געקומען צו דער ריי צום ברויט און לערנען האָט אַלע, וואָס גנענדל האָט פאַרצייכנט מיט אַ קרייצל, ניט אויסגעטיילט די פּאַרציע, האָבן ווײַבער געמאַכט קולות, באַקומען היסטעריק, געריסן די האָר פון קאָפּ.

— גזלנים, ערגער פון די דייטשן זענט איר! — איר ווילט אונדז אויסמאָרדן...

נאָר לערנער איז געבליבן ביי זיינס, און צומאָרגנס זענען די קינדער געקומען אין שול ריינע, אויסגעצוואָגענע.

אויסער דעם אַלעמען, זענען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן פאָרגעקומען.

— איין טאָג האָבן מיידלעך געקליבן שטיקער אייזן און געוואָרפן אין אַ זייט. פּלוצלונג האָט אַ ניט־אויסגעשאָסענע קויל אויסגעשאָסן און ביי אַ מיידל אַ שטיק פינגער אָפּגעריסן.

אַלע ווייבער, וויפל נאָר עס זענען געווען, האָבן געוואָרפן די אַרבעט און גענומען לויפן צו אַראָן לוואָוויטשן אונטערן פענצטער מיט דושקיגען אויבנאָן.

— געוואַלט! — האָבן זיי געשריגן — איר ט׳דאָך אונדז אויסקוילענען!

— אַוועק, צו דער אַרבעט! — האָט אַראָן לוואָוויטש באַפוילן — און אַליין דערווייל פאַרבאַנדאַזשירט דעם מיידל דעם אָפּגעריסענעם פינגער, געהייסן שפּאַנען אַ פערד און זי אַוועקגעשיקט אין שטאָט אין שפּיטאָל.

איינמאָל האָבן די יידן ביים גראָבן די ערד אָנגעטראָפן אויף עפּעס. זיי האָבן געמיינט, אַז עס איז אַ שטיין, נאָר ביים אונטערהויבן אַביסל די ערד האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ מענטש, אויף אַ האַלב־צעפוילטן מענטש מיט אַ שטיק צעפרעסענעם קאָפּ — זיי האָבן אַלע גלייך אַוועקגעוואָרפן די לאָפּאַטעס און, מיט יידישער מורא פאַרן טויט, זיך צעשריגן.

— מתים, ווי איז אונדז, מען קריכט איבער טויטע.

אַראָן לוואָוויטש האָט זיך ניט געמאַכט דערפון און אַלע צוריקגעיאָגט צו דער אַרבעט.

— לייגט אים צוריק אַריין, נאָר טיפער! — האָט ער געזאָגט — און די יידן זענען געווען באַליידיקט.

שפּעטער־צו איז געוואָרן אַ טומל מיט אַ וואָלף.

אין איינעם אַן אָוונט איז אַ קליין מיידעלע געקומען צו לויפן אין באַראַק צו דער מוטער אַ דערשראָקענע.

— מאַמענקע, אַ הונט דרייט זיך — אַ גרויסער!

די ווייבער זענען אַרויס, דערזען דעם הונט און שיער ניט אין חלשות געפאַלן.

— אַ וואָלף! — האָבן אַלע געשריגן.

פון נאָענטן וואַלד האָט ער זיך דאָ פאַרקליבן. ווי נאָר מען איז אַרויס, איז ער אַוועק אַביסל און באַלד זיך צוריק דערנענטערט.

דער באַראַק איז געגאַנגען אויף רעדער.

— ווי איז אונדז — האָט דושקין געקלאָגט און די ווייבער האָבן אים געהאָלפן — חיות רעות וועלן דאָך אונדז צעפרעסן.

— אַז מען וועט גאָרניט קאָנען גיין צו דער קיך — האָבן יידן גע־קלאָגט פאַר אַראָן לוואָוויטשן — גערדאַרפט זאָגן די דייטשן, זיי זאָלן קו־מען אים פאַרטרייבן.

— נישקשה, מיר'ן זיך אַליין אַן עצה געבן — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט.

און נאָך אין זעלבן אָוונט האָט ער גענומען לערנערן, אַלע יונגען, באַ־וואָפנט זיך מיט העק, אייזנס, דרענגער און שטורקאַצן פון שטיקער קין און אַרויס קעגן וואָלף.

דער וואָלף איז פאַרשוואונדן, ער האָט זיך מער ניט געוויזן.

ערגער פון אַלץ איז געווען מיט די שטשורעס. — אין די גרויסע שפייכלערס, וואָס מען האָט איבערגעמאַכט אויף באַראַקן פאַר די הימלאָזע, האָבן זיך אַ סך שטשורעס אויפגעהאַלטן, פעטע שטשורעס, גרויע, שוואַר־צע און געלע, וואָס האָבן געפרעסן די רעשטלעך פון אַמאָליקע תבואות, מעל, קערנער און אַפילו די הילצערנע ווענט און פאָדלאָגעס.

מאָסן זענען זיי געווען דאָרטן. יעדן פאַרנאַכט פלעגן זיי מיט זייטיקע וועגלעך אַוועק צו דער הרובדיקער וואַסער־מיל צום טייך, וואָס האָט דורכ־געשניטן דעם מאַיאַנטעק, אָנגעטרונקען זיך און צוריק אַוועק אין די שפייכ־לערס.

ביים איבערמאַכן די שפייכלערס האָט מען אַלע לעכער פאַרקלאַפּט. געמיינט האָט מען, אַז מען וועט זיי מער ניט האָבן — נאָר מיטאַמאָל האָבן זיי זיך באַוויזן. — בייטאָג האָט מען זיי טאַקע ניט געזען, נאָר באַנאַכט, דערפילנדיק שלאָפנדיקע מענטשן, האָבן זיי זיך באַוויזן. זיי האָבן געקווי־טשעט, געשפרונגען, געלאָפן איבער קעפּ און פיס. טייל האָבן אַפילו גע־פּרוּווט בייסן, צעדראַפּעט קינדערישע פּיסלעך, הענטלעך — און ווייבער זענען אויפגעשפרונגען פון די בעטן און טאַפּטשאַנעס און געשריגן געוואַלד.

— מאַמעלעך, וואו האָט מען אונדז אַריינגעפּאַקט? מען וועט דאָך אונדז די קינדער לעבעדיקערהייט צעפרעסן.

אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער שולע.

— דאָ וועט מען לאָזן שלאָפן די קינדער. מיר וועלן צו די „קריסעס" ניט גיין.

גנענדל האָט רחמנות געהאַט און טאַקע געוואָלט איבערלאָזן די קינ־דער — נאָר לערנער האָט ניט געלאָזן.

— אַליין זאָלן זיי אויסרייניקן די באַראַקן.

ער איז אַרויס אין מלחמה קעגן די מייז. ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע מענער, אַוועקגעשטעלט זיי אַרום מיל מיט שטעקנס אין די הענט, און פאַר־נאַכט, אַז די שטשורעס זענען געקומען טרינקען — האָט מען זיי אַרומ־

גערינגלט פון אַלע זייטן, געשפּריצט אויף זיי מיט אַ קישקע מיט וויטריאָל און נאַפט און לעבעדיקערהייט אָנגעצונדן.

די מייז זענען געלאָפן אין ווילדע שפּרונגען, געלאָזט זיך צו געביידעס, נאָר דאָרטן זענען געשטאַנען ווייבער מיט בעזעמס און שטעקנס אין די הענט און אָפּגעיאָגט, כדי צו פאַרהיטן פון אַ שׂרפה. די איבעריקע האָט מען געטריבן אין טייך, אַנדערע האָט מען אויסגערוימט מיט סם, מיט פאַר־שטופּן די לעכער מיט שטיקלעך גלאָז.

און די פּגרים האָט לערנער געהייסן אַרויסטראָגן ווייט פון די געביי־דעס און באַגראָבן.

דושקין איז אומעטום געווען און געהוסט.

— שוין מקבר געווען די קריסעס? נאָך נישט?

די ווייבער האָבן זיך אָפּגעשאָקלט.

— ברר, שטאַרבן קאָן מען!

— אַז איר וועט זיי ניט אויסרוימען — האָט לערנער געזאָגט — וועלן זיי אייך אויסרוימען.

און איינגיכן איז מען פון זיי פּטור געוואָרן.

אויך מיט די מענטשן אַליין אין די באַראַקן איז געווען אַ סך צו טון. צוגעוואוינט שטענדיק צו וואוינען באַזונדער, האָבן זיי בשום אופן ניט גע־קאָנט לעבן צוזאַמען אין די באַראַקן. פּונקט ווען איינער האָט געוואָלט שלאָפן, האָט דער אַנדערער געוואָלט זינגען; יונגע פּאָרלעך האָבן געהאַט טענות, הלמאי די עלטערע הוסטן זיי אין די אויערן און לאָזן זיי ניט שלאָפן; און עלטערע האָבן געהאַט טענות, הלמאי די יונגע קושן זיך און לעבן צוזאַמען, און מען לאָזט זיי ניט האָבן קיין מנוחה.

טאָג און נאַכט האָט מען אָפּגעהאַלטן דין־תורהס פאַר לערנערן, באַ־רעדט זיך, געשלאָגן זיך.

לערנער האָט געפּרואווט מאַכן שלום. יעדן טאָג אויסגעהאַנגען נייע געזעצן, ווען מען דאַרף גיין שלאָפן, ווען אויפהויבן זיך, ביז וואַנען מען מעג צינדן פייער, און פאַר ניט אָפּהיטן די פאַרשריפטן באַשטראָפט — אָבער עס איז אוממעגלעך געווען איינצופירן אָרדענונג.

ווייבער האָבן אָנגעקעקערט דאָס מיסט פון אייגענעם טאָפּטשאַן צו דער שכנה, אונטערגעוואָרפן זיך מיט אומריינקייטן און געקראַצן זיך מיט די נעגל אין די פּנימער און אין די האָר.

טאָג־טעגלעך האָט מען זיך באַגנבעט; אַרויסגעשלעפּט איינער דעם אַנדערן די לעצטע העמדער, שמאַטעס — און מען איז ווידער געקומען צו לויפן מיט דין־תורהס און געוואַלדן צו לערנערן.

פון די מסירות און דין־תורהס איז געווען אוממעגלעך איבערצוטראָגן

— און לערנער האָט אָנגעהויבן די מענטשן אָפּטיילן איינעם פון אַנדערן, צעשיידן מיט ווענט און ווענטלעך.

גאַנצע טעג האָט ער געפּלאָנעוועט, אָפּגעצוימט, אָפּגעטיילט די באַראַקן.

מען האָט אָפּגעטיילט די אַלטע פון די יונגע; די ווייבער פון די מענער; די קינדער פון די דערוואַקסענע. וויפל נאָר מען האָט געקאָנט, האָט מען דעם באַראַק פונאַנדערגעטיילט, מאַסן ווענט און ווענטלעך אַריינגעשטעלט, אַזוי, אַז יעדן זאָל אויסקומען וואוינען עטוואָס באַזונדער.

די קאָנטראָל איז איצט געווען גרינגער, מעגלעכער. יעדער האָט געמוזט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך, נישט געקאָנט אַרויפוואַרפן די שולד אויף אַן אַנדערן, און עס איז געוואָרן שטילער, רואיקער.

יעדע געביידע, יעדע אַלטע שטאָל, יעדער קאַמער האָט ער אויסגענוצט, לערנער, איבערגעבויט, אויספאַרריכט און די מענטשן פונאַנדערגעוואָרפן.

פאַר די קראַנקע האָט מען אַ באַזונדערע געבײדע אויפגעשטעלט.

די האַמערס האָבן ניט אויפגעהערט קלאַפּן און בויען.

דושקין האָט ניט אויפגעהערט איצט הוסטן.

— אַ רגע רו גיט מען ניט — האָט ער געברומט — רק מען קלאַפּט!

נאָר וואָס מער מען האָט געקלאַפּט, געבויט, אַלץ מער רו האָט אָנגעהויבן הערשן אין די באַראַקן, אַלץ ווינציקער זענען געוואָרן די טענות, אַלץ קלענער זענען געוואָרן די געשרייען.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אַראָן לוואָוויטש אַוועקגעריטן אין שטאָט און אַהיימגעקומען מיט אַ גאַנצער כאַפּטע דייטשן, שווער־בייכיקע און באַברילטע.

דער ערשטער האָט זיי, ווי אַלע מאָל, באַגעגנט דושקין, אַראָפּגעצויגן פאַר זיי דעם ליטווישן שטייפן הוט און באַגריסט מיט אַ טיפן נויג.

— גוט מאָרגען, גרויסע הערן!

און באַלד פון זיי איז ער אַוועק אין די באַראַקן און אָנגעזאָגט די בשורה.

— אָבער איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז איינס מיט די דייטשן!

— ער האָט זיי שוין געבראַכט.

נאָך אין זעלבן טאָג האָט אַראָן לוואָוויטש אַלע יונגע פאַרזאַמלט אַרום דער חרובער מיל און זיי איבערגעגעבן די באַברילטע דייטשן.

— פאָרווערטס! — האָבן די דייטשן קאָמאַנדעוועט — לאָנגזאַם!

עטלעכע טעג צייט האָט מען געשלעפּט קלעצער אין טייך, פאַרריכט די הילצערנע שוצן, וואָס פאַרשטעלן ווינטער די קריעס אַרום דער מיל, געשלעפּט משאות, געדרייט ביי רעדער — און די מיל האָט אָנגעהויבן גיין.

דערנאָך האָבן זיי דורכגעפלאָכטן דעם הויף מיט אַ סך עלעקטרישע דראָטן, געמאַכט אַן אייגענע עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס ציט קראַפט פון

שטאַרקן וואַסער־פֿאַל, און איינגעפּירט עלעקטריע אומעטום: אין דער שולע, אין די שטובן, אין קיך, אין באָד און אויך אין די באַראַקן.

— גוטען טאָך! — האָבן זיי געזאָגט אָוועקפאָרנדיק — פאַ!

צו דער פּאַרטיקער מיל האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פּויערישע פורלעך מיט תבואה פון אַלע זייטן. גאַנצע טעג און נעכט האָט די מיל ניט אויפגע־הערט קלאַפּן. אַ גאַנץ צענדליק יונגען האָבן געאַרבעט ביי דער מיל; עטלע־כע בחורים פון די היימלאָזע, געוועזענע שילער פון שטאָט־שולן, זענען געזעסן אין פאַרמעליקטן קליינעם קאָנטאָרל ביי דער מיל, פאַרשריבן, אָפּ־געוואויגן די תבואות און פאַר יעדן געמאָלטן פּוד תבואה אַראָפּגענומען עטלעכע פונט קערנער אַרבעטס־לוין. זעק קאָרן האָבן זיך אָנגעזאַמלט און אַוועקגעפירט געוואָרן אין אייגענעם שייער, אונטער גראָבע ענגלישע שלעסער.

נאַכט ביי נאַכט זענען אַראָן לוואָוויטש מיט לערנערן געזעסן ביי די מיל־ביכער, געחשבונט, געקאָנטראָלירט — און מיט יעדער וואָך זענען די פּאַרציעס ברויט פאַר די היימלאָזע געוואָרן אַלץ גרעסער און שווערער.

דערנאָך איז ווידער אַראָן לוואָוויטש אָוועקגעריטן אין שטאָט, ווידער אָפּגעזוימט זיך עטלעכע טעג און ווידעראַמאָל געבראַכט דייטשן מיט זיך, דייטשן שוין מיט לעדערנע רעקלעך און מיט ברוינע סאַמעטענע הויזן.

באַלד ביים אָנקומען האָבן זיי פּאַרטשעפּעט עטלעכע עלעקטרישע שנירן ביי דער מיל, געצויגן גאַנצע עטלעכע קילאָמעטער וועג ביז אין וואַלד אַריין — און אָנגעהויבן מייסטרעווען ביי דער חרובער זעג־מיל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער סאַמע גרענעץ צווישן זאַבאַראַווער פעלדער און וועלדער.

נאָך אַכט טאָג מייסטרעווען האָט די זעג־מיל אָנגעהויבן גיין, ציטערנ־דיק אינגאַנצן אויף ווי וויִיט אַרום זיך.

די דייטשן זענען אַוועק פריילעכע, צופרידענע.

— גוטען טאָך! — פאַ!

און אַראָן לוואָוויטש האָט צונויפגערופן דעם גאַנצן עולם צו זיך צום קאָנטאָר און געגעבן אַ באַפעל:

— אין וואַלד!

גאַנצע טעג, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, זענען די מענער געשטאַנען אין וואַלד. די ייִנגערע האָבן געשניטן סאָסנעס פּאַפּיר־בוימער. די עלטערע האָבן געהאַקט די צווייגן, געשיילט די קאָרע פון די פּאַפּיר־ביימער — און אויף דער פּאַרראָסטעטער שמאָלער ליניע, וואָס האָט דורכ־געשניטן דעם וואַלד, אָפּגעפירט דאָס געהילץ אויף אַ פלאַכן לאָסט־וואַגאָן צו דער ציטערנדיקער זעג־מיל.

די ווייבער זענען אַרומגעקראָכן אין וואַלד, געקליבן שפּענער, צווייגן און קאָרע, געבונדן אין בינטלעך און אַהיימגעטראָגן אין די באַראַקן אַריין, צוגרייטנדיק אויף אַ גאַנצן ווינטער געהילץ.

די קיך האָט ניט אויפגעהערט קאָכן; די בעקעריי — באַקן; און די נייטאָרינס מיט די שניידערקעס האָבן גאַנצע טעג גענייט, געשטעפּט און געזונגען.

דאָס האָט מען געגרייט פאַר אַלע ווינטער־קליידער פון די נייע סחורות, וואָס אַראָן לוואָוויטש האָט באַקומען ביי די דייטשן פאַר די ערשטע פאַר־טיעס געהילץ.

אין גערויש פון עלעקטרישן זשומען, פון וואַסערדיקן רוישן, פון הע־קישע און זעגישע הילכן און מאַשינעשע גרעגערייען — האָבן זיך דורכגע־ריסן די קלינגענדיקע קינדערישע געזאַנגען פון דער שולע און פאַרפאַלן געוואָרן אין די עכאָדיקע וועלדער.

קאַפּיטל פופצן

פ ר י ל י נ ג

אין סוף ווינטער פון 1917טן יאָר, אין די לעצטע טעג פון רוסישן פעברואַר, וואָס די דייטשן האָבן אים שוין דאָ אַריינגערעכנט אין מערץ, האָבן צווי וויכטיקע געשעענישן אויפגערודערט דעם גוט זאַבאַראַווא, וואָס איז געווען פאַרטון אינגאַנצן אין אַרבעט און באַוועגונג.

צוזאַמען מיטן פאַרשווינדן פון די לעצטע פרעסט און שנייען, צוזאַמען מיט די ערשטע לינדע פאַר־פרילינג־ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין די לופטן, האָבן טעלעגראַפישע זשומערייען געברומט איבער אַלע פייכטע סלופּעס און געטראָגן זיך ראַשיק איבער דער וועלט.

שקאָצים האָבן ניט אָפּגעלאָזט גאַנצע טעג די אויערן פון די טעלע־גראַפישע סלופּעס, ווי זיי וואָלטן פון זשומען עפּעס וועלן דערגיין.

אַ בשורה, אַ לינדע ערב־פרילינגדיקע בשורה, האָט זיך געטראָגן פון יענער זייט צפון איבער לענדער און שטעט, איבער ימען און פראָנטן, איבער קוילנגרובן און שטעטלעך, איבער פאַרוואָרפענע העקן און דערפער.

— רעוואָלוציע! — רעוואָלוציע אין רוסלאַנד!

מער פון אַלע האָבן די דייטשע טעלעגראַפן־סלופּעס געזשומעט און גע־טראָגן די בשורה אין אַלע לענדער פון דער דייטשער הערשאַפט און אָקו־פּאַציע: אין דייטשלאַנד און אין פּוילן; אין ליטע און אין רומעניע; אין בעלגיע און אין טערקיי; אויף די באַלקאַנען און אין אַ שטיק פראַנקרייך. אין פאַרשידענע שפּראַכן — אין דייטש און אין פראַנצויזיש; אין פלאַ־מאַנדריש און אין פּויליש; רומעניש און טערקיש; יידיש און בולגאַריש; ליטוויש און רוסיש; סערביש און אונגאַריש; טשעכיש און שפּאַניאָליש — האָבן די דייטשע באַוואָפנטע לייט די בשורה־בלעטער פונאַנדערגעטראָגן.

און אויך קיין זאַבאַראַווא אין וואַלד איז זי, ווי אומעטום, אָנגעקומען און זיך דורכגעריסן דורכן גערויש פון זעגן, העק, געשרייען, עכאָס און געזאַנגען.

אַראָן לוואָוויטש האָט אַזוי געטריבן דאָס פערד זיינס פון הויף ביזן וואַלד, אַזוי געיאָגט איבער אַלע צעגאָסענע וועגן און בלאָטעס, פאָכנדיק מיט דער צייטונג אין דער לופט, אַז פון ביידע, פון אים און פון פערד זיינעם, זענען גלייכע שנירלעך שוויס גערונען און אַ פּאַרע האָט געזעצט.

— האַלט! — האָט ער געפּאָכעט פון דער וויטנס מיט דער צייטונג אין האַנט צו די מענטשן מיט די זעגן און העק, זיי זאָלן אָפּשטעלן די אַר־בעט — הערט!

און אויפֿן פֿערד זיצנדיק, איינקלאַמערנדיק די לייצן אין צעיאָגטן, ניט־איינשטייענדיקן פֿערד ביז וויטיק, האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו לערנערן און אים איינגעקלעמט אין די אָרעמס.

— נאָ, לייען!

לערנער האָט געלייענט גיך, מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין רגע. — און דער גאַנצער עולם, אָנגעשפּאַרט אין די זעגן און העק, האָט אים אַרומגערינגלט אין אַ רעדל, אַרויפֿגעשאַרט די וואַרעמע היט פֿון איבער די אויערן און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס געהערט.

צו גיך, צו פּלוצלונג איז אַלץ געגאַנגען. גרויסע נייעסן האָבן זיך אין קליינע, קורצע טעלעגראַפֿישע שורהלעך געקלעמט — און לערנערן האָט אָטעם אָנגעהויבן אויספֿעלן. — ער האָט ניט די מעגלעכקייטן געהאַט אָפּצושטעלן זיך, אָפּשאַצן דאָס געלייענטע — און אַלץ האָט זיך ביי אים צונויפֿגעמישט, צונויפֿגעוויקלט.

אַראָן לוואָוויטש האָט זיך ניט אויפֿגעהערט דרייען אויפֿן פֿערד אויף איין אָרט, געשמיסן זיך אַליין מיט דעם שפּיצרוט איבער די פֿיס ביז וויטיק.

— דער טייוול קאָן נעמען — האָט ער ניט אויפֿגעהערט מורמלען — דער טייוול קאָן נעמען בלויז פֿון געדאַנק, אַז איך בין דאָרט ניטאָ...

אין מיטן לייענען איז פֿון די צעגאָסענע פֿעלדער און וועגן אַ נייער שליח אָנגעקומען.

זינקענדיק מיט די פֿיס אין דער ווייכער ערד, שפּרייזנדיק ניט מיטן וועג, נאָר איבער פֿעלד און וואַלד, האָט אַ פֿרוי אין שוואַרצן זיך געשאַרט גיך און דערנענטערט זיך צום רעדל מענטשן. איר קאָפּ איז געווען פֿאַרהילט אין אַ שוואַרץ צעריסענעם טוך; איר לאַנג קלייד איז געווען נאַס ביז איבער אַ העלפֿט; אירע באָרוועסע פֿיס האָבן געשטעקט אין אָפֿענע ניט־פֿאַרשנורעוועטע צעריסענע שיך, און אירע האָר זענען פּאַסנווייז אַרויסגעפֿאַלן פֿון טוך און געקלעפּט אין בלאַסן פּנים.

— גזלנים! — האָט זי געשריגן, אַריינרייסנדיק זיך אין רעדל מענטשן — אַ פֿייער ברענט! — קליינע עופֿעלעך קומען אום, און איר שטייט דאָ!

זי האָט פֿונאַנדערגעוואָרפֿן די שוואַרצע צעריסענע שאַל, באַוויזן צוויי אויסגעשטרעקטע, צוזאַמענגעקלעמערטע הענט און געשאָקלט מיט זיי אין די אויגן פֿון די מענער.

— אויף אָט־די הענט איז מיין קינד נאָר־וואָס אויסגעגאַנגען! — האָט זי געשריגן — אויף דער מאַמעס האַנט האָט עס די קרענק דערשטיקט!

— זעט!

און אין איין מינוט האָבן אַלע פֿאַרלאָזן אַראָן לוואָוויטשן און אַרומגערינגלט די וויינענדיקע פֿרוי.

אַפֿילו די צייטונג איז אַרויסגעפֿאַלן און געוויקט אין דער ערד — און

פונקט אַזוי גיך ווי ער איז געקומען, אַראָן לוואָוויטש, האָט ער פּלוצלונג אַ שטויס געטון דעם פערד מיטביידע שפּיץ שטיוול אין די זייטן און אַוועק פון עולם.

— לאַנגוויליק מיט אייך! — האָט ער צוגעוואָרפן — אַהין באַדאַרף מען! — און ער האָט געוויזן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אַהין אויף צפון, פון וואַנען די פריילעכע ידיעות גייען, און געיאָגט איבער פאַרגאַ־סענע פעלדער און וועגן.

דער טויט, — דער טויט, וואָס קומט שטענדיק צו אָרעמע אין האַרבסט און אין פרילינג, האָט זיך פעסט אַריינגעקליבן אין זאַבאַראָווער באַראַקן.

דאָס ערשטע איז געקומען דיפטעריט.

פּלוצלונג באַנאַכט האָט ביי אַ קינד, אַ מיידעלע פון דריי יאָר, געכאַפּט דאָס העלדזל — די מוטער האָט אַראָפּגעצויגן פון פוס אַ זאָק, אַנגעפּילט אים מיט אָנגעוואַרעמט זאַלץ און אַרומגעוויקלט דעם קינד דאָס העלדזל — נאָר איידער זי האָט זיך אומגעקוקט, באַלד צומאָרגנס, איז עס זיך פאַר־גאַנגען אין הוסט, ניט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן און דערשטיקט געוואָרן ביי דער מוטער אויף די הענט.

אַ שטיק פאַרנאַכט נאָך האָבן אַלע מענער אויפגעהערט פריער די אַר־בעט אין וואַלד. מען איז אַוועק איבער די נאַסע פעלדער, לאַנג געזוכט אַ פּלאַץ אויף אַ בית־עולם; מיט לאָפּאַטעס אַוועקגעשאַרט אַ שטיקל ווייכן פאַרבליבענעם שניי און אַ שמאָלן יידיש־פלאַכן גרוב אויסגעגראָבן אין דער דורכגעווייקטער ערד.

ביי אָנגעצונדענע שטיקער קין האָט מען דאָס קינד באַגראָבן. דושקין האָט אַלע תפילות ביים קבר אונטערהוסטנדיק געזאָגט און צום סוף האָט מען אַ שטיק ברעט דערוויי אַוועקגעשטעלט און געמאַכט אַ סימן, וואו דער קבר געפינט זיך.

די מוטער האָט ניט אויפגעהערט שרייען די זעלבע עטלעכע אומזיני־קע ווערטער.

— מען האָט זי דאָך, נעבעך, געלאָזט איינע אַליין אין פעלד! איין קינד אַליין אין פעלד!...

קוים מען האָט זי אַוועקגעשלעפּט צוריק אין באַראַק, זי האָט נאָר גע־וואָלט בלייבן דאָ ביים קבר איבער נאַכט.

דערנאָך האָבן אָנגעהויבן אַריבערטראָגן זיך אַהין אַלע טאָג אַנדערע איינוואוינער פון באַראַק, איבערהויפּט קינדער.

נאָך דיפטעריט זענען שאַרלעך און פלעקן־טיפוס געקומען, געקומען מיטאַמאָל, צוזאַמען מיט די ערשטע ווילדע שפּראָצונגען אין וואַלד, וואָס שניידן זיך דורך די שנייען; געקומען צוזאַמען מיט די ערשטע נידע־ריקע גרינע ווינטער־קאָרנס, וואָס קוקן אַרויס פון פאַרגאָסענע פעלדער, —

און אָנגעהויבן גיין פון בעט צו בעט, פון טאָפּטשאַן צו טאָפּטשאַן און שניידן זייער שניט.

דושקין האָט ניט אויפגעהערט מטהר זיין טויטע און זאָגן אל מלא רחמימס מיט אַ הוסטנדיקער זינגענדיקער שטים.

דאָס בית־הקברות אין פעלד האָט זיך געשפּרייט. אַפילו אַ צוים אָן אייגענע פון פאַראָסטעטע שטעכעדיקע דראָטן האָט עס שוין געהאַט.

און וואָס געדיכטער עס איז געוואָרן אויפן בית־הקברות, אַלץ שיטע־רער איז געוואָרן אין באַראַק. אַלץ, וואָס מען האָט אויסגעבויט מיט אַזוי פיל מי און מאַטערניש, איז געוואָרן צערונען, צעבראָקלט — אַלץ, וואָס מען האָט איינגעשטעלט, איינגעסדרט, — איז צוריק אַרויס פון די הענט, צונישט געוואָרן.

דאָס פייער האָט געברענט העליש, גיך, גיריק.

לערנער מיט גנענדלען האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי אויף אַ שרפה, גע־אַרבעט, געראַטעוועט — און אין געראַטעוועטן האָבן זיך ווידער פלאַמען פאַרטראָגן און ווייטער פאַרלענדט.

אין שולע איז געווען אוממעגלעך עפּעס צו טון.

נאָך יעדער קראַנק קינד האָט גנענדל אויף ס'ניי אַרויסגעלאָזן די קינ־דער, אָוועקגעפירט זיי אין באָד, אויסגעקאָכט זייערע מלבושים און די שולע דעזינפעקציאָנירט — נאָר איידער מען האָט אָנגעהויבן לערנען, איז שוין ווידער אַ קינד קראַנק געוואָרן — און דאָס רייניקן האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי.

ניט האַלטן די קינדער אין שול איז נאָך ערגער געווען — אין די באַ־ראַקן זענען זיי גאָר געפאַלן ווי די פליגן אין די לעצטע טעג זומער אויף פייכטע קאַלטע ווענט.

גאַנצע טעג איז לערנער געווען אין די באַראַקן. מיט אַ ווייס פאַרטוך און מיט אַ שטעקן אין האַנט, צו פאַרשטעלן זיך פון די ברודיקע מאַמעס, וואָס טראָגן די פאַרשפּרייטער פון טיפוס אין זייערע קליידער און האָר, — איז ער אַרומגעקראָכן איבער די באַראַקן, געגאַנגען פון בעט צו בעט, פון טאָפּטשאַן צו טאָפּטשאַן, און געזוכט קראַנקע.

זיי האָבן אויסבאַהאַלטן די קראַנקע זייערע, די מענטשן פון די באַראַקן.

לערנער האָט געגעבן באַפעלן, געשריגן:

— ניט צוגיין צו קיין קראַנקן!

נאָר די ווייבער האָבן אים ניט געהערט.

אַלע האָבן זיי זיך אַרומגעזעצט אַרום די בעטן פון די קראַנקע, אָנגע־שפּאַרט זיך אין די בעטגעוואַנטן און שמאַטעס און געשאָקלט מיט די קעפּ.

— ווייס איך וואָס! — האָבן זיי געטענהט — אַז ס'איז באַשערט, קאָן אַפילו קיין טאָטער נישט העלפן...

לערנער האָט אויף גיך אַ זײַטיק שפּיטעלעכל געלאָזט אויסרײַניקן — ער האָט אַוועקגעשיקט אין די זײַטיקע דערפֿער נאָך פֿורן שטרוי און אויף טאַפּטשאַנעס און ברעטער געלעגערס געלאָזט אויסבעטן, ענלעך צום שפּי־טאָל בײַ דער בריק, ווי ער איז בײַם דאָקטאָר גריגאָרי דאַווידאָוויטש געווען.

ער האָט דעם שפּיטאָל מיט שטעכעדיקע דראָטן געלאָזט אַרומצוימען. עטלעכע מײדלעך, אַזעלכע, וואָס האָבן שוין טיפּוס דורכגעמאַכט, פֿון דער קיך צוגענומען, געלערנט זײ ווי אַזוי אַרום אַ קראַנקן אַרומצוגיין און זײ פֿאַר „שוועסטער" געמאַכט.

— זעט! — האָבן די מײדלעך געשריגן איבערן הויף, קאַטשנדיק זיך פֿון געלעכטער — מיר זענען דאָך שוועסטער געוואָרן! — ווי געפֿעלט אײַך!

מער ווי אַלעמאָל האָט ער איצט געדאַרפֿט אַראָן לוואָוויטשעס הילף, זײַן עצה, זײַן אויטאָריטעט בײַ די מענטשן, זײַן הילף בײַ דעם קרײַז־שעף. עס זענען ניט געווען פֿאַרן שפּיטאָל קײן העמדער, קײן לײַלעך, קײן האַנטוך, קײן מעדיצין.

אָבער אַראָן לוואָוויטש איז איצט זעלטן געווען אין דאָרף. פּונקט מיטן זעלבן ברען, ווי ער האָט פֿריער געאַרבעט פֿאַר די הימלאָזע, אַזוי איז ער איצט געווען נאָר פֿאַרטון מיט דאָרט, מיט רוסלאַנד, פֿון וואַנען די צײַטונ־גען האָבן געבראַכט פֿולע זײַטן מיט נײַעסן. — זינט די ערשטע צײַטונגען האָבן מיט פֿעטן שוואַרצן שריפֿט די רויטע נײַעסן פֿון צפֿון געבראַכט, האָט אַראָן לוואָוויטש מער ניט געלעבט מיט קײן שום אַנדערער זאַך, אויסער מיט דעם, וואָס טוט זיך דאָרט.

ער האָט שוין פֿון לאַנג, נאָך זיצנדיק אין טיפֿליס פֿאַר דער קריג, נאָך אַרומפֿאָרנדיק איבער די גרויסע רוסישע שטעט און פֿאַרדינענדיק מיליאָ־נען, געהאַט שטילע סימפּאַטיעס צו זײ, צו די גלאַט־האָריקע באָברילטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן און גלאַט־פֿאַרקעמטע ווײַכע און עקשנותדיקע רע־וואָלוציאָנערקעס, וועלכע ער האָט אַ סך געקענט.

ניט אײנעם פֿון זײ האָט ער אויסבאַהאַלטן בײַ זיך גאַנצע וואָכן אין זײַן רײַכער וואוינונג; ניט פֿאַר אײנעם האָט ער זיך באַמיט בײַ נאַטשאַלסטווע, און יעדער מאָל, וואָס עס איז נויטיק געווען, האָט ער די אײַזערנע קאַסע געעפֿנט און שווערע טויזנטער געהיים די מענטשן געגעבן.

ער האָט אַ סך פֿון די מענטשן געקענט, געוואוסט — און זעענדיק איצט זײערע נעמען אין די בלעטער, הערנדיק איצט וועגן זײ, לײענענדיק זײערע רעדעס, רעזאָלוציעס און וועגן דער גרויסער ראָל, וואָס זײ פֿירן, האָט אים דאָס האַרץ געוואַקסן און געקלעמט גלײַכצײַטיק.

— און מיר זיצן דאָ, צום טײַוול! — האָט ער בײַשט אויפֿגעהערט קלאָגן זיך און קלאַפּן אין טיש.

ער האָט זיי איינפאַך נישט פאַרגונען די גרויסע אַרבעט, די גרויסע מעגלעכקייטן אויסצולאָדן די ענערגיע.

זעלטן אַז ער איז געקומען קיין זאַבאַראָווע. אויף גאַנצע וואָכן פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן און אַריינפאַלן פלוצלינג אין דאָרף אומגעריכט און מיט פולע פעק צייטונגען אין אַלע קעשענעס.

— נאַ, לייען!

לערנער האָט אים דערציילט וועגן די עפּידעמיעס אין באַראַק. אַראָן לוואָוויטש האָט נישט געהערט.

לערנער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַלץ, ווי עס צעפאַלט, ווערט אַ תּל. אַראָן לוואָוויטש האָט נישט געזען.

זיינע אויגן האָבן געקוקט ווייט פאַר זיך, ווי ער וואָלט זען דאָס אַלץ, וועגן וואָס די בלעטער שרייבן, און ער האָט געקלעמערט די הענט פון אויפרעגונג און אומגעדולד.

— אַך, ווי מען קאָן דאָרט צעפירן די הענט! — האָט ער גערעדט מיט היץ און די אויגן האָבן ביי אים געשיינט מיט אַ פאָספאָרישן גלאַנץ.

אַלע לערנערס עצות און מיינונגען וועגן זאַבאַראָווע זענען אַפילו צו זיינע אויערן נישט דערגאַנגען.

— לאַנגווייליק! — האָט ער געזאָגט, אָפּטרייבנדיק זיי פון זיך, ווי פון אַן איינגעגעסענער פליג — פּוסטיאַקי!

אויך לערנער האָט אָפּט געפּרואווט זיך פאַרגעסן אין זאַבאַראָווע און מיטגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַראָן לוואָוויטשן.

גיך זענען די נאַכריכטן פון יענער זייט געגאַנגען, — גיך, משונהדיק און צעפּלאָנטערט.

די דייטשע צייטונגען זענען געווען פול. אַלץ איז געגאַנגען צוזאַמען: גרויסע שטרייקן, מאַניפעסטאַציעס, רויטע פענער, רעדעס, רעוואָלוציאָנערע קאָזאַקן, אַרעסטירטע מיניסטאָרן, גענעראַל איוואַנאָווס מאַרשן, צעשיסונגען פון אָפיצירן, טעלעגראַמעס פון דער קייזערין צו ניקאָלאַיען קיין מאָהילעוו, ניקאָלאַיס אַבדיקאַציע, באַפעלן פון דער ציטווייליקער רעגירונג און אַרבעטער־און־סאָלדאַטן־ראַטן.

פון וויטן סיביר, פון קאַטאָרגעס און פאַרשיקונגען, פון אויסלאַנד, זענען מחנות רעוואָלוציאָנערן געקומען, רעוואָלוציאָנערן, פון וועלכע לערנער האָט נאָר אַמאָל געהערט דערמאָנען בסוד, געלייענט נאָר זייערע שלעכט־געדרוקטע, פּליס־פּאַפּירענע טרפהנע בראָשורקעס און בלעטער. איצט האָבן זייערע נעמען פאַרנומען אַ סך פּלאַץ אין די דייטשע בלעטער, פול איז געווען מיט זיי און מיט זייערע מיינונגען, און מיט זייערע כיבודים, וואָס מען גיט זיי אָפּ, און מיט זייער גרויסער ראָל, וואָס זיי שפּילן.

— קום אַוועק! — האָט אַראָן לוואָוויטש געזאָגט לערנערן — אַהין דאַרף מען! — מירן זיך שוין דורכרייסן!

נאָר גענוג געווען דער ערשטער געוויין פון אַ יידענע זאָל זיך דערהערן הינטער די פענצטער, און לערנער האָט איבערגעלאָזן אַראָן לוואָוויטשן מיט די צייטונגען און אַראָפּ אין גרויסן הויף, דערגיין וואָס מען דאַרף טאָן.

אַלץ האָט ער איצט אַליין געמוזט טון, לערנער. אומטום איז ער געווען, אומעטום געלאָפן, געאַרבעט.

ער איז געפאָרן אַליין אין שטאָט צום קרייז־שעף, דערציילט וועגן דער עפּידעמיע און געבעטן הילף. נאָר דער קרייז־שעף איז אַנטלאָפן פון שטוב.

— ווי וואַגען זי דען מיט פלעק־פיבער רייינצוקומען? — האָט ער געשריגן און אַנטלאָפן ווי פון אַ שרפה — לאָז! — וועק!

נאָך גרויס מי האָט מען אים מיטגעשיקט אַ יונגן אָפיצירל, אַ סטודענט אַ מעדיקער. דער אָפיצירל האָט אַ סך פּאַפּירן אָנגעהאַנגען אין שפּיטאָל, אַ סך פּלאַקאַטן אומעטום געלאָזט אויסקלעפּן, פּלאַקאַטן מיט אויסגעמאָלטע גרויסע פליי און אומפּליט — ער האָט געהייסן אָן איזאָלאַציע־הויז אַוועק־שטעלן. דאָרטן האָט מען אַלע געזונטע מיטגלידער פון דער קראַנק־געוואָרענער טיפוס־משפּחה אַריינגעפּאַקט און געשטעלט אַ יונג אויף דער וואַך, ער זאָל היטן.

אָבער די עלטערן האָבן נישט געוואָלט שיקן די קראַנקע אין שפּיטאָל, נישט אַליין גיין אין איזאָלאַציע.

— מיר'ן נישט אַוועקגעבן אונדזערע קינדער אין פרעמדע הענט — האָבן מאַמעס געשריגן — אויב באַשערט שוין, חלילה, שטאַרבן, זאָלן זיי שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט...

גאַנצע טעג איז ער געווען אויף די פיס, לערנער. ער האָט געפּרואווט מיט גוטן, אויסווייזן, אַז דער שפּיטאָל מיט דער איזאָלאַציע זענען נישט קיין גזרה, נאָר אַ טובה, נאָר קיינער האָט נישט געגלויבט.

— טשעפּעט אונדז נישט — האָבן די מענטשן געענטפערט — מיר ווילן נישט אייער האָניק, מיר ווילן נישט אייער גיפט...

לערנער האָט אָנגעהויבן מיט תקיפות.

ער איז געגאַנגען פון בעט צו בעט, פון טאַפּטשאַן צו טאַפּטשאַן, געזוכט קראַנקע אין די געלעגערס, אין די שמאַטעס. מאַמעס האָבן זיך אים קעגנ־געשטעלט, צעדראַפּעט אים די הענט, דאָס פּנים, און ער האָט איינפאַך מיט כוח זיך געוועלטיקט. פון מאַמעס הענט האָט ער קינדער אַרויסגעריסן און אָפּ־געשיקט מיט צוויי מענטשן אויף אַ טראַג־בעטל אין שפּיטאָל אַריין.

די מוטערס זענען נאָכגעלאָפן ווי נאָך אַ לוויה און געשריגן:

— גזלן! מערדער! — גיט אָפּ דאָס קינד!...

ער האָט מיט געוואָלד אַוועקגעטריבן די געזונטע אין איזאָלאַציע, — אַרויסגעריסן בעטגעוואַנט נאָך קראַנקע און מיט מענטשן אָפּגעשיקט אין דעזינפעקציע. ער האָט שטרוי געלאָזט אַרויסוואַרפן, שמאַטעס פאַרברענט.

— צוזאַמען מיטן רויך זענען געגאַנגען צום הימל געשרייען, געוואָלדן פון די מענטשן, אַלמאַי מען פאַרברענט זייער האָב און גוטס.

אַרומגייענדיק מיטן ווייסן פאַרטוך, מיטן שטעקן אין האַנט, מיט צוויי מענטשן אין אַ זייט, וואָס טראָגן שטענדיק גרייט זייער לייוונטן טראָג־בעטל, האָט מען אים געווייכט, אַנטלאָפן פון אים.

— מענטשן, דער מלאך־המות גייט! — האָט דושקין אָנגעזאָגט אין באַראַק, זעענדיק אים פון ווייטנס.

און מען איז זיך צעלאָפן פאַר אים.

גנענדל האָט געאַרבעט אין שולע, באַזאָרגט עסן אין קיך פאַר די קראַנקע, געטון לערנערס פריערדיקע אַרבעטן. — זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו עסן, צו שלאָפן — נאַכט ביי נאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, האָבן זיי שעהן לאַנג זיך געוואַשן, גערייניקט, איבערגעקוקט די מלבושים אויף זיך און דעזינפעקציאָנירט.

יעדער פרימאָרגן, אַז מען האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט מען באַגעגנט דעם טאָג ווי אַ מתנה, אַ גליק.

— בנימין, לעבסט? — האָט גנענדל געפרעגט אין שפּאַס, עפענענדיק די אויגן באַלד אינדערפרי.

— יאָ. — און דו?

— איך אויך.

— איז גוט! — האָבן זיי ביידע געזאָגט און אַוועק צו דער אַרבעט, געקראָכן דעם טויט אין די אויגן אַריין.

זיי האָבן אָפּט אַזוי געהאָרעוועט, אַז באַנאַכט זענען זיי אַוועקגעפאַלן אין אָנטועכץ אויפן בעט, נישט האָבנדיק קיין כוח זיך אויסצוטון. — אָבער דאָס האָט זיי נישט געאַרט. די אַרבעט האָט אַזוי פאַרכאַפּט, אַז מ׳האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט טראַכטן וועגן דער אָנשטרענגונג, וועגן דער מי.

אָנגעהויבן אַרן האָט אַן אַנדער זאַך — נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט, האָט אָנגעהויבן זיך אַריינגנבענען אַ צווייפל, אַ נישט־זיכערקייט אין דעם וואָס מען טוט, — און דאָס האָט האָט געפרעסן, גענאָגט.

דער יונגער מעדיקער, דער דייטש, וואָס האָט בלויז אַ קורצע צייט געאַרבעט אין אַ כירורגישן שפּיטאָל, האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מען גייט צו צו אַ קראַנקן. אַפילו קיין הויט־איינשפּריצונג האָט ער נישט געוואוסט ווי אַזוי מען מאַכט און געהייסן עס טון די „שוועסטער", וואָס האָבן נאָך ווינציקער געוואוסט פון אים אַליין. שטייענדיק ווי ווייט ביי דער שוועל, האָט ער געהייסן פון ווייטנס זיך ווייזן די צונג און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס׳גוט! ס׳גוט!

די „שוועסטער" האָבן זיך צו די קראַנקע נישט צוגערירט, נישט געמאָסטן די היץ, נישט דערלאַנגט קיין ביסל וואַסער. גאַנצע טעג זענען זיי אַפּגעזעסן ביים דייטש אין צימערל און זייערע געלעכטערס האָבן זיך געטראָגן איבער אַלע בעטלעך און שטרוי־געלעגערס.

לערנער האָט געפּרוווט זיך מישן, נאָר דער דייטש, דער אָפיצירל, האָט זיך אָנגעצונדן, אָנשרייענדיק אויף אים, אַז מיט זיין קומען אין שפּיטאָל וויל ער די גאַנצע דייטשע אַרמיי מיט טיפוס אָנשטעקן, — האָט ער אים שטרענג פאַרווערט אין שפּיטאָל מער אַריינצוקומען.

קיין צוטריט! — האָט ער געשריגן און געקלאַפּט מיט די טירן.

פון איזאָלאַציאָנס־הויז זענען מאַמעס אַנטלאָפן, אָוועקגעשטעלט זיך ביי די דראָט־פאַרצוימונגען פון שפּיטאָל און געיאָמערט:

— אַריין לאָזט צו מיין קינד! — אַריין!

און לערנער האָט זיך נישט געקאָנט באַווייזן פאַר זיי. ער האָט געפילט אַלע אויף זיין געוויסן. יעדער נייע קינדערישע לוויה האָט אים צעבראָכן, צעטראָגן.

— „דער מלאך המות גייט" — האָט ער געהערט ווייבערישע מורמלען וועגן זיך און ער האָט אַליין מורא געקריגן פאַר דעם קלאַנג.

די שטענדיקע געוויינען האָבן אים צעטרייסלט. אין אַלץ האָט ער געהערט געוויין — אין בלאָזן פון די ווינטן, אין רוישן פון דיביימער, אין באַנאַכטיקן וואָיען פון אַ וואָלף, אין מיאַוקען פון די קעץ אויף די דעכער.

ביז דאָס, פאַרוואָס ער און גנענדל האָבן אַזוי מורא געהאַט, איז ענדלעך געקומען.

אַ קנאַפּן מעת־לעת האָט ער דעמאָלט שווער געאַרבעט לערנער.

מיט אַ נאַכט צוריק, פאַרטאָג נאָך, האָבן ווייבער געקלאַפּט אים אין טיר און אַרויסגעריסן פון שלאָף.

— אַן אומגליק אַ גרויסער! — האָבן זיי געשריגן און געלאַכט — טעמע גייט דאָך צו קינד!...

— ביי לערנערן זענען די אויגן געוואָרן טאָפּלט גרויס.

טעמע? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— יאָ, טעמע אָן די פיס — האָבן די ווייבער געזאָגט — זי האָט שוין דעם גאַנצן באַראַק אויפגעוועקט מיט די געוואַלדן — און קיין באָבע איז נישטאָ...

אַנשטאָט אויפרעגונג האָט לערנערן אַ געוואַלדיק געלעכטער אַרומגענומען.

— משוגע צו ווערן ביי אייך! — האָט ער געשריגן און געלאַכט — טעמע אָן די פיס?...

— וואָס איז? — האָבן זיך די ווייבער באַליידיקט — און אַז אַן פּיס קאָן מען שוין גאָר צו קינד נישט גיין? פאַר אַ מאַנסביל איז אַלץ אַ מאכל...

מיט גרויס מי האָט מען טעמען איבערגעטראָגן צום אויוון, וואו עס איז וואַרעמער. לערנער האָט אויסגעזוכט אין שפּיכלער לייוונט, באַנדאַזשן, אַרויסגעגעבן די ווייבער, געשיקט אַוועק אַ יונג מיט אַ פערד און וועגעלע זוכן אַ באַבע צווישן די פּויערטעס אין די דערפער, און געהייסן זיך קומען אַנזאָגן, ווי נאָר זי וועט געבוירן.

— מ׳וועט אייך מכבד זיין מיט קוואַטער! — האָבן די ווייבער נאָכ־געשריגן, קאַטשנדיק זיך פון געלעכטער. — לאָמיר נאָר געפינען דעם טאַטן דעם שיינעם מענטש...

— געוואַאַאַלד, אַ שטיין ליגט מיר אין בויך — האָט טעמע געשריגן מיט שרעקלעכע קולות — מאַמעלע!

לערנער איז גיך אַוועק לענגאויס דעם באַראַק, גרייט זיך נעמען צו זיינע אַרבעטן, נאָר ביי דער טיר האָט אים אַ פאַרשטיקט קרעכצן אָפּגעהאַלטן.

— אוי! — האָט זיך געטראָגן אַן אַלט פאַרדומפּן קרעכצעריי — אוי, איך וויל נישט שטאַרבן! — ניין!

— ווער ליגט דאָ? — האָט לערנער געפרעגט.

— אוי, איך וויל נישט שטאַרבן! — האָט די זעלבע פאַרדומפּענע שטים געענטפערט דערויף.

לערנער האָט אויפגעוועקט אַ שכן. יענער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— שוין עטלעכע וואָכן אַזוי. רק ער רעדט דאָס אייגענע, דער אַלטער נאַר, — לאָזט נישט שלאָפן.

לערנער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אין דער קנויל שמאַטעס דערקענט דעם אַלטן פּיוויש דעם ניקאָלאַיעווער.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער נאָך געווען אַ געזונטער ייד. ביי זיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר איז ער נאָך געגאַנגען צופוס און דערציילט מעשיות פון דער סלוזשבע ביי ניקאָלאַיען דעם ערשטן, וואו ער האָט געדינט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר.

דורך דער צייט פון דער עפּידעמיע האָט זיך קיינער אויף אים נישט אומגעקוקט. ער האָט אויפגעהערט מיטאַמאָל אַראָפּגיין, רירן מיט די פיס — נאָר קיינער האָט זיך מיט אים נישט אינטערעסירט, איז ער זיך געלעגן אין שטרוי, אין אַ ווינקל, אין אומריינקייט. אַלע האָבן זיך פון אים דער־ווייטערט, בלויז פון צייט צו צייט האָט אים עמעצער צוגעוואָרפן אַ שטיק ברויט, פון וועלכן ער האָט עפּעס אָפּגעביסן און דאָס איבעריקע אַוועק־געוואָרפן אין שטרוי.

די מייז האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אין זיין געלעגער, געפּישטשעט,

געגריזשעט און געשפרונגען אים איבערן לייב, נאָר ער האָט זיי נישט געקאָנט אָפּטרייבן.

דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקאָנט, זענען געווען עטלעכע ווערטער רעדן — און ער האָט זיי כסדר געזאָגט.

— אוי, איך וויל נישט שטאַרבן.

לערנער איז אויפגעציטערט געוואָרן זעענדיק דעם אַלטן.

— וואָס האָט איר מיר נישט דערציילט? — האָט ער זיך געבייזערט אויף די מענטשן אין באַראַק.

— ווער ווייסט אים! האָבן די מענטשן געענטפערט — אַ קשיה, וואָס אַן אַלטער רעדט!

— מיר האָבן מיט זיך צו טון — האָבן די ווייבער געזאָגט.

— שוין גיי איך! האָבן די יידן געזאָגט און זיך אָפּגעקערט.

— מען זאָל מיך אָפּגילטן — האָבן די ווייבער צוגעגעבן — ברררר!

לערנער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי אַליין ווייזן אַ ביישפּיל — ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער קנויל, אָנגעהויבן זיך פּאַרען און גערופן:

העלפט צו!

עטלעכע יונגען זענען צו צו דעם אַלטן, געפּרואווט הייבן — נאָר ער האָט געשריגן גענואַלד.

— לאָזט אָפּ! ראַזבאַיניקי! איך וויל נישט שטאַרבן.

לערנער איז געגאַנגען צום דייטשל דעם מעדיקער, נאָר ער האָט נישט געוואָלט צוגיין אַפילו צום אַלטן.

— אין שטאָט אים אַוועקפירן! — האָט ער באַפוילן.

מיט גרויס מי, מיט אַלע שמאַטעס און שטרוי, האָט מען דעם אַלטן אַרויפגעפּאַקט אויף אַ וואָגן און אים אַוועקגעפירט אין דער נאָענטער שטאָט.

אַ גאַנצן טאָג האָט לערנער זיך אַרומגעשלעפּט מיט דער קנויל שמאַטעס פון שפּיטאָל צו שפּיטאָל, קיינער האָט אים נישט געוואָלט צונעמען.

— דאָס איז נישט פון אונדזערע קראַנקע — האָט יעדער שפּיטאָל־דאָקטאָר געטענהט — ביי אונדז איז פאַר אָנשטעקנדע...

— און ביי אונדז איז איבערפולט — האָט אַן אַנדערער צוגעוואָרפן — מיר'ן נישט נעמען...

די קנויל האָט נישט אויפגעהערט זאָגן דאָס זעלבע:

— אוי, איך וויל נישט שטאַרבן... ניין...

ערשט פאַרנאַכט האָט לערנער ענדלעך מיט געוואַלד זיך אַריינגעריסן אין אַ שפּיטאָל און נישט געוואָלט אַוועק.

— איך וועל נישט צוריקפאָרן! — האָט ער געזאָגט פעסט — דאָ זאָל ער שטאַרבן...

דער דאָקטאָר האָט געמוזט נאָכגעבן — לערנער מיט די שפּיטאָל־דינער האָבן די קנויל אַרויפגעטראָגן אין שפּיטאָל גלייך אין אַ וואַנע אַריין. די דינער האָבן געדרייט מיט די נעזער, לערנער האָט אָװעקגעריסן דעם קאָפּ. נאָר אָט זענען צוויי נאָנעס אַריינגעקומען, יונגע שלאַנקע נאָנעס מיט ברייטע שוואַרצע קליידער און ווייסע טשיפּיקעס. אָן איין וואָרט, אָן איין דריי מיט דער נאָז, האָבן זיי די קנויל פאַנאַנדערגענומען, אָפּגעוואַשן און אַריינגעזעצט אין וואַנע.

— פון ווערעם אויפגעפרעסן — האָבן זיי געזאָגט — לעבעדיקערהייט פון ווערעם צעפרעסן, זעט!

לערנער האָט דערזען אין וואַנע ווי אַ גאַנצער שטראָם אומפּלייט הויבט זיך אויף. נאָר ער האָט מיטן קאָפּ נישט פאַרדרייט, בלויז געשעמט האָט ער זיך, געשעמט זיך פאַר די צוויי ווייבער אין שוואַרצע קליידער און ווייסע טשיפּיקעס, וואָס האָבן אַזוי נאַטירלעך און גלייך געטון זייער אַרבעט. אַרויסגענומען פון וואַנע האָט מען די קנויל אַ טויטע.

— איך וויל נישט שטאַרבן! — האָט ער נאָך געזאָגט צום לעצטן מאָל און אויסגעגאַנגען.

לערנער האָט פאַרברענט דאָס שטרוי און די שמאַטעס אויפן שפּיטאָל־הויף און דעם פערד אַ סך מאָל אַריינגעשמיסן.

— וויאָ! — האָט ער אים אונטערגעגעבן חשק — לעבעדיק!

ער האָט נאָך געוואָלט באַװייזן אַנצוקומען אַהיים נישט גאָר שפּעט און זיך אַרומוואַשן פון קאָפּ ביז די פיס מיט הייס וואַסער, אָפּשווענקען פון זיך יעדער טיפוס־טרעגער.

נאָר ער האָט שוין געהאַט דעמאָלט ביי זיך דעם טיפוס פון פערצן טאָג צוריק, געהאַט אים אַליין נישט וויסנדיק.

און ווי נאָר ער האָט זיך נאָכן באָד געלייגט אין בעט, האָט גנענדל עס גלייך דערפילט און אויפגעציטערט.

— בנימין — האָט זי געזאָגט — דו גליסט!

לערנער האָט איר נישט געגלויבט.

— לאָז שלאָפן — האָט ער געזאָגט — איך פאַל פון מידקייט!

נאָר אינדערפרי האָט אים דער טערמאָמעטער געוויזן העכער ניין און דרייסיק גראַד און ער האָט געמוזט נאָכגעבן.

ענדלעך! — האָט ער געזאָגט — און נישט לאָזנדיק רופן קיינעם צו זיך, נישט לאָזנדיק זיך אַפילו אונטערהאַלטן אונטער דער האַנט פון גנענדלען, איז ער אַוועק צופוס אין שפּיטאָל און געזאָגט צום דייטשן אָפיצירל דעם מעדיקער מיט נצחון:

— יעצט קאָנען זי מיר, ענדלעך, קיין צוטריט נישט פאַרביטן, ניכט־וואַר?

— מעהר דיסטאַנץ! — האָט דער אָפיצירל געענטפערט, אָפּרוקנדיק זיך הינטער זיך — לעגען זי זיך, ביטע, היער!

די „שוועסטער" האָבן אים באַדויערט.

— אַזוי לאַנג האָט דער וואָלף געטראָגן שעפּסעלעך ביז מען האָט דעם וואָלף אַליין געבראַכט צוטראָגן...

לערנער האָט זיך אָוועקגעלייגט, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין קישן, וואָס גנענדל האָט אים שוין באַוויזן אַריינצופירן אין שפּיטאָל, און גלייך איז אים געוואָרן גוט, אַן אַ שיער גוט, גלייך מען וואָלט אים מיטאַמאָל אַ געוואַלדיקע שווערע משא אַראָפּגענומען פון זיין רוקן.

דער גאַנצער הויף, אַלע געביידעס, קיכן, מענטשן, עפּידעמיעס זענען אים פּלוצלינג אַראָפּ פון קאָפּ — בלויז אַ וואַרעמקייט, אַ הייסקייט האָט אים אַרומגענומען, אַ הייסקייט, וואָס מאַכט מיד, שלעפעריק און פאַרגעסנד גלייכצייטיק.

— ס'איז גוט! — האָט ער אַ מורמל געטון צו זיך אַליין און גלייך פאַרגעסן די גוטסקייט אויך.

ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ קאַשמאַר.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך שווערע טעג פון פאַרצערנדיקער היץ, פון קאַשמאַרן, האַלוצינאַציעס, חלומות און רעדעניש פון שלאָף; נאָך עטלעכע מאָל אַראָפּשפּרינגען פון בעט און גיין אין בלויזן העמד אויף אַטאַקעס; נאָך שרייען אַ סך מאָל פאַרשידענע אויסרופן צו בריק־אַרבעטער; מאַכן מיט די הענט און רעדנדיק אין פיר שפּראַכן אַ סך אומגעבונדענע רייד, האָט ער זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט, לערנער, אינגאַנצן נאַס, ווי אין אַ טייך שוויס, און דערזען אַ מיידל אין אַ וויס טיכל אויפן קאָפּ לעבן זיך.

— איר וועט שוין לעבן! — האָט דאָס מיידל געזאָגט — אַ גאַסט פון יענער וועלט...

— גיט מיר אַ האַנטעך! — האָט לערנער שטיל געזאָגט — אוך, ווי הייס מיר איז!

דורך דעם פענצטער האָט אַ זון אַריינגעשיינט, אַ וואַרעמע זון, אַ שטיק זון־ליכט האָט זיך אַרויפגעכאַפּט צו לערנערן אויף דער קאָלדרע און לערנער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געוואָלט זי כאַפּן.

— ס'גוט — האָט ער געזאָגט דאָס זעלבע, ווי ביים לייגן זיך, נאָר איצט האָט ער געפילט די גוטסקייט אַלע מאָל מער, שטאַרקער. פון דרויסן האָט אַ הון געקוואָקעט, געקוואָקעט געדיכט, הויך, ווי זי וואָלט האַלטן ביי לייגן אַן איי — און דאָס דאָזיקע קוואָקען האָט לערנערן אָנגעפילט מיט אַ געוואַלדיקער פרייד.

— ס'גוט! — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט און געפילט די גוטסקייט.

געפילט זי שטאַרק. נאָך קיינמאָל אין לעבן האָט ער נישט געפילט, אַז די זון זאָל זיין אַזוי גוט. — ער האָט געפילט דאָס לעבן ווי מיט די הענט אָנצוטאַפּן.

נאָך עטלעכע טעג ליגן, עסנדיק מיט גרויס אַפּעטיט די מאכלים, וואָס גנענדל האָט אים אַריינגעשיקט, און לייענענדיק צום צענדליקסטן מאָל אירע זעלבע קורצע בריוועלעך, געשריבן מיט בליישטיפט און בייגעלייגט צום עסן, איז ער אַראָפּ פון בעט און געהייסן זיך געבן דאָס אָנטון.

— נאָך צו פרי — האָט דער אָפיצירל געזאָגט פון דערוויַיטנס שטייענדיק ביי דער טיר.

— ס'מאַכט נישט! — האָט לערנער געענטפערט און געקראָכן איבער דעם שפּיטאָל, באַמיענדיק זיך נישט צו פאַלן.

— ווען זי וואָללען! — האָט דער דייטש געענטפערט גלייכגילטיק — דאָס איזט מיר שליסליך גאַנץ עגאַל.

אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל, פאַרבייגייענדיק מיט וואַקלענדיקע טריט פאַרביי דעם איזאָלאַציאָנס־הויז, האָט מען אים באַגעגנט מיט אָוואַציעס. פון אַלע פענצטער האָט מען געשריגן:

— קוקו! דער מלאך־המות גייט!

לערנער האָט זיך, מיט אַלע קרעפטן, דורכגעשאַרט איבער דעם הויף און גלייך ביים טירל אַריינגעפאַלן גנענדלען אין די אָרעמס.

— בנימין!

— גנענדל!

נאָך אין זעלבן טאָג האָט ער עטלעכע נייעסן זיך דערוואוסט. ערשטנס האָט אים דער שפּיגל געוויזן אַ סקעלעטן־פּנים מיט צוויי אויסגעשטאַרטע ווילדע אויגן, פאַר וועלכע ער האָט זיך אַליין דערשראָקן.

— גנענדל, אַזוי זע איך אויס? — האָט ער איבערגעפרעגט, נישט גלויבנדיק דעם שפּיגל.

צווייטנס האָט ער געהאַט אַ בריוועלע פון אַראָן לוואָוויטשן פון יענער זייט. — פאַר אַ סך געלט האָבן דייטשע סאָלדאַטן אים צוגעשטעלט צו די סאַמע שוץ־גרובן, וואו די רוסן מיט די דייטשן האָבן גערוט, געקאָכט קעסעלעך עסן און זיך דורכגעשמועסט אויף אומפאַרשטענדלעכע שפּראַכן.

— איך בין גליקלעך — האָט אַראָן לוואָוויטש געשריבן — און האָט נישט פאַראיבל, איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט.

דריטנס האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אין זאַבאַראַווע, אין אַראָן לוואָוויטשעס קאַבינעט טאַקע, זיצט אַ דייטש אויף זיין אָרט און פאַרוואַלטעט דעם גוט און די מענטשן.

— אָט דאָס איז ער, זע! — האָט גנענדל אים געוויזן דורכן פענצטער. לערנער האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ, דערזען אַ שלאַנקן בלאָנדן מאַן

מיט זייער אַ שיין געשניצט פּנים און מיט אַ פּאָר איראָנישע העלע אויגן, וואָס מען פלעגט אַזוי אָפט באַגעגענען צווישן די דייטשע יונגע אָפיצירן, איבערהויפּט ביי די, וואָס האָבן געדינט אין אָבער־אָסט. ער איז געגאַנגען מיט מיליטערישע טריט, נאָר אָנגעטון איז ער געווען אין האַלב־ציווילע ספּאָרט־קליידער, דורך וועלכע דער מיליטער־מאַן האָט דורכגעקוקט דורך יעדער נאָט.

— אַ בייזער זייער — האָט גנענדל שטיל געזאָגט און זיך צוגעטוליעט צו לערנערס אויסגעדאַרטער ברוסט — איך האָב אַזוי מורא פאַר אים.

— מען דאַרף נישט מורא האָבן — האָט לערנער געענטפערט, כאָטש אים אַליין האָט עפּעס אָנגעהויבן נאָגן מיט דער מינוט, וואָס ער האָט דעם שיינעם שטרענגן דייטש דערזען.

עפּעס האָט אים געזאָגט דאָס האַרץ, אַז עס וועט קומען צווישן זיי ביידע צו שלעכטס.

גנענדל האָט זיך אַלץ טיפער געטוליעט צו לערנערן, און שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם שרעק דערציילט:

— ווייסט, ער האָט שוין אַראָפּגענומען אַלע פון ברויט, פון דער זופּ, אַפילו די קינדער אין שול; און וואַלד האָט ער אויך די אַרבעט פאַרלענגערט — און צוויי מענטשן האָט ער צוגעבונדן צו די ביימער, עטלעכע שעה געלאָזט זיי אַזוי הענגען.

לערנער האָט מיט ציטערנדיקע הענט געטוליעט גנענדלען צו זיך און געשוויגן.

די פריערדיקע שווערקייט, די משא, וואָס איז אים אַראָפּגעקראָכן פון רוקן, לייגנדיק זיך אין שפּיטאָל־בעטל, איז אים מיטאַמאָל צוריק אַרויף אויף דעם אַקן און באַשווערט, געדריקט.

***

דאָס געפיל האָט אים נישט גענאַרט, לערנערן, ניין.

ווי נאָר ער איז געזונט געוואָרן, האָט דער דייטש דער פאַרוואַלטער געשיקט אים רופן צו זיך.

לערנער איז אַריין אין קאַבינעט. דער דייטש איז געזעסן ביים טיש און גאַנצע צען מינוט נישט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן, קוקנדיק פאַרעקשנט אין אַ צייטונג. ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן דעם דינעם גע־שניצטן קאָפּ הויך און מיט זיינע העלע איראָנישע אויגן באַטראַכט לערנערן פון קאָפּ ביז די פיס.

זינד זי סעגאַל? — האָט דער דייטש ענדלעך געפרעגט.

— יאָ — האָט לערנער נישט באַלד געענטפערט, קוים דערמאַנענדיק זיך נאָך דער קרענק אין זיין פרעמדן נאָמען.

— פּאַסן זי אָף! — האָט דער דייטש געזאָגט און פאַרגעלייענט לערנערן פון אַ פּאַפּיר אַרויס.

בײַם טיש איז געשטאַנען אַ שטול, נאָר דער דייטש האָט לערנערן נישט געבעטן זיצן. לערנער האָט זיך געפילט שוואַך אויף די פיס און זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין פאָרענטש פון שטול. דער דייטש האָט אַ שטרענגן בליק געוואָרפן פון די פּאַפּירן אַרויס און דאָס פּנים האָט זיך אים אָנגעגאָסן מיט בלוט. אַ ווײַלע האָט בײַ אים אַפילו אַ נערוועזער צוק געטון אונטער אַן אויג פון אויפרעגונג, נאָר באַלד האָט ער זיך באַרואיקט און צוריק אָנגעהויבן לייענען פון די פּאַפּירן אַרויס.

לאַנג האָט דער דייטש געלייענט, אַ גאַנצע מגילה, וואָס האָט פאַרנומען עטלעכע בלעטלעך מאַשין־דרוק.

פאַרשידענע באַפעלן זענען דאָרט געווען — באַפעלן צו פאַרקלענערן די פּאַרציעס ברויט, באַפעלן אײַנצופירן סאַכאַרין אָנשטאָט צוקער, באַפעלן נישט צו שיילן קיין קאַרטאָפל, נאָר קאָכן מיט די שאָלן, באַפעלן, וויפל מעטער האָלץ מען דאַרף צושטעלן אין פאַרלויף פון טאָג, און באַפעלן נישט צו רוען שבתים און יום־טובים.

— פערשטאַנדען? — האָט דער דייטש געפרעגט.

— פערשטאַנדען — האָט לערנער געענטפערט.

צום סוף האָט דער דייטש איבערגעלייענט נאָך איין פּאַפּיר מיט זייער אַ וויכטיקער און געהיימניספולער שטים.

אין אָנגעזען פּאַפּיר איז דאָס געווען, אַזש פון גענעראַל־שטאַב צוגעשיקט, און געהאַנדלט האָט עס זיך וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך. — מען האָט, נעמלעך, געדאַרפט פאַררעגיסטרירן אַלע ציוויל־מענטשן, וואָס האָבן געליטן בײַ דער צוואַנגס־אַרבעט. אַלע האָט מען געדאַרפט רעגיסטרירן, קאַליקעס און אַזעלכע, וואָס זענען געפאַלן בײַ דער אַרבעט. — דערבײַ האָט מען געדאַרפט יעדן אַליין אויספרעגן, פאַרשרײַבן אַלץ און פאַרצייכענען די געלט־תּביעות, וואָס מען מאָנט.

צווישן די הײַמלאָזע איז געווען מער ווי אומעטום אַזעלכע געליטענע — און דער דייטש האָט שטרענג באַטראַכט לערנערן, ענדיקנדיק לייענען פון פּאַפּיר.

— האָבען זי עס פערשטאַנדען!

— יאָ.

— האָבען זי עס גוט פערשטאַנדען? — האָט דער דייטש איבערגעפרעגט און נאָך טיפער אײַנגעגעסן זיך מיט די אויגן אין לערנערן.

— זייער גוט! — האָט לערנער געענטפערט.

— ווי זאָ דענקען זי עס אַלזאָ צושטאַנד צו ברענגען?

— גאַנץ אײַנפאַך — האָט לערנער דערקלערט — איך וועל אויסקלײַבן

אַ מעלדונג, הייסן די מענטשן זיך צונויפזאַמלען און זיי איבערגעבן וועגן וואָס עס גייט.

— דאָס קאָן איך זעלבסט! — האָט דער דייטש געזאָגט נערוועז, נאָר מיט געצוואונגענער צוריקגעהאַלטנקייט.

לערנער האָט גלייך דערקענט, צו וואָס דער דייטש צילט, אַז דאָס וויל ער אים אויסנוצן צו איבערקויפן די היימלאָזע, נאָר ער האָט זיך גע־מאַכט תמעוואַטע.

— נעמען זי פּלאַץ! ביטע! — איז מיטמאָל דער דייטש געוואָרן העפלעך.

לערנער האָט זיך נישט געזעצט.

זיצן זי, ביטע — האָט דער דייטש נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— דאַנקע שיין — האָט לערנער געענטפערט קאַלט און געבליבן שטיין.

דער דייטש אַליין האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, צוגעגאַנגען נאָענט צו לערנערן.

— איר ווייסט, נאַטירלעך — האָט דער דייטש אָנגעהויבן — וויפל געליטענע עס זענען דאָ צווישן די פליכטלינגע.

— איך ווייס.

— אונד זי זינד גאַנץ אָרום די לויטע — האָט דער דייטש ווייטער גערעדט מיט רחמנות — ניכט־וואַר?

— אומבאַדינגט...

— עס וואָלט דעריבער זייער גוט געווען, ווען זיי באַקומען יעדער אַ געוויסע סומע — ניכט־וואַר?

— אומבאַדינגט.

— נו, אַלזאָ! — האָט דער דייטש אויסגערופן מיט נצחון און מיט פריילעכע אויגן געקוקט אויף לערנערן.

לערנער איז געבליבן קאַלט, גלייך ער פאַרשטייט קיין וואָרט נישט. דער דייטש איז איצט אינגאַנצן אויפגערודערט געוואָרן.

— צום וואָהנזיניג ווערען! — האָט דער דייטש אויסגעשריגן, נאָר גלייך זיך באַהערשט.

— ווען איר פאַרשטייט נישט — האָט ער געזאָגט בייז — וועל איך אַלזאָ דערקלערן. זאָגט די לייט, זיי זאָלן נעמען געלט. די טויטע וועלן דאָך לעבעדיק נישט ווערן, און געלט איז אַ שאָד. וועלען זי עס זאָגען? — זי האָבען דאָך איינפלוס, ניכט־וואַר?

— איך וועל זאָגן, אַז אַזוי האָט איר געזאָגט — האָט לערנער גע־ענטפערט.

— דאָנער־וועטער! — האָט דער דייטש אויסגעשריגן — איך האָבע קיין וואָרט געזאָגט! — גאַרניכטס! פערשטאַנדען?

— פערשטאַנדען!

נאָך עטלעכע מינוט אַרומדרייען זיך איבער דעם קאַבינעט, האָט דער דייטש ענדלעך זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער גרויס און געציילטע ווערטער גערעדט:

— אין פאַרלויף פון איין וואָך מוזן די פּאַפּירן צוריקגיין — פאַר אַלעם וועט איר ביי מיר פאַראַנטוואָרטלעך זיין.

די ווערטער „פאַר אַלעם" האָט דער דייטש פאַנאַנדערגעצויגן, כמעט יעדער זילב באַזונדער. דערביי האָט ער אַזוי בייז און דורכדרינגלעך געקוקט לערנערן אין די אויגן, ווי ער וואָלט אים איבגאַנצן אין די אויגן וועלן אַריינקריכן.

לערנער האָט אויסגעהאַלטן דעם בליק און אַרויס פון צימער.

נאָך אין זעלבן טאָג האָט ער צונויפגערופן די הימלאָזע און זיי טרוקן, וואָרט ביי וואָרט, אָן איין באַמערקונג, ווי דער באַפעל האָט געלויטעט, איבערגעגעבן וועגן וואָס עס גייט.

אין זאַבאַראַוואַ איז געוואָרן אַ גערודער.

— נעמען געלט — האָבן טייל געטענהט, — אַנישט וועט מען דאָס אויך נישט האָבן...

— נישט נעמען! — האָבן אַנדערע געשריגן — מען וויל אונדז אָפּפּטרן מיט גאָרנישט.

ווייבער אַלמנות זענען געקומען צולויפן צו לערנערן, געקלאָגט אויף די אומגעקומענע מענער זייערע, געשנייצט אין די פאַרטעכער, געווישט די טרערן און ענדלעך אַרויס מיט פשוטע ווערטער:

— זאָגט, מענטש טייערער, וואָס זאָלן מיר טון? נעמען געלט צי נישט?

לערנער האָט נישט געענטפערט.

קאַליקעס זענען געקומען אויף קוליעס, געוויזן די פאַרקריפּלטע פיס און זיך געבעטן:

— נאָר איך וועט מען הערן, וואָס איר וועט זאָגן וועט זיין הייליק.

לערנער האָט געשוויגן.

אומעטום האָט זיך געקאָכט. ביי דער אַרבעט אין וואַלד, ביים עסן, אין די באַראַקן, אַממערסטן האָט זיך געקאָכט דושקין.

ער האָט געהאַט צוליב וואָס.

נאַכט ביי נאַכט פלעגט ער זיך איצט אָוועקשאַרן שטיל צום דייטש אין קאַבינעט און מיט אים לאַנגע געשפּרעכן אין האַלב־רוסיש, יידיש און דייטש געפירט.

דער דייטש האָט קוים מיט צרות פאַרשטאַנען דושקינס ליטווישע רייד, נאָר ער האָט אויף אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס'גוט, ס'גוט!

און אינדערפרי האָט דושקין געפירט אַלמנות און קאַליקעס פון אַלע זייטן צום דייטש אין קאַבינעט.

דער דייטש האָט געלייענט פּאַפּירן, פון וועלכע די מענטשן האָבן אין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, געגעבן זיי קנאַקעדיקע באַנקנאָטן און געהייסן אונטערשרייבן.

ווייבער האָבן זיך געשעמט.

— מיר קאָנען נישט, האַרעלע.

— גאַנץ עגאַל! — האָט דער דייטש געזאָגט — מאַכן זי פינגער־אַבדרוק. זאָ!

צום סוף האָט ער זיי פאַרגעלייענט אַ לאַנגן פּאַפּיר, אין וועלכן עס ווערט באַשולדיקט דער דרייסיק־יעריקער שלמה סעגאַל אין העצן די באַפעלקערונג קעגן דער דייטשער מאַכט און נישט פאָלגן אירע באַפעלן.

— פערשטאַנדען? — האָט דער דייטש געפרעגט ביי די ווייבער.

— זאָגט יאָ! — האָט דושקין געזאָגט שטיל — אַזוי דאַרף מען...

— יאָ — האָבן די ווייבער געזאָגט, נישט וויסנדיק אין וואָרט אַפילו.

— שרייבען זי אונטער.

ווידער האָבן זיך די ווייבער פאַרשעמט:

— מיר קאָנען נישט, האַרעלע.

— גאַנץ עגאַל! האָט ווידער דער דייטש געענטפערט — מאַכען זי פינגער־אַבדרוק, זאָ!

בלויז דושקין האָט זיך אונטערגעשריבן אויף רוסיש.

— נאָך נישט אוספּיעט אויסלערנען דייטש — האָט ער זיך פאַרענטפערט חניפהדיק.

— ס'גוט, ס'גוט! — האָט דער דייטש געענטפערט, אַריינרוקנדיק דושקינען אַ קנאַקעדיקע אַסיגנאַציע אין האַנט — נאַ, וועק! פערשווינד!

***

אין זעלבן טאָג האָבן צוויי פעלד־זשאַנדאַרמען אַרעסטירט לערנערן און אָפּגעפירט אים אין שטאָט אַריין צוזאַמען מיטן פּראָטאָקאָל, וואָס איז געווען אונטערגעחתמעט מיט בלויע ברודיקע טוש־סימנים פון ווייבערישע גראָבע פינגער און מיט איין רוסישן אונטערשריפט.

זיי האָבן אים אַרעסטירט אַזוי אומגעריכט, פּלוצלינג, אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צייט זיך רעכט צו געזעגענען מיט גנענדלען.

— ראַש! — האָבן די פעלד־זשאַנדאַרמען געיאָגט.

און אונטער די הענט אים אַרויסגעפירט צום טויער, אַריינגעזעצט אים אין אַ פויעריש אויסגעבעט פורל, אַוועקזעצנדיק זיך לעבן אים איינער פון רעכטס און דער צווייטער פון לינקס.

פון שטאָט האָט מען אים נאָך אין זעלבן טאָג אַוועקגעשיקט אין טורמע אין דער נאָענטער גרויסער גובערניע־שטאָט.

אָן אמתדיקער דור־הפלגה איז דאָרט אין טורמע געווען. — הינטער שטעכעדיקע דראָטן פאַרצוימט, מיט באַוואָפנטע זעלנער באַוואַכט, האָבן זיך דאָרט אין טורמע געפונען הונדערטער מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און אויסזען, פון פאַרשידענע פעלקער און פאַרטייען.

געווען דאָ וואַנסנדיקע צוריקגעהאַלטענע שליאַכטשיצעס, מיטגלידער פון געהיימע מיליטעריש־פוילישע אָרגאַניזאַציעס, און קליינגעוויקסיקע, באָ־רעדעוודיקע, שטאָטישע אינטעליגענטלעך, געשולטע און פיפיקע רעדנער; געווען דאָ שטרענגע בעל־גאווהדיקע פּעפּעסאָווצעס מיט בלויע געפאַל־דעוועטע היטעלעך אויף די קעפּ, און ווייכע ליטווישע און ווייסרוסישע לערערס, יונגעלייט מיט שטאַרק העלע טשופּרינעס און לויטערע ברילן; געווען דאָ תקיפדיקע בונדיסטן; שוואַרץ־העמדלדיקע, שוואַרץ־אויגיקע פּועלי־ציוניסטן; באַבערדלטע עסעסאָווצעס און אַפילו עטלעכע אַנאַרכיסטן אויך.

פון דער פרי ביז נאַכט האָט מען נישט אויפגעהערט דאָ פירן דיס־קוסיעס, קריגן זיך, זידלען זיך, זינגען לידער אין אַלע שפּראַכן, לייענען צייטונגען וועגן רוסלאַנד און צוליב דעם אויף ס'ניי פירן דיסקוסיעס, קריגן זיך און פרעסן זיך.

און אין זאַבאַראָווע האָט דער דייטש דער פּאַרוואַלטער געפירט זיין ממשלה איינער אַליין.

ער האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן, אַז אַלע דאַרפן אים אָפּטרעטן דעם וועג, ווען מען באַגעגנט אים, און אַראָפּנעמען דאָס היטל. פאַר נישט פאָלגן, פאַר פאַרגעסן זיך, האָט ער אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו אַ וואַנט אויף אַ גאַנצן טאָג און נישט געהייסן זיך רירן.

פון גנענדלען האָט ער פאַרלאַנגט צוויי זאַכן: ערשטנס, זי זאָל לערנען מיט די קינדער זינגען דעם דייטשן הימן, צווייטנס, זי זאָל קומען צו אים אין צימער יעדן אָוונט נאָך אינסטרוקציעס, ווי אַזוי צו פירן די שול.

דעם צווייטן באַפעל האָט גנענדל נישט געוואָלט אויספירן. באַלד ווי זי איז דעם ערשטן אָוונט געקומען צו אים אין צימער, האָט ער זי גלייך אַרומגעכאַפּט ביי דער טאַליע און אָנגעהויבן זוכן אירע ליפּן.

דערפאַר האָט דער דייטש אַרויסגעגעבן אַ נייעם באַפעל.

צוליב דעם — האָט געשריבן דער באַפעל — וואָס די העלדישע דייטשע סאָלדאַטן זענען אין געפאַר אָנגעשטעקט צו ווערן פון ווענערישע קראַנקהייטן דורך די ווייבער און מיידלעך פון אָבער־אָסט, וועלכע גיבן זיך זיי אָפּ, דעריבער ווערט פאַראָרדנט אַלע פרויען אין עלטער פון פופצן יאָר ביז פינף און פופציק, צוצושטעלן זיך צו אַ זיטן־אונטערזוכונג. אַלע מוזן קומען

אויסגעבאָדן, ריין. פּאָר נישט צושטעלן זיך ווערט מען באַשטראָפט מיט צוואַנגס־אַרבעט אָדער געפּענגעניש.

אין באַשטימטן טאָג האָבן אַלע ווייבלעך און מיידלעך פון זאַבאַראָוואָ, יונגע פּופּצניעריקע מיידלעך, כלה־מיידלעך, ווייבלעך און עלטערע צעבראָ־כענע ווייבער, זיך צונויפגעזאַמלט אין אַן ענגן שמוציקן פּאַרצימער. דאָרטן האָבן זיי זיך אַלע אויסגעטון ביז די העמדער, איינציקווייז אַריין אין אַ קליין זייטיק שטיבל, אין וועלכן עס איז געזעסן דער יונגער מעדיקער פון שפּיטאָל, דער פּאַרוואַלטער פון זאַבאַראָוואָ, אַ רויט־באַקיקער דייטש אָן אָרדינאַנס ביים מעדיקער און צוויי „שוועסטער" אין ווייסע פאַרטעכער.

ביים פענצטער איז געשטאַנען אַ שמוציקע האַלב־צעבראָכענע סאָפקע און דערנעבן אַ טישעלע מיט מעדיצינישע אינסטרומענטן.

אַלטע ווייבער האָבן געקרעכצט, צוהאַלטנדיק זיך די נאַכהענגענדיקע בייכער. יונגע מיידלעך האָבן נישט געלאָזט אָפּרייסן זיך די העמט פון זייערע שויסן.

— ראַש! — האָט דער אָרדינאַנס געשריגן — וועקלעגען!

די לעצטע האָט מען געבראַכט גנענדלען, געבראַכט אַ פאַרחלשטע אונטער די הענט, פון צוויי דייטשע סאָלדאַטן געשלעפּט. מיט געוואַלד האָט מען איר אַראָפּגעריסן די קליידער, מיט געוואַלד אויף דער שמוציקער סאָפקע אַוועקגעוואָרפן, און האַלטנדיק זי ביי די הענט און פיס, דורכגעפירט איבער איר די זיטן־אונטערזוכונג.

— פּראַכטפאָלל! האָט דער פּאַרוואַלטער געזאָגט, פרעסנדיק מיט גיריקע גרויסע אויגן דעם שיינעם מאַכטלאָזן שלאַנקן יונגפרויאישן קערפּער, גע־קלעמערט אין רויטע גיריקע זעלנערישע הענט.

— קאָ־לאָ־סאַלל! — האָט דער יונגער מעדיקער דער אָפּיצירל צוגעגעבן.

גנענדל האָט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין...

קאַפּיטל זעכצן

בלוי

נאָך דריי חדשים זיצן, אין אָנהויב חודש יולי, איז אויסגעבראָכן אין טורמע אַ הונגער־שטרייק.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס מען האָט די אַרעסטירטע געהאַלטן דאָ, האָט מען זיי נישט אויסגעפאָרשט, נישט געגרייט צום געריכט, נאָר אַזוי געהאַלטן אין תפיסה.

די אַרעסטירטע האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיי שטעלן צום געריכט, אויב נישט באַפרייען.

עס איז אַראָפּגעקומען אַן אויסגעדאַרטער הינקעדיקער קאַפּיטאַן מיט צוויי שפּיציקע פאַרדרייטע וואָנסן, פּונקט ווי ביים קייזער ווילהעלם, און געגאַנגען איבער די קאַמערן.

— אָופּשטיין! — האָבן די וועכטער געשריגן, עפּענענדיק די טירן.

קיינער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט. די, וואָס זענען גראָד געשטאַנען, האָבן זיך מאָמענטאַל אַוועקגעזעצט.

די וועכטער זענען געשטאַנען דערשראָקענע. דער קאַפּיטאַן האָט זיך באַוויזן אין טיר.

— הערונטער מיט דען מיצצען! — האָט ער אויסגערופן.

דער עולם האָט זיך נישט גערירט.

דער קאַפּיטאַן איז געוואָרן בלאַס.

זיי זענען געווען ביז אין דער צייט, די דייטשן. נאָך עטלעכע חדשים ברודערן זיך אויף דער פראָנט־ליניע מיט די דייטשע סאָלדאַטן, האָבן די רוסישע סאָלדאַטן מיט די רויטע שלייפלעך אָנגעהויבן אויף ס׳ניי אַן אָנגריף אויף מזרח־גאַליציען און גערוקט זיך פאָרויס. אַפילו ווייבער האָבן געקעמפט אויפן רוסישן פראָנט.

זעענדיק די זיצנדיקע אַרעסטירטע אין די היטלען אויף די קעפּ, האָט דעם אויסגעדאַרטן קאַפּיטאַן אַ געוואַלדיקער כעס אָנגענומען.

— זאַקרראַמענט! — האָט ער אָנגעהויבן כאָרכלען מיטן האַלדז, ווי אַן אַלטער הונט, וואָס האָט מער נישט קיין ציין.

נאָר אויגנבליקלעך האָט ער אָפּגעהאַקט און זיך שטרענג געווענדעט צו די וועכטער.

— קאָר־צער פיר יעדען פינפטען, פיר אונד צוואַנציק שטונדען! — און ער איז אַרויס.

— יאַ־וואָל — האָבן די וועכטער געענטפערט און פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר.

נאָך אין זעלבן טאָג זענען געקומען סאָלדאַטן און, כאַפּנדיק די ערשטע בעסטע, וואָס זענען געקומען אונטער דער האַנט אין יעדער קאַמער, גע־שלעפּט איבערן הויף אין די קאַרצערס.

די מענטשן האָבן געשריגן, געמאַכט קולות. האָבן אַלע אַרעסטירטע זיי געהאָלפן אין די קאַמערן. מען האָט געפּייפט, געקלאַפּט אין די פענסטער, געטופּעט מיט די פיס אין די ווענט, געמיאַוקעט און געזשומעט.

די קולות האָבן זיך געטראָגן אויף וויאָרסטן ווייט. האָבן די סאָלדאַטן אָנגעשטעלט די ביקסן און געגעבן זאָלפן אין לופט.

דערנאָך האָט דער קאַפּיטאַן נישט געהייסן אַרויסלאָזן קיינעם אויף שפּאַצירן גאַנצע צוויי וואָכן, נישט אַריינגעלאָזט קיין ציַיטונגען, קיין זייטיק עסן, און שטרענג אָנגעזאָגט די וועכטער, זיי זאָלן קיינעם נישט דערלאָזן רויכערן. — האָט מען זיך אָנגעהויבן דורכקלאַפּן דורך די ווענט און קאַנאַליזאַציע־רערן און דערקלערט אַ הונגער־שטרייק.

דעם ערשטן טאָג, אַז די וועכטער האָבן אַריינגעבראַכט אין דער פרי די אָנגעשניטענע קליינע פּאַרציעס ברויט און אַן עמער טריבע ערזאַץ־קאַווע, האָבן אַלע אַרעסטירטע זיי אויסגעפּייפט.

— ניע כצעמי שוואַבסקעגאָ כלעבאַ! — האָט מען געשריגן — טראָגט זיך!

די וועכטער האָבן אַוועקגעשטעלט דאָס ברויט מיטן עמער הייסע קאַווע, וואָס האָט געררייצט די נאָז, און אַוועק. קיינער האָט זיך נישט צוגערירט.

— אַ פּאַפּיראָס ס'זאָל זיין — האָבן זיך געהערט בענקנדע שטימען.

דעם טאָג האָבן אָן אַ שיער לידער געקלונגען אין טורמע.

צומאָרגנס זענען ווידער די וועכטער געקומען, געבראַכט זופּ.

— אַ זופּ אַ פרישע! — האָבן זיי געזאָגט, אונטערגעבנדיק חשק — ס'שמעקט!

— איר קאָנט זיך אויסבאָדן אין איר — האָט מען געענטפערט — נעמט זי צו!

די וועכטער האָבן זי איבערגעלאָזן — און ווייטער האָט זיך קיינער נישט צוגערירט.

בלויז די לידער זענען געווען דעם טאָג ווינציקער, ווייניקער האַפערדיק.

— דאָס בענקען נאָך אַ פּאַפּיראָס האָט זיך דערפאַר שטאַרק געהערט.

— געוואַלד, אַ ביסל רויך, איין צי בלויז!

אויף דעם דריטן טאָג, אַז די וועכטער האָבן אַריינגעשטעלט די עמערס הייסע קאַווע און וועגעלעך ברויט — זענען שוין אַ סך געלעגן אויף די נאַרעס

מיט פאַרבונדענע נאַז־טיכלעך אַרום די קעפּ, אַנדערע זענען אַרומגעלאָפן הין און צוריק איבער די צעלן, ווי חיות אין אַ שטייג.

ביי דעם וועגעלע ברויט זענען געשטאַנען צו צוויי פּערזאָן, אייגענע שטרייק־וועכטער, וואָס מען האָט אויסגעקליבן, און געהיטן, מען זאָל נישט צוגיין כאַפּן.

אין פערטן טאָג האָבן עטלעכע יונגעלייט באַקומען היסטעריע. איבער־הויפּט האָט געוויינט אַ יונגער בלאָנדער שייגעץ מיט העלע בלויע אויגן, אַ רייכער און אַ שיינער, וואָס איז געזעסן פאַר געהערן צו אַ מיליטערישער פּוילישער אָרגאַניזאַציע.

— ניע מאָגען, פּאַנאָוויע! — האָט ער געכליפּעט — די קישקעס דרייען מיר זיך אויס!

— אַרויסוואַרפן! — האָבן זיך שטימען געהערט — אַרויס מיט דער „באַבע״!

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טירל. די וועכטער האָבן געעפנט — און די אַרעסטירטע האָבן דעם בלאָנדן צאַרטן בחורל אַרויסגעוואָרפן.

— נעמט אים צו! — האָבן זיי געשריגן מיט פאַראַכטונג.

— און דאָס וויל נאָך זיין אַ „וואַיאַק״ — האָבן די פּעפּעסאָוועצעס געלאַכט — אַ באַנע דאַרף ער האָבן, אָנזויגן אים דאַרף מען, הינטיש בלוט...

באַלד נאָך אים האָט אַ שוואַרץ יידישער יונגערמאַן זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם טאַפּטשאַן און געזיפצט:

— איך שטאַרב! — איך שטאַרב!

מען האָט געקלאַפּט אין טיר, די וועכטער גערופן, זיי זאָלן אים צונעמען.

— נעמט אים, דעם יידלאַק! — האָבן די גויים געשריגן — אין שול אַריין טראָגט אים אַוועק!

דער בחור האָט נישט געוואָלט גיין. ער האָט געוואָרפן מיט די הענט און פיס.

— לאָזט מיך שטאַרבן, חברים! — האָט ער זיך געבעטן — איך וויל נישט עסן! ניין! שטאַרבן לאָזט מיך!

נאָר מען האָט אים מיט געוואַלד אַרויסגעוואָרפן.

דערביי האָבן אַפילו עטלעכע אַרעסטירטע אַרבעטער זיך פריילעך גע־מאַכט.

— אַי וויי, מאַמעלע! — האָבן זיי נאָכגעשריגן — שאַבאַס־כאַלע! גוט!...

אויפן פינפטן טאָג האָט קיינער מער נישט געלאַכט, נישט גערעדט אַפילו.

און אויפן זעקסטן טאָג האָט מען דעם שטרייק אויפגעהערט.

דער אויסגעדאַרטער הינקנדיקער קאַפּיטאַן האָט ערקלערט, אַז ער וועט גאָרנישט נאָכגעבן.

— ווען אַפילו אַלע זאָלן קראַפּירן — האָט ער געשריגן — וועט מען קיין זאַך נישט ענדערן.

דערצו נאָך האָט ער געבראַכט אַ דאָקטאָר מיט סאָלדאַטן. איין אַרעס־טירטן נאָכן אַנדערן האָט מען אַרויסגעשלעפּט אין לאַזאַרעט און, צוהאַלטנדיק הענט, פיס און נעזער, קינסטלעך געשטאָפּט.

און דער שטרייק איז געבראָכן געוואָרן.

גאַנצע טעג איז מען איצט געווען ברוגז איינער אויפן אַנדערן. רק מען האָט זיך געגעסן, פאַרוואורף געמאַכט, אויסגערעדט זיך דעם שטרייק און דער האַס איז געווען גרויס.

— אַלץ איר, „יאַשניע־פּאַנעס״, — האָבן די פּעפּעסאָווצעס פאַרגעוואָרפן די פּריצים — אַז מען קאָן נישט שמעקן קיין פּולווער, גייט מען נישט אין קריג.

— אַלץ איבער די יידן — האָבן די באַליידיקטע געענטפערט.

די אַרבעטער צווישן זיך האָבן זיך אויך נישט געשווינט. איין פאַרטיי האָט באַשולדיקט די אַנדערע.

בלויז איינער איז געווען אין לערנערס קאַמער, וואָס האָט זיך אין קיין זאַך נישט אַריינגעמישט און בלויז כסדר אַרומגעגאַנגען הין און צוריק מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און געשוויגן.

אַ מאָדנער איז ער געווען אָט דער דאָזיקער שוויגנדיקער מענטש.

אַ מיטלוויקסיקער, אַ פּירקאַנטיקער, מיט טונקעלע שמאָלע אויגן, מיט שאַרפע שטריכן אין זיין שיינעם קוואַדראַטנעם פּנים, מיט אַ קורצן עקשנות־דיקן שטערן און האַרטע דין געשוירענע טונקעלע האָר, וואָס וואַקסן געדיכט און טיף, שיער נישט ביז צו די שוואַרץ־געצייכנטע בולטע ברעמען; אַ מוסקולירטער, אַ ברייטבייניקער, מיט אַ בלוילעכן אויסגעברענטן אַנקער אויף דער האַריקער ביינערדיקער האַנט, ענלעך צו די אויסגעמאָלטע איב־טערנאַציאָנאַלע אַרבעטער פון דער צוקונפט, וואָס די פּראָלעטאַרישע מחברים לאָזן אַנצייכענען אויף זייערע אַגיטאַציע־ביכלעך און בראָשורן, — איז ער שוין געהאַט אויסגעווען וואו נאָר די וועלט האָט אַן עק.

ער האָט שוין געהאַט געאַרבעט אין דייטשע קוילן־גרובן און געפּעדלט אין אַרגענטינער דערפער; געווען אַ הייצער אויף גרויסע דאַמף־שיפן, אָנ־געשפּאַרט אין די פאַרוואָרפנסטע האַפנס און ברעגן, און געוואַשן געפעס אין די ביליקע אַמעריקאַנער רעסטאָראַנען און שענקען; געווען אַ שיך־פּוצער אין אָדעס, אַ קעלנער אין פּאַריז, אַ האַפן־טרעגער אין אַנטווערפּן, אַ היטל־נייער אין לאָנדאָן, אַ וואַנדערנדער גאָלדשמיד איבער פּוילישע יידישע שטעטלעך, און אַ קורצע צייט אַפילו אַ באַגרעבער אויף אַ יידישן בית־הקברות אין אַ פּרייסישער פּראָווינץ־שטאָט.

אין וויפל לענדער ער איז געווען, אַזויפיל שפּראַכן האָט ער גערעדט

— מערסטן האָט ער גערעדט אין אַלע שפּראַכן מיטאַמאָל, אַ מיש־מאַש פון פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַניש, רוסיש, פּויליש, דייטש, געבונדן מיט יידיש און באַפּעפּערט מיט אַ סך ווילדע אויסדרוקן פון כלערליי מאַטראָסן, בערג־אַרבעטער, גאַסן־יונגען און אַרעסטאַנטן.

און אין וויפל שטעט ער איז געווען, אין אַזויפיל טורמעס און אַרעסט־הייזער איז ער געווען — וואָרום אומעטום האָט ער סוף כל סוף געמוזט זיך צעקריגן מיט די באַלעבאַטים זיינע, מיט די שטאָטלייט, מיט דער פּאָליציי.

אַ מאָדנע שנאה האָט ער געהאַט, דער דאָזיקער מענטש, צו אַלע מינים באַלעבאַטים, פּאָליציי־לייט און הערשער, אַ שנאה אַ טיפע, אַ שטענדיקע, אַן איינגעגעסענע — ער האָט בשום אופן ניט פאַרטראָגן קיין הערשער איבער זיך, נישט קיין באַלעבאַטים־ברויט־געבער, נישט קיין פּאָליציי־לייט־אַכטונג־געבער, און אַפילו נישט קיין באַפעלער און עלטסטע פון פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע ער האָט אומעטום זיך אַנגעשלאָסן און אומע־טום זיך צעקריגט.

אַ פרייער, אַ דרייסטער, אַן אומדערשראָקענער, אַ געשיקטער, מיט קרעפּטיקע הענט, וואָס קאָנען אַלץ; מיט אַ מויל, וואָס רעדט אַלע שפּראַכן אין דער וועלט; מיט פלינקע שטאַרקע פיס, וואָס האָבן אַלע וועלט־טיילן באַטראָטן, האָט ער אַרומגעוואַנדערט שטענדיק, געאַרבעט, געוויילט זיך, פאַרבונדן ראָמאַנען, צעקריגט זיך, אַריין אין טורמע און אַנטלאָפן.

די מלחמה האָט אים געטראָפן אין פּוילן, אין אַ קליין שטעטל, וואו ער איז געקומען צו זיין מאַמען, און איצט איז ער געזעסן דאָ אין דער דייטשער טורמע צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיי־לייט און פירער און געווען דאָ צווישן עולם אַ זייטיקער, אַ פרעמדער.

גלייך ביים אָנקומען זיינעם אין טורמע האָבן זיך די פּאַרטיי־מענטשן פון אים אָפּגערוקט.

— אַן אַלטע טורמע־מויז! — האָבן די טורמע־וועכטער, פאַרבליבענע עלטערע פּאָליאַקן פון די רוסישע צייטן, געזאָגט אויף אים — אין יעדער ריר זעט מען עס...

— ער האָט שוין אומעטום זיין שטרוי־זאַק — האָט דער דייטשער עלטסטער צוגעגעבן.

נאָר ער האָט זיך פון די מענטשן נישט געמאַכט — ער האָט זיי נאָך מער געוויכט ווי זיי אים, און דער עולם האָט אָנגעהויבן פאַר אים דרך־ארץ האָבן.

גערעדט האָט ער זעלטן, און אַפילו אַז ער האָט שוין יאָ אַמאָל גערעדט, האָט ער, צו להכעיס די מענטשן, באַנוצט בלויז אַרעסטאַנטישע אומפאַר־שטענדלעכע רייד.

אַזוי האָט ער אַ פּאָליציאַנט דווקא גערופן „הערינג״; אַ טורמע־וועכ־

טער — „קלאַוויש״; אַ שפּיאָן — „אויער״; אַן אַדוואָקאַט — „פּאַפּוגע״; אַ רעוואָלווער — „ווינקל״; אַ טורמע־גראַטע — „גאַרדין״ און אַ מעסער — „מייכער״...

ביים שפּאַציר אויפן הויף האָט ער שטענדיק פאַרלייגט די הענט פון הינטן, אויס געוואוינהייט פון שטענדיקן זיצן, און געשפּאַנט הין און צוריק מיט אַזאַ ברייטקייט, ווי ער וואָלט שפּאַצירן אין אַן אייגענעם פּאַרק.

צו לערנערן האָט ער זיך דערנענטערט.

אויך לערנער איז דאָ געווען דער איינציקער ווילדער, וואָס האָט נאָך נישט געהערט ספּעציעל צו קיין איינער פון די פּאַרטייען; וואָס האָט נישט אָנטייל גענומען אין די מחלוקתן — און דער פּירקאַנטיקער האָט צו אים געשמייכלט יעדער מאָל, וואָס די מענטשן האָבן אויף ס׳ניי אָנגעהויבן דיס־קוטירן, אַרומרייסן זיך און קריגן.

— מען רייבט די פּרייהייטס־לעקערס — האָט ער געזאָגט — האָ, האָ...

ווען דער הונגער־שטרייק איז אויסגעבראָכן, האָט ער זיך גאָר דער־נענטערט צו לערנערן.

ער האָט מיטגעהאַלטן מיט אַלע, נישט געגעסן, נאָר ער האָט נישט אויפגעהערט חוזק מאַכן.

— מ׳עט זיי נישט שלעכט אָפּטון, די „שפּיצן״, — האָט ער געטענהט צו לערנערן — מען וועט אויסציען פאַר זיי די „ציבוכעס״...

די „שפּיצן״ האָט ער גערופן די דייטשן און „ציבוכעס״ האָבן ביי אים געהייסן „פּיס״.

אין אַ קנאַפּן חודש נאָכן שטרייק, ווען דער עולם איז שוין געהאַט צוריקגעקומען צו די כוחות, אין אַ געוויינלעכן וואַרעמען טאָג, שפּאַצירנ־דיק אויפן גרויסן טורמע־הויף, איז דער פּירקאַנטיקער פאַרשוין מיטאַמאָל אויסגעוואַקס הינטער לערנערן און אים אַ פּליסטער געטון פאַרביי דעם אויער אַ מאָדנע, אומגעריכטע, פּלוצלונגדיקע, איינגעהאַלטענע און קורצע פראַגע.

— אָפּציען ווילסטו? — האָט ער געגעבן אַ פרעג.

לערנער האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט — ער האָט אַ שאַרפן בליק געטון אַרום זיך, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי האָט ער טאַקע אַזעלכעס געהערט, צי עס האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט.

— וואָס? — האָט ער געפּרואווט איבערפרעגן.

— האַלט זיך לעבן מיר! — האָט דער פאַרשוין ווידער אַזוי זייטיק און איינגעהאַלטן אַ פּליסטער געטון און אַוועק ווייטער.

אויפן ריזיק טורמע־הויף איז געווען אַ גערודער. אַ גאַנצע כאַפּטע באַלעגאַלעס האָבן אָנגעפילט דעם הויף מיט פורלעך ציגל צום נייעם פליגל, וואָס מען האָט דאָ אין אַ זייט געמויערט. מוליאַרעס האָבן געלאַשן קאַלך,

סטאַליאַרעס האָבן געזעגט ברעטער און מעכאַניקער האָבן געצויגן עלעקטרי־שע דראָטן איבער די ווענט און געקלאַפּט מיט האַמערס.

לערנער האָט געכאַפּט אַ ווײַטן זײַטיקן בליק צום טיער, זיכער זײַענ־דיק, אַז דאָרט אַהין וועט זיך אויסדרייען זײַן נײַער באַקאַנטער, און אין האַרץ האָט אים געהוידעט פאַר אומרואיקייט. פון ביידע זײַטן טויער זענען עטלעכע באַוואָפנטע דײַטשן געשטאַנען און שטרענג געהיט.

ער האָט אַפילו געוואָלט אומבאַמערקט דורכיאָגן דעם פּירקאַנטיקן און אים פונקט אַזוי זײַטיק אַ פליסטער געבן פאַרן אויער:

— נייך, מען קאָן נישט...

נאָר דער פּירקאַנטיקער פאַרשוין האָט זיך אַוועקגעשאַרט אין אַ זײַט, אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, נאָענט גאָר צו די קאַמערן, און לערנער איז אים אַ פאַרוואונדערטער זײַטיק נאָכגעגאַנגען.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ זײַט. קיינער איז דאָרטן נישט געווען.

ווידער אַמאָל האָט לערנערן אַ שטויס געטון אַ צווייפל אין קאָפּ. אַלץ אַרום איז דאָ געווען אַזוי פאַרמויערט, פאַרפעסטיקט, אַז אַפילו די וועכטער האָבן זיך דאָ נישט געדרייט. — די גלאַטע טורמע־ווענט האָב מיט זייער גאַנצער שווערקייט און פאַרצוימטקייט געדריקט, געקלעמט.

— פון וואַנען? — האָט זיך ביי לערנערן געבאַמבלט אַ געדאַנק אין קאָפּ צוזאַמען מיט שרעק, צווייפל און הפקרות גלייכצייטיק.

נאָר אָט האָט זיך דער פּירקאַנטיקער פאַרשוין געגעבן פלינק אַ שאַר־צו צו אַ רונדן אײַזערנעם טירל פון אַ קאַנאַליזאַציע־עפענונג, אין וועלכן עס האָט געגרונען אַ גרינלעך מאַנטנע ריטשקעלע פון אַ בלעכערנער רינווע — און אַנגעהויבן רוקן.

ערשט איצט האָט לערנער דערזען, אַז דאָס אײַזערנע טירל, אין וועלכן דאָס מאַנטנע וואַסער פליסט, איז עטוואָס אָפּגערוקט אין אַ זײַט, בלויז פאַרדעקט פּראָוויזאָריש דורך די וואַסער־לייטונג־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דאָ געפּאַרקעט און נישט פאַרענדיקט די אַרבעט.

גיך איז ער צו צום באַקאַנטן זײַנעם און זיך אַראָפּגעבויגן צום טירל.

דאָס פאַרראָסטעטע רונדע שווערע אײַזן האָט זיך מיט אַ סקריפּ אַ רוק געטון.

— אַראָפּ! — האָט דער פּירקאַנטיקער פאַרשוין באַפוילן — גיך!

לערנער איז אַראָפּ, קלאַמערנדיק זיך מיט הענט און פיס אין נאַסע גליטשיקע אײַזנס און טרעפּלעך. באַלד נאָך אים איז אַראָפּ דער פּירקאַנ־טיקער פאַרשוין. אַ לעצט שטיק ליכט צוזאַמען מיט אַ פאַרדומפּן שנירל וואַסער האָבן אַראָפּגעלאָזט זיך אונטן אין די אויגן אַריין און עס איז גע־וואָרן פינצטער, גליטשיק און שטיקנדיק.

— רוק זיך! — האָט דער פּירקאַנטיקער פאַרשוין געזאָגט און, קלאַ־

מערנדיק זיך מיט די פיס אין די אייזנס, אַנטרעטנדיק לערנערן אויף די הענט, האָט ער נאָך פאַרמאַכט פון אינעווייניק צוריק דאָס אײַזערנע טירל איבערן קאָפּ, כדי מען זאָל זיך אין הויף נישט כאַפּן.

נאָך די ערשטע געדרייטע אײַזנס און טרעפּלעך, אין װעלכע די פיס האָבן זיך געטשעפּעט, געגליטשט זיך און ווייטער זיך געכאַפּט, נאָך דעם ערשטן אַראָפּלאָזן זיך אין דער טיף, קלאַמערנדיק זיך מיט די הענט אין גליטשיקע אייזנס, באַנוצנדיק זיך מיט כלערליי פּליסנדיקע ריטשקעס און שמוץ, וואָס רינען גלייך איבערן קאָפּ, פּנים און הענט, — האָט לערנער דערפילט אַ גרונט אונטער די פיס צוזאַמען מיט אַ זעץ אין קאָפּ.

ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַראָפּגעזעצט, דערפילנדיק, אַז איצט האָט ער געדאַרפט דערגרייכן צו אַ קאָרידאָר. ער האָט אָנגעהויבן טאַפּן מיט די הענט איןביידע זייטן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן וואו ער איז, נאָר מיטאַמאָל האָבן גליטשיקע ברואים אָנגעהויבן קוויטשן און שפּרינגען אים איבער דעם קאָפּ, אַקסלען און הענט.

אַ גאַנצע מחנה איבערגעשראָקענע שטשורעס, וואָס האָבן גערוט אין אונטערערדישע היילן, האָבן מיט אַ געוואַלדיקער קוויטשעריי זיך געלאָזט לויפן און געיאָגט לערנערן איבערן קערפּער. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט זיי וועלן מאַכן פּלאַץ, און אין דער זעלבער מינוט האָט אַ בליץ געטון אַ העלע שיין פון אַן עלעקטריש לעמפּל צוזאַמען מיט אַ שטיק פאַרבלאָטיקט פּנים.

— לאָז מיך פריער! — האָט אַ פאַרדומפּענע שטים געזאָגט — דעם וועג דערטאַפּן.

לערנער האָט זיך נאָך פעסטער צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, נאָר דער אַנקומענדיקער פאַרשוין האָט זיך נישט געקאָנט דורכשלייכן.

— לייג זיך אַוועק! — האָט די שטים באַפוילן.

לערנער האָט זיך אויסגעצויגן אין פייכטקייט אַריין. דער מענטש מיטן לעמפּל איז איבער אים אַריבערגעטראָטן און געשריגן הויך:

— נאָך מיר! גיך!

די קאָרידאָרן זענען געגאַנגען געדרייטע, דאָ העכערע, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט גיי אין דער גאַנצער הויך, באַלד נידעריקע, אַז מען האָט זיך געדאַרפט אויסבויגן אין דרייען.

שמאַטעס, ביינער, געפּגרטע קעץ, מיז האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. באַלד האָבן די פיס אָנגעהויבן זינקען אין שמוץ און זומפּן אַלץ געדיכטערע און טיפערע. ריטשקעס אומריינקייט זענען געלאָפן איבערן קאָפּ, איבער די קליידער.

עס האָט אָנגעהויבן פאַרפעלן אָטעם. די פיס האָבן אָנגעהויבן אָפּשטיין, נאָר צו די היילן האָט קיין עק נישט געמומען. זיי האָבן זיך געשלענגלט,

געדרייט און געקרייצט — און אָט איז מען גאָר צוגעקומען צו אַ טויטן־פּונקט, צו אַ נידעריקן ברייטן קאַנאַל, אַזאַ נידעריקן, וואָס אַפילו גיין געבויגן אין דער העלפט איז געווען אוממעגלעך, און אינגאַנצן איז ער געווען פאַרגאָסן מיט אַ שיטערן זומפּ.

מען האָט אַריינגעשטעלט אַ פּוס. דער פּוס איז געזונקען ביזן קנעכל, ביז די קני, ביז די לענדן.

ביים ראַשיקן שיין פון קליינעם עלעקטרישן לאַמטערנדל האָבן זיך ביידע מענטשן אָנגעקוקט און איינער אויפן צווייטן האָט דערזען די גאַנצע שרעק און פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַרויסגעבליקט פון די שמוציקע פאַרגאָסענע געזיכטער.

אַ קורצע באַראַטונג, אַ באַראַטונג פון געהאַקטע, פינצטערע און פאַרדומפּענע ווערטער, איז פאַרגעקומען אין געציילטע סעקונדן, אַ באַראַטונג איבער לעבן און טויט, ביים גרונט פון אַ נידעריקן אונטערערדישן שמוציקן קאַנאַל.

— פאַרבלאָנדזשעט?

— זעט אויס!

— צוריקגיין?

— ניין!

— פּרובירן אַריבער!

— פּרובירן!

און שוין האָט זיך איינער געגעבן אַ ציִ אויס אויף אַלע פיר און, זינקנדיק אינגאַנצן אין זומפּ, בלויז האַלטנדיק דעם קאָפּ אין דער לופט, געשאַרט זיך פאַרויס; נאָך אים האָט נאָכגעשלעפּט זיך דער צווייטער.

די לופט איז געוואָרן שווער ווי דער זומפּ אַליין. דער אָטעם האָט זיך אָפּגעהאַקט, די הערצער האָבן אויפגעהערט אַרבעטן, נאָר די אויערן, די אָנגעשטרענגטע, וואַכנדיקע, האָבן געאַרבעט פאַר אַלעמען און אַ וויטן גערויש אויפגעכאַפּט, אַ גערויש אַ נאָענטן, אַ פאַרדומפּענעם, וואָס קאָן פּונקט אַזוי זיין דאָס רוישן פון בוימער, דאָס כוואַליען פון אַ טייך אָדער דאָס קלאַפּן פון אַ דורכפאָרנדיקן צוג. — די הענט ווערן שטאַרקער, די פיס באַקומען נייע כוחות, די ברוסט רוקט זיך פאַרויס, און מיטאַמאָל ליכט, העלער טאָג־ליכט פאַלט פון דער הויך, און וואַסער, ריין־בולבנדיק וואַסער, פאַלט צוזאַמען מיט דער ליכט גלייך אויף די קעפּ און פרישט־אָפּ, מונטערט.

עטלעכע שעה צייט האָבן ביידע מענטשן זיך געוואַשן, גערייניקט מיטן אַראָפּפאַליסנדיק קאַלטן שטראָם פון שמוץ, עיפּוש און מידקייט; אויסגעוואַשן די קערפּערס, די האָר פון די קעפּ, די קליידער, און געטריקנט זיך אין דער אונטערערדישער ליכטיקער הייל, אין וועלכער צעהאַקטע סנאָפּעס ליכט האָבן זיך געגנבעט און געטונקט.

באַנאַכט האָבן זיי זיך בײַדע אַרויפגעדראַפּעט אין דער הויך, אָפּגעבויגן אַן אַ זײַט די אַלטע צעבראָכענע און פֿאַרראָסטעטע קראַטעס, וואָס האָבן זיך געבראָכן אונטער די הענט, און אויף אַלע פֿיר אַרויפגעשאַרט זיך צו אַ לײדיקן, הינטערשטאָטישן וויסטן פּלאַץ האַרט בײַ אַ לויפנדיקן טײַך.

אַן אײן וואָרט, ווי אָפּגערעדט זיך, האָבן זיי זיך בײַדע געשאַרט איצט אַרויף־צו, אין דער ריכטונג צו פּאָדאָל, וואו די רוסן זענען צוריקגעלאָפן פֿון מזרח־גאַליציע, געיאָגט פֿון די דײַטשן און עסטרײַכער.

נאָך עטלעכע וואָכן אַרומשלעפּן זיך, אויפהאַלטנדיק זיך אין לײדיקע פֿאַרלאָזענע פּראַכט־וואַגאָנעס און אין יידישע בתי־מדרשים און שולן, אין פּויערישע סטאָגעס היי און אויף פֿאַרוואָרפענע בית־הקברותן, — זענען זיי ענדלעך אין מיט סעפּטעמבער שוין אַריבער די פֿראָנט־ליניע, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע רוסישע פּויערים, אויף דער רוסישער זײַט.

— קודי? — האָבן עטלעכע עלטערע רוסישע סאָלדאַטן געפרעגט, אויסשטרעקנדיק די ביקסן פֿאָרויס, — קומט מיט אונדז!

— פּוסטיטיע, טאָוואַרישטשי! — האָבן עטלעכע צעבראָסטעטע יונגע סאָלדאַטן געזאָגט זייערע עלטערע חברים — אַז פֿרײַהייט איז פֿרײַהייט! — גיט זיי בעסער ברויט אַ שטיק, און שלאָגן זיך זאָל דער נאַר — פּראַ־ווילנאַ?

— פּראַווילנאַ!

נאָך אין זעלבן טאָג האָט לערנער פֿאַרקויפט זײַן זייגערל מיטן מע־סערל פֿאַר אַ זעלנערישן שינעל מיט אַ היטל און נאָך עטלעכע רובל צולאָג.

פֿאַרן ערשטן געלט האָט ער זיך געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד. ער האָט זיך דערפֿילט לײַכטער, ווי ער וואָלט אַ שווערע איבעריקע משא פֿון זיך אַראָפּגענומען. צוזאַמען מיט די טויזנטער סאָלדאַטן און דעזערטירן, וואָס האָבן אויסגעפֿילט איצט אַלע וואָקזאַלן און צוגן, רויכערנדיק, דיסקוטירנ־דיק און פֿילדערנדיק, האָט ער זיך געשלעפּט איבערן באַנײַטן לאַנד, איבער שטעט, שטעטלעך און דערפֿער.

ער איז כסדר מיטגעקראָכן מיט מאַניפֿעסטאַציעס, געקוועטשט זיך אַרום אַלע גאָסן־טריבונעס, וואָס זענען טאָג און נאַכט פֿול געווען מיט כלערליי רעדנער: מיט סטודענטן און מיט אַרבעטער; מיט סאָלדאַטן און מאַטראָסן; מיט אינטעליגענטן און מיט פּויערים; מיט מלחמה־פּאַטריאָטן און מיט פּאַ־ציפֿיסטן; מיט אַזעלכע, וואָס ווילן נאָר די דאַרדאַנעלן, און מיט אַזעלכע, וואָס זענען גרייט אָוועקצוגעבן גאַנץ אוקראַינע און קאַווקאַז; מיט אַזעלכע, וואָס ווילן בלויז געבן די אַרבעטער אַכט שעה אַרבעט און די פּויערן אויספֿאַרקויפֿן די ערד, און מיט אַזעלכע, וואָס ווילן אַלץ צונעמען און די שונאים וואַרפֿן אין שוואַרצן ים אַרײַן.

אַ פֿרעמדער, אַן אײַנזאַמער, אַן אַ הויז, אַן געלט אין קעשענע, איז די

גאָס געווען זיין היים; די טריבונעס אין גאָס זיין טיש; די טויזנטער פּאַפּירן און פּראָקלאַמאַציעס — זיין שפּייז, און דער גאַסן־טומל — זיין פרייד.

— ס׳איז גוט! — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט אָפּט — ס׳איז גוט...

אין צווייטן העלפט אָקטאָבער האָט אים דער שטראָם פאַרטראָגן אין סאַמע קעסל אַריין — אין פּעטערבורג אַליין.

אין שטאָט איז געווען הייס, רעשנדיק. מויערן און שטיינער האָבן גע־ציטערט פון באַוועגונג.

נאָך דער עקספּעדיציע, וואָס דער גענעראַל קאָרנילאָוו האָט געפּרובירט מאַכן אויף דער שטאָט און אין מיטן וועג דורכגעפאַלן, — האָט מער ווי פאַר דער גאַנצער צייט, דאָ איצט געשמעקט מיט פּולווער, מיט בליי.

אַלע גאַסן, פּלעצער, פּראָספּעקטן זענען געווען פול מיט מענטשן, מיט ציווילע און מיט שינעלן, אָן אַ שיעור שינעלן. איבער די בריקן פון ניעווא האָבן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער פון זייערע קוואַרטאַלן געשטראָמט און אָנגעפילט די רייכע גאַסן.

אומעטום האָט מען גערעדט, געפּילדערט, דיסקוטירט, געשריגן, גע־וואָרפן פּראָקלאַמאַציעס.

אַרום די פאַבריקן און קאַזאַרמעס זענען כסדר מיטינגען פאָרגעקומען. איבערצייגנדיקע געזעצטע עלטערע באַסן און פייערדיקע יונגע טענאָרלעך האָבן גערופן צו גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, צו באַוואָפענונג, צו קאַמף.

אויף אַלע ווענט זענען געהאַנגען אָן אַ שיעור וואַל־פּלאַקאַטן, באַ־פעלן צו די גאַרניזאָן־סאָלדאַטן פון שטאָט — באַפעלן, וואָס רופן צו בלייבן טריי דער רעגירונג און זיין גרייט צו דער נאָענטער ווינטער־קאַמפּאַניע, כדי ענדגילטיק צו דערשלאָגן דעם שונא, און באַפעלן, וואָס רופן אַרויס־צוטרעטן קעגן די אייגענע פיינט פון די פויערן און אַרבעטער און אַליין איבערצונעמען די מאַכט אין די הענט, די גאַנצע מאַכט, די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן.

ביי אַלע קראָמען זענען ווייבער געשטאַנען, ווייבער מיט קוישלעך אין די הענט און מיט קללות אין די מיילער, און מאַסן אויטאָמאָבילן, מיט מענטשן אין ברילן און מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן, מיט סטודענטן און מיט אַרבעטער, און אפילו מיט סתם וואוילע יונגען אין שטיוול און מיט פריי־לעכע פּעטערבורגער שיקסעס באַזעצט פון אַלע זייטן, זענען מיט טייוולאָ־נישער גיכקייט דורכגעפלויגן די גאַסן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך משונהדיקע סיגנאַלן און שלעכטן בענזין־ריח. און צייטונגס־יינגלעך האָבן נישט אויפ־געהערט קוויטשן מיט צעלאָזענע קולות, אויסרופנדיק זייערע צייטונגען און נייעסן.

איבערהויפּט האָט זיך געטומלט אַרום די רייכע פּאַלאַצן פון שטאָט.

ביים גרויסן ווינטער־פּאַלאַץ זענען פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן געשטאַנען, פּאַטרולן פון יונקערס און פרויען מיט ביקסן אין די הענט.

סאָלדאַטן און אַרבעטער האָבן אויף די סאָלדאַטקעס פון פרויען־באַטאַליאָן פיינטלעכע שפּאָטישע בליקן געוואָרפן.

— יופּאָטשנאַיאַ אַרמיאַ! — האָבן זיי געזאָגט — מיר'ן שוין זען.

אויטאָמאָבילן מיט מיליטער־לייט האָבן נישט אויפגעהערט דאָ צופאָרן און אָפּפאָרן.

אַרום מאַריען־פּאַלאַץ האָט געשווימלט מיט מענטשן פון פאַרשידענעם אויסזען און געשטאַלט. מען האָט דאָ געזען בערדיקע פּויערן און באַברילטע אינטעליגענטע מענטשן אין שינעלן און סטודענטן, אַרבעטער אין העמדלעך און בייכיקע פאַרשוינען מיט פאַרטפעלן, בלאָנדע רוסן און שוואַרץ־געקרייזלטע יידן, אָפּגעבערנטע אויסגעפּוצטע טשערקעסן און פאַרבלאָזטע פאַרשוינען, וואָס איז שווער צו דערגיין פון וואַנען זיי שטאַמען און ווער זיי זענען.

דאָ איז געזעסן דער „סאָוויעט פון דער רוסישער רעפּובליק" — אַ גאַנצער האַלבער־טויזנט מענטשן, פאָרשטייער פון גאַנצן גרויסן רוסלאַנד זענען דאָ פאַרזאַמלט געווען טאָג און נאַכט, באַראַטן זיך, געהיצט זיך, געהאַלטן רעדעס, געקריגט זיך און אָנגענומען רעזאָלוציעס.

טויזנטער מענטשן זענען דאָ שטענדיק געווען פאַרזאַמלט אין דרויסן, געשריגן, געפּילדערט און געפירט דיסקוסיעס. צווישן די פאַרזאַמלטע אַרום פּאַלאַץ האָבן זיך אַלץ מער און מער געוויזן באַוואָפנטע סאָלדאַטן, און אַפילו מאַשין־געווער און קוילנוואָרפער האָט זיך דורכגעוואָרפן.

און דער סמאָלני אינסטיטוט האָט גאָר אויסגעזען ווי אַ פעסטונג, באַוואָפנט מיט שטאָל און אייזן.

פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען גרויסע געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן מיט אַרויסגעזעצטע שטאָלענע רערן דורך די לעכער. האַרמאַטן, גרעסערע און קלענערע זענען געשטאַנען געלאָדענע, און אַרום זיי זענען געלעגן און געזעסן סאָלדאַטן, געראַוכערט, געקנאַקט קערלעך, געקייט און געשפּילט אויף האַרמאָשקעס. פּוסגייער, באַוואָפנט מיט ביקסן און האַנט־גראַנאַטן, האָבן געריכטיקט די ביקסן, געזונגען לידלעך און געשמועסט הויך אויפן קול. — פון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט אַרבעטער און באַלד אַרויס באַוואָפנטע, מיט ביקסן באַהאַנגען אויף די ציווילע קליידער, און אַוועק גרופּנווייז מיט האַלב־מיליטערישע טריט צו וואָקזאַלן, פּאָסט־געביידעס און טעלעגראַפן. — און אָט זענען גאָר געשטאַנען הונדערטער מענטשן אין ריי ביי עפּעס אַ טיר און יעדער איז אַרויס מיט אַ שטיק ברויט אָדער אַ קעסעלע געקעכטס פון איינער אַ קיך.

לערנער איז אומעטום געווען, אומעטום געקראָכן, פון פּאַלאַץ צו פּאַ־

לאַץ, פון טריבונע צו טריבונע, פון קאַזאַרמע צו קאַזאַרמע, אומעטום גע־הערט, געזען, געלייענט, מיטגעטראָגן זיך מיט דער גאַס, מיט דעם המון — און גלייך מיט אַלע, מיט די טויזנטער שינעלן און העמדלעך, אַוועק צום „סמאָלני", וואו מען האָט געטיילט ברויט און געווער, און גענומען ביידע זאַכן: — אין דער לינקער האַנט אַ ביקס, און אין דער רעכטער האַנט אַ ברויט.

— וואָס זענט איר, חבר? אַ סאָלדאַט? אַ ציווילער? — האָט אים גע־פרעגט אַ העל־בלאָנדער בחור, וואָס האָט געטיילט געווער.

— אַ סאָלדאַט! — האָט לערנער געענטפערט.

— נעמט זשע אָט־די גרופּע אַרבעטער און מאַרשירט אַוועק צום מאַריען־פּאַלאַץ! — האָט דער בלאָנדער בחור געזאָגט — אינסטרוקציעס וועט איר באַקומען אויפן פּלאַץ!

לערנער האָט אויסגעשטעלט מיט מי די באַוואָפנטע אַרבעטער, וואָס נישט אַלע האָבן געקאָנט גוט די קאָמאַנדע, און אַוועק פאַרויס מיט פעסטע טריט.

— ליעוואָ! ליעוואָ! — האָט ער געמונטערט דעם עולם און געגאַנגען פאַרויס.

קיין שום אַרבעט איז ביים מאַריען־פּאַלאַץ נישט געווען צו טון. מען איז בלויז געשטאַנען צוזאַמען מיט אַנדערע סאָלדאַטן און באַוואָפנטע אַר־בעטער אין אַ שפּאַליער, דורך וועלכן הונדערטער מענטשן, די פאַרשטייער פון „סאָוויעט פון דער רעפּובליק", זענען דורכגעגאַנגען ביזן לעצטן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און גיכע טריט.

דערנאָך האָט איינער אַ ציווילער אין שטיוול באַפוילן לערנערן אָפּ־מאַרשירן מיט זיין טייל, צוזאַמען מיט אַנדערע טיילן, צום ווינטער־פּאַלאַץ.

— שאַגאָם מאַרש! — האָט געדונערט אַ קאָמאַנדע — אָט! וואו!

דאָ איז שוין געווען וואָס צו טון.

אַנדערהאַלבן שעה צייט האָט מען געשטורעמט דעם פּאַלאַץ מיט ביקסן פון עטלעכע זייטן, נאָר ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. פאַרקערט, די יונקערס און די סאָלדאַטקעס פון פרויען־באַטאַליאָן האָבן געענטפערט כסדר מיט פייער.

— לאָ—זשיס! — האָט לערנער געגעבן באַפעלן זיין אָפּטיילונג — ביי די ווענט זיך האַלטן!

די נאַכט איז צוגעפאַלן און מען האָט געמוזט נעכטיקן אויף דער גאַס. פון אַלע זייט איז געווען פוסט, ליידיק. בלויז אַ מיליטערישע קיך אויף צווויי רעדער האָט זיך געבראַכט צו שלעפּן, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך סנאָ־פּעס פונקען און רייצנדיקן ריח פון סאָלדאַטישע מאכלים. די באַוואָפנטע מענער האָבן באַגריסט די קיך מיט פריילעכע קולות; איינער אַ סאָלדאַט,

אַ יונגער און אַ קליינגעוויקסיקער, האָט איר אַפּילו אַן אייגענעם נאָמען געגעבן, אַ וויבערישן און אַ פּאָפּולערן.

— אוראַ, קאַטקאַ! — האָט ער געררופן.

און אַלע האָבן געענטפערט אין כאָר:

— אוראַ, דאַ זדראַסוואויעט, קאַטקאַ!

גאַסן־ייִנגלעך, געפּרוירן פון דער האַרבסטיקער נאַכט, האָבן זיך געשאַרט אַרום דער קיך, אַרום די קוילנוואָרפער און פריילעך אַרומגעטענצלט.

— זשאַרקאַ בודיעט, — האָבן זיי נביאות געזאָגט — אין מיטן נאַכט וועט זיך עס אָנהויבן.

— פּאַשאָל! — האָבן זיי די סאָלדאַטן געטריבן, נאָר די ייִנגלעך האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

ביי האַלבער נאַכט טאַקע האָט זיך דער אָנגריף אויף פּאַלאַץ ווידער אָנגעהויבן.

— פּלי! — האָבן געדונערט באַפעלן.

אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג האָט מען די האַרמאַטן אָנגעשטעלט, מיט די פּיסקעס גלייך צום ווינטער־פּאַלאַץ.

פון פּאַלאַץ האָט מען בלויז עטלעכע ביקסן־זאַלפּן געגעבן און עס איז שטיל געוואָרן.

— אָפּגעגעבן! — האָט אַ טיפע ברוסט־שטים געררופן — אונטערגעגעבן זיך די „סוואָלאָטשעס“ און „בליאַדיעס“, פּאַרויס, חברים!

— פּאַרויס! — האָט לערנער באַפוילן און געפירט זיינע מענטשן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און אָנגעבויגענע פּאַרזיכטיקע קעפּ צום פּאַלאַץ.

דערשראָקענע יונקערס און מיידלעך האָבן געוואָרפן די ביקסן.

איינע אַ מיידל, אַ שלאַנקע און אַ טויט־בלאַסע, האָט הויך ספּאַזמירט.

— באָזשע! — האָט זי געררופן — באָזשע!

— שוויַיג, הור! — האָט אַ מאַטראָס מיט אַרומגעבונדענע ציין געשריגן און דערלאַנגט אין דער מאָמען אַריין, אַ לאַנגן געדרייטן אין דער מאָמען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי מאַמעס, אַוועק איבער עטלעכע דורות באָבעס, פּאַרכאַפּט אַ פּאָר הייליקע מאַטראָנעס און אָנגעשלאָגן העט, העט, אַזש ביז דער הייליקער מוטער.

פון דערווייטנס האָבן זיך איינצלנע פאַרבלאָנדזשעטע שאָסן פון ביקסן געטראָגן מיט אַ קרעקעניש און פּאַרפאַלן געוואָרן מיט אַ סך ווידער־קולות אין דער שטילער נאַכט אַריין.

וואַרשע, 1926־1923.